STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09965

BRIV FUN SHOLEM ASH

Sholem Asch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בריוו פון שלום אַש

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון:

קרן תל־אביב לספרות ולאמנות
הנהלת עירית בת־ים
פאַראיין פון ייִדישע שרײַבערס און זשורנאַליסטן אין ישׂראל

בריוו

פון

שלום אַש

רעדאַקציע און הערות

מ. צאַנין

אַרויסגעגעבן פון „בית שלום אַש" און עירית בת־ים
תש"ם 1980

LETTERS FROM SHALOM ASCH

מכתבים מאת שלום אַש

בהוצאת „בית שלום אַש" ועירית בת־ים

©

אַלע רעכט געהערן צו „בית שלום אַש", בת־ים, ישׂראל
כל הזכויות שמורות ל„בית שלום אַש", בת־ים, ישׂראל

Printed in Israel 1980

נדפס בישׂראל תש"ם

סודר והודפס ע"י משה חמיאל
תל־אביב, טל. 336564 (03)

פון די צוויי הונדערט און אַכט און פופציק בריוו אין דער זאַמלונג זענען צוויי הונדערט און איין און צוואַנציק געשריבן פון שלום אַש — הונדערט אַכט און זיבעציק צו זײַן פרוי מאַטל־מאַדזשיע, נײַן און דרײַסיק בריוו צו דוד בן־ארי, דעם ראש־העיר פון בת־ים אין דער תּקופה ווען די בריוו זענען געשריבן געוואָרן, איין בריוו צו אייב קאַהאַן, דעם ערשטן רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" אין ניו־יאָרק, איין בריוו צו שמואל יעקב יאַצקאַן, דעם ערשטן רעדאַקטאָר פון „היינט" אין וואַרשע, איין בריוו צו מאיר ווײַסגאַל און איין בריוו צו אביה, דער טאָכטער פון דוד בן־ארי.

די בריוו נעמען אַרום צוויי תּקופות: פון 1905 — 1919 און פון 1939 — 1957. די בריוו פון מאַטל אַש זענען געשריבן זײַט די צוואַנציקער יאָרן ביז 1955.

די זאַמלונג נעמט אַרום בלויז אַ טייל פון דער פּאַרצווײַגטער קאָרעספּאָנדענץ פון שלום אַש צו זײַן פרוי, צו זײַנע קינדער, צו פאַרלעגערס און רעדאַקטאָרן, צו שרײַבערס, פרײַנד און אינסטיטוציעס. אַן אַרומנעמענדיקע און אויסשעפּנדיקע זאַמלונג פון די בריוו פון שלום אַש וואָלט געפאָדערט די אַרבעט פון אַן אַקאַדעמיע. דער ציל פון דעם רעדאַקטאָר פון אָט דער זאַמלונג איז געווען גאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער. נעמלעך, צונויפצונעמען און אַרויסצוגעבן אַ צאָל בריוו פון שלום אַש פון וועלכע עס זאָל זיך באַקומען דער נשמה־פּאָרטרעט פון דעם מענטש שלום אַש. דעם קינסטלער און מײַסטער שלום אַש און זײַן אַרומנעמענדיקן מאַטיוון־אוצר אין דער ייִדישער ליטעראַטור זײַט „דאָס שטעטל" ביז „משה" און „דער מאַן פון נצרת" קענען מיר.

זײַט שלום אַש איז אַרײַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור — און ער איז אַרײַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור מיט אַ געוואַלדיק אויסגעבענקטן כּוח — זענען זײַנע האַנדלונגען און פאַרעפנטלעכונגען אָפט געווען קאָנטראָווערסיוו, נישט געקוקט דערויף וואָס ווי אַ קינסטלער איז ער געווען דער ראָמאַנטיקער און דער אַפּאָלאָגעטיקער אין דער ייִדישער ליטעראַטור. וואָס פאַר אַ סגאַל כּוחות זענען געווען אין אים און אים באַוויגן צו די און אַנדערע האַנדלונגען און מאָטיוון ? צי האָט שלום אַש באַטראַכט זײַן שרײַבן ווי אַ נאַציאָנאַלע שליחות, אָדער ווי אַ שרײַבערישע פּראָפעסיע אָן וועלכער עס איז אידעע ? צי האָט שלום אַש געפירט זײַנע מלחמות לשם שמים, אָדער פאַר צילן וואָס זײַנע קעגנערס האָבן אים צוגעשריבן ?

איך האָף, אַז דעם ענטפער אויף די אויבנדיקע פראַגעס — אויב אַפילו נישט דעם גאַנצן ענטפער — באַקומען מיר פון זײַנע בריוו אין אָט דער זאַמלונג. נישטאָ קיין מער אינטימער אויסדרוק ווי בריוו פון אַ מאַן צו זײַן פרוי, וואָס ער האָט ליב ווי אַ טייל פון אים אַליין, און וואָס זײַן גאַנץ לעבן איז אָפּהענגיק פון איר, פון איר ליבע, פון איר וואָרט און עצה. מאַטל־מאַדזשיע אַש איז געווען געבענטשט מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער אינטעליגענץ און אינטויציע. זי האָט אין שלום אַש געזען אַ הימל־באַשערטן געליבטן און אַ קינד, אַ גרויס קינד, וואָס מען דאַרף עס באַשירעמען פון שטרויכלונגען. פאַר איר איז שלום אַש געווען אָפן און ער האָט פאַר איר גאַרנישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן. זענען זײַנע בריוו צו איר געווען ווידוים פון זײַנע האַנדלונגען און מחשבות.

די צווייטע גרויסע ליבע פון שלום אַש איז געווען ארץ־ישׂראל. איך האָב דעריבער געהאַלטן פאַר נויטיק אַרײַנצונעמען אין דער זאַמלונג אַ פיר צענדליק בריוו פון מאַטל־מאַדזשיע אַש, כּדי צו באַקומען די נשמה־פאַרבינדונג צווישן ביידע און פאַר קאָנ־פראָנטאַציע.

ווען דעם חלום פון שלום און מאַטל אַש צו באַזעצן זיך אין ישׂראל און זײַנע ספקות בשייכות מיט דעם קאַמף קעגן אים פאַר זײַנע אַזוי גערופענע „קריסטלעכע ראָמאַנען״ דערציילן זײַנע בריוו צו דוד בן־ארי, דעם ראש־העיר פון בת־ים, וואָס איז געווען אַ חסיד פון שלום אַש, אַ וואַרעמער ייִד, וואָס האָט געוואָלט, אַז דער ראָמאַנטיקער און אַפּאָלאָגעטיקער שלום אַש זאָל ווערן אַ סטאַבילער תּושב אין בת־ים.

פון די צוויי טיילן בריוו, צו זײַן פרוי און צו דוד בן־ארי, באַקומט זיך אַרויס, אַז שלום אַש איז געווען אַ מאַן פון נאַציאָנאַלער שליחות, אַ שרײַבער וואָס האָט געזוכט אַ תּיקון פאַר זײַן געפּרוווט פאָלק, אַ מײַסטער וואָס האָט געהאַט דאָס געפיל פון נביאות און אַן אויסדריקער פון אידעישע לעכצונגען, וואָס ער האָט נישט געוואָלט און אויך נישט געקאָנט גובר זײַן; וואָס זענען שטאַרקער געווען פון זײַן מענטשלעכן ווולקאַנישן טעמפּעראַמענט.

די בריוו ווערן פאַרעפנטלעכט ווי זיי זענען געשריבן געוואָרן. בלויז די אָרטאָגראַפיע איז טיילווײַז מאָדערניזירט. געוויסע גראַמאַטיקאַלישע פעלערן און סטיליסטישע אומ־פּינקטלעכקייטן זענען בכּיוון איבערגעלאָזט געוואָרן, ווײַל אויך זיי זענען כאַראַקטע־ריסטיש פאַר דעם אומרו און שרײַבערישן אימפּעט פון שלום אַש דעם מענטש. דאָ און דאָרט זענען אויסגעמיטן געוואָרן איינצלנע אויסדרוקן פון אינטימיטעט צווישן מאַן און פרוי, וואָס זענען ווירקלעך ריין פּערזענלעכע און זיי זענען נישט געווען נויטיק פאַר דעם ציל, פאַר וועלכן די זאַמלונג ווערט אַרויסגעגעבן פאַר דער עפנטלעכקייט.

דער גרעסטער טייל פון די בריוו איז צוגעגרייט געוואָרן פון די אָריגינאַלן דורך דעם פאַרשטאָרבענעם מיכאל זילבערבערג ז״ל, וואָס איז געווען דירעקטאָר פון ייִוו״אָ אין לאָנדאָן און מחבר פון „דער וואַרשעווער טאָגבוך״ אויך אין ענגליש און אין העברעיִש. מיט יראת הכּבוד דערמאָנען מיר אים.

צום סוף דריקן מיר אויס אַ דאַנק די אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן דורך זייער מיט־הילף מעגלעך געמאַכט די זאַמלונג זאָל דערשײַנען.

מ. צאַנין

1905–1919

1
צו אב. קאַהאַן [1]

[דער אָנהייב פעלט] איך גלייב מיט מײַן גאַנץ האַרץ, אַז איך דערפיל מײַנע פליכטן צום „פֿאָרווערטס״ [2] לויט מײַן געוויסן און מעגלעכקייטן. און איך וויל אײַך נאָך אַ מאָל אויסדריקלעך דערקלערן, דאָס וואָס איך האָב שוין גערעדט מיט אײַך אַזוי פיל מאָל, אַז איך קאָן נישט נעמען אויף זיך קיין התחייבות צוצושטעלן יעדע וואָך אַ דערציילונג. איך גלייב נאָך, אַז אַ שרײַבער באַדאַרף האָבן צו זײַן אַרבעט באַגײַסטערונג און רוח־הקודש. די שכינה פון הימל קען איך נישט אַראָפּרײַסן, און איר אַלס שרײַבער ווייסט דאָס בעסער ווי יעדער איינער. די איינציקע פֿאַרפּליכטונג, וואָס איך קאָן נאָר נעמען אויף זיך, איז אַוועקצוגעבן דעם „פֿאָרווערטס״ אַלצדינג, וואָס מײַן פעדער פּראָדוצירט, אַ מאָל מער, אַ מאָל ווייניקער, אַזוי ווי עס איז געווען ביז איצט.

מיט מײַנע בעסטע גרוסן פאַר מאַדאַם קאַהאַן און אײַך,

פאַרבלײַב איך
אײַער
שלום אַש

2
צו שמואל יעקב יאַצקאַן [1]

בעסטער פרײַנד יאַצקאַן,

איך שיק אײַך צו גאָלדענבערגס [2] ענטפער און זעט, וואָס איר האָט אָנגעמאַכט.

איך ווייס, איך האָב זיך יעצט אין גאָלדענבערגן געקויפט אַ שונא — נאָר וואָס קאָן מען העלפן, ווער מען מוזן לעבן מיט איין שונא מער.

איך האָב נאָך אַ מאָל אַדורכגעלייענט מנחמס [3] בוך און בין דאָך איבער־

צײַגט, אַז **מנחם האָט נישט קיין טאַלאַנט**, פאַר קיין געלט נישט. װעל איך צום װינציקסטן לײַדן פאַר אַן אמת, אויך אַ סאַטיספאַקציע.
מײַן פרוי פילט זיך אַ ביסל בעסער.
איך גריס אײַך האַרציק, און װען נח פינקעלשטײן [4] איז נאָך דאָ (װאָס איך האָף אַז ער איז שוין אין באַד), װײַזט אים דעם בריװ, און גיט אים איבער מײַן האַרציקסטן גרוס.

אײַער
שלום אַש

גאָלדענבערגן ענטפער איך גאָר נישט. װאָס זאָל איך אים ענטפערן? שרײַבט!

3
שלום אַש צו זײַן פרוי

קוטנע, 1905

איינציקע מאַדזשע,
איך זיץ אָנגעטאָן װי אַ חתן און װאַרט ביז מען װעט קומען נאָך מיר און פירן מיך צום אָװנט, װאָס מען מאַכט פאַר מיר אין איינעם פון די גרעסטע טעאַטערס. די בילעטן זענען שוין אויספאַרקויפט פון נעכטן און די גאַנצע שטאָט קאָכט. מײַן מאַמע גייט אַרום און ציטערט איבער מיר. קיין מאָל האָט זי מיר נישט אַרויסגעװיזן אַזאַ צערטלעכקייט װי איצט, אַ כיבע, אַז איך בין געװען אַ קליין קינד, נאָר איך געדענק עס שוין נישט. איך װיל איר זאָגן „נו, זעסטו, דו האָסט פון מיר אַ שטיקל נחת דערלעבט". און אַלץ בײַ אונדז אין שטוב איז יום־טובדיק, נאָר דו ביסט נישטאָ אויף מײַן שׂמחה.
[המשך פעלט]

4

איינציקע מאַדזשע־לעבן,
הײַנט האָב איך דערהאַלטן דײַן בריװ, איך דאַנק דיר פאַר די פאָר װערטער.

דעם קוויט האָב איך נאָך נישט, דערפאַר ווײַל דער טאַטע [1] האָט אים איבערגעלאָזט אין לאָדזש. ער שיקט איצט נאָך די שליסלען און אַזוי ווי איך וועל זיי האָבן, וועל איך די זאַכן אַרויסנעמען.
וועגן די זאַכן, וואָס דו האָסט אין דער היים בײַם טאַטן, וואָלט גוט געווען, אַז דו זאָלסט שרײַבן צו דער מומע רחל, ווײַל מיטן טאַטן איז זייער שווער צו רעדן דערפון, ער ווייסט גאָרנישט. שרײַב די מומע אַן אויספירלעכן בריוו וועגן דעם אַלעם, וואָס דו האָסט בײַ איר.
נתן [2] זעט אויס זייער גוט און לייענט אַ סך. וועל איך ווען האָבן אים מיטצושיקן, וועל איך אים מיטשיקן, אויב נישט, וועט ער מוזן וואַרטן אויף מיר.
מיט דעם ייִד פאַר „גאָט פון נקמה" קאָן איך פאָרלויפיק גאָרנישט מאַכן. טעלעגראַפיר אויב דו האָסט געקריגן געלט פון רובינשטיינען.
באַרויִק דיך, מאַדזשע־קרוין, באַרויִק דיך, געדענק אַז דו האָסט קינדער און אַ מאַן. דו מוזט געזונט זײַן פאַר אונדז, אַז נישט, וועלן מיר אַלע פאַרלוירן זײַן.
איך בין אַ פּאָר טעג בײַ פּרצן [3], ענדע וואָך פאָר איך צוריק קיין גאָמבין צום טאַטן און אויף דער צווייטער וואָך צו קלעצקינען [4].
איך קוש דיך און בענק נאָך דיר, מײַן איידעלע מאַדזשע.

דײַן
שלום

5

זונטיק דעם ערשטן מײַ, [1905 ?]

[פראַגמענט]

שטעל דיר פאָר, איך בין אין דער אַנאַרכיסטישער היים, ווו מענטשן לעבן צוזאַמען און אַרבעטן צוזאַמען, מענער און ווײַבער. עס איז נישטאָ קיין אייגנטום, נאָר אַלץ גייט צו אַלע, אַלע אַרבעטן און די ווײַבער קאָכן. עס זענען דאָ צוויי בשותּפותדיקע קינדער, וועלכע געהערן צו אַלע, מען ווייסט ווער עס איז די מוטער, אָבער מען ווייסט נישט ווער עס איז דער פאָטער.
מיינסטו דאָך, אַז עס איז אינטערעסאַנט — אינטערעסאַנט נאָר אויף איין

טאָג, אָבער מער נישט. יאָ, אינטערעסאַנט פאַר מיר דאָס צו זען, אָבער איך וואָלט דאָ נישט געוואָלט איבערבלײַבן קיין צוויי טעג, ווען מען באַגאָלדעט מיך. די ווײַבער זענען אַלט און מיאוס, די מענער זענען נישט אינטערעסאַנט — דאָס איז אַמעריקע.

בלײַב מיר געזונט
דײַן שלום

6

אויפן וועג קיין ארץ־ישׂראל, 1905/6 *
מײַן איינציקע מאַדזשע,
אַזוי, איך פאָר שוין אויפן ים. הײַנט בײַ נאַכט קומען מיר אָן נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל און מאָרגן אַ גאַנצן טאָג וועל איך זײַן אין שטאָט.
דער גורל האָט געוואָלט, אַז אָנשטאָט מיט רוסישע שרײַבער, פאָר איך מיט ייִדישע. איך פאָר צוזאַמען מיט אחד־העם [1] און ד״ר כהן בערענשטיין [2] און מיט איינעם אַ יונגן ייִדישן, רוסישן שריפטשטעלער קאָרמאַן [3].
הײַנט אין דער פרי האָב איך זיך זייער שלעכט געפילט, שפּעטער זייער גוט און איצט ווײַטער נישט גוט.
אין אָדעס האָט מען מיך מיט גרויס כּבוד אויפגענומען, בלומען, באַנקעטן, אינטערוויוען אדג״ל. איך האָף, אַז פון דער רײַזע וועל איך זייער פיל געניסן.
איך קוש דיך פון גאַנצן האַרצן און בענק נאָך דיר מיט די קינדער זאָלן לעבן. שרײַב מיר יעדן טאָג נאָך ירושלים.

דײַן בענקענדער שלום

---

* שלום אַש באַזוכט ארץ־ישׂראל צום ערשטן מאָל אין יאָר 1908. די אָנגעמערקטע לפּי־ערכדיקע דאַטע אין אָנהייב פונעם בריוו־אָריגינאַל איז מסתּמא שפּעטער צוגעשריבן געוואָרן.

7

[1906/7 (?)]

איינציקע מאַדזשע,
איך שיק דיר איין אַ פּעליעטאָן „קינדער", וועלכן דו זאָלסט אַזוי פרײַנד־לער זײַן איבערגעבן דעם „פרײַנד" [1] אָפּצודרוקן. וואָס האָבן זיי געמאַכט מיט מײַנע פריערדיקע זאַכן? זאָג זיי, איך וועל זיי יעצט יעדע וואָך עפּעס אײַנשיקן. דעם פעליעטאָן גיב זיי גלײַך איבער.

איך קוש דיך
דײַן שלום

גריס די קינדער, גריס אסתּרן, פאַר וואָס שרײַבט זי נישט?
פרעג נאָמבערגן [2] פאַר וואָס שרײַבט ער נישט?

8

פינלאַנד, [1907 (?)]

איינציקע, איינציקע מאַדזשע,
איך האָב דיר געשריבן אַ פּאָר מאָל, אויב דו ווילסט נישט אַהערקומען אין פינלאַנד. איך האָב דאָ געזען אַ וווינונג, פיר גרויסע צימערן מיט אַ קיך, פינף מינוט פון ים, וויל מען פאָרן זומער 250 רובל. די דאַטשע ליגט בײַם וואַלד. איך וואָלט זייער גערן געוואָלט, אַז דו זאָלסט אַהער־קומען, וועט מען דאָ זײַן אַ קורצע צײַט, דערנאָך וועט מען פאָרן נאָך די קינדער. אַז דו פילסט דיך געזונט קום צו פאָרן. דאָ איז זייער, זייער קאַלט און פיל, פיל שניי.
דורך דער גאַנצער צײַט בין איך נישט געווען אין שטאָט, ווײַל איך האָב נישט געהאַט קיין פּאַס.
יעדנפאַלס דאַכט זיך מיר, אַז פאַר אונדז איז בעסער, אַז מיר זאָלן דעם זומער וווינען אין פינלאַנד.
טעלעגראַפיר ווען דו קומסט, וועל איך דיר אָפּוואַרטן.
דאָ איז דאָ אַ קליין מיידעלע, שטעל דיר פאָר, אַ רוסיש־ייִדישע קור־

סיסטקע, אַ מיידל מיט לידער און מיט אַ שיינער נשמה, זי וויל אויך, אַז דו זאָלסט קומען צו פֿאָרן. אַלע, אַלע ווילן אַז דו זאָלסט קומען.
נעם אָפּ פון פרצן די זאַך: „קאַרנאַוואַל אין רוים".
איך קוש דיך און בענק נאָך דיר.

דײַן שלום

9

ווילנע, 1907

איינציקע מאַטל-לעבן,
איך דאַנק דיר טויזנט מאָל פֿאַר דײַנע בריוו. כ'האָב געלייענט די אויס־שניטן. וואָס ווילסטו האָבן? עס איז דאָך גאַנץ גוט געווען. אין אמתן איז גוט וואָס איך בין נישט געווען אין בערלין בײַ דער אויפפירונג *. איך גלייב, אַז ריינהאַרדט [1] וועט איצט אויפפירן „יחוס", עס איז גוט.
נעבכן געקומען קיין ווילנע, כ'האָב זייער אַן אינטערעסאַנטע רײַזע הינטער מיר, געוווּנען פיל מענטשן און פיל פרײַנדשאַפט. איך וועל זײַן אַ צוויי טעג אין ווילנע, דאַן פֿאָר איך צו קלעצקין [2] און רעכן דאָרט צו פֿאַר־בלײַבן אייניקע טעג. אַז מיר וועלן האָבן געלט, וואָלט זייער גוט געווען, אַז מיר זאָלן פֿאָרן צום ים. דערווײַל קאָן איך דיר נישט שיקן קיין געלט, איך האָב נישט. שרײַב מיר, צי דו האָסט געקריגן געלט פון אַמעריקע.
איך קוש דיך און בענק נאָך דיר.

דײַן שלום

---

* פון „גאָט פון נקמה".

10

1908

דעם 10טן יאַנואַר פֿאָרן מיר קיין ווילנע, אויף אַ פּאָר טעג קיין קיטנע צו דער מאַמע, און דערנאָך צוריקקומען קיין פּעטערבורג.
די זאַך וועט געוויס ווערן אויסגעפּירט און אַז זי וועט אויסגעפּירט ווערן זענען מיר פֿאַרזיכערט מיט פּרנסה. צו דעם מוזן מיר איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל שטרעבן, איך זאָל קאָנען רויִק אַרבעטן און דו זאָלסט קאָנען רויִק לעבן, און דאָס, דאַכט זיך, לוינט זיך צו לײַדן, וואָס מיר האָבן צוליב אונדזער צעשיידונג. איך וואָלט געוואָלט, אַז דו זאָלסט קומען צו פֿאָרן קיין רוסלאַנד, אויב דו קאָנסט. אַז נישט, האָף איך אויף פּסח־צײַט מיט דיר צו פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל.
[דער אָנהייב און המשך פֿעלן]

איך האָב ליב אָנצורירן דאָס לײַלעך, אויף וועלכן דו ביסט געלעגן, אָדער אָנצורירן דײַן קליידל אין דער קליידער־שאַנק. מאַדזשוכנע, איך שעם מיך פֿאַר דיר אַרויסצושרײַבן אַלץ, וואָס איך פֿיל צו דיר. מײַן בענקשאַפֿט נאָך דיר גיט מיר הימלישע און ערדישע לוסט.
[אָנהייב און המשך פֿעלן. אָן אַ דאַטע.]

11

פֿון רוסלאַנד, [1908 (?)]

איינציקע, ליבע מאַדזשע,
בין איך שוין אין פֿאַדאָליע. האָב איך אַ פֿאָדאָליע געדאַרפֿט? צו אַלדע שוואַרצע יאָר. נאָר גאָרנישט, איך באַדויער נישט, ווײַל דאָ איז שוין זייער שיין און דערמאָנט אין גאַנצן איטאַליע.
אָבער גאָר אין גאַנצן, וואָס מאַכסטו? פֿאַר וואָס האָסטו מיר די גאַנצע צײַט קיין בריוול נישט געשריבן.
איך פֿאָר אַרויס זונטיק און האָף אַרום מיטוואָך צו זײַן אין דער היים. האָסט דאָך שוין אוודאי נישט קיין געלט, איך שיק דיר אַרויס 25 רובל. איך וויל דיר זייער פֿיל שרײַבן, וואַרט אויף מיר, מײַן איינציקע, ליבע מאַדזשע.

דאָ איז דער ים זייער טרויעריק און האָט מיך אויך זייער טרויעריק געמאַכט.
יעדנפאַלס בין איך זייער צופרידן פון מײַן רײַזע. די רײַזע האָט מיר געגעבן פיל מאַטעריאַל. איך האָף דאָס צו באַנוצן דעם זומער, צוזאַמען מיט אַ ביסל פון מײַן אייגענעם קאָפּ. די אַלע נאַרישקייטן מיט פּעטער־בורג־וואַרשע אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ.

דײַן שלום

12

לעמבערג, [סוף 1908]

איינציקע טײַערע מאַדזשע,
מיר זענען אין לעמבערג, דאָס הייסט: איך, זיי זענען שוין געפאָרן קיין טשערנאָוויץ [1]. לאַנגווײַליק און נודנע אַז דו האָסט נישט קיין באַגריף. פּרץ יאַק פּרץ, נאָר די גאַליציאַנער יונגעלײַט און די גאַליציאַנער ייִדישע שרײַבערס!
עפּעס האָב איך יאָ דאָ געטראָפן אַ לעבעדיקן יונג, ד״ר רײַך [2], דעם רעדאַקטאָר פון „וואָסכאָד״. צוליב אים בין איך איבערגעבליבן אַ פּאָר טעג אין לעמבערג. מאָרגן זאָלן מיר פאָרן אין איינעם צו זײַן כלה, וואָס וווינט דאָ נאָענט אויפן דאָרף.
פאַר וואָס ביזטו נישטאָ מיט אונדז און פאַר וואָס שרײַבסטו מיר נישט? שרײַב קיין טשערנאָוויץ, „ייִדישע שפּראַך־קאָנפערענץ״, שרײַב יעדן טאָג, יעדן טאָג. עפּעס וויכטיקס טעלעגראַפיר.
און וואָס מאַכסטו? ווי בענק איך נאָך דיר! אַז דו זאָלסט וויסן ווי איך ליב דיך מיט דער גאַנצער נשמה, וואָלסטו זייער, זייער גליקלעך געווען. דו ביזט פאַר מיר אַ גליק, און איך פאַר דיר?
די קאָנפערענץ זעט זיך אויס צו ווערן נישט אינטערעסאַנט, קיינער קומט נישט. וואָס וועט זײַן — ווייס איך נישט. יעדנפאַלס קום איך באַלד נאָך דער קאָנפערענץ אַהיים צו דיר, און דאָ אויך, קלער איך נאָר וועגן דיר, וועגן נײַער אַרבעט — איך פיל זיך צווישן זיי איינער אַליין.

נאָך אַ מאָל — שרײַב מיר, קינד־לעבן, שיק מיר אַלע בריוו קיין טשערנאָוויץ, „יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ, אַש״.
איך נעם דיך צו מיר, איך קוש דיך מיט מײַן גאַנצער נשמה, קוש די קינדער.

דײַן שלום

13

בערלין, 1909

איינציקע, טײַערע נשמה מײַנע,
בלײַב געזונט. הײַנט פרי פאָר איך אָפּ נאָך האַמבורג, מאָרגן שבת פאָר איך קיין אַמעריקע. צוועלף טעג וועל איך זײַן אויף דער שיף. פון האַמבורג שרײַב איך דיר אויספירלעכער. בין טויט מיד און טרויעריק. מאָרגן שיקט דיר פרייליך [1] 1000 מאַרק, אַליין אַן געלט, און מיט גרויסע יסורים עס געבאָרגט. עס איז מיר טרויעריק און איך בענק אַהיים.

דײַן שלום

14

האַמבורג, 1909

איינציקע, טײַערע מאַדזשע־לעבן,
ווען דו וועסט דעם בריוו דערהאַלטן, וועל איך שוין לאַנג זײַן אין ווײַטן, ווײַטן אָקעאַן. מאָרגן אַכט אַ זייגער פאָר איך אָפּ. פון דער שיף וועל איך דיר אַלץ אויסשרײַבן וואָס איך האָב געטאָן אין בערלין.
איך האָב געמיינט, אַז איך וועל קאָנען אַדורכקומען אָן אַמעריקע. ערשט אין בערלין האָב איך געזען, אַז איך מוז האָבן געלט, אַז מיר מוזן קומען צו אַ צוועק, אַז אַזאַ לעבן ווי מיר האָבן געפירט ביז איצט איז ווײַטער אוממעגלעך. מיר האָבן קינדער. צווייטנס, בײַ אַזאַ לעבן וועל איך פאַרלירן גיין. מיר מוזן זען צו ווערן אומאָפּהענגיק, נישט זײַן אין די הענט

פון דײַטשישן טעאַטער אָדער אין אַנדערע הענט. דאָס האָט מיך געלערנט דאָס באַגיין זיך פון דוד פּינסקי [1]. ער איז אין בערלין, זײַן שטיק האָט מען אָנגענומען אין דײַטשישן טעאַטער. דאָס טעאַטער האָט אים פאַרגעלייגט אַ פאַרשוס, ער האָט עס אָפּגעזאָגט. ער מאַכט דאָרט דעם אײַנדרוק ווי ער וואָלט פיל טויזנטערס פּאַרדינט פון דער ייִדישער ליטעראַטור. דאָרטן ווייסן זיי נישט, אַז זײַן ווײַב אַרבעט פאַר אים... זעלבסטפאַרשטענדלעך מאַכט ער אַ בעסערן אײַנדרוק פון מיר, וועלכער באַדאַרף שטענדיק געלט. איך וויל, אַז איך וועל צוריקקומען פון אַמעריקע, קויפן זיך אַ קליין הויז אויף דער פּראָווינץ, אין אַלעקסאַנדראָווע אָדער אין סקערניעוויץ, און דאָרטן רויִק זיצן, באַגעניגענען זיך מיט דעם וואָס עס וועט זײַן אַז איך זאָל קאָנען רויִק אַרבעטן.

איך קען דיר, מאַדזשע, גאָרנישט אַרויסשרײַבן מײַן צער אַז איך האָב געזען אַז איך קען נישט קריגן קיין געלט אין בערלין. ווו בין איך נישט געווען, בײַ וועמען האָב איך מיך נישט מיאוס געמאַכט? פישער [2] האָט מיר נישט געוואָלט געבן קיין גראָשן. דאָס דײַטשישע טעאַטער האָט מיר קוים 100 מאַרק געגעבן. איך האָב מיר נישט געקאָנט קיין עצה געבן. אַלזאָ, איך האָב קוים פון פרייליכן [3] געשאַפן 100 מאַרק און דאָס שיק איך דיר. איך האָב 50 מאַרק און מיט דעם פאָר איך קיין אַמעריקע.

פאָרן — פאָר איך גוט, איך האָב געקריגן אַ שיפסקאַרט ערשטע קלאַס אָן געלט פון האַמבורג־אַמעריקאַנער ליניע, דעם בעסטן פּלאַץ. עס איז זייער מעגלעך, אַז איך זאָל אויך קריגן אויף צוריק. מיט מיר פאָרן 2600 עמיגראַנטן, מען פאָרט 12 טעג.

איך רעכן צו בלײַבן אין ניו־יאָרק 6 וואָכן און סוף יאַנואַר זײַן צוריק אין בערלין, מען שטעלט דאָרט אין קאַמערשפּיל „יחוס" אויף.

געקויפט האָב איך מיר אַ פלאַש קאָניאַק, אַ פלאַש שעריבערענדי און נאָז־טיכלעך.

ליב, ליב ווײַב, איך קוש דיך און בעט דיך, זײַ מיר מוחל פאַר אַלעם, וואָס איך האָב דיר... איך ווייס, דו האָסט מיר שוין לאַנג מוחל געווען. קוש די קינדער, יעדעס באַזונדער, און דערצייל זיי פון זייער פאָטער. ווײַז נתנען [4] אויף דער קאַרטע ווו איך בין יעצט און זײַ אַ שוועסטער צו אסתּרן און ליב זי.

דײַן שלעכטער מאַן שלום

15

לאָנדאָן, 1909

טײַערע מאָטל לעבן,
אַלזאָ, עס איז געשען. איך פֿאָר דעם שבת אַרויס פֿון ליווערפּול מיט דער שיף קיין אַמעריקע. קיין גרויס האַרץ האָב איך אַפֿילו נישט. הײַנט האָב איך געקריגן פֿון רייזינען [1] אַ קאַרטל, אין װעלכן ער שרײַבט מיר: „אין אַמעריקע צו זײַן אַ ,רוס', קען מען קריגן קלעפּ", נאָר עס מאַכט נישט אויס, איך װײס צו װאָס איך פֿאָר, און איך קלער איצט נישט מער װי װעגן אײַך.
איידער איך װעל אַרויספֿאָרן, װעל איך זען דיר אַרויסצושיקן עפּעס געלט, װײַל איך װיל אַז איך זאָל נישט באַלד, װען איך װעל אַראָפּקומען, דאַרפֿן דיר שיקן געלט. דאָס װעט מיך מאַכן פֿיל פֿרײַער, און איך װעל זיך נישט באַדאַרפֿן פֿאַרקויפֿן. און אַז די אַמעריקאַנער װעלן זען, אַז איך בין נישט אין אַזאַ נויט, װעלן זיי מער דרך־ארץ האָבן פֿאַר מיר.
איך װעל מיר באָרגן עפּעס געלט פֿון טייטל [2] און איך װעל דיר שיקן. איך װײס, אַז איך קאָן זיך פֿאַרלאָזן אויף דיר, און דו װעסט דיר אַן עצה געבן, נאָר זע, אַז דו זאָלסט דיר נישט קיין עוולה טון. קויף דיר אַ הוט מיט אַ מאַנטל, װאָרום עס װערט קאַלט. זע דו זאָלסט דיך נישט דערקילן, דײַן געזונט איז אונדז אַלע נייטיק.
איך בענק איצט שרעקלעך נאָך דיר, נאָר איך װעל זיך שטאַרקן. שרײַב מיר יעדן טאָג, שרײַב שוין קיין ניו־יאָרק, יעדן טאָג. דאָס װעט מיך דערהאַלטן. אַ װאָרט, צוויי, נאָר יעדן טאָג. װאָרום דו ביזט דאָס איינציקע גליק, װאָס איך האָב אין מײַן לעבן.

איך קוש דיך
דײַן שלום

16

אויף דער שיף קיין ניו־יאָרק, 1909

איינציקע, טײַערע מאַדזשע,
אויף דער נאַכט פֿון דערװײַטנס זעט מען שוין די ערשטע ליכטער פֿון

ניו־יאָרק. נאָך צוועלף טעג פאָרן אין גרויסן, שוואַרצן, אומהיימלעכן ים, דערפילט מען, אַז עס זענען דאָ אין דער נאָענט מענטשן — איז גוט. הײַנט קומען מיר שוין נישט אַרײַן.
דאָ אויף דער שיף האָב איך געהאַט אַ גרויסאַרטיקע געזעלשאַפט, אונ־דזערע מענטשן. אַן אַמעריקאַנער מאָלער מיט זײַן פרוי, לעבן אין פּאַריז, און אַ יונג מיידל מיט אַ מוטער, דאַר ווי אַ שטרוי און ווײַזט די ציין אַ גאַנצן טאָג, איז לײַכט ווי דער ווינט. מיר פאַרשטענדיקן זיך מיט די הענט און דאָך שמועסן מיר פון אַלעם און פאַרשטייען זיך זייער גוט.
דעם אמת זאָגן, האָב איך גרויס מורא פאַר אַמעריקע, נאָך דערצו געפינען זיך דאָרט מענטשן נישט פרײַנדלעכע צו מיר, נאָר דאָך האָב איך אַ זאָרג. בײַ מיר האָב איך 7 דאָלאַר, און וואָס מאַכט מיר אַ זאָרג איז דאָס וואָס איך וואָלט דיר געוואָלט ווי אַמשנעלסטן געלט אַרויסשיקן. איך ווייס נישט וואָס צו מאַכן, נאָר דאָך וויל איך האָפן, אַז אַלץ וועט גוט זײַן.
ווען די ערשטע ליכטער ווײַזן זיך, איז אַלץ ליגט אויפן דעק און שרײַט פאַר גרויס גליק „ערד!״ אַלע פאָרן זיי אַהיים צו זייערע קיין אַמעריקע. נאָר איך זיץ דאָ און שרײַב צו דיר דעם בריוו. איך וואָלט אויך געוואָלט אַהיים פאָרן צו דיר און צו מײַנע קינדער, איך וואָלט געוואָלט דיך מיט די קינדער טרעפן מאָרגן בײַם פּאָרט. איך בין אַזוי ווײַט פון דיר, איך האָב דאָך קיינעם נישט נאָר דיך, דיך, דיך.

דײַן שלום

17

ניו־יאָרק, 1909

איינציקע מאַדזשע,
בין איך שוין אין אַמעריקע. בײַ דער שיף האָב איך געהאַט אַ זייער וואַרע־מען עמפּפאַנג, ד״ר זשיטלאָווסקי [1], אב. קאַהאַן [2] און די אַקטיאָרן מיט ד״ר טאָמאַשעווסקין [3] אין שפּיץ. זיי האָבן געמאַכט פאַר מיר אַ פײַנעם אויפ־נאַם. עס האָט זיך אויך געגרינדעט אַ גרויסער קאָמיטעט אײַנצואָרדענען פאַר מיר אַן אָוונט. די צײַטונגען האַלטן זיך פאָרלויפיק גוט צו מיר. איך האָף עס וועט זײַן „אַל־רײַטה״.
איך ווין פאָרלויפיק אין אַ האָטעל, ווײַל איך מוז אויפנעמען געסט און אַנשטענדיק ווינען. נאָך אַכט טעג וועל איך ווינען פּריוואַט.

געלט האָב איך נישט, אָבער איך האָף צו קריגן. אַזוי ווי איך וועל נאָר קריגן, וועל איך דיר באַלד שיקן.
איך מיין, אַז איך האָב גוט געטון וואָס איך בין אַריבערגעקומען, ווײַל דאָס לעבן איז דאָ פאַר מיר אומגעהויער אינטערעסאַנט, צו שרײַבן וועל איך האָבן אַ ים.
מײַן מאַמע מיט אַלע אונדזעריקע גריסן דיך הערצלעך.
שיק באַלד די פאָטאָגראַפיעס פון דיר און די קינדער, זעקס פאָטאָגראַפיעס פאַר דער משפחה. פרעג אסתּרן[4], אויף וועלכן אַדרעס איך קען איר שרײַבן. איך גיי הײַנט אַהין צו איריקע.
איך קוש דיך מיטן גאַנצן האַרץ.

דײַן שלום

18

ניו־יאָרק, 1909

[פראַגמענטן]
עס איז אַ גרויסער יום־טוב אין דער שטאָט. עס טוט מיר אמת פרייד וואָס איך בין אַהערגעקומען. ניו־יאָרק זאָל ברענען, די פראָווינץ איז, ווי בײַ אונדז, פול מיט באַגײַסטערונג און ליבע.

איך שיק דיר אַן אויסשניט פון דער צײַטונג וועגן מײַן אָוונט. ווען דו וועסט טרעפן רייזין[1] אָדער נאָמבערג[2], גיב זיי דאָס איבער, זיי זאָלן עס ברענגען אין „פרײַנד"[3] און אין אַן אַנדערער צײַטונג.

19

מאָנטרעאָל, 1910

איינציקע מאַדזשע, מען האָט מיר צוגעשיקט הײַנט דײַן בריוו פון וואַרשע. געוואַלד, איך קאָן דאָך משוגע ווערן. וואָס זאָל איך טון, אַז איך אַליין קאָן זיך נאָך נישט דעצידירן. דינג אַ וווינונג, אַזוי ווי איך האָב דיר שוין

געשריבן, אויף דער פּראָווינץ, דורך דער צײַט װעל איך זען װאָס איך האָב צו טון. אפשר װעל איך טאַקע גאָר פריִער קומען צו פאָרן. אַזאַ זאַך מוז מען זיך דאַך גוט איבערלייגן. סײַ־ווי־סײַ האָסטו גוט געטון װאָס דו האָסט זיך אַרויסגעצויגן פון דער װוינונג, אַ כּפּרה די װוינונג. עס דיר נישט אָפּ דאָס האַרץ, אַז דו האָסט די זאַכן פאַרקויפט, אַ כּפּרה פאַר כּל ישׂראל.

דו האָסט רעכט, פאַר װאָס שרײַב איך הײַנט אַזוי און מאָרגן שרײַב איך אַזוי? איך שלאָג מיר אַליין מיט דער דעה. אַזוי ווי איך האָב דיר שוין געהאַט געשריבן, איז אַמעריקע אַ גרויסע צוקונפט פאַר אונדזערע קינדער — דאָס איז די איינציקע זאַך װאָס ציט מיך דאָ אַהער. װען איך זע ווי די קינדער זענען דאָ פרײַ, ווי זיי לויפן אַרום אין די גאַסן, אין די אַמעריקאַנער סקולס, און איך דערמאָן זיך אונדזערע קינדער אין דער היים, נעמט מיך אַ שרעק אָן.

איצט װעגן מיר: אַז איך װעל רעדן װעגן מײַן צוקונפט אין אַמעריקע, מוז איך פריִער — — — זען, אַז איך קאָן דאָ מאַכן אַ לעבן און װײַטער זיך אויך קאָנען אַנטוויקלען און שרײַבן װאָס איך וויל. אַז נישט, װעל איך זען קומען צו עפּעס געלט, איך װעל פאַרקויפן „יחוס" פאַר וויפל עס וועט זיך לאָזן, און װעל אַהיים קומען צו פאָרן. אפשר װעל איך דאָן קאָנען צוזאַמענקראַצן אַזאַ סומע אַז מיר זאָלן קאָנען אין דער היים, אויפן דאָרף, קויפן אַ קליין הײַזל. איך בין מיד.

דער „פאָרווערטס" [4] דרוקט בלויז מײַן „שטעטל" און אייניקע נײַע זאַכן, אין איינעם מיט אב. קאַהאַנס [5] אַ בוך און ליעסינס [6] פּאָעזיע. די דרײַ ביכער װעט ער צוגעבן אַלס פּרעמיע פאַר די לייענער.

זאָג דינעזאָנען [7], אַז איך בין חושד שימינען [8] אַז ער דרוקט מער מײַנע ביכער ווי ער קויפט. דאָ אין אַמעריקע אַליין האָט ער כּמעט אַלע ביכער אַרויסגעשיקט װאָס ער האָט געקויפט בײַ אונדז דאָס לעצטע מאָל. און הײַנט ווו איז רוסלאַנד, גאַליציע?

און פאַר װאָס שיקסטו מיר נישט אײַן מײַן דערציילונג „ערד"? איך דאַרף עס נייטיק האָבן.

יעס, װאָס אַנבאַטרעפט אַ זומער־װוינונג פאַר דיר, זאָלסטו דורכויס נעמען אַ װוינונג אין אַ קליין שטעטל נעבן װאַרשע, אין אַ סקערניעוויץ, למשל, אָדער בײַ לוויוויטש צו. װען איך װעל צוריקקומען, װעל איך שוין מער נישט װוינען אין װאַרשע, דאָס איז בײַ מיר אָפּגעמאַכט ווי טאָג, נאָר אין אַ קליין שטעטל. זאָג דעריבער באַלד אָפּ די װוינונג אין װאַרשע, און צי דיך אַרויס אין אַ שטעטל אַרײַן מיט דער גאַנצער ווירטשאַפט.

[המשך פעלט]

נאָר מיט אַן אמת זאָג איך דיר, [צו זײַן פרוי] אַזוי ווי איך וויל צו דיר געשווינד אַהיים קומען, וויל איך אָבער נישט צו די וואַרשעווער לײַט אַהיים פאָרן.
[דער אָנהייב און המשך פעלן]

20

[ניו־יאָרק]

[אָנהייב און המשך פעלן]
איך האָב באַשטימט דיך מיט די קינדער אַהער צו נעמען. נאָך אַ לאַנג איבערקלערן קומט מיר אויס, אַז דאָס איז פאַר אונדז דער בעסטער פּלאַץ ווו מיר קאָנען אויפציִען אונדזערע קינדער פאַר ייִדן און פאַר מענטשן. עס איז דאָ אַ גרויסע צאָל ייִדן און פאַרשידנאַרטיקע, זיי ווערן דאָ בעסער, קולטורעלער, עס איז אויך דאָ אַ גרויסע אינטעליגענץ.
און אַז נישט, לאָזן מיר דאָ איבער די דרײַ יונגען אין דער שול, און איך נעם דיך מיט דער טאָכטער און מיר פאָרן צוריק נאָך יוראָפּ אויף אַ צוויי יאָר. איך וועל איצט סײַ־ווי־סײַ דאַרפן זײַן אַ העלפט דאָ און אַ העלפט דאָרט.
אַלזאָ, מײַן ווײַב, איך שיק דיר מאָרגן אַרויס 2500 פראַנק, און פאָר אַרי־בער קיין לאָנדאָן, און פון לאָנדאָן מיט אַ ענגלישער שיף קיין אַמעריקע צו מיר. דאָ וועסטו שוין געפינען אַלץ אײַנגעאָרדנט פאַר דיר. די אַדרעסן פון פיליכאָווסקי [1] און מײַן שוועסטערקינד האָב איך דיר שוין געשריבן. מיט דיר נעם גאָרנישט מיט, ווײַל אויף דער שיף האָסטו אַלץ, אַלץ.

21

ניו־יאָרק, 1909

איינציקע מאַדזשע,
איך שרײַב דיר נישט איצט אָפּט דערפאַר, ווײַל איך בין זייער באַשעפטיקט מיט דעם אײַנאָרדענען אַ קאָמיטע פאַר דעם צוועק צו בויען אַ פאָלקס־

טעאַטער. די זאַך האַלט אויפן בעסטן וועג. די קאָמיטעט איז שוין דאָ און איך האַלט אין אויסאַרבעטן מעמאָריאַלן און אַרטיקלען פאַר דער צײַטונג.

מיך האָט געוווּנדערט דײַן לעצטע טעלעגראַמע „שיק מעגלעכס אַ גרע־סערע סומע טעלעגראַפיש". נישט איך האָב אַ גרעסערע סומע צו שיקן און איך ווייס נישט צו וואָס דו דאַרפסט אַ גרעסערע סומע. איך האָב דיר דורך דער צײַט וואָס איך בין דאָ אײַנגעשיקט 6־7 הונדערט רובל. דאַכט זיך, אַז דאָס דאַרף דיר גענוגן, און אַז עס פעלט דיר אויס, קאָנסטו דאָך דערווײַל קריגן ביז איך וועל דיר שיקן. וואָס איז עפּעס — טעלעגראַפיש? אַ טעלעגראַמע פון דיר און אַ טעלעגראַמע צוריק, דאָס איז אַ מעשׂה פון צוואַנציק רובל. וואָס מיינסטו אַז איך פאַרדין יעדע מינוט צוואַנציק רובל? מיט צוואַנציק רובל קאָן מען דאָך שוין לעבן אַ גוטע וואָך. איך וויל מיך נישט בייזערן אויף דיר, נאָר מיין נישט, אַז איך פאַרדין דאָ שטיקער גאָלד, **איך האָב נאָך אין אַמעריקע קיין איין גראָשן נישט פאַרדינט.** דאָס וואָס איך האָב געקריגן פאַר מײַנע ביכער, מוז איך שימינען [1] אַ העלפט אָפּ־געבן און מיין נישט, אַז איך לעב דאָ אַזוי רײַך. איך וויל מיך נישט בייזערן אויף דיר, נאָר איך וויל דיר דערמאָנען ווו מיר האַלטן אין דער וועלט. מיר פאַרגעסן זיך טיילמאָל, מײַן מאַדזשע, אַמאָל איך, אַמאָל דו, דו אויך.

איך ווין דאָ פּריוואַט און, ווי שוין דיר געזאָגט, בין איך אײַנגעטונקט אין אַרבעט.

פון מײַן היים האָב איך אויך פאַרדרוס. מײַן ברודער דרייט זיך אַרום ליידיק און איך דאַרף מײַן מוטער יעדע וואָך געבן אַ פּאָר דאָלאַר.

בלײַב מיר געזונט און שרײַב מיר וואָס מען הערט אין דער היים. און זײַ מיר מוחל וואָס איך האָב דיר אַזאַ בריוו געשריבן.

איך קוש דיך און קוש די קינדער.

דײַן שלום

וואָס דענקט נאָר תּמיד פון אײַך

22

ניו־יאָרק, 1909

איינציקע, טײַערע מאַדזשע,

זײַ מיר מוחל וואָס איך האָב דיר אַ פּאָר טעג נישט געשריבן. דער ערשטער ברוך־הבא האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַז איך האָב אַפילו נישט געוווּסט אויף וועלכער וועלט איך בין. איצט האָב איך זיך שוין אַ ביסל באַרויִקט. איך האָב דיר אַהיימגעשיקט טעלעגראַפיש 100 רובל און 100 פּער פּאָסט.

איצט וועגן אַמעריקע. איך וווין באַזונדער, בײַ מײַן מוטער עס איך און די חברה אַרום שלאָגן זיך איבער מיר. זעלבסטפאַרשטענדלעך זענען דאָ שׂונאים און גוטע פרײַנד, אָבער דאָך האַלט איך זיך בײַם „פאָרווערטס" [1], ווײַל זיי זענען די טיכטיקסטע מענטשן פון אַלע. זיי מאַכן מיר שוין אַן אָוונט, פון וועלכן עס וועט איבערבלײַבן אַ פּאָר שיינע הונדערט דאָלאַר. און מיטן טעאַטער רעכן איך אויך צו מאַכן געשעפט, מיט „יפתח׳ס טאָכטער". אָבער דאָס איז גאָרנישט. איך וויל מיך אַרײַנקריגן צווישן די אַמעריקאַנער און דאָס דאַרף זײַן דער עיקר. איך האָב געוויסע אויסזיכטן.

איך בענק אַהיים נאָך דיר, נאָך די קינדער. זײַ מיר מוחל, מאַדזשע, וואָס איך האָב דיך געלאָזט אַליין. דו ווייסט ווי וויכטיק מײַן רײַזע איז געווען. איצט ערשט ווי רוסלאַנד שווײַגט אַזוי און אין בערלין האָב איך קיין גראָשן נישט געקאָנט קריגן. וואָס וואָלטן מיר געטון אָן געלט? דאָ האָף איך דאָך געלט צו פאַרדינען און אַזוי ווי איך וועל נאָר באַקומען אַ גרעסערע סומע, וועל איך גלײַך אַהיימשיקן.

פאַר וואָס שרײַבסטו מיר נישט? מאַדזשע־לעבן, איך גיי אויס אַז עס נישטאָ קיין בריוו פון דיר. איך בעט דיך, איינציקע מאַדזשע, שרײַב מיר יעדן טאָג.

בײַ מײַן מאַמען איז מיר גוט. זיי באַהאַנדלען מיך גרויסאַרטיק. די ברידער און די שוועסטער פרייען זיך מיט מיר.

דאָ קען מען מאַכן, מאַדזשע־לעבן, אַ גוט לעבן. דאָס לאַנד איז רײַך און וואָס דער עיקר — ברייטלעך. עס פאַלט מיר אײַן טיילמאָל דאָ איבערצובלײַבן. פאָרלויפיק.

צו אסתּרס שוועסטער און ברודער קום איך יעדן צווייטן טאָג, זיי וווינען נאָענט פון מײַן מוטער.

שרײַב מיר באַלד ווי האַלט עס מיט דיר, ווען דו רעכנסט דיך אין דער קימפּעט אַרײַן. איך בין וועגן דעם זייער באַזאָרגט און קלער פיל. שרײַב באַלד ווי האַלט עס מיט דיר. דאַכט זיך עס איז דאָך שוין צײַט.

שרייַב יעדן טאָג און קוש מיר די קינדערלעך. פאַר וואָס שרייַבט מיר גאָר־
ניִשט נתן? [2]
איך קוש דיך און נעם דיך פעסט צו מיר.

דייַן שלום

23
צו פרוי מאַטילדאַ אַש

ניו־יאָרק, 4טער אַפּריל 1910

[אָנהייב פעלט] טאָמאַשעווסקי [1] וויל קויפן בייַ מיר „יחוס" און ליפּצין־
טעאַטער — „יפתח'ס טאָכטער", נאָר איך קאָן זיי נישט פאַרקויפן דערפאַר
ווייַל מייַן גאַנצע עקזיסטענץ הענגט אָפּ פון דער ערשטער דראַמע, ווי
אַזוי איך וועל זי פאַרקויפן. גאָרדין [2] האָט געקריגן פאַר אַ דראַמע צוויי
און דרייַ טויזנט דאָלאַר און איך מוז מיך אַוועקשטעלן דאָ אויף אַזאַ פוס
ווי גאָרדין — איך זאָל צום ווינציקסטנס קריגן צוויי טויזנט דאָלאַר פאַר
אַ דראַמע. קוים פאַרקויף איך זיי די דראַמע פאַר ווינציקער, פאַרליר איך
מייַן נאָמען און מייַן שטעלונג, און איך ווער אַזאַ שרייַבער ווי ליבין [3], ווי
קאָברין [4]. און כאָטש זיי ווילן מיר געבן שיינע סומעס (ליפּצין [5] וויל מיר
געבן 500 דאָלאַר און פינף דאָלאַר פאַר יעדעס מאָל שפּילן), דאָך קאָן
איך איר נישט פאַרקויפן מייַן דראַמע. ערשטנס געפעלט זי מיר נישט אַלס
שווישפּילעריןן, איך גלייב נישט אַז זי זאָל האָבן דערפאָלג אין מייַן שטיק,
און ווען זי וועט נישט האָבן דערפאָלג, וועט די דראַמע אַדורכפאַלן. איך
מוז זייַן איבערצייַגט, אַז מייַן ערשט שטיק וועט האָבן דערפאָלג, טאָמער
נישט — בין איך אַ פאַרפאַלענער אויף שפּעטער.
מיט טאָמאַשעווסקין איז שוין פיל בעסער. ערשטנס קען „יחוס" האָבן בייַ
אים דערפאָלג, צווייטנס וויל ער געבן אַ גרעסערע סומע. נאָר אַז די
דראַמע זאָל געהערן צו אים פאַרלאַנג איך 2000 דאָלאַר און צען דאָלאַר
פאַר יעדעס מאָל שפּילן. און ווען דאָס שטיק זאָל נאָר געהערן צו אים
איין יאָר, וויל איך טויזנט דאָלאַר און צען דאָלאַר פאַר יעדן אָוונט. און
איך מוז דאָס דורכפירן, אַפילו איך זאָל וויסן צו הונגערן. קוים
גיב איך נאָך אין דער ערשטער פּיעסע, בין איך אַ פאַרפאַלענער אויף
שפּעטער (אַזוי זאָגן אַלע, אַב. קאַהאַן [6], גאָלדבערג [7], קיינער לאָזט מיך
נישט אַנדערש פאַרקויפן).

איצט האָב איך אָנגעשריבן אַ נײַע דראַמע „דער אַמעריקאַנער“, דרײַ אַקטן האָב איך שוין פאַרטיק. דעם לעצטן אַקט שרײַב איך איצט. איך האָף, אַז דאָס וועט זײַן מײַן בעסטע דראַמע פאַר אַמעריקע. לאָז מיר זי נאָר האָבן גרייט.

אַזוי ווי דו זעסט קען מען דאָ עפּעס מאַכן און אַז איך וואָלט נישט גע־וואָלט קוקן אויף תּכלית, וואָלט איך שוין לאַנג געהאַט געלט דיר אַראָפּ־צוברענגען, אָדער אַהיימצופאָרן.

און מיט אַן אמת גערעדט וואָלט איך שוין געוועזן פאַרקויפט די דראַמע פאַר וויפל עס מאַכט זיך. נאָר אַזוי ווי געזאָגט, לאָזן מיך מײַנע פרײַנד נישט און איך זע טאַקע אײַן, אַז נישט נאָר איך וועל רויִנירן מײַן מאַטע־ריעלע לאַגע אין דער צוקונפט, נאָר איך וועל אויך געפאַלן בײַ די אַקטיאָרן און דירעקטאָרן. וואָס מער זיי באַצאָלן פאַר אַ דראַמע, אַלץ מער כּבוד האָבן זיי פאַרן שרײַבער און אַלץ מער רײַסן זיי זיך איבער אים.

זעסטו, מײַן קינד, מען מוז קאָנען לײַדן און אויסהאַלטן די שלעכטע צײַט, נאָר די שלעכטע צײַט האַלט שוין אין איבערגיין, ווײַל נאָך אין אַ פּאָר וואָכן וועלן זיי מוזן קויפן פּיעסן פאַרן נײַעם סעזאָן.

קוים פאַרקויף איך נאָך אַ דראַמע, גיב איך האַנטגעלט אויף אַ הויז בײַ ניו־יאָרק. דאָ איז אַ מינהג אַז מען קויפט אַ הויז פאַר 5000 דאָלאַר, גיט מען ביז 1000 דאָלאַר און דאָס איבעריקע צאָלט מען אויס אויף פּראָצענט. איך האָב שוין אָנגעגרייט אַזאַ הויז פון 5־6 צימערן און טאָמער וועט זיך מאַכן אַז איר וועט קאָנען קומען נאָך אויף דעם זומער, זאָלט איר האָבן ווו צו וווינען.

דערווײַל פאָר איך דאָנערשטיק אַוועק אויף מײַן טור, מאָנטרעאָל, קליעוו־לענד, פּיטסבורג, מילוואָקי, שיקאַגאָ און סט. לויס. איך וואָלט איצט נישט געפאָרן, ווײַל איך וואָלט געדאַרפט זײַן די דרײַ וואָכן אין ניו־יאָרק, נאָר איך מוז פאָרן. אין די שטעט זענען שוין אַראַנזשירט מײַנע פאָרלעזונגען, אָפּזאָגן קען מען נישט.

צווייטנס, אפשר איז דאָס בעסער אַז איך פאָר אַוועק. די „מענעדזשערס“ וועלן זען אַז איך דאַרף זיי נישט, וועלן זיי אפשר בעסער און ווייכער ווערן. איך וויל אויך זען אַמעריקע, דאָ דאַרף זײַן זייער אינטערעסאַנט.

מײַן מיינונג איז, אַז דו זאָלסט דיך שוין אַרויסצײַען פון וואַרשע. זע מיט אַלע מעגלעכקייטן דאָס צו טון. אַז איך בין איצט דאָ אויפן לאַנד, עס איז שוין וואַרעם, דאַכט זיך מיר, אַז בײַ אונדז איז אויך שוין אַזוי וואַרעם — און דו מיט די קינדער זענט נאָך אַלץ אין שטאָט, פאַלט מיר דאָס פלייש פון מײַן לײַב און איך וויין אַ גאַנצע נאַכט און האַלט מיך פאַרן ערגסטן פאָדלעץ.

פאַר מיט די קינדער אין אַ קליין שטעטל, אפשר קיין סקערניעוויץ, און זאָלסט דאָרט דערוויַיל וווינען, און אַז איך וועל קאָנען, וועל איך אַהיימ־קומען. איך האָב שטאַרק מורא פאַר די זומערדיקע היצן.

איך וועל אַלע דראַמען פאַרקויפן און דאַן וועט מען זען ווי אַזוי דו זאָלסט אַהער קומען, דאָס אַלץ וועט זיך ווענדן לויטן געלט, וואָס איך וועל האָבן.

די מאַמע איז נעכטן דעם 5טן אַפּריל אַרויסגעפאָרן מיט דער שיף. איך גלייב, אין אַן אַכט טאָג אַרום וועט זי שוין זיַין אין קוטנע. איך האָב דיר מיטגעשיקט אַ לאַנגן, געשטריקטן קאַפּטאַן און די קינדער שפּילוואַרג.

איך דאַנק דיר האַרציק פאַר נחנס[8] צענזורקע *, איך בין דאָך שיעור נישט משוגע געוואָרן פאַר נחת אַז איך האָב עס דערזען. און נאָר צוליב אים וויל איך, מאַדזשע לעבן, אַז מיר זאָלן אַהער קומען. וואָס וועט אויס אים ווערן ביַי אונדז אין דערהיים? ער וועט דאָך צו גאָרנישט קאָנען קומען. אָבער דאָ, מאַטל־לעבן, מיר וועלן זיך אפשר אַ שוואַרץ יאָר אויס־ריכטן, אָבער אונדזערע קינדער וועלן דאָך זיַין גליקלעכע מענטשן. ייִדן זענען דאָ די גרעסטע מענטשן און אַ פּעיִק קינד קאָן דאָ צו אַלעם קומען. בילדונג קאָסט גאָרנישט, אַלץ איז פריַי.

און איצט דערמאָן דיך אין דערהיים, מיטן גימנאַזיום, אוניווערסיטעט — וואָס פאַר אַ שווועריקייטן עס וועט זיַין ביז מען וועט אים אַריַינגעבן. און איך זאָל נאָר האָבן געלט דערצו.

דאָ דאַרף ער נאָר עסן אין דער היים און דאָס איז אַלץ. און איצט די פריַי־הייט פון די קינדער! זאָלסט זען ווי די קינדער לויפן דאָ אַרום, ווי זיי שפּילן באַלעם (איך האָב אַ פּוס־באַלעם אַהיימגעשיקט), געזונטע, שטאַרקע מענטשן וואַקסן זיי דאָ אויף. אַז איך זע דאָ די קינדער, נעמט מיך אַזאַ צער אָן, איך האָב אַזאַ ווייטיק, ווען איך דערמאָן זיך אין די קינדער פון דערהיים.

איך שריַיב דיר, מאַדזשע, פאַרקויף אַלץ, צופּוס קום, אונדזערע קינדער ברענג דאָ אַהער און וואָס שנעלער אַלץ בעסער — וויַיל דאָ איז זייער צוקונפט פאַר פריַיע, געזונטע מענטשן, וועלכע וועלן אַרבעטן פאַר זיך. אין אַ פאָר וואָכן רעדן זיי ענגליש און לערנען אַפילו אויס די עלטערן רעדן ענגליש. נאָר צוליב אונדזערע קינדער דאַרפן מיר אַהער קומען.

איצט בליַיב מיר געזונט, מיַין געטריַי, גוט וויַיב, איך טראַכט פון דיר תּמיד. און דאָס וואָס איך בין אַזוי משוגע און טעלעגראַפיר דיר כּסדר, איז דאָך דערפאַר, וויַיל איך בענק אַזוי נאָך דיר. אַז איך דערמאָן זיך, אַז דו ביסט

* צענזורקע — שול־צייַגעניש.

דאָרט און איך בין דאָ, ווערט מיר דאָס האַרץ צעשניטן. אָבער באַלד, מאַדזשע לעבן, עס וועט באַלד אַ סוף נעמען, און איך האָף, מען וועט נאָך אַלץ אין פריידן דערציילן, דאָ אין אַמעריקע, ווען אונדזערע קינדער וועלן זײַן מענטשן. דער קליינער יונג יאַנעק [9] — אַ פּרעזידענט, נאָר משה [10], משה איז נישט פאַר אַמעריקע, ער איז מיר צו ווײַבעריש און דאָ דאַרפן זיי שטאַרקע יונגען. און יעס, אונדזער טאָכטער, די לײַדי אַש — האָסט אַ זאָרג איר אַ נאָמען צו געבן? בערעניקע, נישט אַנדערש נאָר בערעניקע. אַזוי וויל איך, איר פאָטער. הער נאָר — מילא די יונגען זענען דײַנע, אָבער די טאָכטער, די טאָכטער איז מײַנע. און איך קאָן איר אַ נאָמען געבן ווי איך וויל, איך בין דער פאָטער. דו הערסט?!
און נעם נתנען און ווײַז אים אויף דער מאַפּע ווו איך בין איצט, צווישן פּיטסבורג און מילוואָקי, דאָס איז די גרויסע אַמעריקאַנער וויסטעניש ווו די אינדיאַנער האָבן געוווינט.
איך קוש דיך און נעם דיך פעסט צו מײַן האַרץ, דו מײַן איינציקער, איינציקער מענטש — מײַן ווײַב.

דײַן מאַן שלום

24

ניו־יאָרק, [1910 (?)]

טײַערע מאַטל־לעבן,
איך בין געווען זייער באַשעפטיקט די פאָר טעג. איך האָב פאַרקויפט מײַן פּיעסע טאָמאַשעווסקין [1]. טויזנט דאָלאַר באַלד, אַחוץ פּראָצענטער.
מײַן פּיעסע האָט אויף זיי געמאַכט אַ געוואַלדיקן אײַנדרוק און מען וויל מיך דווקא דאָ האַלטן. אַלע רעדן מיך צו. מיך גליסט נאָך נישט, און עס האַרצט מיך נישט.
איך וואָלט דיך באַדאַרפט דאָ האָבן. איידער מײַן בריוו וועט אָנקומען צו דיר, וועסטו וואָרשײַנלעך באַקומען פון מיר טעלעגראַמעס מיט שיפסקאַרטן אַז דו זאָלסט קומען. איך האָב אָבער אָפּגעלייגט די זאַך, ביז נאָך דער אויפפירונג פון מײַן שטיק. איך וויל זען, ווי עס וועט אויספאַלן. נאָר איין זאַך ווייס איך, אַז קוים וועל איך דיר טעלעגראַפירן צו קומען, זאָלסטו זײַן זיכער, אַז איך וועל מײַן מיינונג נישט ענדערן, ווײַל אַ לעבן, זע איך, וועל איך דאָ קאָנען מאַכן גיכער ווי אומעטום. ווײַנען וועלן מיר בײַם ים, נישט

ווײַט פון ניו־יאָרק. איך בין דאָרט געווען פאַר אייניקע טעג — דו קאָנסט דיר נישט פאָרשטעלן ווי שיין דאָרט איז, פײַן ווי אין — — —

אַלזאָ, מײַן ליב ווײַב, זײַ פריילער, מיר דאַכט זיך, אַז גאָט גייט אונדז באַצאָלן פאַר די אַלע צרות, וואָס מיר האָבן געהאַט ביז איצט.

איך ווייס נאָך נישט, ווען מײַן בריוו וועט אָנקומען צו דיר. איך גיי אויס נאָך דיר און וואָלט דיך געוואָלט האָבן דאָ ווי אַמשנעלסטן.

אַלזאָ, מײַן ווײַב, וואָרשײַנלער, וואָלן מיר בלײַבן אַמעריקאַנער ביז די קינדער וועלן זיך אונדז דערציִען און דערנאָך אין ארץ־ישׂראל — דײַן אידעאַל.

איך קוש דיר די פיס און די הענט, איך קוש דיך אויף דײַנע ליפּן און דײַנע בריסטן, בענק נאָך מיר ווי איך נאָך דיר.

דײַן שלום

25

1910

איינציקע, טײַערע מאַדושע־לעבן,

דו וווּנדערסט זיך פאַר וואָס איך שרײַב דיר נישט. און איך האָב דיר שוין אייניקע מאָל געוואָלט טעלעגראַפירן וואָס מען הערט אין דערהיים, אַזוי אומרויִק בין איך.

איצט וועגן מיר: איך האָב דיר גאָרנישט געוואָלט שרײַבן דערפאַר ווײַל איך בין נאָך אַליין נישט געווען איבערצײַגט אין אַמעריקע. איצט בין איך געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז מײַן צוקונפט איז אין אַמעריקע. אין איין שטאָט אַ מיליאָן ייִדן מיט אַ גרויסער צאָל אינטעליגענץ, ווילע יונגען, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, כּלל־טוערס, און גלאַט גוטע יונגען. און דאָן די באַפעלקערונג! דו קאָנסט דיך גאָרנישט פאָרשטעלן וואָס מען קען מיט די מענטשן מאַכן.

עס איז דאָ אָבער אַ שטיקנדיקע לופט, קליינע אינטריגעלער, איינער רעדט אויס אויפן צווייטן, און מענטשן מיט זייער קליינע פעיִקייטן האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן סאַמע שפּיץ. דאָס פאָלק האָט זיי אַלעמען פײַנט, דאָס פאָלק וואַרט אויף אונדזערס אַ מענטש וואָס זאָל קומען מיט אַ געזונטן און גוטן ווילן. איך פיל, ווען איך בלײַב דאָ און הייב אָן צו אַרבעטן, קאָן איך אַלע האָבן אויף מײַן זײַט אין פאַרלויף פון איין יאָר.

די אינטעליגענץ האָט מיך שטאַרק ליב און דאָס גאַנצע פאָלק האָפט, אַז מיט מײַן קומען קאָן איך אומגעהויער פיל מאַכן.
אַלע טעאַטערס ווילן מיך האָבן. זיי ווילן קויפן פון מיר פּיעסן. אָבער איך בין נישט צופרידן מיט זיי, און האַלט זיך פון דערווײַטנס פון זיי.
איך פּראָיעקטיר דאָ אַליין צו גרינדן אַ ייִדיש פאָלקס־טעאַטער, אַ טעאַטער וואָס זאָל געהערן צום פאָלק. איך האָב אַרום מיר אַ גרויסע צאָל אינטע־ליגענץ, וועלכע האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער אידעע און אַלע זענען מיר גרייט צו העלפן. איך בין אָבער זייער פּאַרזיכטיק און אַלע וווּנדערן זיך אויף מיר: „ער איז דאָך גאָרנישט קיין גרינער", זאָגן זיי, זיי זענען גע־וווינט, אַז עס קומט ווער אַהער, מוז ער זײַן אָפּגעריסן און מורא האָבן פאַר זיי.
איך האָב זיך באַלד געשטעלט אויף אַ הויכן פוס: איך בין שלום אַש און זיי האָבן דרך־ארץ. איך גלייב (איך האָב פיל האָפענונגען), אַז דער גע־דאַנק מיטן טעאַטער זאָל ווערן אויסגעפירט און דאַן בלײַב איך אין ניו־יאָרק.
עס פּראָיעקטירט זיך אויך אַ טורנע איבערן גאַנצן לאַנד. איך וויל זען אַמעריקע. ווי עס זאָל נישט זײַן וועט דאָס מיר זייער צו נוץ קומען. עס זאָל זײַן זייער שיין.
אויף פּסח האָף איך צו זײַן אין דערהיים. אַ שיפסקאַרטע האָב איך שוין. איך האָב זי געקריגן בחינם פון דער זעלבער געזעלשאַפט וואָס האָט מיר געגעבן אַהער.
שרײַב וואָס הערט זיך אין וואַרשע. וואָס איז מיטן „פרײַנד"? [1] זעסטו נאָמבערגן [2] אָדער רייזינען? [3] פאַר וואָס שרײַבן זיי מיר נישט, גריס זיי.
יאָ, אַ חורבן נאָך מיר, אין דעם עיקר האָב איך גאָר פאַרגעסן. וואָס הערט זיך מיט דיר? יעדן אין דער פרי שטיי איך אויף מיט דעם געדאַנק, אַז דו ביזט אין דער היים געלעגן געוואָרן און אַז דו האָסט געהאַט אַ מיידל. איך בין אַ פאָטער פון אַ מיידל. ווערסט זען אויב איך וועל ליגנט זאָגן, און אַז דו וועסט האָבן אַ זון, האָסטו אויך זיך נישט וואָס צו שעמען. איז עס מײַן און דײַן זון, אונדזער זון, און דו ווייסט דאָך ווי אונדזערע זין זענען אויס — יונגען וואָס די וועלט פאַרמאָגט נישט.
מײַן ברודער האָט אַ מיידל, זעט זי אויס פונקט ווי יאַנעק [4], דו וואָלסט איר אויסגעקושט יעדעס אבר'ל.
איבערהויפּט ווייס איך נישט וואָס מיר טוען אין רוסלאַנד. מײַן גאַנצע משפּחה, אַלע מײַנע פרײַנד זענען דאָ. דאָ, דאָ, מאַדזשע, איז אונדזער צוקונפט און די צוקונפט פון אונדזערע קינדער.
זאָג דינעזאָנען [5], אַז איבערשיקן די מאַטריצן קיין אַמעריקע דאַרף מען נישט.

מײַנע ביכער װערן דאָ װידער אָפּגעדרוקט פֿאַרן „פֿאָרװערטס" [6], 100.000 עקזעמפּלאַרן. איך װעל קריגן פֿאַר זײ 2500 רובל. זאָג קײנעם נישט װעגן דעם.

יענע װאָך האָב איך דיר אַרױסגעשיקט 1200 אױף דירה־געלט, אױף דער צװײטער װאָך װעל איך װידער שיקן געלט. לעב רויִק און קלער װעגן מיר. פֿאָטאָגראַפֿיר דיך און שיק מיר די פֿאָטאָגראַפֿיעס, פֿון דיר און די קינדער.

דײַן מאַן שלום

26

ניו־יאָרק, 1910

אײנציקע מאַדזשע,

איך קוש דיך און דאַנק דיר פֿאַר דער טאָכטער, װאָס דו האָסט מיר גע־בוירן. קענסט גאָרנישט װיסן װי גליקלעך איך בין און װי שטאָלץ איך בין, אַז איך האָב אַ טאָכטער. דו װײסט אַז דאָס איז געװען מײַן װוּנטש.

איצט מוז מען פֿאַר איר אַ שײנעם נאָמען אױסזוכן, איך פֿאַרלאָז מיך אױף דיר. איך שלאָג פֿאָר — בערעניקאַ, אָדער שולמית.

איך האָף אַז איך װעל איצט װערן אַ נײַער מענטש, אַן אָרנטלעכער מענטש אַז איך בין שױן אַ טאַטע פֿון אַ טאָכטער.

נעכטן האָב איך דיר אַרױסגעשיקט 200 רובל טעלעגראַפֿיש.

איך קוש דיך און קוש מײַן טאָכטער, װאָס זי יעדן טאָג.

דײַן מאַן שלום

27

ניו־יאָרק, 1910

אײנציקע מאַדזשע,

זײַ מיר מוחל, װאָס איך האָב דיר נישט געשריבן אײניקע טעג. אַזױ װי איך האָב דיר שױן געשריבן איז דאָ פֿיל מעגלעכקײטן אַז איך זאָל דאָ

פאַרבלײַבן, און גיי אַלץ אַרום און שלאָג מיך מיט דער דעה וואָס צו טון. דאָ אין אַמעריקע זענען פֿאַראַן זייער פיל זאַכן צו טון און איך האָף דאָ צו האָבן מײַן שטיקל ברויט. אָבער פון דער צווייטער זײַט קען איך מיך נישט דעצידירן, דאָס שטענדיקע קלערן נעמט מיך אַרויס פון געדולד. דורך דעם פאַרנאַכלעסיק איך דאָס שרײַבן צו דיר.

איך לייג בײַ אַ זייער וויכטיקן בריוו צו דינעזאָן [1]. דו וועסט אַזוי גוט זײַן אַליין אַהין גיין צו דינעזאָן און מיט אים איבעררעדן וועגן דער אָנגעלעגנהייט.

איך קוש דיך און בענק שרעקלעך צו זען די טאָכטער. איך דריק דיך פעסט צו צו מײַן האַרץ.

דײַן שלום

28

ניו־יאָרק, 1910

איינציקע מאַדזשע,

נאָך דרײַ וואָכן אויסגיין האָב איך קוים דערלעבט צו זען פון דיר אַ בריוו. אַ דאַנק דיר. איך שיק דיר אײַן הונדערט רובל. עס איזווירקלעך מיר אַ וווּנדער וואָס איז מיטן געלט. נאָר מן־הסתּם דאַרפסטו עס האָבן. דו שרײַבסט איך זאָל שיקן געלט. איך האָב שוין נישט קיין געלט. איך וועל נאָר מאַכן די „טור" איבער אַמעריקע, האָבן עפּעס דערפון, און איך קום געוויס אויף פּסח אַהיים.

עס זעט זיך אויס, אַז אין וואַרשע קאָכט זיך, טעאַטער, פאַראיינען, לעקציעס. און אפשר פון דערווײַטנס זעט זיך נאָר אַזוי אויס?

דײַנע בריוו פאַרשטיי איך זייער גוט אין יידיש.

רות געפעלט מיר זייער, גיב איר טאָקע אַ נאָמען רות. און אפשר בעסער בערעניקע. איך לאָז עס דיר איבער, טו ווי דו פאַרשטייסט און שרײַב מיר ווי זי הייסט.

פאַר וואָס שרײַבט מיר גאָרנישט נאָמבערג? [1]

איך האָב געשריבן אַ הערלעכע דערציילונג דאָ.

איך אַ טאָג אַרום וועל איך דיר ווידער געלט שיקן, אָבער נישט מער ווי 200 רובל אַ חודש.
איך קוש דיך מיט מײַן גאַנצן האַרצן.

דײַן שלום

29

ניו־יאָרק, 1910

איינציקע מאַדזשע לעבן,
איך דאַנק דיר און קוש דיך פאַר דער פאָטאָגראַפיע וואָס דו האָסט מיר געשיקט. איך בין גליקלעך אַז דו זעסט אַזוי גוט אויס און די קינדערלעך.
צו מערסטן האָב איך זיך געפרייט אויף יאַנעקן [1]. ער איז דאָך מער מענטש פאַר אַלע. און נאָר פאַר זיי וואָלט איך געוואָלט אין אַמעריקע פאַרבלײַבן. דאָ וואָלט דאָך אויס זיי מענטשן געוואָרן.
איך בין יעצט גאַנצע טעג פאַרנומען מיטן „פאָלקס־טעאַטער״. ווער ווייס? אפשר וועט עפּעס דערפון אַרויסקומען.
איך וואָלט גערן דאָ פאַרבליבן, כאָטש אַזוי ווי איך הער, מאַכט זיך יעצט אין וואַרשע אַ נײַ לעבן. שרײַב מיר וואָס הערט זיך אין וואַרשע. זאָג נאָמבערגן [2], ער זאָל מיר שרייבן וואָס עס טוט זיך דאָרט בײַ אײַך אין וואַרשע. אפשר האָבן זיך די צײַטן געבעסערט.
איך קוש דיך און קוש די נײַע טאָכטער. איך בין גליקלעך און שטאָלץ אַז איך האָב יעצט אַ טאָכטער. איך גיי איבעראַל אַרום און ווײַז די פאָטאָגראַפיעס פון דיר און די קינדער.

דײַן מאַן שלום

ניו־יאָרק, 1910

אײנציקע, טײַערע מאַדזשע,

איך שרײַב דיר אַן אויספירלעכן בריוו, כּדי דו זאָלסט האָבן אַ באַגריף וואָס דאָ, אין ניו־יאָרק, איז. דאָ איז פאַראַן אַ פיל גרעסערע אינטעליגענץ ווי בײַ אונדז אין וואַרשע, און גלאַט פײַנע מענטשן וועלכע אינטערעסירן זיך מיט ייִדישער ליטעראַטור. נאָר די אינטעליגענץ איז אַזוי צעקריגט! אײנער האָט דעם צווייטן פײַנט, און האַלטסטו מיט אײנעם, האָסטו אין צווייטן אַ שׂונא, אַ שׂונא אויפס טויט און לעבן; ווען נישט די אינטעליגענץ וואָלט מען דאָ געקענט זייער, זייער פיל אויפטון.

אָבער אַ חוץ ליטעראַטן זענען דאָ פאַראַן גלאַט מענטשן, זייער פײַנע. איך ווייס אָבער נישט, צי דו וואָלסט געקאָנט מיט זיי זיך אײַנלעבן. מיר דאַכט זיך, אַז יאָ. אַז איך דערמאָן זיך אין וואַרשע און וואָס מיר האָבן אין וואַרשע, מיט וועמען מיר לעבן אין וואַרשע — ווער איך דערשראָקן פון דעם וואָס מיר האָבן אָפּגעלעבט אונדזערע פּאָר יאָר. יעצט קומט נאָמבערג [1], דער אײנציקער נאָמבערג, וואָס איז אונדז איבערגעבליבן. פון רייזין [2] און די איבעריקע ווייס איך נישט. און וואָס דער עיקר — אין וואַרשע האָב איך נישט קיין פּרנסה, און איך זע נישט אײַן וואָס וועט אויס אונדזערע קינדער ווערן, כאָטש מיר דאַכט זיך, אַז וואַרשע האָט זיך יעצט איבערגעביטן; אַז מען איז ווײַט פון אַ שטאָט דאַכט זיך שטענדיק אַזוי.

עפּעס האָט פּרץ [3] געמאַכט אַ פאַראײן און יעצט איז „דער פרײַנד" [4] דאָ אין וואַרשע. איך ווייס נישט וואָס פּאַר אַ געשעפטן ער מאַכט, צי מען וואָלט יעצט געקענט לעבן אין וואַרשע אָנשטענדיקער.

איך גיי אַרום ווי אין עולם־התּוהו און ווייס נישט וואָס צו טון. אין אַמעריקע גלוסט מיך נישט צו פאַרבלײַבן, נאָר נאָך וואַרשע, אין דער פאַרפּוילטער שטאָט, ווו אינטריגעס איבערן קאָפּ, גלוסט מיך אויך נישט צו פאַרבלײַבן. בלײַבט איבער דער אַלטער פּלאַן, אַז מיר זאָלן זיך באַזעצן אין קראָקע — נאָר דאָס לאָז איך איבער אויף שפּעטער.

איך בלײַב נאָך דאָ, ווײַל איך פּאָר אויף דער צווייטער וואָך אַרויס לעזן אין די שטעט, אַ פּאָר גילדן מאַכן.

פון דעם פּראָיעקט פון מײַן טעאַטער, האָב איך מורא, וועט גאָרנישט ווערן. דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווײַל די אינטעליגענץ איז צעקריגט און אײנער האָט נישט קיין צוטרוי צום צווייטן. איז דער „פאָרווערטס" [5] דעראײנען, געפעלט עס נישט אַנדערע, און ווײַטער אָן „פאָרווערטס" קאָן מען גאָרנישט מאַכן.

איך טראָג מיך אַרום מיט זייער אַן ערנסטן פּראָיעקט צו גרינדן אַ ביכער־פאַרלאַג, אַ קונסט־פאַרלאַג, און אויך אַרויסגעבן אַ מאַנאַטלעכע שריפט פאַר קונסט און ליטעראַטור. די טעג גייט אַרויס דאָס ערשטע ביכל, אַ ליבע־לוסט צו קוקן דערויף.

פאַר וואָס שרײַבסטו נישט וואָס מען הערט אין דער היים? איך ווער דאָך משוגע קלערנדיק. שרײַב מיר באַלד. פאַר וואָס שרײַבסטו מיר נישט פון דער טאָכטער. געוואַלד, וואָס איז? איך האָב עפּעס מורא. ווי האָסטו איר אַ נאָמען געגעבן? איך בעט דיך, שרײַב מיר יעדן טאָג.

איך קוש דיך
דײַן שלום

31

ניאַגאַראַ, 1910

טײַערע מאַטל־לעבן,

איך בין הײַנט צוגעקומען צו דעם ניאַגאַראַ־פאַל — אין ווינטער־צײַט. בײַ דער קעלט מאַכט דער וואַסערפאַל זייער אַ שטאַרקן אײַנדרוק. די גאַנצע וועלט איז ווײַס געפרוירן, אַ שאָד וואָס דו ביזט נישט דאָ.

איך האָב דיר הײַנט אַהיימגעשיקט דורך ערענרײַכן, דעם סעקרעטאַר פון די פּועלי־ציון, אַ בריוו מיט אַ טשעק אויף 60 דאָלאַר אַז דו זאָלסט דער־ווײַל האָבן פאַרן געוועלב און זע, מײַן קינד, אַרויסצוקומען פון די ביזנעס.

אויך האָב איך דיר פון דאַנען אַרויסגעשיקט מיט דער פּאָסט אַ פּאָר אינדישע, וואַרעמע פּאַנטאָפל אַז דו זאָלסט נישט פרימאַרגנס אַרומקריכן באָרוועס, דו הערסט?! אויך אַ שנירל קרעלן, זייער שיינע שטיינער.

פאַר רותן [1] האָב איך אויך געשיקט אַ שנירל קרעלן און זע דאָס קינד זאָל מיר זײַן געזונט.

יאַנעקן [2] האָב איך געשיקט אַ לעדערן בײַטעלע מיט 25 סענט אינעווייניק.

פאַר משהן [3] אַ נאָטיץ־ביכל און פאַר נתן [4] אַ טאַשן־בײַטל פון ניאַגאַראַ.

איך גלייב, אַז די גאַנצע משפּחה האָב איך פאַרזאָרגט.

זיך האָב איך אויך געקויפט אַ פּאָר שקאַרפּעטקעס, וואָרום די וואָס איך גיי זענען צעריסן.

דאָ וועל איך בלײַבן אַ טאָג און איך פֿאָר פֿון דאַנען נאָך טרוא. פֿאַר וואָס שרײַבסטו מיר נישט?
איך קוש דיך און בענק נאָך דיר.

דײַן שלום

32

מאָנטרעאָל, [1910 (?)]

מאַדזשע מײַנע,
איך בין אין מאָנטרעאָל שוין איייניקע טעג. איך ווייס נישט אויב איך האָב בריוו אין דער היים, וואָרום איך האָב נישט געקריגן צוגעשיקט. געדענק אין גאָט, פֿאַר וואָס שרײַבסטו מיר נישט? איך קאָן דאָך אויסגיין פֿון בענקעניש. איך בין דאָ אַליין און אַזוי ווײַט, און אַזוי לאַנג פֿון דער היים. איך וויל שרעקלעך אַהיימקומען, נאָר איך טראַכט — מיט וואָס? גאָט, מען הערט דאָ אַזעלכע שלעכטע זאַכן פֿון רוסלאַנד. איז ווירקלעך אין דער היים אַזוי שלעכט? איך בענק נאָך די קינדער און נאָך דיר. ווי זעסטו אויס און ווי פֿילסטו זיך? פֿאַר וואָס שרײַבסטו מיר אַזוי ווייניק, אייניציקע מאַדזשע?
דאָ ווו איך בין, איז זייער אינטערעסאַנט, גאַנצע וויסטענישן אַרום. הײַנט בין איך געוועזן אויפֿן שענסטן באַרג.
דאָס לעבן פֿון די ייִדן דאָ איז זייער אינטערעסאַנט. אַז איך וועל אַהיימקומען וועל איך האָבן גאַנצע פּעק צו דערציילן.
ווערסט אַוודאי איבער פּסח זײַן בײַם טאַטן און דערנאָך ציִען זיך אויפֿן לאַנד.
קוש מיר די קינדער, גריס דעם טאַטן און די מאַמע. דאָס געלט האָסטו שוין אַוודאי דערהאַלטן.

דײַן שלום

פעטערבורג, 1910

איינציקע, איינציקע מאַדזשע,
דיַין בריוו האָב איך ערשט היַינט דערהאַלטן. איך קאָן דיר גאָרנישט זאָגן וואָס פאַר אַ טרויעריקן איַינדרוק דיַין בריוו האָט אויף מיר געמאַכט. און דאָס זאָגסטו מיר, ווען איך בענק נאָך דיר, ווען איך גיי אויס און וויין יעדן מאָרגן פאַר וואָס איך מוז די בעסטע טעג פון אונדזער לעבן פאַרברענגען וויַיט פון דיר. נאָר וואָס זאָלן מיר טון? אין דער היים קען מען קיין גראָשן נישט פאַרדינען, און איצט אין פעטערבורג קען איך אויך נישט באַקומען קיין געלט. און מען מוז דאָך זען דעם זומער אַדורכצולעבן. איך וועל דאָך נישט גיין אַרבעטן אין די וואַרשעווער יידישע צײַטונגען. עס איז דאָך גליַיכער אַז איך זאָל זען איצט געלט צו קריגן, ווי צו ליַידן אַ גאַנצן זומער. צוליב דעם בין איך דאָך געפאָרן קיין פעטערבורג און צו דעם זיץ איך דאָך דאָ.
דו שריַיבסט מיר, אַז מיר איז דאָ פריילעך. ניין, ניין מאַדזשע, אָן דיר קאָן איך נישט זיַין פריילעך. און אַז איך האָב געוואָלט אַז דו זאָלסט אַהערקומען, איז נאָר דערפאַר וויַיל איך האָב גערעכנט אַז דאָ וועט דיר גוט זיַין, אַז דו וועסט דאָ קומען צו זיך. איצט פאַרשטיי איך, אַז דו קאָנסט נישט קומען. וועל איך באַלד אַהיימפאָרן. נאָר איך מוז דאָך זען ערגעץ-ווו צו קריגן געלט. פרוג [1] האָט אַזוי איבערגעזעצט „אמנון און תמר" אַז עס איז אוממעגלעך ווען מען דאָס צו געבן. דאַרף איך זען אַז עס זאָל ווערן גוט איבערגעזעצט. און גראָד מאַכט זיך איצט אין פעטערבורג אַ ניַי טעאַטער מיט אַנדרעיעוו [2], מוז איך דאָך זען, אַז די קאָמעדיע זאָל ווערן איבערגעזעצט און אַז איך זאָל קאָנען קריגן עפּעס געלט.
נעכטן האָב איך פאָרגעלייענט מיַין קאָמעדיע אין אַ פּריוואַטער געזעלשאַפט און זי האָט געמאַכט אַ שטאַרקן, שטאַרקן איַינדרוק. מען זאָגט אַז עס איז אַ קלאַסישע זאַך. איך האָב געוואַרט אויף דימאָוון [3]. איך האָף ער וועט איבערזעצן מיַין דראַמע.
ווי געפעלט דיר רייזינס [4] בריוו? איך טראַכט פיל וועגן דעם.
איך גריס דיך און קוש דיך און בענק נאָך דיר, מיַין איינציקע, מיַין איינציקע, וואָס וואָלט איך געטון אָן דיר?

דיַין שלום

34

פעטערבורג, 1910

ליבע, איינציקע מאַדזשע,

איך מוז נאָך אייניקע טעג זײַן אין פעטערבורג בײַ דער איבערזעצונג פון מײַן דראַמע. די איבערזעצונג מאַכט דימאָוו [1], די ערשטע וואָס פרוג [2] האָט געמאַכט איז אוממעגלעך.

דו ווייסט אַליין ווי איך אײַל מיך אַהיים און ווי שלעכט, שלעכט און טרויע־ריק עס איז מיר דאָ אָן דיר — קיין מאָל איז נאָך נישט מיר אַזוי שלעכט געוועזן און קיין מאָל האָב איך נאָך דיר אַזוי נישט געבענקט ווי דאָס מאָל.

איך מוז אָבער זען פון וואַנען צו קריגן געלט אַז מיר זאָלן קאָנען אַ פּאָר חדשים לעבן רויִק און איך זאָל קאָנען אַרבעטן אויף מײַן „כריסטוס״.

איך קוש דיך און בענק נאָך דיר.

דײַן שלום

35

קוטנע, 1911

טײַערע מאַטל־לעבן,

איך בין אין קוטנע, בײַ דער מאַמע. עס איז דאָ זייער אינטערעסאַנט, פֿיל דעראינערונגען. הײַנט געווען אויפן גוטן אָרט, פיל מאַטעריאַל.

זײַ מוחל וואָס איך האָב דיר נישט געשריבן. כ׳בין געווען זייער פאַריאָגט, און צו דיר שרײַבן מוז איך האָבן אַ רויִקן קאָפּ און אַ גאַנץ האַרץ.

איך לאָז זיך מאָכן אין וואַרשע אַן אָנצוג.

מאָרגן פאָר איך צוריק קיין וואַרשע. איך האָב מורא איך זאָל נישט האָבן קיין שוועריקייטן בײַם אַרויסנעמען אַ פּאַס.

אַרום שבת־זונטיק פאָר איך צוריק קיין ווילנע און פון דאָרט פאָר איך צוריק קיין פעטערבורג, און פון פעטערבורג גלײַך אַהיים.

זײַ רויִק. אַז איך דערמאָן זיך אַז דו ביזט נישט רויק אין דער היים, ווער איך אומגליקלעך.

שרײַב מיר יעדן טאָג. שרײַב קיין ווילנע. פון דאָרט שיקט מען מיר איבער די בריוו איבעראַל ווו איך בין.

יעקב־יהושע [1] האָט זייער שיינע צוויי מיידלעך. די עלטסטע איז אַזוי אַלט און זעט אויס ווי אונדזער רות. איך האָב זיך מיט איר זייער געפרייט.
פון ווילנע האָט מען דיר געוויס שוין געשיקט די 150 רובל.
דײַן מיט גאַנצן האַרץ
שלום

די מאַמע לאָזט דיך הערצלעך גריסן.
איך עט מײַנע פרוי עט קינדער גריסן דיך מיט די קינדערלעך,
יעקב־יהושע אַש.

36

זשעליכאָוו, 1911

איינציקע, איינציקע מאַטל־לעבן,
די ערשטע רײַזע, הײַנט דאָנערשטיק, 6 אַ זייגער אַרויס פון זשעליכאָוו נאָך סטאָצק, 18 וויאָרסט. אָנגעקומען זענען מיר האַלב צען אַ זייגער. יעצט זיץ איך אין אַ פאַרהאַקטן רעסטאָראַן און טרינק ביר. איך מעג הײַנט טרינקען ביר, ווײַל איך האָב זיך אַ סך אָנגעאַרבעט. און איך בענק, בענק זייער נאָך דיר. אַ גאַנצן וועג גערעדט מיט ווײַסענבערגן [1] וועגן דיר.
קוש די קינדער.

דײַן שלום

ווערטע מאַדזשע,
אַ האַרצלעכסטן גערוס פון אײַער פרײַנד ווײַסענבערג. איך און אײַער מאַן פינדען זיך אין בעסטן געזונט.

37

מאַנאַטלעכער זשורנאַל
„די יודישע וועלט"
רעדאַקציע

ווילנע, 1911

טײַערע מאַטל־לעבן,
איך האָב דיר נישט געשריבן קיין בריוו ווײַל איך האָב געאַרבעט. איך האָב דאָך דיר שוין געשריבן, אַז איך הייב אָן צו אַרבעטן אין „הײַנט" [1] פאַר 150 רובל אַ חודש. איך בין נאָר טרויעריק וואָס דו האָסט וועגן מיר אַזאַ שלעכטע מיינונג. איך האָב דאָך דיך קיין מאָל נישט אַזוי טיף געליבט ווי איצט. פאַר וואָס שרײַבסטו מיר נישט?
דעם 23סטן פאָר איך קיין פעטערבורג, און אַרום סוף חודש וועל איך זײַן אין מאָסקווע. איך רעכן אפשר פריִער אַהיים צו קומען און דיך מיטצו־נעמען דאָ אַהער.
טײַערע מאַטל, איך בעט דיך, שרײַב מיר יעדן טאָג, איך בין זייער אומ־גליקלעך. איך מוז דאָך דאָ זײַן איין מאָל פאַר אַלע מאָל און אונדזערע געשעפטן אײַנצואָרדענען. מיר האָבן דאָך ביז איצט אַזוי פיל געליטן און איך וויל זען אַז מיר זאָלן קאָנען אין דער צוקונפט זײַן צוזאַמען און נישט לײַדן נויט.
איך האַלדז דיך און קוש דיך, איך בין אין גאַנצן דײַנער.

דײַן שלום

38

ווילנע, 1911

טײַערע, שיינע מאַדזשע־לעבן,
איך בין אין ווילנע. הײַנט זונטיק אָוונט פאָר איך צו קלעצקין [1] און וועל דאָרט זײַן די ערשטע טעג יום־טוב.
באַשטימט האָב איך צו וווינען אין בערלין, דערפאַר וויל איך דאָס שענקל,

דעם טיש און די ביכער איבערשיקן קיין בערלין. אַז דו וואָלסט געקאָנט וואָלטן מיר זיך נאָך דאָס יאָר איבערגעצויגן.
איך האָב גאָר אַ פּראָיעקט: אין אַ דרײַ וואָכן אַרום אַהיים צו קומען, און מיר זאָלן אין איינעם נאָך איטאַליע אַריבערפאָרן. אוי, וואָלט איך געוואָלט זײַן מיט דיר אין אַ שיינעם, הערלעכן זומער־אָרט, ווײַל איך ליב דיך זייער און בענק נאָך דיר זייער. קיין מאָל האָט קיינער נאָך קיינעם נישט אַזוי געליבט ווי איך דיך איצט. איך בענק נאָך דיר און זאָג אַלעמען, אַז דו ביזט די שענסטע פרוי וואָס איז דאָ אויף דער וועלט.
מיר האָבן מורא פאַר „מערי", מען זאָל עס נישט קאָנפיסקירן, נאָר דאַכט זיך, עס וועט אַדורכגיין.
איך קוש דײַנע הענט, דײַנע פיס — — — און טיף אין דײַן נשמה אַרײַן.
דײַן בענקענדער, משוגענער, שלעכטער,

שלום
וואָס שיקט דיר נישט קיין געלט.

39

פּאַריז, [1911 (?)]

איינציקע מאַדזשע,
דײַנע בריוו וואַרפן אויף מיר אַן שטענדיק אַזאַ מרה־שחורה אַז איך וויל זיך דערנאָך דאָס לעבן נעמען. גאָט, זאָל אַלץ אונטערגיין, אַלץ, און הער דיך אויף צו פּײַניקן.
איך בין אין פּאַריז. איך וועל דאָ האָבן אַן אָוונט. פון דאַנען וויל איך פאָרן אין לאָנדאָן.
אסתּר איז בײַ העלע סאָקאָלאָוו [1] און זוכט זיך אַרבעט.
אַוודאי וואָלט גוט געווען אַז דו זאָלסט קומען נאָך פּאַריז צו פאָרן, נאָר איך ווייס נישט, אויב עס איז גוט אַז דו זאָלסט קומען מיט צוויי קינדער און אַ דינסט. פאַרגעס נישט וויפל דאָס פאַרגרעסערט די הוצאות און מיר האָבן נישט קיין געלט.
מיט אַן אמת געזאָגט וואָלט איך שוין געוואָלט אַז מען זאָל איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָוועקנעמען די זאַכן, וואָלט זיך אויסגעזאָרגט די זאָרג וועגן די זאַכן. דו מאַכסט דאָך מיך משוגע די גאַנצע צײַט וואָס איך בין אין אויס־לאַנד. איך קאָן מיך צו גאָרנישט נעמען. איך קאָן גאָרנישט אָנהייבן צו טון.

יעדעס מאָל די זאַכן און די זאַכן. צי לווינט זיך אַזויפיל צו לײַדן דעריבער. מיר לעבן דאָך נישט, אונדזער גאַנץ לעבן איז אַ לאַנגע שנור פון זאָרגן וועגן קלייניקייטן. גוט, מיר האָבן קינדער, הכלל, וואָס זאָל מען טון? איז דאָך בעסער דער טויט, איידער אַזאַ לעבן!
לאָז, מאַדזשע, די זאַכן אַוועקנעמען, ווער עס וויל, און זאָל נעמען אַ סוף. זאָלסט קיינעם קיין גראָשן נישט באַצאָלן, איך וויל אַז מען זאָל אונדז מאַכן אַן אויספאַרקויף און די זאַכן אַוועקנעמען.
גוט וואָלט געווען מײַן ערשטער פּלאַן, אַז דו זאָלסט איבערלאָזן די דרײַ יונגען בײַם טאַטן און אַליין אַהערקומען קיין פּאַריז מיט רותקען [2].
שרײַב מיר באַלד וואָס דו האָסט באַשטימט, ווײַל איך גיי אַרום ווי משוגע, דו נעמסט מיר דעם גאַנצן געדאַנק אַוועק מיט די קלייניקייטן.
איך קוש דיך און בעט דיך איבער, איך קען דיר איצט נישט מער שרײַבן.

דײַן שלום

40

בערלין, [1912 (?)]

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
איך האָב שוין געהאַט די זאַכן בײַ דער באַן און בין שוין געווען גרייט צו פאָרן קיין וואַרשע. האָב איך זיך מישב געווען. אפשר האָסטו רעכט און איך בין געבליבן צו דער פּרעמיערע. איך האָב אַוועקגעשריבן צו קלעצקין [1] אַ בריוו, שרײַב זיי אויך, בעט איבער אים און דאָס ווײַב אַז דו קענסט נישט קומען, ווײַל די קינדער זענען קראַנק.
די פּרעמיערע וועט זײַן אַרום פּרײַטיק און אַז איך בין געבליבן, בין איך נאָר געבליבן צוליב דעם אַז דו זאָלסט קומען, ווײַל אָן דיר וועל איך דאָ אונטערגיין. איך פאַרליר זיך אַליין, דו מוזסט זײַן מיט מיר.
איך האָב דיר געוואָלט באַשען [2] אַריבערשיקן, האָב איך אָבער איצט נישט קיין געלט.
שרײַב מיר באַלד. איך בין מיד און אויסגעשעפּט.

דײַן שלום

41

לידע, 1912

איינציקע, טײַערע מאַדזשע־לעבן,
בין אין לידע ווו איך האָב געלעזן. הײַנט איז זונטיק, מאָרגן שיק איך דיר אַרויס הונדערט רובל. איך בעט דיך, שרײַב מיר יעדן טאָג.
אין צוויי וואָכן אַרום, רעכן איך, זאָלסטו אַהין נעמען באַשען [1] און זי איבערלאָזן מיט די קינדער, און דו זאָלסט קומען צו פאָרן קיין ווילנע, וועלן מיר שוין פון דאַנען פאָרן אין איינעם. עס האַנדלט זיך אין דעם אַז איך פאָר מיט קלעצקין [2] קיין פעטערבורג, מאָסקווע, קיִעוו — זאַמלען אַקציעס פאַר זײַן פאַרלאַג. ווען דאָס וועט זיך אונדז אײַנגעבן, וועל איך מוזן זיך באַזעצן אין ווילנע. עס וועט זײַן אַ גרויס געשעפט.
איך שרײַב דיר יעדן טאָג און דו מיר — נישט. מאָרגן וועל איך דיר שרײַבן אויספירלעך.
איך קוש דיך, מײַן טײַערע.

דײַן שלום

42

קיִעוו, [1912 (?)]

טײַערע מאַטל־לעבן,
איך האָב דיר פון וועג נישט געקאָנט שרײַבן. צוויי טעג בין איך געפאָרן מיטן דניעפּער קיין קיִעוו. זייער אינטערעסאַנט. איצט בין איך אין קיִעוו. הײַנט בין איך געווען אין אַ ייִדישער שקאָלע ווו מען לערנט מיידלעך אויף ייִדיש. די שקאָלע איז אין געהיים. זאָלסט זען בחורים און מיידלעך — לערערס אידעאַליסטן. אַז איך האָב געהערט די קינדער רעדן און לייענען ייִדיש זענען מיר טרערן געשטאַנען אין די אויגן. פאַר וואָס רעדן אונדזערע קינדער נישט קיין ייִדיש? לערן זיי ייִדיש, מאַטל־לעבן, מאַטל־קרוין!
מאָנטיק דעם 26סטן פאָר איך קיין ווילנע. פון ווילנע קיין סטאַרעוואָ. שרײַב מיר באַלד.
איך מוז איצט זײַן אַ געוויסע צײַט אין רוסלאַנד צוליב פאַרשיידענע גע־

שעפּטן, כאָטש איך וואָלט געוואָלט ווי אַמשנעלסטן קומען. איך בענק זייער. שרײַב מיר יעדן טאָג.
איך קוש דיך און בענק נאָך דיר און נאָך די קינדער.

43

ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין

ווילנע, 1912

איינציקע מאַטל־לעבן,
איך האָב נעכטן נישט געהאַט קיין צײַט דיר לענגער צו שרײַבן, ווײַל דער גוי האָט געוואַרט אויף דער פּאָסט. דו ווײסט מוזן, מאַטל־לעבן, אַהער קומען. איך מוז נאָך דאָ בלײַבן אַ חודש, און איך וועל דאָס נישט אויס־האַלטן אָן דיר. איך בין שוין משוגע. צווייטנס, לייגט מען מיר פאָר פון פאַרשיידענע שטעט פאַרלעזונגען, אַ טור אין אָדעס, קעשעניעוו און אַנ־דערע פּלעצער, פאַר 800 רובל. ווען דו וואָלסט געווען, וואָלט איך געקאָנט די פאַרלעזונגען אָננעמען און מיר וואָלטן געהאַט דערפון אַרום 1000 רובל. אָן דיר קאָן איך אַפילו נישט קלערן וועגן דעם. ווען איך וועל נאָך דאָ בלײַבן איינער אַליין צוויי וואָכן, וועל איך אויסגיין. פון פאַרלעזונגען קאָן איך האָבן 300 רובל אַ וואָך. מיר וואָלטן אַלע חובות אויסגעצאָלט און עס וואָלט אונדז געבליבן אַ שיינער גראָשן. באַדענק דיר דאָס און טעלעגראַפיר.
נעכטן האָט דיר קלעצקין [1] אַרויסגעשיקט די 150 רובל, זײַ מוחל וואָס אַזוי שפּעט.
איך קוש דיך.

דײַן שלום

44

ווילנע, גראַנד־האָטעל, 1912

טײַערע מאַטל־לעבן,
פאַר וואָס שרײַבסטו נישט. איך הייב זיך אויף אין דער פרי, קוק איך אויס אויף דײַן בריוו. איך מוז דאָ בלײַבן נאָך אַ פּאָר טעג צוליב דעם פּאַס.
אויך ווערט מען דאָ שטעלן מײַן פּיעסע אין יידישן טעאַטער, וועל איך האָבן אויף אַהיים צו פאָרן.
איך האָב, דאַכט זיך, אַ געניאַלע אידעע אויף אַ דראַמע, בין איך גליקלעך צוליב דעם.
פאַרגעס, מאַטל־לעבן, דעם שלעכטן בריוו, וואָס איך האָב דיר געשריבן. איך בין געווען אין אַ שלעכטער שטימונג. איך וועל נישט פריִער פון דאַנען אַוועקפאָרן ביז איך וועל נישט אײַנאָרדענען אַז דו זאָלסט יעדן ערשטן באַקומען דײַנע 200־250 רובל אַ חודש. דו ווייסט נישט ווי איך בענק איצט צוריק נאָך פּוילן. עס האָט זיך אין מײַן האַרץ דערוועקט ווידער אַזאַ ליבע צו אַלעם וואָס איז פּויליש און דאָס האָט האָט אויף מיר געמאַכט די אומגעבונג פון ווילנע — ווילנע איז אַזוי שיין, די אומגעבונג האָט אַזוי פיל טונקל גרינס אַז דו קאָנסט דיר גאָרנישט פאָרשטעלן.
איך בעט דיך, מאַטל־לעבן, באַרויִק דיך און זע צו קומען צו דיר. וואַרף אַוועק אַלע זאָרגן — וואָס קאָן אונדז שלעכט זײַן, אַז מיר האָבן זיך? ווי וואָלט איך געוואָלט איצט זײַן מיט דיר און מיט די קינדער אין אַ שיין פּויליש אָרט, ווי אין קאַזשימיערזש, דאָרטן זיצן צווישן די סעדער מיט די פלוימען און שרײַבן פון אַלטע פּוילישע יידן און פון פּויליש־יידישע מיידלעך. אַז די דראַמע זאָל זיך מיר אײַנגעבן וועט עס זײַן אַ מײַסטער־ווערק.
איך קוש דיך, מײַן ליב ווײַב, זע צו קומען צו זיך, גיי שפּאַצירן און בענק נאָך מיר, בענק, בענק, מײַן גאַנץ האַרץ איז מיר דיר.
איך קוש דיך אויף דײַן מויל און דײַן קלאָר האַרץ.

דײַן שלום

גריס און קוש נתן [1], איך בענק נאָך אים. זאָג אים אַז איך שרײַב אים נישט דערפאַר, ווײַל ער פאַרשטייט נישט קיין יידיש און אַז ער וועט פאַרשטיין וועל איך אים אַ סך שרײַבן.
קוש משהן [2], מײַן ליבסטן זון, און יוחנן [3], מײַן גרעסטע האָפענונג. אויך מײַן איינציקע, שיינע טאָכטער — קוש און גריס אַלעמען.

45

מאַנאַטליכער זשורנאַל
„די יודישע וועלט"
רעדאַקציע

ווילנע, 1912

מאַטל גאָלדענע,

דו מוזסט דאָך זײַן אומרויִק וואָס איך שרײַב דיר נישט און דאָ בין איך אַזוי פאַריאָגט אַז איך קום נישט צו דער פעדער. פיר, פינף טעג האָט זיך געהאַנדלט אַרום דעם „פרײַנד" [1], וועגן איבערנעמען אים קיין ווילנע. און פון דעם אַלעם האָב איך אַזאַ קאָפּ־פאַרדרייעניש באַקומען אַז איך האָב נישט געוווּסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. האָב איך שוין געוואָלט אַהיים פאָרן, קאָן איך נישט צוליב דעם פּאַס. קלעצקין [2] מאַכט מיר אַ יאָר־פּאַס, דאַרף ער אונטערשרײַבן בײַם רייענט, איז ער דערווײַל נישטאָ אין ווילנע. מוז איך וואַרטן ביז ער וועט קומען. און פון דעם אַלעם האָב איך אַזאַ קאָפּ־דרייעניש אַז איך האָב נישט קיין צײַט דיר אַ בריוול צו שרײַבן.

נעכטן האָב איך דערהאַלטן פון דיר די טעלעגראַמע. איך ווייס נישט וואָס איז די מעשׂה וואָס ס'קומט נישט קיין געלט פון אַמעריקע און נישט פון וואַרשע. דו מוזסט מיר מוחל זײַן, מאַטל־לעבן. אונדזער זאָרג וועגן געלט וועט אונדז ביידע פאַרטרײַבן אין קבר אַרײַן. מיר מוזן זען עפּעס צו טון אַזעלכס אַז מ'זאָל אויפהערן זאָרגן וועגן געלט. איך רעכן אַז איך וועל יעצט באַקומען פון קלעצקין 150 רובל אַ חודש און פון „צענטראַל" [3] 75. מוזן מיר פון דעם געלט אויסקומען — 225 רובל אַ חודש! וואָרום איך וויל זיך יעצט נעמען צו „מערי", און איך האָב מורא אַהיים צו קומען, איך האָב מורא, אַז איך וועל אונטערגיין בײַ דער געלטזאָרג. דערווײַל דאָס אַרומדרייען זיך אין ווילנע מאַכט פון מיר אַ תּל. איך וואַרט נאָך דאָ אויף קלעצקין און אַזוי ווי איך וועל נאָר האָבן דעם פּאַס, קום איך אַהיים.

וואָס דו שרײַבסט מיר נישט, טוסטו אַ גרויסע זינד. זאָלסט ווייסן ווי איך בענק נאָך דיר, איך וויין יעדע נאַכט.

דײַן שלום

מאַנאַטליכער זשורנאַל
„די יודישע וועלט“
קאַנטאָר

ווילנע, [1912 (?)]

טײַערע מאַטל־לעבן,
מאַכסטו מיך משוגע? מיינסט אַז איך קען יאָ אויסהאַלטן, איך שלאָף דאָך שוין צוויי חדשים קיין איין נאַכט נישט. אָבער וואָס זאָל איך טון? דו ווייסט ווי איך וויל נישט אַוועקפאָרן פון דער היים, און איך בין דאָך דער אומ־גליקלעכסטער מענטש ווען איך בין נישט אין דער היים. איך לעב דאָך נישט די גאַנצע צײַט ווען איך בין נישט אין דער היים, ווען איך בין אַליין. עס וואָלט שוין צײַט געווען אַז דו זאָלסט פאַרשטיין און מיר פילן. איך האָב געמוזט פון דער היים אַרויספאָרן, פון שאַטילאָן לעבן מיר נישט. די חובות וואָלטן דאָך אונדז אויפגעפרעסן ווען איך בין נאָך צוויי וואָכן אין דער היים. און דאָ איז מײַן אָרט, דאָ פאַרדין איך געלט, און פון דאַנען לעב איך.
מיר דאַכט זיך, אַז מיר וועלן מוזן טון אַזוי ווי מיר האָבן אָפּגערעדט, די יונגען איבערלאָזן אין אַ פּענסיאָנאַט און דו מיטן מיידל וועט עטץ מוזן אַהער קומען.
איך האָב שוין געהאַט אָנגענומען אַ ריי פאָרלעזונגען פאַר 800 רובל. הײַנט, אַז איך האָב דערהאַלטן דײַן בריוו, האָב איך אַלץ אָפּגערופן און קום אַהיים. נאָר נאָך פּעטערבורג און מאָסקווע מוז איך פאָרן דערפאַר ווײַל אַלץ איז דאָרט צוגעגרייט און קאָן נישט מענטשן מאַכן צו נאַר, אַלץ איבערלאָזן און אַנטלויפן. מענטשן וואַרטן דאָרט אויף מיר.
דו מאַכסט מיך קראַנק. איך בין קיין איין טאָג נישט איבערגעבליבן אין וואַרשע בחינם. איך בין געזעסן אַ פּאָר טעג אין וואַרשע, ווײַל איך האָב מיר געמוזט אַרויסנעמען אַ פּאַס. און איך האָב געוואָלט אָפּמאַכן מיט יאַצקאַנען [1]. טאָמער ווערט נישט פון געשעפט וואָס אין פּעטערבורג מיט די אַקציעס, מוז איך דאָך איין מאָל פאַר אַלע מאָל האָבן פּרנסה. צוליב דעם בין איך געזעסן אייניקע טעג אין וואַרשע. דורך דער צײַט האָב איך אַזעלכע געשעפטן אָפּגעמאַכט: אַ פּאַס אַרויסגענומען, וואָס האָט מיר 25 רובל געקאָסט; מיט „צענטראַל“ [2] וועגן מײַנע ביכער אַדורכגעקומען. אַן אָנצוג זיך געלאָזט מאַכן און יעדן אָוונט געווען צוזאַמען מיט יאַצקאַן [3], פינקעלשטיין [4] און דינעזאָן [5]. איך בין פאַריאָגט און קלער וואָס בעסער

אײַנצואָרדענען אונדזערע געשעפטן אַז מיר מיט די קינדער זאָלן נישט לײַדן הונגער.
גלייב מיר, מאַדזשע, מיר דאַרפן שוין שטיין העכער פון דעם אַלעם און מיר דאַרפן שוין האָבן איינער צום צווייטן צוטרוי, נישט צו קרענקן זיך מיט אַזעלכע נאַרישקייטן. מיר וועלן שוין, מײַן קינד, אונדזערע יאָרן אין איינעם אויסלעבן און נחת האָבן פון די קינדער.
שוין פינף טעג בין איך אין ווילנע. לאַנגווײַליק ווי דער טויט. פון ווילנע פאָר איך קיין פעטערבורג און שפּעטער קיין מאָסקווע. דעם 25סטן האָב איך אַ לעזונג אין מאָסקווע. פון מאָסקווע פאָר איך דירעקט קיין פּאַריז. איך וואָלט שוין מאָסקווע געוועזן איבערגעלאָזט, נאָר פאַר דער פאָרלעזונג קאָן איך האָבן 500 רובל און איך וויל אַהיימקומען מיט אַ פּאָר הונדערט רובל. יעצט האָב איך גאָרנישט קיין געלט. איך וויל אַז מיר זאָלן קאָנען אויפן פרילינג אין איינעם פאָרן קיין ארץ־ישׂראל. דאָס געלט וויל איך מיר יעצט שאַפן. דורך דעם בעט איך דיך, מאַדזשע, באַרויִק דיך. אַז עס איז קאַלט אין שאַטאַלאָן, צי דיך איבער קיין פּאַריז. און באַרויִק מיך, איך ווער משוגע, איך בענק נאָך דיר און גיי אויס נאָך דיר.
איך לעב מיט דער פאַנטאַזיע אַז איך וועל מיך באַהעפטן מיט דיר און דיך פעסט, פעסט צו מײַן האַרץ צודריקן.
איך קוש דיך — — —

דײַן שלום

47

מאָנאַטליכער זשורנאַל
„די יודישע וועלט״
רעדאַקציע

ווילנע, [1912 (?)]

טײַערע מאַטל־לעבן,
פאַר דײַנע בריוולעך מײַן טײַערסטן קוש און מײַן גאַנץ האַרץ. איך האָב דאָך דיך קיין מאָל נאָך נישט אַזוי ליב געהאַט ווי יעצט. און איך דאַנק גאָט וואָס ער האָט מיר דאָס האַרץ געעפנט צו זען ווי שיין דו ביזט און דו ביזט מײַן איינציק גליק. איך בעט דיך, מײַן טײַערע, אַרבעט נישט, איך

האָב מורא פאַר דיר. גאָט וועט אונדז העלפן און איך וועל זען געלט צו פאַרדינען, אַז דו זאָלסט קאָנען אַ גוטע דינסט צונעמען.
איך האָב די גאַנצע וואָך שווער געאַרבעט, צוגעגרייט זיך צו מײַן רעפּע־ראַט איבער דער ביבל. איך האָב געמוזט פיל ביכער לעזן און אַ סך מאַטע־ריאַל זאַמלען. הײַנט אין אָוונט לעז איך אים. גאָט זאָל מיר העלפן אַז עס זאָל דורכגיין מיט כּבוד, וואָרום עס וועלן קומען אַ סך פײַנע מענטשן מיך הערן, און איך זאָל נישט פאַרשעמט ווערן.
דעם דאָנערשטיק פאָר איך קיין פּעטערבורג. וועל איך אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע עפּעס קאָנען מאַכן מיט מײַן פּיעסע, וועל איך שרײַבן נאָך דיר און שיקן דיר געלט דו זאָלסט אַהער קומען אויף אַ פּאָר וואָכן. וועל איך נישט קאָנען מאַכן מיט דער פּיעסע, וועל איך זען אַ ביסל געלט צו פאַרדינען און אַהיימקומען צו דיר ווי אַמשנעלסטן, וואָרום איך גיי אויס נאָך בענקשאַפט צו דיר.
איך האָב זיך דערמאָנט, אַז דו האָסט נישט קיין מאַנטל. איך וועל דיר מאָרגן עפּעס געלט אַרויסשיקן אויף אַ מאַנטל. זע דיך צו דערהאַלטן, שטאַרק צו זײַן און שיין צו זײַן פאַר מיר און פאַר אונדזערע קינדערלעך.
איך שיק דיר דאָ אײַן אַ טשעק אויף הונדערט רובל. היט די אויוונס, געדענק אין גאָט — און דערקילט אײַך נישט.
איך קוש דיך ———

דײַן מאַן

48

ב. א. קלעצקין־פאַרלאַג, ווילנע.

ווילנע, 1912

איינציקע, טײַערע מאַדזשע־לעבן,
איך דאַנק דיר טויזנט מאָל פאַר דײַן בריוו. דו ווייסט גאָרנישט ווי טרויעריק איך בין געווען צוליב דײַן שווײַגן. געוויס האָסטו שוין דערהאַלטן די 150 רובל, וואָס איך האָב אַרויסגעשיקט דורך דינעזאָן [1].
מיט די זאַכן האָב איך נאָך גאָרנישט געמאַכט. איצט וועל איך זײַן אין וואַרשע, וועל איך אַלץ אײַנאָרדענען.
מיט נתן [2] דענק איך טאַקע אַזוי צו מאַכן, ווי דו שרײַבסט מיר, איבערלאָזן

אים איבערן ווינטער בײַם טאַטן אין שולע און אויף זומער נעמען אים צו אונדז. איך רעכן שוין געוויס אויפֿס יאָר ווינטער צו וווינען אין בערלין. דער יונג זעט אויס גאַנץ גוט, ער האָט ליב די שולע — און דער טאַטע האַלט אים זייער שטרענג, דאָס איז זייער גוט. דער עיקר, מען דאַרף אים נישט געבן קיין געלט. מיר דאַכט זיך פֿאַר דעם טאַטן וועט דאָס אויך בעסער זײַן, ווײַל ער באַדאַרף איצט די 30 רובל אַ חודש וואָס מיר צאָלן אים.

פֿאַר „גאָט פֿון נקמה" האָב איך אַרויסגעקריגן אַ ביסל געלט, דאָס געלט שיק איך דיר.

דאָ איז זייער לאַנגווײַליק. פֿאַר דעם אַרבעט איך. איך האָב שוין באַלד אָנגעשריבן דאָס בוך „מעשׂהלעך פֿאַר קינדער" וואָס איך האָב אָנגעהויבן צו שרײַבן אין דער היים. איך רעכן עס צו פֿאַרקויפֿן אין וואַרשע.

זײַ פֿריילעך, מײַן קינד. אַז דו וואָלסט געוווּסט ווי איך ליב דיך, ווי איך בענק נאָך דיר — יאָ, מאַדזשע, איך געהער אין גאַנצן, אין גאַנצן צו דיר.

איך קוש דיך, מײַן איידעלע, טײַערע מאַדזשע.

דײַן שלום

49

ווילנער פֿאַרלאַג פֿון ב. א. קלעצקין

ווילנע, 1912

איינציקע, טײַערע מאַדזשע־לעבן,

איך בין אין ווילנע. זײַ מיר מוחל וואָס איך האָב דיר נישט געשריבן פֿון מאָסקווע. איך בין אין מאָסקווע געווען אַזוי פֿאַרנומען, אַזוי פֿאַריאָגט מיט זיצונגען, אַז איך האָב קיין צײַט נישט געהאַט דיר אַ וואָרט צו שרײַבן. דערפֿאַר האָב איך דיר געקויפֿט שיינע זאַכן. אין לעצטן טאָג האָב איך צופֿעליק אַנטדעקט אַן אַלט געשעפֿט. איך האָב דיר געקויפֿט שיינע שפּיצן, ווײַסע און שוואַרצע, אַ טערקישן שאַל און אַלט מאָסקוועער זײַד. וועסט דיך זייער פֿרייען מיט דעם אַלעם. איך האָב אויך געקויפֿט אַ פּאָר קמיעות. אין ווילנע וועל איך פֿאַרבלײַבן ביז מיטוואָך, איך וואַרט נאָר דאָ אויף קלעצקינען [1]. דערנאָך נעם איך נתנען [2] און צו דיר אַהיים, מײַן האַרציק,

שיין וויַב, וואָס איך בענק נאָך דיר בײַטאָג און בײַנאַכט. איך קאָן שוין נישט, מאַדזשע־לעבן, אַליין פאָרן, ווײַל איך בענק זייער נאָך דיר.
איך קוש דיך אין דײַן מויל אַרײַן — — —

דײַן איינציקער שלום

50

ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין

ווילנע, 1912

איך בין בײַ קלעצקין [1]. איך האָב געמוזט אַהערקומען דערפאַר, ווײַל מען האָט מורא אַז מען זאָל נישט קאָנפיסקירן „מערי״. די דײַטשע אויסגאַבע האָט מען קאָנפיסקירט. און איך מוז אויך איבעראַרבעטן דעם דריטן אַקט פון „— — — ״ — איך וויים נישט, אויב עס וועט זיך מיר דאָס אײַנגעבן. יעדנפאַלס בין איך דאָ נישט לענגער ווי די ערשטע טעג יום־טוב. זונטיק פאָר איך קיין וואַרשע, באַצאָל פאַר די מעבל, שיק די ביכער מיט די קליינע זאַכן איבער אין פּאַריז. פאָר שפּעטער נאָך לאָדזש צו נתן [2], נעם אים אויף די אַנדערע טעג יום־טוב קיין וואַרשע צו די סאָקאָלאָווס [3], און קום באַלד צו דיר צו פאָרן. איך בענק איצט זייער אַהיים, איך קאָן נישט מער זײַן אָן דיר. שטענדיק ווען איך בין אָן דיר, פיל איך זיך שלעכט. איך בעט דיך, לאָז מיך נישט פון דער היים אַוועק. איך וואָלט צוויי מאָל אַזוי פיל געוווען געאַרבעט אַז איך וואָלט מיט דיר שטענדיק געוווען. לאָז מיך נישט אַוועק פון דער היים, זאָל אַלץ פאַרברענט ווערן, הונגערן זאָלן מיר, נאָר אין איינעם זײַן.
איך קוש דיך, געטרײַע און איינציקע מאַדזשע, איך קוש דיך אויף דײַן מויל, טיף אין דײַן נשמה אַרײַן, קוש רותן, מײַן איינציקע טאָכטער.

דײַן שלום

ווילנע, 1912

טײַערע מאַטל־לעבן,
איך דאַנק דיר פאַר דײַן בריוו. דו מוזסט מיר מוחל זײַן וואָס איך שרײַב דיר נישט רעגלמעסיק. ווען דו וואָלסט מיך געזען און וואָלסט געוווּסט אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד איך געפין זיך, וואָלסטו מיך פאַרשטאַנען. און דאָס אַלץ איז נאָר צוליב אונדזערע געלט־זאָרגן. איך האָב מורא, אַז די געלט־זאָרגן אונדזערע וועלן מיך טרײַבן אין גרוב אַרײַן. זיי נעמען אַוועק פון מיר יעדן חשק צו לעבן און צו אַרבעטן. למשל: איך דריי זיך איצט אַרום אין ווילנע, כּדי איך זאָל אויספּועלן בײַ קלעצקין [1] ער זאָל מיר געבן 150 רובל אַ חודש, און 150 רובל, ווייס איך, קאָן ער מיר נישט צאָלן. וועל איך אים דאָך דאַרפן שולדיק זײַן, שטענדיק שולדיק זײַן. און דו ווייסט ווי עס זענען מײַנע געפילן צו אַ מענטשן וועלכן מען איז תּמיד שולדיק געלט.
איך זיץ אין ווילנע און וואַרט, איך זאָל האָבן געלט מיט וואָס אַהיים צו קומען, ווײַל פון דײַן געלט וויל איך דאָך נישט רירן. קענסטו דיר פאַר־שטעלן ווי דאָס אַלץ ווירקט אויף מײַן שטימונג.
און דאָס אַלץ איז נאָר צוליב דעם וואָס מיר קאָנען זיך נישט אײַנאָרדענען, נישט איך און נישט דו. מיינסט אַז דו האָסט אַ מאַן אַ גרויסן ליטעראַט, מוז ער פאַרדינען אַזוי פיל און אַזוי פיל. און אַז איך קאָן נישט פאַרדינען, וואָס טוט מען? ווייסטו פאַר וואָס איך אײַל זיך נישט אַהיים צו קומען? דערפאַר ווײַל איך האָב מורא, אַז איך וועל אַהיימקומען וועלן מיך די געלט־זאָרגן אַזוי באַפאַלן אַז איך וועל אַרײַנפאַלן אין אַ מרה־שחורה און איך וועל נישט קאָנען נעמען די פעדער אין האַנט אַרײַן.
און צו וואָס טויגן מיר די שיינע פאַנטאַזיעס וואָס איך האָב איצט פאַר דעם צווייטן טייל „מערי“ אַז איך ווייס, אַז די זאָרג וועט פון אַלעם מאַכן אַ תּל. אונדזער גאַנץ לעבן ווערט נאָר מיאוס צוליב דעם וואָס מיר פּלאָגן זיך תּמיד וועגן געלט. אַז איך דערמאָן זיך אונדזער פאַרגאַנגענהייט וואָס מיר זענען אויסגעשטאַנען צוליב דעם געלט, דאַכט זיך מיר, אַז יעדעס שטיקל פרייד איז אונדז פאַרשטערט געוואָרן צוליב דער זאָרג. און איז דען אַזוי שלעכט מיט אונדז? איך פאַרדין דאָך 250 ביז 300 רובל אַ חודש. פאַר וואָס זאָלן מיר זיך נישט קאָנען אײַנאָרדענען? דו זאָגסט אַז איך בין שולדיק, אַז איך וואַרף מיטן געלט. אפשר איז עס אמת. נאָר אַז איך קוק זיך אײַן, זע איך, אַז עס איז נישט אמת. אַז איך פאַר, פאַר איך נאָר דאַן ווען איך האָב אַ לעזונג, אָדער איך באָרג מיר ווו געלט. אין דער פרעמד

לעב איך נאָר פאַר פרעמד געלט, און דו ווייסט דאָך ווי דאָס מאַכט מיך שפל און נידעריק.
ניין, מאַדזשע, מיר מוזן אָנהייבן לעבן אַן אַנדער לעבן. ביז איצט בין איך אַ קינד געווען. איך ווייס אַז איך האָב דיר פיל שלעכטס געטון אין מײַן לעבן, אָבער די משוגענע יאָרן זענען דאָך שוין פאַרבײַ, איך בין בײַ דיר מיטן גאַנצן האַרץ. דאָס גרעסטע גליק, וואָס האָט מיך געטראָפן איצט, אַז מיר האָבן זיך שוין ביידע געפונען, קאָן מען דען נישט שאַפן עפּעס אַן עצה? קאָן מען דען נישט פאַר ווינציקער לעבן? מוז איך דען מײַן נשמה פאַרקויפן פאַר אונדזער גליק?
איך קאָן נישט אַרבעטן אין קיין טאָג־בלעטער און האָב נישט ווו צו אַר־בעטן. איבעריקנס, גיט מיר קלעצקין [1] די 150 רובל נאָר צוליב דעם תּנאי אַז איך זאָל נישט אַרבעטן אין קיין טאָג־בלאַט. (דער „היינט" [2] איז נישט פאַר מיר און נישט איך פאַר זיי). מיר מוזן לעבן פאַר דעם געלט וואָס מיר האָבן.
דו שרײַבסט מיר, איך זאָל מיר באָרגן 300 רובל. וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן דו רעדסט! פון וואַנען זאָל איך זיי נעמען? אפשר פאַרקויפן דאָס „שטעטל" פאַר 300 רובל אויף שטענדיק? קיין אַנדער עצה איז נישטאָ.
נאָר דענסמאָל וועט אונדז קיין פאַרלעגער קיין גראָשן נישט געבן. אַז דו ווילסט בויען אונדזער גליק, מוזסטו זען אַזוי זיך אײַנצואָרדענען אַז מיר זאָלן גליקלעך זײַן מיט די מיטלען וואָס מיר האָבן. אַז נישט, האָט אונדזער לעבן גאָר קיין טעם נישט. אַנדערע טוען עס פאַר פיל ווייניקער.
איך מוז נאָך דאָ אין ווילנע בלײַבן איבער אַ וואָך, ווײַל די גאַנצע וואָך איז יום־טוב, איך מוז מיר שאַפן געלט פאַרן האָטעל צו באַצאָלן און אַהיימקומען. פון וואַנען וועל איך עס נעמען, ווייס איך נישט.
איך בענק נאָך דיר און נאָך מײַן גליק.

דײַן שלום

52

ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין

ווילנע, 1912

איינציקע, טײַערע מאַדזשע,
אין בערלין האָב איך גערעדט מיט קאַהאַנע [1] און האַלענדערן [2], זיי איז דער דריטער אַקט פון מײַן „נאַכט" נישט געפעלן, און מיט רעכט. מיר איז

אײַנגעפֿאַלן אַן אַנדערע אידעע, אַ דריטער אַקט װעלכער גײט אַרױס פֿון דער דראַמע אַלײן. בין איך אַװעק צו קלעצקין [3] און דאָרט זיך אַװעקגעזעצט און אָנגעשריבן דעם דריטן אַקט. מיר דאַכט זיך אַז אַזױ װי איצט איז עס אײנע פֿון די שטאַרקסטע זאַכן אין דער דראַמאַטישער ליטעראַטור. דיר װעט עס זײער געפֿעלן.
הײַנט איז שבת, נעכטן האָב איך דײַן בריװ געקריגן. טױזנט דאַנק. מאָרגן, זונטיק, פֿאָר איך קײן װאַרשע. דאָרט װעל איך פֿאַרקױפֿן דאָס מעבל, די ביבליאָטעק און די דיװאַנען איבערשיקן קײן פּאַריז.
איך װאָלט געװאָלט װיסן װי דו פֿילסט זיך. דאַרפֿסטו פֿאָרן אין קאָרסיקע, האָב איך בײַ מיר הונדערט רובל, קאָן איך זײ דיר שיקן. טעלעגראַפֿיר מיר גלײַך צו דינעזאָנען [4]. קלעצקין האָט דיר שױן אַרױסגעשיקט הונדערט רובל. שרײַב מיר, צי מיר װעלן קאָנען דאָרט איבערװינטערן. אױפֿס יאָר װינטער, מיר זאָלן דערלעבן, מוזן מיר זיך שױן באַזעצן ערגעץ־װוּ אױף שטענדיק. אָדער אין װילנע, אָדער אין בערלין. איך האָב ערשט איצט געענדיקט מײַן דראַמע און בין זײער אױפֿגערעגט.
איך האָב שרעקלעכע נעכט. איך חלום גאַנצענע נעכט װעגן דיר. איך בענק שױן זײער נאָך דיר. גאָט, אַזױ לאַנג האָב איך דיך נישט ——— איך קוש דיך אין דײַן מױל.

דײַן שלום

אַ האַרציקן גרוס פֿון מאַדאַם קלעצקין און קלעצקין.

53

װאַרשע, 1912

ליבע, האַרציקע מאַדזשע,
איך האָב דיר נישט באַלד געענטפֿערט אױף דײַן בריװ. איך בין אַ גאַנצע נאַכט געלעגן און געקלערט, װוּ זאָל מען ענדלעך שױן װױנען, געקלערט און געקלערט. אין פּאַריז מוז איך זײַן אַ צװײ, דרײַ יאָר. פּאַריז האָט מיר זײער פֿיל געגעבן און עס װעט מיר נאָך מער געבן. אין בערלין בין איך אָבער יעצט אײַנגעפֿירט זײער גוט. עס װאָלט מיר לײַכטער געװען צו פֿאַרדינען, און װאָס דער עיקר, איך װאָלט אין בערלין געלערנט. איך האָב יעצט אַ נײגונג צו שטודיע, איך װיל לעזן איבער די מזרח־לענדער און

שטודירן זייער געשיכטע. עס איז מיר אומבאַדינגלעך נייטיק צו מײַן ווײַטערדיקער אַרבעט.
וואָס זאָל איך טון? איז בײַ מיר געבליבן נישט אַנדערש נאָר איך זאָל זיך פאַרלאָזן אויף דיר. איך האָב דיך שוין מורא צו שלעפּן — געדענק וויפל געלט און כּוח דאָס האָט אונדז געקאָסט ביז מען האָט זיך שוין אַ ביסל אײַנגעאָרדנט אין פּאַריז — האָב איך מורא זיך צו רירן.
איך פאַרלאָז מיך אין גאַנצן אויף דיר און איך גיב דיר מײַן ערן־וואָרט, איך וועל דיר דערנאָך קיין „פּאָרווירפע" נישט מאַכן.
איבערהויפּט וויל איך יעצט אָנהייבן אַנדערש פירן מײַן לעבן, רויִקער און אָנשטענדיקער. מיט אַן אמת. איך בין געוועזן אַ קינד — הײַנט ווייס איך, אַז איך האָב דיך מיטן אמתן האַרץ ליב, און וויל שטיל און רויִק לעבן.
איך בין געוועזן מיטן טאַטן צוויי טעג אין וואַרשע, אַ גרויסער עגאָיִסט. איך האָב אים נישט ליב.
איך וואָלט געוואָלט, אַז מען זאָל נאָך איבערן ווינטער בלײַבן אין פּאַריז און ערשט אויפן זומער פאָרן ווו. שפּעטער איבער אַ יאָר זיך אַריבערציִען קיין בערלין. דעצידיר.
וואָס וועט אָבער זײַן מיט די קינדער? אפשר וואָלט מעגלעך געווען, אַז די קינדער זאָלן זיך אין דער היים לערנען? נאָר ווי געזאָגט, איך פאַרלאָז מיך אויף דיר אין גאַנצן, אין גאַנצן אויף דיר. און שרײַב מיר באַלד צו קלעצקין [1], וואָס דו האָסט באַשטימט.
איך מוז נאָך זײַן אין וואַרשע, דאָנערשטיק פאָר איך צו קלעצקין און פון דאָרט וועל איך דיר שרײַבן.
און דו דורך דער צײַט זע שטאַרק צו ווערן, באַרויִק דיך. שלאָף גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט און חלום נאָר פון מיר.
פאַר מיר זאָלסטו דיך נישט זאָרגן, נאָר זע אַז דו זאָלסט רויִק און געזונט ווערן. און מיט קיינעם זאָלסטו קיין וואָרט נישט אויסרעדן, און קיינעם זאָלסטו נישט זען, איך ווער משוגע פאַר אייפערזוכט.
איך קוש דיך אויף דײַן מויל — — —

דײַן שלום

54

וואַרשע, 1.10.1912

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
נעכטן, מאָנטיק, בין איך געקומען קיין וואַרשע. דײַן טעלעגראַמע איז טאַקע דאָ, נאָר די זאַכן וועלן זיי ערשט אַרויסגעבן ווען עס וועט זײַן פון דיר אַ בריוו. האָב איך דיר ווידער טעלעגראַפירט. איך האָב אַזויפיל האַרץ־ווייטיק און קרענקונג פון די זאַכן, אַז איך וואָלט געוואָלט אַז די זאַכן זאָלן פאַרברענט ווערן.
בײַ קלעצקין [1] האָב איך געשריבן דעם דריטן אַקט.
„ר׳ שלמה נגיד״ האָט געמאַכט אַן אומגעהויערן אײַנדרוק אין וואַרשע. איך בין ווידער מיט אַ מאָל געוואָרן דער ליבלינג פון אַלע ייִדן. יאַצקאַן [2] בעט מיך, איך זאָל אַרבעטן אין „הײַנט״ [3], איך האָב אָבער באַשטימט צו בלײַבן בײַם „פרײַנד״ [4].
איך לאָז אַלץ איבער און פאָר הײַנט צו נתנען [5] אין לאָדזש. איך וועל אַוודאי בלײַבן אין לאָדזש די צווייטע טעג יום־טוב, ווײַל איך בין זייער מיד פון וואַרשע. איך וועל זיך פאָטאָגראַפירן מיט נתנען. איך וועל אים קויפן אַ פּאַלטאָ און אַלץ וואָס ער דאַרף.
איך קוש דיך און בענק שוין זייער אַהיים נאָך דיר, מײַן פרײַנד און גע־ליבסטע.

דײַן שלום

ליבע מאַדזשע,
עס שטייען צוויי בלומען־טעפּלעך אויף מײַן טיש. איך האָב זיי געקויפט געלעגנטלעך. און ווען איך קוק אויף זיי, דערמאָן איך אײַך, ליבע מאַדזשע. „נישטאָ מאַדזשע, נישטאָ קיין בלומען אין מײַנע טעפּלעך״, זאָג איך, און איך בענק נאָך אײַך. איך גריס אײַך הערצלעך און אַז שלום זאָל נישט זײַן דערבײַ, וואָלט איך זאָגן, אַז איך קוש אײַך.

אײַער י. דינעזאָן

וואַרשע, 1912

איינציקע מאַדזשע,
פאַר באַשען [1] האָב איך געטאָן אַלץ, וואָס איך האָב געקאָנט. כ'האָב זיך היינט געזען מיט ד"ר טאָמקין [2] און ד"ר קאַהאַן [3] פון הילפס־פאַראיין, זיי אַלץ דערציילט מיט די איינצלהייטן און זיי האָבן מיר צוגעזאָגט אַלץ צו טון און צוגעזאָגט אַז זיי וועלן באַקומען פאַר איר אַ באַשעפטיקונג.
באַשע זעט אויס גאַנץ גוט, נישט געענדערט זיך.
דער טאַטע [4] האָט זיך אויך באַרויִקט און ער האָט חתונה געהאַט מיט דער מומע רחל. מיר דאַכט זיך, ער האָט גאַנץ גוט געטאָן.
מאָרגן וועט נתן [5] ענדיקן די שולע, זיי האָבן געדונגען אַ וווינונג נעבן גאָמבין. איך וועל וואָרשיינלעך בלייבן ביי זיי אַ פּאָר וואָכן דערפאַר ווייל איך וויל זיין אין פוילן, איך פריי זיך זייער דערמיט.
אין בערלין בין איך אַ באַקאַנטער שריפטשטעלער. דער „בערלינער טאַגע־בלאַט" דרוקט „ערד" און מיין ראָמאַן געפעלט זייער. נאָר וואָס קומט אַרויס, איך אַליין פיל זיך זייער שלעכט. איך בין אַזוי ווי שיכּור און בין זייער, זייער נערוועז. איך וועל מוזן פאָרן אין אַ הייל־אַנשטאַלט.
אַלזאָ, מאַדזשע־לעבן, באַרויִק זיך, זיי געזונט, געדענק אַז דו האָסט קינדער און דו מוזסט לעבן און געזונט זיין פאַר דיינע קינדער, זיי זענען אויך מענטשן. און אַז דו וועסט קראַנק זיין, וועלן זיי אויך קראַנק זיין.
שיק מיר באַלד די בריוו צו דינעזאָן [6].
איך קוש דיך, איך האַלדז דיך, און גלייב אין מיר ווי איך אין דיר.

דיין שלום

56

„דער פרײַנד"
וואַרשע, דלוגאַ 23

וואַרשע, 1912

איינציקע מאַדזשע־לעבן,
איך האָב דיר נישט געשריבן ביז יעצט ווײַל איך בין געווען אין גאָמבין בײַם טאַטן. מיט באַשען איז אַזוי ווי איך האָב דיר געשריבן. באַשע האָט זיך ווייניק וואָס געענדערט, זי איז אַ ביסל שענער געוואָרן און פאַרדרייט מאַנספּאַרשוינען די קעפּ.
דער טאַטע [1], אַזוי ווי איך האָב דיר געשריבן, האָט חתונה געהאַט מיט דער מומע רחל, דאָס איז דאָס גלײַכסטע, וואָס ער האָט געקאָנט טון. זי ליבט און באַהאַנדלט די קינדער זייער פֿײַן. דײַן טאַטע איז דער זעלבער עגאָאיסט, וואָס איז געווען. עס וואָלט גוט געווען, אַז דו זאָלסט אים שרײַבן אַ בריוו אַז ער זאָל בעסער זײַן צו דער מומע רחל.
נתן [2] זעט זייער גוט אויס. ער איז קלוג געוואָרן, האָט זייער ליב די שולע און פֿאָרט נישט מיט גרויס חשק קיין פּאַריז.
איך וועל וואַרשײַנלעך זײַן אַ פּאָר טעג אין וואַרשע און דערנאָך פֿאָר איך צוריק קיין גאָמבין, ווײַל איך וויל זײַן אין איינעם מיט נתן.
איך בין זייער אומרויִק, שרײַב מיר באַלד וואָס דו מאַכסט. אַז דו וועסט קריגן געלט פון בערענשטיין [3], טעלעגראַפיר מיר.
אויף דער גרענעץ האָט מען מיר אַוועקגענומען „מערי" [4], שיק מיר איין עקזעמפּלאַר מיט דער פּאָסט, אויף דער רעדאַקציע פון „פרײַנד".
בלײַב מיר געזונט, מײַן שיינע, איידעלע מאַדזשע.

דײַן שלום

קוש און גריס די קינדער.

57

בערלין, 1912

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
איך האָב דיר געוואָלט אַ גרויסן בריוו שרײַבן, נאָר איך בין אויפגערעגט. דײַן בריוו האָט מיך הײַנט באַגליקט.

איך בין שוין מיד פון אַרומלויפן וועגן געלט און פון חרפּות אויסשטיין. אויסער וואָס איך האָב נישט געקריגן קיין געלט, בין איך נאָך פאַרשעמט געוואָרן.
איך בלײַב נאָר דאָ ביז מאָנטיק. איך וויל זיך זען מיט פישערן [1]. מאָנטיק אויף דער נאַכט פאָר איך קיין וואַרשע, אַן ענד מאַכן מיטן מעבל. אַז דו וועסט קריגן געלט פון בערענשטיין [2], זע צו קויפן טעפּיכער אויפן ווינטער און זע אײַנצואָרדענען די שטוב, זאָל שוין נעמען אַן עק.
מיט באַשען [3] זע איך זיך אָפּ, איך האָב איר שוין געגעבן 40 מאַרק, איך וועל איר נאָך געבן.
זע געזונט צו זײַן, איך דאַרף דאָס זייער. אַז דו וועסט קראַנק זײַן וועלן מיר אונטערגיין.
איך קוש דיך און בענק נאָך דיר.

דײַן שלום

58

בערלין, 1912

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
אַלזאָ, מיט מזל, מיר בלײַבן אין בערלין. איך גיב דיר אויף דעם מײַן ערנ־וואָרט. איך האָב שטענדיק געוואָלט וווינען אין בערלין, און אייגנטלעך איז דאָך בערלין פאַר אונדז און פאַר די קינדער זייער גוט. און אַפילו אַז מיר וועלן ערגעצוווּ וועלן פאָרן, איז אונדז לײַכטער פון בערלין אויס.
אַלזאָ, איינציקע מאַדזשע מײַנע, זאָל גאָט שוין אונדז געבן מנוחה, און זאָל אונדז און אונדזערע קינדער זײַן מיט גרויס גליק. איך האָף, מאַדזשע־לעבן, אַז מיר וועלן שוין פון הײַנט מאָל אָן גליקלעך זײַן, ווײַל מיר האָבן געפונען דאָס וויכטיקסטע, דאָס איז די ליבע, און די ליבע איז געווען פריִער נאָך אין אונדז, אָן אונדזער וויסן.
איך פאָר מאָרגן קיין וואַרשע און שרײַב מיר באַלד, וויפל געלט דו וועסט דאַרפן איבערצופאָרן קיין בערלין מיט די קינדער. זע, אַז דו זאָלסט דיך נישט צופיל אָנשטרענגען בײַם פּאַקן. לאָז דאָס מאַכן דורך אַ מענטש. און דער עיקר, מײַן ווײַב, נעם דיר נישט צום האַרץ, נאָר מיט הומאָר, מײַן ווײַב! און מיט ענערגיע!

נתן [1] לאָז איך דערוויַיל איבער בײַם טאַטן [2]. ער פילט זיך דאָרט זייער גוט. איך האָב אים געוואָלט מיטנעמען — כ׳בין זייער צוגעבונדן צו אים — האָט זיך אָוועקגעשטעלט דער טאַטע, די מומע, און מיט טרערן אין די אויגן מיך געבעטן, אַז איך זאָל אים לאָזן. און נתן אַליין וויל אויך דאָרט בלײַבן. ער בענקט זייער נאָך דיר, איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז דו וועסט דיך זען מיט אים אויף „באָזשע נאַראָדזעניע" [3]. אַ שאָד וואָס דו זעסט אים נישט איצט אין זײַן נײַעם שילער־קאָסטיום, מיט די לאַנגע הויזן.

אַלץ איז גוט, נאָר איך ווייס נישט, ווו איך וועל נעמען געלט צום איבער־ציִען זיך.

נאָר נישט געזאָרגט, מײַן ווײַב. דער עיקר, מיר ווייסן איצט וואָס מיר ווילן, און דאָס איבעריקע וועט זיך אַליין מאַכן.

אַלזאָ, מײַן ווײַב, אויף ווידערזען אין בערלין, נאָר ביז דאַן וועל איך שטאַרבן פאַר בענקעניש.

דײַן שלום

59

בערלין, [1912 (?)]

איינציקע, געטרײַע מאַדזשע־לעבן,

דאָ האָב איך נאָך גאָר נישט געמאַכט. עס איז מיר פאַרמיאוסט געוואָרן דאָס נאָכלויפן נאָכן טעאַטער. דאָס מאַכט מיך טרויעריק און עס מאַכט מיך קליין. איך האָב באַשטימט אַזוי איבערצולאָזן די זאַך און זאָלן זיי מאַכן וואָס זיי ווילן. איך וויל פון דאַנען פאָרן צו קלעצקין [1]. ערשטנס וויל איך מײַן זאַך ענדיקן. דאָס צווייטע, וויל איך זען, אפשר וועלן מיר זיך איבערציִען קיין ווילנע. איך מוז דיר זאָגן, אַז איך האָב געקריגן אַ גרויסע בענקשאַפט צו זײַן צווישן ייִדן און צו אַרבעטן צווישן ייִדן. מיר דאַכט זיך, אַז איך וועל דענסמאָל זיך פילן פיל שטאַרקער און טיפער. עס זענען שוין אַדורכגעגאַנגען מײַנע יונגע, קינדישע יאָרן, איך הייב אָן רײַף צו ווערן אַלס מאַן, און איך פיל אַז איך דאַרף אָנהייבן צו אַרבעטן. דו האָסט דאָך דעם בעסטן באַווײַז, איך בענק נאָך דיר איצט טאָג און נאַכט. איך פאַרשטיי אַז דו ביזט געווען דאָס גליק פון מײַן לעבן, און דיר האָב איך אַלץ צו פאַרדאַנקען. און ווען איך וואָלט דיך נישט געהאַט, וואָלט איך נישט געווען דאָס, וואָס איך בין.

אין בערלין וועלן מיר נישט וווינען. עס איז זייער גוט וואָס דו ביזט גע־בליבן אין פּאַריז — נאָך פּאַריז איז מיר בערלין פאַרמיאוסט געוואָרן.
באַשעו[2] זע איך, איך וועל איר מוזן שאַפן 50 מאַרק, זי האָט נישט קיין געלט. דעם טאַטן[3] האָט זי געשריבן, אַז ער זאָל איר קיין געלט נישט שיקן.
איך קוש דיך הערצלעך און בענק נאָך דיר זייער זייער, מײַן שיינע, איידע־לע מאַדזשע־לעבן. איך בין גליקלעך וואָס איך האָב דיך, זײַ מיר געזונט.

דײַן מאַן שלום

60

[דײַטשלאַנד (?)] 1912

איינציקע מאַדזשע־לעבן,
איך האָב דיר אַ פּאָר טעג נישט געשריבן דערפאַר ווײַל איך האָב גע־אַרבעט. איך אַרבעט איצט זייער גוט אויף דעם צווייטן טייל פון ראָמאַן, ער וועט, האָף איך, זייער גוט זײַן.
איבערהויפּט בין איך איצט פיל רויִקער און געלאַסענער געוואָרן. יאָ, עס איז געווען אַ גוטע זאַך וואָס איך בין געפאָרן נאָך אויסלאַנד. איך זע ערשט איצט וואָס איך האָב פאַרלוירן וואָס מיר וווינען נישט אין אויס־לאַנד. איך וואָלט אפשר שוין הײַנט געווען אַ באַרימטער מענטש.
נון, האָב איך זייער שרעקלעכע געבענקט נאָך דיר. נאָך דײַן שרײַבן פון קראָקע איז מיר זייער שלעכט געווען. און מײַן גאַנצן כּעס האָב איך צו דײַן פאָטער אויסגעלאָזט. דו האָסט שוין אַוודאי געהערט וועגן דעם בריוו וואָס איך האָב אים געשריבן. איך האָב אים געשריבן גאַנץ איינפאַך אַז ער איז שולדיק וואָס אונדזער לעבן איז נישט אַזוי גליקלעך. איך האָב אים געשריבן, אַז איך מוז זײַן אַ געוויסע צײַט אין אויסלאַנד, און אַליין קאָן איך נישט זײַן, אַז מיר ליבן זיך צו פיל, אַז מיר זאָלן זײַן צעשיידט. עס איז פאַרפאַלן, מיר האָבן קינדער. איצט נעמען די קינדער נאָך אויסלאַנד קאָנען מיר נישט. וועסטו זײַן ווידער פאַרקנעכט. וויל איך, אַז ער זאָל צונעמען די דרײַ יונגען און איך וועל אים געבן 300 רובל אַ חודש. טאָמער זאָל ער אונדז דאָס מאָל נישט צו הילף קומען, ווי יעדער פאָטער, זאָל ער וויסן זײַן, אַז ער וועט זײַן פאַראַנטוואָרטלעך, און נאָר ער אַליין וועט שולדיק זײַן אַז מיר ביידע וועלן זײַן אומגליקלעך.

וואָרום, מאַדזשע, איך זע ערשט איצט, וואָס אויסלאַנד איז פאַר מיר, דו ווייסט דאָך ווי איך בין געווען די לעצטע צײַט מוטלאָז, פאַרלוירן דעם גלויבן, מיט קיינעם נישט קיין וואָרט צו ריידן. און דאָ איז אַנדערש, איך גלייב אין מיר, איך אַרבעט גוט, און איך קלער וועגן נײַע זאַכן.
זעלבסטפאַרשטענדלעך מיין איך נישט באַלד כאַפּ־לאַפּ, נעמען די זאַכן און אײַנפּאַקן. איך מיין, אַז דאָס וועט מוזן דויערן ביז נײַ־יאָר. אָבער דײַן פאָטער וועט מוזן צונעמען דאָס דרײַ יונגען, און מיר מיט רותן וועלן ווינען אין אויסלאַנד. מיר מוזן דאָס טון, עס הענגט פון דעם אָפּ מײַן גאַנצע צוקונפט. איך האָב אַלץ געשריבן. אפשר אין צו אַ שטאַרקער פאָרם.
[המשך פעלט]

61

מאָסקווע, [?]

טײַערע מאָטל־לעבן,
איך שיק דיר אַרויס דעם פּאַס. איך פאָר הײַנט קיין וואַרשע און אויב איך וועל קאָנען, וועל איך דיר מאָרגן אַרויסשיקן געלט טעלעגראַפיש. פון בערלין האָב איך דיר נישט געקאָנט שיקן גאָרנישט. אָרום דאָנערשטיק וועסטו קריגן די הונדערט רובל פון קלעצקין[1]. זע דו זאָלסט אַזוי מאַכן אַז דו זאָלסט קאָנען קומען צו פאָרן קיין ווילנע. מוזסט אָבער נישט פאַר־געסן, אַז פון פּאַריז קיין ווילנע דויערט צום ווינציקסטן דרײַ טעג, פון וואַנען וועסטו נעמען כּוחות?
מײַן שטיק ווערט אויפגעפירט ערשט סוף צווייטע וואָך, פון די פּראָבעס האָב איך גאָרנישט געזען, און איצט פאָר איך אָפּ.
אין בערלין בין איך געווען זייער אויפגערעגט, אַזוי פון טעאַטער ווי פון דעם וואָס איך האָב נישט געקריגן קיין געלט, און צוליב דעם האָב איך נישט געשריבן. פאַר וואָס האָסטו נישט געשריבן, איך וועל דאָך משוגע ווערן.
בײַ אונדז אין גאָרטן מוז שוין זײַן שיין און איך בענק אַהיים. קום, מײַן איינציקע, טײַערע, אָן דיר בין איך גאָרנישט און מיט דיר בין איך —

שלום אַש

דעם פּאַס האָב איך געלאָזט בײַ באַשען [2]. ביז איצט האָב איך זי נישט געזען — זי איז געקומען. איך גיי איצט איר קויפן אַ קאַפּעלוש פּאַרן לעצטן גראָשן.

62

מאָסקווע, 1912

טײַערע, איינציקע מאַדזשע־לעבן,
איך דאַנק דיר זייער פֿאַר דײַן בריוו. איך בענק שוין אויך אַהיים צו דיר און צו די קינדער. אין מאָסקווע האָב איך געהאַט אַ זייער וואַרעמע אויפֿנאַמע און ייִדן האָבן מיך זייער ליב. איך האָב זייער פֿיל דאָ געמאַכט פֿאַר ייִדיש. דאַכט זיך אויך, איך וועל קאָנען לײַכט קריגן געלט אויף אַ ייִדיש טעאַטער, נאָר איך האָב עס אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. אויך האָב איך געשאַפֿן פֿאַר דעם מאָלער, דעם ייִנגל, וואָס קומט צו אונדז, 30 רובל אַ חודש, אַ סטיפּענדיום. עס איז אין מאָסקווע זייער אַ וואַרעמע שטימונג פֿאַר ייִדיש. די גאַנצע רײַכע אינטעליגענץ איז פֿאַר ייִדיש. נאָר מיט גויִים האָב איך גאָרנישט געמאַכט. מײַן „מערי" ווילן די גויִים נישט דרוקן. אויך די דראַמע האָט מען מיר אָפּגעשיקט. לאָזן זיי זיך שלאָגן קאָפּ אין דער וואַנט. מיר מוזן זיך אַזוי אײַנאָרדענען, אַז איך זאָל איצט לעבן נאָר פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. און דאָס וועל איך אויספֿירן. די רוסישע ליטעראַטור וועט צו מיר שפּעטער קומען. איך ווייס נישט וואָס צו טון מיט בערענשטיינען [1], איך וועל זיך אויך מיט אים אַן עצה געבן.
זאַכן קאָן איך דאָ נישט קויפֿן. אַלץ איז דאָ צען מאָל טײַערער ווי אין פּאַריז. אפֿשר וועל איך קאָנען עפּעס קריגן אין ווילנע. מען זאָגט, אויף דער פּראָווינץ קריגט מען זאַכן פֿיל ביליקער און לײַכטער.
איך האָב געזאָלט פֿון דאַנען פֿאָרן קיין פּעטערבורג, האָב איך אָבער געהאַט שוין דאָ מיט די גויִים אַזוי פֿיל עגמת־נפֿש, אַז איך האָב עס אָפּגעלייגט אויף איבער אַ יאָר.
פֿון דאַנען פֿאָר איך קיין ווילנע, פֿון ווילנע פֿאָר איך קיין לאָדזש, איך בענק שוין זייער נאָך דיר.
באַשען [3] וויל איך נישט, אַז זי זאָל קומען. שרײַב איר, אַז זי זאָל נישט קומען.
שלאָף גוט, מײַן איינציק ליב ווײַב. געלט דאַרף איך נישט, אפֿשר דאַרפֿסטו, קאָן איך דיר שיקן. איך וועל עפּעס מיטקויפֿן פֿון ווילנע.

שרײַב מיר אויף קלעצקינס [4] אַדרעס.
איך קוש דיך, און קוש די קינדער.

דײַן שלום

63

[פון רוסלאַנד] 1912

טײַערע מאַטל־לעבן,
כ׳בין אויף יום־טוב געפֿאָרן קיין סטאַרעוואָ, כ׳בין שוין זייער מיד און בענק זייער, זייער אַהיים. כ׳קאָן אָבער נישט, ביז איך וועל נישט האָבן דעם פּאַס, און צוליב רוסישע יום־טובים וועל איך נישט האָבן דעם פּאַס ביז אַרום מיטוואָך.
איך שרײַב דיר נישט, ווײַל איך בין טרויעריק און נישט צופרידן. כ׳ווייס נישט פון וואַנען איך וועל נעמען געלט אויף דירה־געלט צו באַצאָלן. איך וועל זיך דאָך מוזן אַן עצה געבן. ווען איך וואָלט נאָר זיכער געווען, אַז בײַ דיר אין דער היים איז אַלץ גוט. דײַנע בריוו מאַכן מיר זייער טרויעריק. געדענק אין גאָט, מאַטל־לעבן, קום צו דיר, זע אַז דו זאָלסט שטאַרק ווערן, ווײַל אַז דו וועסט זײַן שוואַך, וועלן מיר אַלע אונטערגיין.
איך האָב נעכטן אַ גאַנצע נאַכט געוויינט, וואָס איך בין קיין מאָל אויף יום־טוב נישט מיט מײַנע קינדער. קוש מיר די קינדער, ווײַב מײַנס.

דײַן געטרײַער שלום

64

[?] 1912

איינציקע מאַדזשע־לעבן,
איך האָב דעם בריוו געשריבן צו דײַן פֿאָטער, ווײַל איך האָב געוואָלט איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל זײַן מיט דיר צוזאַמען. איך קאָן אַזוי לאַנג נישט זײַן אָן דיר.

און איך מוז איצט בלײַבן אין אויסלאַנד, איך זע עס ערשט איצט ווי וויכטיק דאָס איז פאַר מיר. איך פיל מיך איצט שטאַרק, ווידער פול מיט ענערגיע, און איך באַדאַרף דיך בײַ מיר. דו ביזט אַזוי יונג און אַזוי שיין, דו קאָנסט אַזוי פיל לערנען אין אויסלאַנד.
די קינדער, מאַדזשע, עס טוט מיר זייער לײַד די קינדער, נאָר די קינדער מוזן אויך עפּעס אָפּפערן פאַר זייערע עלטערנס גליק. אַז זיי וועלן עלטער ווערן וועלן זיי פאַרשטיין ווי דאָס איז נייטיק געווען פאַר אונדז, פאַר אונדזער צוקונפטיק לעבן.
אַלזאָ, מאַדזשע, מאַך דיך גרייט צו דער רײַזע. און אײדער דו קומסט, וויל איך אויך אײַנאָרדענען מײַנע געשעפטן, כּדי ווען דו וועסט קומען זאָלסטו מיך געפינען פרײַ, אין גאַנצן פרײַ פאַר דיר. דורך דעם איז נייטיק אָפּצולייגן די רײַזע אויף אַ פיר, פינף וואָכן. דו זאָלסט דורך דער צײַט לערנען פראַנצויזיש, און אויך די ציין ברענגען אין אָרדענונג. אַז מיר וועלן קומען קיין פּאַריז זאָלסטו קאָנען עפּעס רעדן. מאַדזשע, איך גלייב, אַז אונדזער גליק הייבט זיך ערשט אָן. גלייב אין מיר, מאַדזשע־לעבן, אַז דיך האָב איך שטענדיק געליבט און דו ביזט מײַן איינציקע, איינציקע נשמה. זאָרג נישט נאָר גלייב אין מיר.
דו שרײַבסט נאָך געלט און איך וויל גאָר געלט פון דיר. איך שיק דיר אײַן אַ קוויט און דו וועסט אָפּנעמען די 350 רובל. ווען דו וועסט קריגן דאָס געלט, זאָלסטו אַזוי טון: 100 רובל זאָלסטו נעמען פאַר דיר, 100 רובל זאָלסטו מיר אַרײַנשיקן, און 150 זאָלסטו אָוועקגעבן דינעזאָנען [1] צו האַלטן אויף דער רײַזע.
איך קוש דיר און בענק, בענק נאָך דיר.

דײַן שלום

65

לאָדזש, 1912

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
איך בין אין לאָדזש. נתן [1] זעט נישט שלעכט אויס, האָט ליב די שולע. איך בין געווען אין דער שולע, כ׳האָב גערעדט מיטן דירעקטאָר. די שולע גע־פעלט מיר זייער און עס וואָלט איצט געווען אַ שאָד דאָס קינד אָפּצורײַסן פון דער שולע. כ׳האָב אים געקויפט דעם ערשטן „אוטשינאָווסקי”־אַנצוג,

אַ הוט, אַ פּאָר קאַלאָשן און וועש — און הײַנט גיי איך מיט אים זיך לאָזן פאָטאָגראַפירן אין דעם ערשטן אוניפאָרם.
מיט דעם טאַטן האָב איך זיך צעקריגט און איבערגעבעטן. מיר דאַכט זיך, אַז עס איז אויף אים אַ רחמנות — די מומע איז טאַקע זייער גוט, אָבער פאַרט נישט קיין מוטער.
כ׳האָב גערעדט מיטן טאַטן אַז איך וועל צונעמען נתנען. וויל דער טאַטע אים נישט געבן. ער זאָגט, אַז מיר וועלן אים פאַרפירן. אויך נתן וויל נישט פאָרן, ער האָט ליב די שולע.
דערווײַל בין איך שוין מיד פון דעם אַרומוואַלגערן זיך. איך וויל זיך שוין באַזעצן אויף אַן אָרט. מיר דאַכט זיך, איך וועל שיקן די זאַכן נאָך בערלין און פון נײַ־יאָר אָן וועלן מיר וווינען אין בערלין. איך בין שוין מיד! איך וויל אַהיימקומען, איך מוז אַרבעטן אויף „שלמה נגיד״.
איך בענק נאָך דיר.

דײַן שלום

הײַנט גיי איך מיט נתנען אין טעאַטער, אויף „שולמית״.

66

פּעטערבורג, 1912

טײַערע, איינציקע מאַטל־לעבן,
זײַ מיר מוחל וואָס איך שרײַב דיר נישט. איך בין זייער פאַריאָגט מיט דער געזעלשאַפט וואָס מיר מאַכן.
כ׳האָב געהאַט פיל אומאַנגענעמלעכקייטן לעצטנס מיט די פאַרזאַמלונגען, פיל צו דערציילן.
פיל, פיל נײַע מענטשן אינטערעסאַנטע קענען געלערנט, און איך בין צופרידן וואָס איך זע אַז מענטשן גלייבן אין מיר. עס קאָן זייער מעגלעך זײַן, אַז מיר וועלן קאָנען דעם פרילינג פאָרן קיין ארץ־ישׂראל, נאָר פון דעם אָן אַנדער מאָל.
איך זע אַז מיר וועלן דאַרפן וווינען אין רוסלאַנד, מײַן פעלד און מײַן טעטיקייט איז אין רוסלאַנד, און וואָרשײַנלעך וועט מען דאַרפן די קינדער איבערלאָזן אין פראַנקרײַך, אָדער מיר וועלן זיי שיקן אין ארץ־ישׂראל אין גימנאַזיום און אַליין וועלן מיר זײַן פרײַע מענטשן מיט דער טאָכטער.

איך בויג מיך יעצט זייער צו צו ייִדן, מיר ווינען צווישן גויִים, און מיר ווייסן נישט ווי שיין יידן זענען.
יעצט הייבט זיך דאָ אָן אַ ייִדישער צוזאַמענפאָר, זייער אַ גרויסער, און איך ווער אַרײַנגעצויגן אין דער אַרבעט. מײַן זאַך מוז איך אויספירן.
שרײַב מיר באַלד.
וואַרט, וואַרט אויף מיר ———
איך קוש דיך.

דײַן שלום

67

פעטערבורג, 1912

טײַערע מאַטל-לעבן,
שרײַב מיר ווי דו האָלטסט מיט די חובות. איך וואָלט געוואָלט אַז דורך דער צײַט וואָס איך בין דאָ זאָלסטו אויסצאָלן די חובות אַז איך זאָל קאָנען אַהיימקומען אַרבעטן. אַלץ דאָס געלט וואָס איך האָב שיק איך דיר אָפּ אַהיים.
מיט מײַנע זאַכן וועל איך אין פעטערבורג גאָרנישט מאַכן, ווײַל ווי אין דער געזעלשאַפט, אַזוי אויך אין דער ליטעראַטור, הערשט אַנטיסעמיטיזם. איך וואָלט נאָר געוואָלט אײַנאָרדענען, אַז מײַנע ביכער זאָלן כּסדר אַרויס־גיין בײַ „———" און דאָס איז אויך שווער. ערשטנס מוז איך האָבן צו באַצאָלן בערענשטיינען [1] פאַר די איבערזעצונגען וואָס ער האָט געמאַכט, און אויך „———" די דרײַ ביכער שטייען מיר אין וועג.
הײַנט האָבן מיר אַ זייער אינטערעסאַנטע פאַרזאַמלונג בײַ גרוזענבערג [2] וועגן קלעצקינס [3] פאַרלאַג. אַז דאָס וואָס מיר ווילן זאָל זיך אײַנגעבן וואָלט איך די רוסישע ליטעראַטור גאָר געדאַרפט אויף אַ כּפּרה. איך האָב איצט בײַ ייִדן געקריגן אַ זייער גרויסן אָנזען און מען ליבט מיך זייער.
איך רעכן צו ענדע חודש צו זײַן אין דער היים.
איך קוש דיך און קוק אויס יעדן טאָג אויף דײַן בריוו.

דײַן מיטן גאַנצן האַרץ
שלום

68

פּעטערבורג, 1912

איינציקע מאַדזשע,
דאַנקן גאָט, די דראַמע איז שוין איבערגעזעצט און ווערט איצט איבער־געשריבן. איך רעכן נאָך צו בלײַבן אין פּעטערבורג 4־5 טעג און גלײַך קומען אַהיים. זײַ נישט בייז אויף מיר, איינציק קינד, דו ווייסט גאַנץ גוט ווי איך בענק נאָך דיר. איך מוז דאָך אָבער זען מיט וואָס אַהיים צו פֿאָרן. אַזוי איז דאָך אוממעגלעך. מיר זענען דאָך אין גאַנצן אָן מיטלען. איצט, גלייב איך, וועלן מיר האָבן מיט וואָס צו לעבן און איך וועל עס מיט איין מאָל אָפּמאַכן אַזוי, אַז איך זאָל נישט דאַרפֿן נאָך אַ מאָל צו פֿאָרן נאָך פּעטערבורג ביז אויפֿן צווייטן ווינטער. איך וועל איצט מײַן דראַמע אָפּ־געבן אין טעאַטער אַרײַן אַז מען זאָל זי שפּילן אויפֿן צווייטן סעזאָן. און אַזאַ טעאַטער מאַכט זיך איצט אין פּעטערבורג בײַ קאָמיסאַרזשעווסקי [1] מיט אַנדרייעוו [2].
אַלזאָ, קינד מײַנס, וואַרט אויף מיר נאָך איייניקע טעג, איך וועל באַלד אַהיימקומען. מיר וועלן פֿאָרן אויף זומער אויפֿן דניעפּער אין אוקראַיִנע. ווערסט זען ווי שיין עס וועט זײַן.
איך קוש דיך און בענק נאָך דיר.

דײַן שלום

69

פּעטערבורג, 1912

איינציקע, ליבע מאַדזשע,
וואָס זאָל איך דאָך טון, אַז איך האָב דיך ליב. כאָטש איך האָב מיר אַ וואָרט געגעבן דיר נישט פֿריִער צו שרײַבן ביז דו וועסט מיר נישט שרײַבן, שרײַב איך דיר דאָך.
אַלזאָ, געמאַכט געשעפֿט מיט צעטלין [1]. 25 טויזנט רובל האָט ער נישט גע־געבן, נאָר פּראָצענטער, און אַזוי ווי מענטשן זאָגן איז עס אַ זייער גוט געשעפֿט, און אפשר נאָך בעסער ווי 25 טויזנט רובל. איך ווייס אַז איך וואָלט ליבער געוואָלט די 25 טויזנט רובל באַלד. אַלזאָ, ער גיט מיר 15%

און 1500 פּאַרויס. 500 רובל האָט ער מיר באַלד געגעבן און 1000 אין פּאַרלויף פון צוויי חדשים. מען האָט מיך זייער פײַן באַהאַנדלט אין פּעטערבורג. איך הייב אָן צו גלייבן, אַז אין פּעטערבורג האָט מען מיך ליב און איך בין זייער באַליבט צווישן דער רוסישער באַפעלקערונג. בײַ צעטלין בין איך גאָר אַ גאַנצער מאַכער.

איך וואָלט שוין אַהיימגעקומען, נאָר איך האַלט מיך אויף, איך האָף ערגעץ־ווו אָפּצודרוקן מײַן „כריסטוס" — דאָס וועט מאַכן אַן אײַנדרוק און מען וועט ווידער אָנהייבן רעדן פון מיר.

איך וויל אַהיימקומען און וויל מיט דיר פאָרן אין אויסלאַנד, מיר וועלן פאָרן אויף אַ חודש, זעקס וואָכן, קיין ווין און פּאַריז.

יאָ, מאַדזשע, איך גלייב אַז די גוטע צײַטן הייבן זיך ווידער אָן. און דאָס וויכטיקסטע וואָס איך האָב דיך זייער, זייער ליב.

דערווײַל ווין איך בײַ מאַדזשע שוואַרץ [2], וואָס ווײַטער וועט זײַן ווייס איך נישט. מיטוואָך פאָר איך צו ריעפּין [3]. עס קאָן זײַן ער וועט מאָלן מײַן פּאָר־טרעט. איך האָב דיר געשיקט דורך דוד ראָזענבערג [4] 50 רובל. נאָך די רוסישע יום־טובים שיק איך דיר מער. לאָז דיר מאַכן דאָס זײַדענע קלייד. איך קוש דיך.

דײַן שלום

70

פּעטערבורג, 1912

ליבע, טײַערע מאַטל,

האָרך אויס! דעם 29סטן קום איך אַהיים צו פאָרן. מיר האָבן איצט אַ געלעגנהייט אין איינעם צו פאָרן קיין ארץ־ישׂראל. דאָ איז דאָ הער פּאָלאַק [1], זייער, זייער אַ רײַכער ייִד, וועלכער אינטערעסירט זיך מיט אונ־דזער זאַך, און ער פאָרט דעם 30סטן אָפּ פון פּאַריז קיין פּאַלעסטינע. ער וויל אונדז, מיר און דיך, מיטנעמען. קלעצקין [2] לאָזט מיך נישט פאָרן. מאַך דיך גרייט, טעלעגראַפיר נאָך באַשען [3] און מאַך דיך יעדנפאַלס גרייט צו דער רײַזע, ווען דו האָסט איצט חשק צו פאָרן. קום זאָלן מיר פאָרן, מוזן מיר אַרויספאָרן דעם 30סטן, ווײַל דער פּאָלאַק אײַלט זיך זייער און איך וועל נאָר קאָנען זײַן אַ פּאָר טעג אין דער היים. **אַליין וועל איך נישט פאָרן, נאָר מיט דיר.** אַלזאָ, מײַן ווײַב, ווען דו האָסט חשק צו דער רײַזע, וועל איך

קומען, דרײַ טעג זײַן מיט די קינדער. דערנאָך נעם איך דיך און מיר פאָרן אויף אַ חודש, זעקס וואָכן קיין ארץ־ישׂראל. אַלץ מוז זײַן פאַרגעברייט.
אונדזערע געשעפטן גייען דאָ גוט און עס דאַכט זיך, אַז אַלץ וועט זײַן גאָר אין בעסטן אָרדענונג.
איך שיק דיר אַרויס 300 פראַנק אַז דו זאָלסט דיך צוגרייטן צו דער נסיעה.
גיב זיך אַ נעם!
איך קוש דיך און פריי זיך אַז איך וועל דיך באַלד זען.

דײַן שלום

71

פעטערבורג, 1912

איינציקע מאַטל־לעבן,
מיר האָבן אַ גרויס געשעפט אָפּגעמאַכט. נעכטן האָט זיך געגרינדעט אַ גרויסע אַקציע־געזעלשאַפט אין דער שפּיץ פון אַדוו. גרוזענבערג [1], וועלכער וועט צונויפזאַמלען אַ קאַפּיטאַל פון 250,000 רובל פאַר קלעצקינס [2] פאַרלאַג. דער פאַרלאַג וועט אַרויסגעבן פאַרשיידענע לערן־ביכער, פאַר־ביכער, פּאָפּולערע וויסנשאַפט, אַ וואָכנבלאַט און אַ טאָגצײַטונג. איך קאָן זאָגן, אַז נאָר צוליב מיר האָט זיך דער קאָמיטעט געגרינדעט. איך האָב געהאַט אויף די הערן אַ גרויסן אײַנפלוס, און איך האָב געמאַכט אַ שטאַרקן, שטאַרקן אײַנדרוק. וואַרשײַנלעך וועט אונדז אויסקומען זיך איבערצוציִען קיין ווילנע, דאָס וועט ערשט זײַן אין קינפטיקן יאָר, ווען דאָס גאַנצע געלט וועט זײַן צונויפגעזאַמלט. איך וועל שטיין אין איינעם מיט קלעצקין אין דער שפּיץ פונעם פאַרלאַג און טרעט אַרײַן אַלס איינער פון די אָנפירערס, וואַרשײַנלעך מיט אַ געזיכערטן געהאַלט מאָנאַטלעך. דערווײַל וויל איך אַהיימפאָרן, ווײַל איך בין טויט מיד.
אַזוי ווי דו זעסט, גייען אונדזערע געשעפטן גאָרנישט שלעכט. איך האָב נאָר געדאַרפט זיך שוין לאַנג שטעלן אין דער שפּיץ פון אַזאַ געזעלשאַפט, וואָרום מען האָט צו מיר גרויס צוטרויען. און איך מוז זען, אַז דעם צוטרוי זאָל מען נישט פאַרלירן — וועל איך אין אַ יאָר אַרום קאָנען צונויפזאַמלען געלט אויף אַ יִדיש טעאַטער.
ביז איצט האָב איך גאָרנישט געטאָן פאַר מײַן פּיעסע. איך האָב קיין צײַט געהאַט. איך האָב שוועריקייטן מיטן יִדישן צענזאָר, און וואַרט ביז עס

וועט אַדורכגיין מיט דער רוסישער איבערזעצונג אין דער צענזור.
פון דאַנען וועל איך גלײַך פאָרן קיין פּאַריז, ווײַל איך מוז זיך דאָרט נאָך זען מיט ייק״א [3].
הײַנט האָב איך געקריגן געשענקט פון אַלטן יאַסינסקי [4] לעוויטאַנס [5] אַ לאַנדשאַפט, אַ הערלעכן — אַ זונענטאָג, אין איינעם מיט סטאַניסלאַווסקיס, וועלן מיר האָבן צוויי לאַנדשאַפטן.
דערפאַר האָב איך יעצט גאָרנישט קיין געלט. מיר פּאַסט נישט צו נעמען יעצט פון קלעצקין אויף דערווײַל, ווײַל איך וויל זײַן מיט אים גלײַך. אפשר וועל איך האָבן עפּעס פון לעזן, פון מײַן דראַמע, נאָר וועגן דעם אַ צווייט מאָל.
הײַנט האָב איך אַ גאַנצע נאַכט געחלומט פון דיר און עס איז מיר גוט געוועזן. שרײַב מיר ווי דו בענקסט נאָך מיר. און וואָס דיך חלומט פון מיר. שרײַב מיר יעדן טאָג, גלײַך קיין פּעטערבורג.
איך קוש דיך.

דײַן שלום

72

פּעטערבורג, 1912

טײַערע מאַטל־לעבן,
איך דאַנק דיר זייער פאַר דײַן בריוו. געוויס האָסטו מײַנעם דערהאַלטן, און איך מאַך דיך ווידער משוגע, וואָס? אָבער עס האַנדלט זיך אין דעם, איך וואָלט געוואָלט אַז דו זאָלסט דיך צוגרייטן צו דער רײַזע קיין ארץ־ישׂראל. אַזוי ווי איך האָב דיר שוין געשריבן, קום איך אַהיים דעם 29סטן. אין פּאַריז מוז איך זײַן, ווײַל איך מוז זיך דאָרט באַגעגענען מיט הער פּאָלאַק [1] פון פּעטערבורג, און איינעם אַ הער פײַנמאַן [2], וועלכער איז דער פאָרשטייער פון ייק״א [3] אין רוסלאַנד. מיר דאַרפן אין פּאַריז האָבן אַ זיצונג מיט ייק״א וועגן אונדזערע אונטערנעמונגען.
אַזוי ווי איך האָב דיר שוין געשריבן, גייט אונדזער אונטערנעמונג גאַנץ גוט. איך האָב דאָ פאַראינטערעסירט דעם הער פּאָלאַק, וועלכער גיט אַליין 10,000 רובל און 15,000 וועלן מיר האָבן פון אַנדערע. מיר ווילן נאָר פאַר־אינטערעסירן ייק״א, זי זאָל אונדז אויך שטיצן.
הער פּאָלאַק האָט מיר פאָרגעלייגט אַז מיר זאָלן מיט אים מאַכן די רײַזע

קיין ארץ־ישׂראל און איך האָב אים צוגעזאָגט. מיר גייט זייער אַז איך זאָל געווינען דעם ה׳ פּאָלאַק, ווײַל ער האָט אַ גרויסן, גרויסן אײַנפלוס אין פּעטערבורג, און דורך אים קאָן מען פיל מאַכן. איך האָף, אַז מיט דער צײַט וועל איך דורך אים קאָנען מאַכן אַ ייִדיש טעאַטער.

דאָס וואָס דו לייגסט פאַר צו שיקן די קינדער אין אַ פּענסיאָן, געפעלט מיר, נאָר אַלע קינדער יאָ, די טאָכטער נישט. די טאָכטער מוז מיט אונדז מיטפאָרן, זעלבסטפאַרשטענדלער, נישט איצט קיין פּאַלעסטינע.

ווי שוין געזאָגט, מיר האָבן איצט אַ גוטע געלעגנהייט צו זען גאַנץ ארץ־ישׂראל און דער הער פּאָלאַק איז זייער אַן אָנגענעמער מענטש, אַ גוטער מענטש, אַן עלטערער הער שוין, רעדט נאָר ייִדיש.

ער וועט אונדז נישט שטערן, נאָר דורך אים וועלן מיר קאָנען האָבן די געלעגנהייט קענען צו לערנען ראָטשילדן [4] אין פּאַלעסטינע, וואָרום דער ה׳ פּאָלאַק פאָרט קיין פּאַלעסטינע צו ראָטשילדן, און ער וויל מיך מיט אים באַקענען.

איך האָב דיר הײַנט אַרויסגעשיקט הונדערט רובל טעלעגראַפיש. ווי געפעלט דיר וואָס איך אַרבעט אין „הײַנט״? [5] איך האָב זיך פרוּער מישב געווען מיט דינעזאָן [6] און קלעצקין [7], און מיר זענען אַלע געקומען צום באַשלוס אַז איך זאָל דאָס טון. אַזוי ווי דו ווייסט, באַקום איך פון „הײַנט״ 150 רובל, און מיט די 150 רובל, וואָס איך האָב פון קלעצקין, דאַכט זיך, וועלן מיר זיך שוין קאָנען אַ ביסל אײַנאָרדענען.

אַלזאָ, מאַך דיך גרייט צו דער רײַזע, שטרענג דיך נישט אָן. יאָ, איך וויל דיך באַקענען מיט די הערן.

קלעצקין איז אַ ווילער ייִד און אַ גרויסער אידעאַליסט. אונדזער זאַך גייט גוט.

איך גריס דיך האַרציק און איך בענק שוין נאָך דיר אַז איך גיי אויס.

דײַן שלום

73

לאָנדאָן, 1912

טײַערע מאַטל־לעבן,

איך בין גליקלעך אָנגעקומען, כאָטש געהאַט אַ שרעקלעכן וועג. מיר האָבן זייער גוט געטון וואָס מיר זענען נישט געפאָרן קיין לאָנדאָן. דאָ איז נישטאָ

וואָס צו טון. נישטאָ ווו צו אַרבעטן. איך מוז באַלד אָוועקפאָרן קיין אַמע־ריקע. אַ שאָד די צײַט. און מען דאַרף געלט פאַרדינען. איך וועל מיר אַן עצה געבן, און דו זע דיר דאָ אַן עצה צו געבן, ביז איך וועל דיר קאָנען געלט שיקן.
איך בין זייער אומרויִק. וואָס איז מיט דײַן געזונט? שרײַב מיר באַלד וואָס דו מאַכסט, אויב די קינדער לערנען? איך מיין אַז נתן [1] זאָל גיין אין אַ פּראָנצויזישער שולע אין איינעם מיט קינדער. און אפשר אין דער היים לערנען רוסיש? אַז עס וועט זיך מאַכן אַ ביליקער סטודענט אויף לעקציעס איז אַוודאי גוט. אַז נישט איז אויך נישט קיין אומגליק, וואָרום מער פון אַלץ וועלן מיר אַוודאי אַלע פאָרן קיין אַמעריקע.
איך ווײַן דאָ מיט קעניגן [2] בײַ אַ פרײַנד.
קוש מיר נתנען און זאָג אים, אַז איך בעט אים ער זאָל דיר העלפן אין דער שווערער צײַט.
איך קוש דיך און בענק נאָך דיר.

דײַן שלום

74

וואַרשע, 1913

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
איך האָב דיר נישט געשריבן ביז איצט — קלעצקין [1] איז קראַנק, ליגט אין בעט. האָט אַ לונגען־אָנצינדונג. איך האָב געמוזט דאָרט זײַן, ביז עס וועט אים בעסער ווערן.
דערנאָך האָבן מיר אָפּגעמאַכט אַ געשעפט מיט „די יודישע וועלט" אַז זי גייט איבער צו קלעצקינען אין ווילנע.
הײַנט בין איך געקומען קיין וואַרשע און האָב שוין אָוועקגעגעבן דעם פּאַס צו מאַכן פאַר מיר און נתן [2]. איך וועל דאָ נישט לאַנג פאַרברענגען, איך בענק זייער אַהיים און איך בין זייער מיד.
איך קוש דיך הערצלעך, איך בענק נאָך דיר, איך פיר מיט שיינע זאַכן.

דײַן שלום

75

אַטוואַצק, [האַרבסט] 1913

איך געפין זיך זינט צוויי טעג אין אַטוואַצק. בין פאַרפאָרן צו עוגעניען און באַדויער זייער דערפאַר וויל דאָ, אין אַטוואַצק, איז דאָ אַ פענסיאָנאַט וואָס אַזעלכעס האָב איך נאָך נישט געזען אין רוסלאַנד. איבערהויפט האָט זיך אַטוואַצק זייער פיל געענדערט, עס ווערט אַ וווּנדערבאַרער, אייראָפּעי־שער פּלאַץ.

היינט בין איך צום ערשטן מאָל געריטן, טאַקע דאָ אין אַטוואַצק. נעבטן און היינט (דאָנערשטיק און פרייטיק) זענען געווען פראַכטפולע, זוניקע טעג. איך בין אַרויסגעקומען זייער אַ מידער און פיל זיך שוין היינט בעסער.

איך וועל דאָ זיין איבער ראש־השנה, דערנאָך וועל איך פאָרן אויף אַ פּאָר טעג קיין לאָדזש צו דיין טאַטן. שפּעטער וועל איך אַהיימקומען צום רעגנ־דיקן פּאַריז.

איך האָב אָפּט געקלערט צו שרייבן נאָך אייך, נאָר איך גלייב אַז עס איז בעסער אַז מיר זאָלן אַהערקומען צום פרילינג.

איך איל זיך אַהיים צו דער אַרבעט און צו דיר.

די אַלגעמיינע לאַגע אין פּוילן האָט זיך אַ ביסל געענדערט צום גוטן.

איך קוש דיך און האַלדז דיך.

שלום

76

אַטוואַצק, [האַרבסט] 1913

מיין האַרציקסטע מאַדזשע־לעבן,

היינט האָב איך געלעזן אין דער צייטונג, אַז אין פּאַריז רעגנט שרעקלעך. און דאָ איז היינט געווען אַזאַ שיינער, געזונטער האַרבסט־טאָג. איך האָב אַרומגעריטן אין וואַלד צוויי שעה. איך האָב געהאַט שרעקלעך עגמת־נפש אויף פון דעם וואָס איך האָב דיר טעלעגראַפירט אַז דו זאָלסט נישט קומען. אפשר וואָלט גאָר געווען אַ יושר, אַז דו זאָלסט אַהערקומען.

איך רעכן דאָ צו קויפן אַ מאָרגע וואַלד און איבערצולאָזן, ביז מיר וועלן

אַהערקומען. אָטוואָצק אַנטוויקלט זיך זייער און עס איז אויך זייער שיין.
איך האָב היינט געריטן טיף אין וואַלד אַריין — דו קענסט דיר גאָרנישט פאָרשטעלן ווי הערלעך, ווי ווילד, ווי שיין אַלץ איז דאָ אַרום. מיר דאַכט זיך, אַז פאַר דיין געזונט איז נישטאָ קיין בעסער אָרט. נאָר וואָס טוט מען מיט רותן?
יעדנפאַלס בלייב איך איבער דאָ ביז מאָרגן, און מאָרגן פאָר איך קיין וואַרשע. מיטוואָך ערב יום־כּיפּור פאָר איך נאָך לאָדזש און וועל זיין ביי דיין פאָטער.
איבעראַכטאָג דינסטיק, דעם ערשטן טאָג סוכּות, האָב איך אַ פאַרלעזונג אין וואַרשע. דאַן פאָר איך אַרויס קיין בערלין, און אויף שבת האָסטו מיך צו דערוואַרטן אין דער היים.
איך קוש דיך זייער האַרציק.

דיין שלום

77

אָטוואָצק, [האַרבסט] 1913

מיין טייערע, איינציקע מאַדזשע־לעבן,
שוין פיר טעג וואָס איך בין דאָ אין אָטוואָצק און עס געפעלט מיר זייער דאָ. היינט, זונטיק, האָב איך צום דריטן מאָל געריטן — וווּנדערבאַרע לאַנדשאַפט, זאַמד, וואַלד, וואַסער. אָרעמע ייִדן און האָפערדיקע, גוייִשע שקצים. איך וווין ביי עוגעניען [1], און אַזוי ווי זיי האָבן מורא, אַז איך זאָל זיך נישט אַריבערציִען צו גורעוויטשן [2] (אין צווייטן וווּנדערבאַרן פענסיאָנאָט), באַהאַנדלט מען מיך דאָ ווי אַן איין איינציק קינד, ווי אַ חשובדיק איידעמל. מען פאַשעט מיך מיט קאָטשקעלעך, גענדזלעך, פּופּקעלעך, לעבערלעך און דער בויך האַלט אין איין וואַקסן, צו מיין גרויסן פאַרדרוס און פאַר מורא פאַר דיר.
דאָ איז אויך דאָ דער טונקעלער [3], קלאַראַ סעגאַלאָוויטש [4], און אויף יום־טוב קומען אַרויסצופאָרן אַנדערע. אַלע פרעגן זיך נאָך דיר און בעטן דיך אַהער צו ברענגען.
אויף די ערשטע טעג סוכּות פאָר איך קיין לאָדזש. דאָ איז פאַר די לעצטע

דרײַ טעג געווען שיין וועטער, און אַטוואַצק איז אַווירקלעכער גן־עדן וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן פֿאַר זײַנע ייִדן.
וואָס מאַכט רות?[5] איך קוש דיך, איך האַלדז דיך און בענק נאָך דיר.

דײַן שלום

78

בערלין, 1913

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
הײַנט האָב איך געקריגן אַ טעלעגראַמע פֿון ווילנע אַז זיי האָבן דיר אַרויס־געשיקט געלט טעלעגראַפֿיש. אויך שרײַב איך אין „צענטראַל" [1] אַז מען זאָל דיר גלײַך אַרויסשיקן געלט.
ווי פֿילסטו דיך? איך וויל ווי אַמשנעלסטן אַהיימקומען. אין דער פֿרעמד, אָן דיר, פֿיל איך זיך שלעכט און קראַנק. איך קען שוין נישט לעבן אָן דיר און מיר מוזן זײַן, מאַדזשוכנע, תּמיד צוזאַמען. אַז אַ מענטש ווערט ענג, פֿילט ער ערשט וואָס עס איז אַ נאָענטער, און דו ביזט מיר דער נאָענט־סטער מענטש. איך דאַרף דיך, דאַרף דיך, אָן דיר לעב איך נישט.
מיט באַשען [2] האָב איך זיך געזען, עס גייט איר נישט שלעכט. זי דאַרף געלט, פֿון וואַנען האָבן מיר געלט? איך בין דאָ אָן אַ גראָשן און האָב נישט די אויסזיכטן פֿון וואַנען געלט צו באַקומען. איך האָב איר געגעבן וויפֿל איך האָב געקאָנט. יעצט מוזן מיר פֿאַר קיינעם נישט קלערן, נאָר וועגן אונדז און אונדזערע קינדער, און צו קלערן האָבן מיר אַ סך. גאָט וועט אונדז העלפֿן און מיר וועלן פֿון אַלעם שלעכטן אַרויסקומען.
איך בענק נאָך דיר צום שטאַרבן.

דײַן שלום

79

בערלין, 1913

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
איך ווייס נישט וואָס צו טון. פון ווילנע האָבן זיי מיר טעלעגראַפירט און געשריבן אַז זיי האָבן דיר דאָס געלט טעלעגראַפיש אַרויסגעשיקט, נאָר דאַכט זיך, אַז מיט דעם „טעלעגראַפיש" איז דאָס גרעסטע אומגליק, ווײַל קיין שאַטיליאָן גייט נישט קיין געלט טעלעגראַפיש. נו, איז אַן אומגליק. איך ווייס נישט וואָס צו טון. יעדנפאַלס קום איך פרײַטיק אַהיים.
איך גריס דיך זייער.

דײַן טרויעריקער שלום

איך גריס אײַך האַרציק, מאַדזשע, איך האָב די גאַנצע צײַט געוואָלט קומען קיין פאַריז, נאָר איך האָב קיין געלט נישט געהאַט.

נאָמבערג

80

בערלין, 1913

איינציקע, טײַערע מאַדזשע־לעבן,
הײַנט האָב איך געמאַכט אַן עק מיט די זאַכן. אָוועקגעשטעלט די זאַכן אין אַ שטוב, און בערענשטיין [1] וועט זיי פאַרקויפן. די דיוואַנען, פוירהאַנגען, בילדער און אַ ביסל קופּער פיר איך אין אַ קאָרב מיט מיר. כ'ווייס נישט אויב איך וועל נישט האָבן קיין שוועריקייטן בײַ דער גרענעץ.
די מאַשין, וויזשימאַטשקע *, וואַג, מאַשינדל צו פלייש, דעם הענגלײַכטער און ביכער עקספּעדיר איך קיין פאַריז. מיר וועלן געוויס מוזן בלײַבן איבער ווינטער נאָך אין פאַריז. איך זע נישט פון וואַנען איך וועל נעמען געלט זיך איבערצוציִען.
מאָרגן שיק איך דיר אַרויס געלט פון בערלין אויף דירה־געלט.

---

* וועש־אויסדרענגער.

איך מוז זיך באַלד נעמען צו „שלמה נגיד", די זאַך האָט געמאַכט אַזאַ איינדרוק און אַלע וואַרטן אויף דעם, אַז איך האָב נישט קיין רעכט די זאַך אָפּצולאָזן. ייִדן האָבן מיר ליב געקריגן צוליב דעם.
אַלזאָ — אויף ווידערזען, מײַן ווײַב, ביז דאַן וועל איך שטאַרבן פאַר בענקשאַפט.

דײַן שלום

81

בערלין, 1913

איינציקע מאַדזשע,
איך ווייס נישט וואָס דו ביזט בייז אויף מיר און נאָך דער שטרענגער שלעכטער קאַרטע, וואָס דו האָסט מיר געשריבן, האָסטו אין גאַנצן אויפֿגעהערט צו שרײַבן. בחינם וואַרט איך שוין דרײַ טעג אויף אַ בריוו. איך קען דײַן אייגנשאַפט. האָסט געהערט אין בערלין אַ פּאָר קאָמפּלימענטן און דו האַלטסט זיך פאַר דער אומגליקלעכער פרוי, וואָס איז אַרײַנגעפאַלן צו אַזאַ מערדער ווי איך בין. נאָר איך האָב שוין נישט קיין כּוח פון דעם אַלעם — מן־הסתּם, אַז דו ביזט בייז, האָסטו רעכט.
איך שיק דיר דאָ 100 מאַרק, דאָס איבעריקע געלט האָב איך דעפּאָנירט אין אַ באַנק. אַז דו ווילסט מיר שרײַבן, שרײַב מיר קיין מינכן, פּאָסט־רעסטאַנט.
איך האָב געקריגן אַ בריוו פון די דאָבנאָוועס [1], זי איז גרייט איבערצוזעצן מײַן ראָמאַן, נאָר זי וויל 200 רובל באַלד. ווייס איך נישט וואָס צו טון. יעדנפאַלס מוזסטו מיר באַלד אַרויסשיקן אַ קאָמפּלעט „פרײַנדס" [2], ווו עס איז געווען געדרוקט „מערי" [3].
וועגן טובים? מאַך דיך נישט קיין שמערצן, איך שרײַב איצט אַ בריוו צו מאַרק אַרענשטיין [4] וועגן דעם.
איך פיל זיך זייער שלעכט, זײַט דו ביזט אַוועקגעפאָרן, שלאָף איך שלעכט און זע אויס ווי דער טויט. און איצט דו נאָך מיט דײַן ברוגז.
יאָ, איך האָב דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע פון באַשען [5], זי פרעגט זיך אָן ווו דו ביזט. איך האָב איר נישט געענטפערט דערפאַר, ווײַל אפשר וואָלט

שוין דאָך צײַט געוועזן אַז דײַן משפחה זאָל דיך אָפּלאָזן אַ ביסל. דו האָסט דאָך אייגענע קינדער און אייגענע זאָרג.
מיט ריינהאַרדטן [6] האָב איך זיך געזען נאָך אַ מאָל. ער לאָזט דיך גריסן און רעדט מיך שטאַרק צו אַז איך זאָל קומען נאָך לאָנדאָן. דאָרט וועל איך זען אַליין, און וועל אים לייענען „יפתּח טאָכטער". אויך זאָגט ער מיר אַז איך זאָל זיך אַריבערציִען קיין בערלין. נאָר וואָס קומט אַרויס אַז דו ביזט ברוגז און איך ווייס נישט וואָס צו טון. שרײַב מיר באַלד קיין מינכן.
איך קוש דיך און בענק נאָך דיר.

דײַן שלום

82

אויף דער שיף „אַקוויטאַניאַ", 1913

טײַערע מאַדזשוכנאַ,
הײַנט פֿאַרענדיקט דאָס דריטע קאַפּיטל אויפֿן שיף. געמאַכט אַ האַלבע שעה גימנאַסטיק, אַ האַלבע שעה געשווומען אין קאַלטן וואַסער. דאָס קאַלטע וואַסער מאַכט מיר זייער גוט, באַרויִקט מײַנע נערוון.
גערעדט מיט אַ מאַן אויף דער שיף. שוין צוואַנציק יאָר ווי ער איז אין אַמעריקע, אַ הער קויפמאַן. ער קומט פֿון מאַנהעטן און קאָן זיך אַלץ נישט אײַנלעבן. האָט מורא חתונה צו האָבן, ווײַל די ווײַבער אין אַמעריקע זענען די „באָסעס" און די מענער מוזן וואַשן די „דישעס" * (זײַנע ווערטער). האָט פֿײַנט אַמעריקע און וויל אַנטלויפֿן. אין אַמעריקע איז אַלץ „האַרי־אַפּ" **, זאָגט ער. אין ווין, זאָגט ער, אַז איך נעם אַרויס אַ מיידל, זיץ איך מיט איר דרײַ שעה אין קאַפֿע־הויז, זי טרינקט אַ טאַסע שאָקאָלאַדע זייער לאַנגזאַם, און עסט אַ שטיק קוכן אַ גאַנצן אָוונט. אין אַמעריקע, אַז איך נעם אַרויס אַ מיידל מאַכט זי אַלץ „האַרי־אַפּ"...
גלייב מיר, דער מענטש האָט מיט זײַנע פּשוטע ווערטער געהאַט אויף מיר אַ זייער גרויסן אײַנפֿלוס. איך האָב דיר באַלד געוואָלט טעלעגראַפֿירן, פֿאַרקויף דאָס הויז און קום צו פֿאָרן. וואָס האָבן מיר, משטיינס געזאָגט,

---
* „דישעס" — געשיר.
** „האַרי־אַפּ" — אײַל זיך.

פון אַמעריקע? אַכט יאָר ביסטו געווען אַ דינסט, צו מאָל נישט געקאָנט האָבן אַן אָנשטענדיק מיידל. און איך בין געווען פאַרשקלאַפט. „בעליוו מי" *** — טעלעגראַפיר איך נאָך דיר, קום צו פאָרן. מיר וועלן זיצן ערגעץ הינטער פאַריז אָדער אין אַן אַנדער שטאָט. דערוויַיל אָבער האָב מיר אַ גוטע נאַכט. אַ בראָך איז נאָך מיר וואָס איך בין אויפן ים און דו אויף דער טריקעניש. ווי קען עפּעס גוטס אַרויסקומען דערפון?

איך קוש דיך.
דיַין שלום

83

ניו־יאָרק, 1913

איינציקע, טיַיערע מאָטל־לעבן,
ערשט איצט קאָן איך דיר שריַיבן. איך האָב דורך די צוויי וואָכן וואָס איך בין אין אַמעריקע אויפגעשטעלט מיַין דראַמע. עס באַטייליקן זיך הונדערט מענטשן. זיבן פאָרשטעלונגען שוין געגעבן און זיבן מאָל גערעדט פאַרן עולם. קאָנסטו דיר פאָרשטעלן ווי אויפגערעגט און דענערווירט איך בין געווען? די פאָרשטעלונגען זענען אַדורך גלענצנד, די גאַנצע קריטיק האָט עס אויפגענומען פּראַכטפול, און טאָקע אַ שאָד וואָס דו ביסט נישט געווען. האָסט אַזעלכעס אין יִדישן טעאַטער נישט געזען. וואָלסט געמיינט, אַז דו ביסט ביַי ריינהאַרדטן [1].
און נאָך דעם אַלעם האָב איך עפּעס מורא פאַר די מענטשן. אַ מענטש איז ביַי זיי גאָרנישט. סאַמע גאָט איז ביַי זיי גאָרנישט. דאַכט זיך אַז היַינט ביסטו ביַי זיי אַ מלאך, אַ מלך — און צומאָרגנס, אַז זיי דאַרפן דיך נישט, קענען זיי דיך נישט. ביסטו פאַר זיי גאָרנישט מיט גאָרנישט. דאָס זעלבע איז מיט דימאָוון [2]. פאַר אַ יאָר איז ער געווען אַ גאָט. היַינט איז ער אויף גרויסע צרות און קיינער קען אים שוין נישט.
יאָ, „די יודישע וועלט" [3] הייבט אָן ווידער אַרויסצוגיין אין ווילנע, קלעצקין [4] איז געווען די גאַנצע ציַיט אין אויסלאַנד. איצט איז ער ווידער אין ווילנע. [נישט פאַרענדיקט]

*** „בעליוו מי" — גלויב מיר.

ניו־יאָרק, 1913

טײַערע, אײנציקע מאָטל־לעבן,
דו מוזסט געדענקען איין כּלל אויפן גאַנצן לעבן: איך טאָר נישט מער אַליין אין ערגעץ־ווּ פֿאָרן אויף אַ לענגערער צײַט אָן דיר. דאָס קאָסט אונדז פֿיל, זייער פֿיל. עס נעמט אונדז אַוועק די שענסטע טעג פֿון אונדזער לעבן, און איך לײַד דערפֿון זייער מאָראַליש. קאָן נישט אַרבעטן דורך דער צײַט וואָס דו ביזט נישט מיט מיר. איך פֿאַרליר פֿון מײַן נאָמען, פֿון מײַן שטעלונג, און איך קאָן נישט זײַן דאָס וואָס איך וואָלט געקאָנט פֿאַרנעמען אין דער געזעלשאַפֿט.
די גאַנצע וועלט האָט קינדער און אַלע גיבן זיך אַן עצה מיט קינדער, נאָר בײַ אונדז זענען די קינדער אַ שטערונג. פֿאַר וואָס? אָט איז שלום עליכם [1] אַהער געקומען אָן די קינדער, נאָר מיטן ווײַב און אַ טאָכטער, און ער וועט דאָ בלײַבן גאַנצע צוויי יאָר, דורך דער צײַט פֿון דער מלחמה. ווּ דען וועט ער זיך אַהינטון, האָט ער מיר געזאָגט, ווען מען וועט איצט ליגן אין קאָפּ ליטעראַטור בײַ אונדז?
און איך האָב זיך געבעטן בײַ דיר, לאָז איבער די דרײַ יונגען אין דער שולע, זיי פֿילן זיך דאָרט גאַנץ גוט. איך האָב זיך געבעטן, קום מיט מיר מיט קיין לאָנדאָן, מיר וואָלטן אין אײנעם אַראָפּגעקומען קיין אַמעריקע, ווי יעדער קינסטלער, וואָס קומט דאָ אַהער, קומט ער מיט זײַן ווײַב. און אַז מען הונגערט, הונגערט מען אין אײנעם. און איך בין אַזוי פֿאַרשאָלטן, אַז איך האָב שוין אַ ווײַב מיט וועלכער איך קאָן זיך ווײַזן, מוז איך שטענדיק לעבן ווי אַן אַלטער בחור, ווי אַ ציגײַנער. דאָס איז דער גורל פֿון אַ קינסטלער פֿון אַ פֿאָלק וואָס וואַנדערט כּסדר.
דו מוזסט דאָס געדענקען אויף דײַן גאַנץ לעבן אַז ווען דו ווילסט אַז מיר זאָלן גליקלעך זײַן, מוזן מיר אין אײנעם זײַן, קיין מאָל זיך נישט מער צעשיידן.
אַלזאָ, מאַדזשאַ, אָרדן אײַן די יונגען אין דער רוסישער שולע און דו קום באַלד אַהער מיטן מיידל, באַלד, וואָרום נישט, וועל איך משוגע ווערן, וועל איך אונטערגיין ווי אַמשנעלסטן. געדענק אין גאָט, קום. אָט איז דאָ קאַטאַרזשינסקי [2], דו קענסט אים פֿון בערלין. איז ער אַהער געקומען מיטן ווײַב און די צוויי קינדער. און שלום אַש, וואָס די וועלט קלינגט מיט אים, קומט אַהער ווי אַ בחור. וואָס פֿאַר אַ פּנים קאָן איך האָבן בײַ זיי. דו קאָנסט דיר גאָרנישט פֿאָרשטעלן וואָס מיר האָבן פֿאַרלוירן מיט דעם וואָס איך פֿאָר אַליין. וויפֿל שיינע זאַכן וואָלט איך אָנגעשריבן ווען איך וואָלט

דיך געהאַט מיט מיר. און דו האָלטסט דיך אין איין ברוגזן, שפּילסט דיך מיט מיר ווי צוויי קינדער. מיר זענען צוויי אַלטע מענטשן און מיר האָבן פיר קינדער — געדענק, מאַדזשע, מאַדזשע געדענק!

דײַן שלום

85

ניו־יאָרק, 1913 [1914?]

איינציקע מאַדזשע־לעבן,

איך האָב דיר נעכטן טעלעגראַפירט אַז דו זאָלסט אַלץ פאַרקויפן און איך שיק דיר אַרויס שיפסקאַרטן. אַזוי ווי איך האָב דיר שוין געשריבן, זע איך דאָ נישט קיין גרויסע גליקן פאַר מיר. איך זע אָבער דאָ די איינציקע צוקונפט פאַר אונדזערע קינדער אַז זיי זאָלן ווערן אויפגעצויגן אין אַ פרײַ לאַנד.

און וואָס איז מיט מיר? מיט מיר איז אַזוי: פּרנסה וועל איך אפשר דאָ האָבן אַזוי ווי אין דער היים, גיין גייט עס מיר אין דעם. דאָ איז דאָ אַ גרויס ייִדיש פעלד, אַלץ ליגט אָבער אין אייניקע הענט, און אַלץ שטייט אויף זייער אַ נידעריקער מדרגה. אַזוי איז אויך מיטן טעאַטער. דאָ זענען פאַראַן דרײַ, פיר טעאַטערס, זיי מאַכן מיליאָנען, אָבער צי זיי וועלן זיך נייטיקן אין מיר, ווייס איך נישט אויף געוויס. יאָ, אפשר אויף אַזוי פיל אויף וויפל איך וועל קאָנען נאָכגיין זייער געשמאַק. און זייער געשמאַק איז זייער גראָב און זייער נידעריק. אָבער ווי קאַהאַן [1] זאָגט מיר, וועלן זיי זיך יאָ נייטיקן אין מיר.

איצט מיט צײַטונגען. דאָס איז דאָס איינציקע שטיקל האָפענונג. דער „פאָרווערטס" [2] איז אַ גוטע צײַטונג און מען קאָן דאָרט דרוקן וואָס מען וויל. ער צאָלט מיר צען דאָלאַר פאַר אַן אַרטיקל, אָדער סקיצע פון צוויי זײַטן. דאָס איז מײַן איינציקע זיכערע הכנסה, וואָס איך וועל האָבן, אַ חוץ פון די ביכער.

מיט לעבן איז דאָ אַזוי: פאַר אַ דאָלאַר קאָן מען דאָ קויפן וואָס בײַ אונדז פאַרן רובל און אפשר אַ ביסעלע מער. דירה־געלט איז זייער ביליק. מען קאָן דאָ פאַר 25 דאָלאַר אַ חודש קריגן זייער אַ שיינע דירה מיט הייס וואַסער.

איך גלייב אין דער צוקונפט. דײַן בריוו וועגן דער היים האָט מיר געגעבן

מער מוט דאָ צו בלײַבן. און געוויס, וואָס וועט פון אונדז ווערן אין דער היים? עס איז מיר שוין מיאוס דאָס נאָכיאָגן זיך, כּדי איבערגעזעצט צו ווערן און פון דעם צו מאַכן אַ לעבן. איך דאַרף זען אַז איך זאָל קודם כּל מאַכן מײַן לעבן פון דער שפּראַך אין וועלכער איך שרײַב, און דאָס קאָן איך דערגרייכן פון הי־אויס.
איך האָב איצט נישט קיין געלט און קאָן דיר גאָרנישט שיקן. אַזוי ווי איך האָב דיר שוין געשריבן, קאָן מיר דער „פאָרווערטס" נישט פריִער געבן קיין געלט פאַר די ביכער ביז ער וועט זיך אויסגלײַכן מיט שימינען [3].
איך האָף, אַז „יחוס" וועט דאָ האָבן אַ דערפאָלג. די ערשטע דראַמע וואָס איך וועל דאָ געבן, מוז האָבן אַ זיכערן דערפאָלג. איך רעכן אויך קירצלעך אָנצושרײַבן אַ נײַע דראַמע.
פון בערלין האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו, אַז אין ווין וויל מען קויפן „יחוס".
איך האָב דיר אייניקע מאָל געשריבן וועגן „ערד" — פאַר וואָס זעסטו נישט אַז מען זאָל מיר דאָס אַרײַנשיקן?
די עיקר צרה האָב איך מיט דער מאַמע [4]. די מאַמע מוז אַהיימפאָרן און איך דאַרף איר געבן אויף אַ שיפסקאַרטע, האָב אָבער קיין געלט נישט און ווייס נישט וואָס צו טון.
איך גריס דיך הערצלעך, איך בענק נאָך דיר, און ווי דערלעב איך דיך שוין דאָ צו זען, מען זאָל וועגן דעם אַלעם דערציילן אין פריידן.

דײַן מאַן שלום

86

ניו־יאָרק, 1913

איינציקע מאַדזשע,
איך האָב בײַ מיר אָפּגעמאַכט אַ מיין. לאָז אַ כּפּרה גיין גאַנץ אַמעריקע. איך קום אַהיים צו פאָרן, צוריק צו דיר, קיין פּוילן. איך זע, אַז איך וועל נישט קאָנען אַרבעטן אין אַמעריקע. געלט האָבן, אפשר יאָ, נאָר שרײַבער — אויס. איך וויל אַהיימקומען. מיר וועלן זיך ציִען אויף דער פּראָווינץ, אין אַ קליינער שטאָט, קוטנע אָדער סקערניעוויץ. איך וועל זען אַ פּאָר טויזנט רובל צו ברענגען אַז איך זאָל קאָנען קויפן אַ הויז, און דאָס אַלץ. מיר וועלן וווינען אויף דער פּראָווינץ אַ גאַנץ פּעליק יאָר. די מאַמע [1] איז

אויך אין דער היים, וועט מען קאָנען בײַ איר די קינדער איבערלאָזן, און מיר וועלן אַ מאָל קאָנען קיין וואַרשע פֿאָרן.

און מיט נתנען [2] רעכן איך אים צו שיקן צו דײַן טאַטן נאָך לאָדזש, זאָל ער דאָרט אין דער האַנדלסשולע גיין וועט ער נישט זײַן קיין דאָקטאָר, נאָר אַ סוחר.

איך האָב צו אַרבעטן — וויל איך אַרבעטן. דעם באַשלוס האָב איך בײַ מיר אָפּגעמאַכט פֿעסט. און איצט בלײַבט מיר נאָך איבער מײַנע דראַמעס צו פֿאַרקויפֿן. דאָס אַלץ. איך וועל אַזוי לאַנג דאָ בלײַבן ביז איך וועל די דראַמעס פֿאַרקויפֿן.

דײַן אײנציקער שלום

87

ניו־יאָרק, 1913 [1914 ?]

איך געפֿין זיך איצט אויף אַן אָרט בײַ אַ גוטן פֿרײַנד, ווו מיר וועלן וווינען אין ניו־יאָרק. דאָס לאַנדשאַפֿט פּונקט ווי בײַ אונדז אין קאַזשימיערזש, אין גאַנצן ווי אין פּוילן.

האָסטו געהערט ? וואָס מער איך בין דאָ אַלץ מער עפּעס געפֿעלט מיר אַמעריקע. גאָרנישט אַזוי שלעכט ווי מען דענקט בײַ אונדז. איך האָב מיר דאָ געשאַפֿן אַ פּאָר גוטע, גוטע פֿרײַנד, וועלכע איך האָב אמת ליב און איך האָף, אַז דו וועסט אָהער קומען וועסטו זיי אויך ליב קריגן. פּשוטע, אונדזערע מענטשן. מען קאָן דאָ שאַפֿן אַ קליין חברהלע מיט אונדזער אַטמאָספֿער.

בײַ מיר וועט אפֿשר באַלד זײַן נײַס. די אידעע פֿון „פֿאָלקס־טעאַטער" מאַכט גרויסע פֿאָרשריט. מען רעדט דערפֿון אין שטאָט און נעכטן האָב איך בײַ אַ באַנקיר געהאַט וועגן דעם אַ זייער ערנסטע קאָנפֿערענץ. מען האָפֿט אַרויסצוגעבן אַקציעס פֿאַר איין מיליאָן דאָלאַר. און אויף אַמעריקע זאָלסטו גלויבן. דאָס איז נישט אַ לאַנד וואָס שפּילט זיך מיט גראַשנס. אַז איך וואָלט געוואָלט מאַכן אַ פּריוואַט טעאַטער, געפֿינען זיך מענטשן וועלכע ווילן אַרײַנלייגן 20־30 טויזנט דאָלאַר, נאָר איך וואַרט אָפּ. איך גלייב, אַז עס וועט עפּעס אַרויסוואַקסן, דאַן פֿאַקן מיר די זאַכן און הײַדאַ קיין אַמעריקע. מיר דאַכט זיך, אַז איצט, נאָך אַמעריקע, וועל איך זיך שוין נישט גוט פֿילן אין וואַרשע. אַזעלכע קליינע מענטשעלעך !

די טעג שיק איך אײַן אַ בילד אין „פרײַנד"[1] פון „פאָרווערטס"־באַל[2]. זאָג נאָמבערגן[3] און ווײַטערן[4], אַז זיי זאָלן דאָס באַלד אָפּדרוקן, דאָס איז אומגעהויער וויכטיק פאַר מײַן פּראָיעקט. דאָס קאָן הייבן די שטימונג דאָ, און עס קאָן מיר זייער פיל העלפן.
שרײַב מיר וואָס מען הערט אין וואַרשע, אין דער ליטעראַרישער וועלט. אַלע פרייען זיך דאָ מיט דײַן פאָטאָגראַפיע. אַלע זענען אַנטציקט פון דײַן שיינקייט, מען האָט דיר דאָ אַ נאָמען געגעבן „מאַדאָנאַ". איך זאָג אַז דו ביזט אַן „אַפראָדיטאַ".
איך גריס דיך און קוש דיך.

דײַן שלום

88

ניו־יאָרק, 1913 [1914 ?]

איינציקע מאַדזשע,
בײַ דינעזאָן[1] האָב איך ליגן דעם קאָנטראַקט מײַנעם מיט פישער[2]. זײַ אַזוי פרײַנדלעך און גיי אַהין, נעם מיר אַרויס דעם קאָנטראַקט און שיק מיר אים אײַן. דאָס איז דער גענעראַל־קאָנטראַקט.
איך האָב דיר שוין איין איינציקע מאָל געשריבן און געבעטן דיך אַז דו זאָלסט מיר אויך אײַנשיקן „ערד", איך דאַרף די דערציילונג דורכויס.
גיי אַהין צו לידסקין[3] און רעד מיט רייזינען[4] אַז זיי זאָלן דיר געבן די קאָרעקטורן. און האָבן זיי נישט די קאָרעקטורן, זאָלן זיי דיר לאָזן די זאַך איבערשרײַבן. און פאַר וואָס גיבן זיי דאָס נישט אַרויס, צו אַלדע שוואַרצע יאָר ? איך וואַרט אויף דער דערציילונג.
דער „סאָכאַטשאָווער רבי" פון נאָמבערג[5] האָט דאָ געמאַכט אַ גרויסן אײַנדרוק. זאָג אונדזער חברה, זיי זאָלן מיר אַרײַנשיקן זאַכן *.
איך קוש דיך.

דײַן שלום

---

* עס האַנדלט זיך וועגן שאַפונגען פון יידישע שרײַבערס אין וואַרשע.

ניו־יאָרק, 1914

איינציקע טײַערע מאַדזשע,
שוין אַ צײַט ווי איך האָב דיר נישט געשריבן, און שוין אַ צײַט ווי איך האָב פון דיר קיין בריוו נישט דערהאַלטן. יעדעס מאָל, איידער איך גיי מיך לייגן שלאָפן, גיב איך אַ קוק אויף דײַן פאָטאָגראַפיע מיט די קינדער, דאַכט זיך מיר, אַז איר קוקט אַהער צו מיר פון דער ווײַט *.
און וואָס האָט זיך שוין נישט אָפּגעטאָן מיט מיר און טוט זיך נישט אָפּ אין דער צײַט? עס איז אַמעריקע. אַ לאַנד פון פּאָליטיקער. יעדער מענטש, ווי קליין אַ מענטשל, אַזוי גרויס אַ פּאָליטיקער. און די שרײַבערלעך, אַ פינ־גערהויט אַ שרײַבער, אַ פּאָליטיקער אַ קוואָרט. איך האָב דאָ, ווי דו ווייסט, פאַרעפנטלעכט דאָס פּראָיעקט וועגן פאָלקס־טעאַטער. דער פּראָיעקט קאָן ווערן זייער לײַכט אויסגעפירט. ער האָט אַרויסגערופן אינטערעס. און בײַם פאָלק וואַקסט דער אינטערעס וואָס אַ מאָל מער. מען וואָלט געקאָנט קלײַבן דאָלאַרן ווי האָגל. הייבט זיך אָבער אָן אַ מעשׂה מיט פּאָליטיק. בעט מען דעם, באַליידיקט זיך יענער, יענער — דער. און איינער וויל נישט זײַן מיטן צווייטן. און וואָס די צרה איז, זיי האָבן רעכט, זיי זענען אַלע פּאַרלע. נאָר פײַנער פון זיי אַלע איז דאָך דער „פאָרווערטס" [1]. ערשטנס איז עס אַ צײַטונג, וואָס גייט אַרויס פון אַ גרויסער געזעלשאַפט און די גאַנצע אַרבעטער־מאַסע שטייט הינטער איר. האָב איך געמוזט [דער המשך פעלט]
דער הייבט אָן אויסצורעדן אויף דעם, דער אויף יענעם, און איך גיי אַרום ווי אויף אַן עולם־התוהו, וויל גאָר גיבן אַ שפּײַ אויף זיי און אין גאַנצן אַנטלויפן. מאַכט זיך אָבער אַ מעשׂה — דאָס פאָלק. אַז דער עולם איז דאָ גאָלד. קיין פאָלק האָט נישט אַזאַ ליבע, איבערגעגעבענע מאַסע ווי מיר האָבן, און עס איז מיר ווירקלעך אַ שאָד זיי, די אָרעמע מענטשן.
איך שרײַב דיר דאָס, האָב אויך דו כאָטש אַ שטיקל מיש־מאַש אין קאָפּ ווי איך האָב.
איך וועל מיך נישט וווּנדערן אַז עס וועט קומען אַ לץ און אָנשרײַבן אויף מיר אַ קאָרעספּאָנדענץ פאַרן „פרײַנד" [2], אַז איך האָב ייִדן פאַרקויפט. אַ קשיא אויף אַ מעשׂה. זאָג נאָמבערגן אַז ער זאָל פאַרזיכטיק זײַן.
הכּלל, איך האָב שוין גענוג, איך וויל אַנטלויפן [המשך פעלט]

---

* אין יענער צײַט האָט זיך פרוי אַש געפונען אין פּאַריז.

ניו־יאָרק, 1914

טײַערע מאַטל־לעבן,
איך קאָן דיר גאָרנישט אַרויסשרײַבן ווי דו האָסט מיך דערפרייט מיט דײַן טעלעגראַם. גאָט מײַנער, איך ליב דאָך אײַך אַלע אַזוי אַז איך קלער באַלד איבער, גאָט ווייסט וואָס. איך האָב נישט געוואָלט צו דיר טעלעגראַפירן וועגן קינדס געזונט. איך האָב געוווסט, אַז דו ביזט נעבעך פאַרדרייט און צעטראָגן מיטן קינד, האָב איך נישט געוואָלט דיר צרות אָנטון און קומען מיט מײַן אומרוּיִקייט. איך האָב אָפּגעוואַרט ביז דו וועסט אַליין טעלעגראַ־פירן. דער דאָקטאָר דאָ האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל קריגן פון דיר אַ טעלעגראַם אַז דעם קינד איז בעסער. איך קוש דיך פאַר דעם טעלעגראַם און דאַנק דיר הערצלער.
איך גיי אונטערנעמען אַ טורנע איבערן לאַנד, דאָס וועט דויערן אַ חודש. ביַי מיר איז מער ווי זיכער אַז מיר וועלן שוין דאָ איבערבלײַבן. איך טרעט אַרײַן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און וויל זיך נעמען צו אַרבעטן צווישן אַרבעטער. דערווײַל זיץ איך דאָ אין מײַן וווינונג איינער אַליין, אין די דרײַ צימערן, און אַרבעט. אַנטקעגן מיר איז דאָ אַ גרויסער וואַלד, איך בענק נאָך דיר. קום צו מיר, מײַן טײַערע מאַדזשע, ווי אַמשנעלסטן.
אַלע האָבן געהערט און וויסן פון דיר און דו האָסט דאָ אַ פּיל גרעסערן נאָמען פון מיר. איך ווייס נישט ווער עס מאַכט דיך אַזוי באַרימט אַז דו ביזט די שענסטע, די איידלסטע, די אינטעליגענטסטע און בעסטע פרוי. אַלע וואַרטן מיט גרויס נײַגיריקייט דיך צו זען און צו קענען. וועסט דיר מוזן מאַכן אייניקע שיינע קליידער איידער דו וועסט אַהער קומען. דאָ קאָסט אַלץ זייער טײַער, אין פּאַריז איז אַוודאי אַלץ ביליק.
דאָ איז איצט זייער קאַלט, נאָר ווען דו וועסט אַהער קומען, וועט שוין זײַן וואַרעמער.
איך קוש דיך, מײַן שיינע מאַדזשע.

דײַן שלום

91

ניו־יאָרק, 1914

טײַערע מאַטל־לעבן,

איך האָב דיר ביז איצט נישט געשריבן. איך בין גאַנצע טעג פאַריאָגט מיט מײַן פיעסע. איך באַדויער זייער וואָס דו ביזט נישט דאָ, דו וואָלסט געקאָנט גיכער ווי איך דעצידירן אויב דאָ צו פאַרבלײַבן. וואָס לענגער איך בין דאָ, קום איך צו דער איבערצײַגונג אַז דאָ איז אונדזער אָרט. טאַקע אַז דאָ איז דער דאָלאַר ווי בײַ אונדז אַ רובל, אָבער דאָס לעבן איז ביליקער, קינדער צו דערציִען קאָסט נישט קיין געלט און איך האָב דאָ אַ גרויס פעלד צו אַרבעטן. איך בין שוין געווען גרייט נאָך דיר שיפסקאַרטן צו שיקן. איך האָב עס אָפגעלייגט ביז מען וועט מײַן פיעסע אויפפירן.

פרײַנד האָב איך דאָ פיל. מען האָט מיך זייער גערן און מען האַלט פון מיר זייער. און דער „פאָרווערטס" [1] איז פון דערווײַטנס פיל שוואַרצער ווי דאָ. אָבער אויסער דעם „פאָרווערטס" זענען נאָך דאָ פיל אָנשטענדיקע מענטשן, מיט וועלכע מען קאָן לעבן, אין אַ שטאָט ווו עס לעבן אַ מיליאָן ייִדן. עס איז אַזאַ גרויס ייִדיש לעבן.

די פיעסע מײַנע, דאַכט זיך, וועט זייער גוט גיין. טאָמאַשעווסקי [2] גיט זיך זייער פיל מי, איך אַליין אַרבעט מיט זיי. עכטע ייִדישע טענץ אין צווייטן אַקט, אַ שאָד נאָר וואָס דו ביזט נישט דאָ. עס גייט מיר נישט אײַן קיין שׂמחה, ווען דו ביזט נישט דערבײַ.

אַז איך וועל דיר טעלעגראַפירן און אַרײַנשיקן קאַרטן, וועסטו מוזן פאָרן נאָך לאָנדאָן, ווײַל פון לאָנדאָן גייען די אַמעריקאַנער שיפן. איך וועל דאָ אָנגרייטן אַ וווינונג. עס איז דאָ אַ געגנט ווי אין בערלין אין קורפירסטענ־דאַם, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן ווי די בערלינער וווינונגען. נאָך מער, מען דאַרף צו זיי גאָר קיין מעבל נישט. מען קאָן זיך דאָ זייער לײַכט אַן עצה געבן. איך גיב דיר דעם אַדרעס פון פיליכאָווסקי [3] אין לאָנדאָן.

וועסט באַדאַרפן פריִער די זאַכן אָוועקשיקן און דו זאָלסט פאָרן נאָר בלויז מיט די קינדער און קליינע פעקלעך.

דערווײַל ריר דיך נישט, מיר קאָנען אָפוואַרטן נאָך אַ פאָר וואָכן. פאַריז איז רויִק און געלט האָבן מיר יעצט, גאָט צו דאַנקען. איך ווין מיט מײַן ברודער און גיב אויס זייער ווייניק. און דו לאָז דיר נישט צו קיין עגמת־נפש. זע אַז דו זאָלסט עסן, גוט זיך פילן, זאָלסט האָבן כּוח די רײַזע צו מאַכן.

איך קוש דיך און פאַרבלײַב דײַן איינציקער מײַן גאַנץ לעבן.

דײַן שלום

92

ניו־יאָרק, 1914

איינציקע מאַדזשע,
זײַ מיר מוחל, וואָס איך האָב דיר איינציקע טעג נישט געשריבן. איך גיי אַרום מיט אַ פֿאַרדרייטן קאָפּ, ווייס נישט וואָס צו טון. בלײַבן, אָדער אַהיימקומען. דאָ קאָן מען אָן ספק זייער פיל אויפטון, אַ מיליאָן ייִדן אין איין שטאָט, און מען איז פרײַ, און די קינדער. פאַר די קינדער איז דאָ אַ גן־עדן, לערנען בחינם, און זיי ווערן מענטשן. און וואָס וועט פון זיי אין וואַרשע ווערן — פּאָליאַקן! איז אָבער די גאַנצע זאַך — איבערטראָגן זיך אין אַן אַנדער וועלט. אַ שאָד, וואָס דו ביזט נישטאָ, דו וואָלסט מיט איין מאָל געווען דערפילט אַלץ, דו דענקסט אַזוי קלאָר.
קיין נײַע געשעפטן האָב איך נישט געמאַכט. מען וויל קויפן פון מיר „יפּתּחס טאָכטער", איז אָבער די שוישפּילערין אַזוי אַלט אַז דאָס האַרץ לאָזט מיך נישט. אַדלער [1] איז אַ גוטער שוישפּילער, איז ער אָבער אַן אַלטער גנב. בין איך אַזוי ווי אויף אַן עולם־התּוהו, ווייס ווירקלעך נישט וואָס צו מאַכן.
און אַז איך דערמאָן מיך וואַרשע, וואַרשע מיט זייערע קליינלעכקייטן, מיט זייער אָרעמקייט, וויל איך אַנטלויפן, אַנטלויפן, אַנטלויפן פון זיי.
שרײַב מיר, איינציקע מאַדזשע, שרײַב מיר יעדן טאָג. איך קוש דיך.

דײַן שלום

93

ניו־יאָרק, [1914 (?)]

טײַערע מאַטל־לעבן,
איך קוש דיך פאַר דײַן בריוו. דו האָסט מיך מחיה געווען. אַז דו ווילסט, מאַדזשע־לעבן, אַז איך זאָל בעסער און איידעלער ווערן, מוזסטו מיר יעדן טאָג שרײַבן. אַז איך לייען דײַנס אַ בריוו ווער איך גוט דעם טאָג און פיל זיך ריינער און שענער. דו, מײַן שיינער חלום, דו מײַן איינציק, גרויס גליק.

דו ווייסט דאָך שוין, אַז איך האָב פאַרקויפט מײַן פּיעסע טאָמאַשעווסקין [1]. טויזנט דאָלאַר האָב איך באַלד באַקומען און איך קריג 25 דאָלאַר אַ וואָך צו לעבן. דערווײַל בין איך זייער פאַריאָגט מיט די פּראָבן אַזוי אַז איך האָב נישט קיין צײַט אַ בריוול צו שרײַבן. איך אַרבעט אַליין מיט זיי און איך מיין, אַז עס וועט אַרויסקומען זייער גוט.
אַלע רעדן מיר צו אַז איך זאָל דאָ בלײַבן און נאָך דיר שיקן. מיר דאַכט זיך אויך, אַז דאָ איז אונדזער אָרט, איך האָב דאָ אַ גרויס פעלד, נאָר איך קאָן זיך נאָך נישט דעצידירן, ווײַל איך וויל דיך נישט רירן פון אָרט. אַמעריקע איז נישט אַזוי שלעכט ווי דו מיינסט. איך האָב דאָ זייער פיל גוטע פרײַנד, שיינע מענטשן. דאַכט זיך, אַז דו וועסט קאָנען גוט לעבן מיט זיי. אַלע האָבן דיך ליב, ווײַל זיי האָבן פיל געהערט פון דיר. איך ווייס נישט פון וואַנען, נאָר דו האָסט דאָ אַ גרעסערן נאָמען פון מיר.
איך קוש דיך.

דײַן שלום

94

ניו־יאָרק, 1916

מײַן טײַערע מאַטל־לעבן,
איך ווייס נישט וואָס איך זאָל טון. דײַן בריוו האָט מיך צעבראָכן. איך האָב געפילט אין אים דײַן גאַנצע נשמה. איך פאַרשטיי דיך. וואָס זאָל איך טון? מאַדזשוכנע, דיך איבערצוצײַגן אַז איך האָב קיינעם, קיינעם נישט ליב, און אַז איך האָב קיין מאָל קיינעם נישט ליב געהאַט, נאָר דיך, גאָט, דו באַדאַרפסט דאָס פילן! דו פילסט דאָך אַלץ אַרויס. און ווען עס טרעפט זיך אַ מאָל, אַז איך האָב אַ קליינלעכע, מאָמענטאַלע באַציִונג צו אַ צווייטער פרוי, איז דאָס נאָר אַן אויסדרוק פון מײַן טעמפּעראַמענט, פון מײַן קינסטלערישער שטימונג און האָט גאָרנישט צו טון מיט יענעם איינציקן, עכטן און אומשטערבלעכן געפיל, אָדער פאַרבריִדערונג, אָדער צוזאַמענגיסונג, וואָס איז צווישן אונדז ביידע, וואָס קיין קראַפט, קיין געשעעניש קאָן עס נישט צעשטערן. דאָס וואָס איז צווישן אונדז, וועט לעבן צווישן אונדז שטענדיק, שטענדיק, אַפילו נאָך אונדזער טויט.
די פּיעסע שפּילט מען שוין נישט, זי איז צו ליטעראַריש און מיטן „פאָרווערטס" [1] האָב איך צרות וועגן געלט־אָנגעלעגנהייטן. איך האָב געמיינט,

אַז איך וועל דאָ קאָנען פֿאַרדינען אַ סך געלט, איצט לאָזט זיך אויס אַז נישט.
יעדנפֿאַלס, אין דער צײַט פֿון דער מלחמה וועלן מיר זיך קאָנען אַן עצה געבן, צום לעבן וועל איך שטענדיק פֿאַרדינען.
איבעריקנס גיי איך אַרום איצט און קלער וועגן גרויסע אַרבעטן. און דו מוזסט מיר העלפֿן, און העלפֿן קאָנסטו מיר נאָר ווען דו ביזט נעבן מיר. בײַ דיר האָב איך די רויִקייט און די שטילקייט, וואָס איך באַדאַרף צו מײַן אַרבעט.
טײַערע, דו מוזסט איצט האָבן פֿיל זאָרג מיטן קינד. גאָט וועט אונדז העלפֿן, ווערסט זען. רותן [2] וועט בעסער ווערן, און דו וועסט קומען צו מיר ווי אַמשנעלסטן. ביז דאַן וועל איך וואָרשײַנלעך אַרויספֿאָרן אויף אַ צוויי וואָכן אין דער פּראָווינץ, ווײַל עס איז מיר שרעקלעך דאָ טרויעריק אָן דיר.
איך אַרבעט איצט זייער פֿיל, איך אַרבעט אויף אַ זאַך, וואָס איך ליב זייער.
איך קוש דיך, איך בענק נאָך דיר, קום צו מיר ווי אַמשנעלסטן, מיט מײַנע קליינע, קליינע קינדער.

דײַן שלום

95

ניו־יאָרק, 1916

טײַערע מאַטל־לעבן,
געווען בײַ אַדלערן [1]. צוויי האַרטע טעג געהאַט. ער האָט געקויפֿט מײַן שטיק, אויף זייער שלעכטע באַדינגונגען, נאָר איך האָב געוואָלט, אַז ער זאָל עס שפּילן. איך האָב נישט געוואָלט, ווידער צוליב געלט, אַוועקהרגע־נען אַ שטיק. ער צאָלט מיר אין גאַנצן 10 דאָלאַר פֿאַר אַן אָוונט שפּילן. איך האָב גאָרנישט געקוקט און אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט, ווײַל איך האָב געוואָלט אַז ער זאָל עס שפּילן. איך וועל נאָך האָבן גרויס „טראָבל" מיט שאָרן [2], ווײַל אין קאָנטראַקט האָב איך אײַנגעשריבן, אַז קיינער טאָר נישט שפּילן דאָס שטיק.
אַ טשעק האָב איך אַרויסגעקריגן פֿון אים אויף 300 דאָלאַר. דעם טשעק האָב איך גלײַך אַוועקגעשיקט אין „פֿאָרווערטס" [3] אַרײַן, אַז זיי זאָלן אים „קעשן". איך האָב מורא, אַז ער זאָל נישט געוואָר ווערן, אַז שאָר האָט

אַן עקזעמפּלאַר פון דעם שטיק, וועט ער „סטאָפּן" דעם טשעק. דו קענסט נישט אַדלערן.
איצט בין איך צוריק אַהיימגעקומען אַ טויטער פון אים. הײַנט האָב איך אַ ביסל געאַרבעט און וועל אַוודאי ענדע וואָך אַהיימקומען.
איך קוש דיך, מײַן טײַערע, און איך בענק נאָך דיר זייער און נאָך די קינדערלעך.
ביז הײַנט האָב איך פון דיר קיין בריוו נישט.

דײַן שלום

96

סיראַקוז, 1916

מײַן טײַערע מאַטל־לעבן,
איך בין הײַנט אָוונט אין סיראַקוז. זעלבסטפאַרשטענדלעך איז דאָס רעדן נישט קיין גרינגע מלאכה, נאָר קיינעם קומט נישט אָן גרינג דאָס לעבן. איך וועל אָבער פיל לערנען פון דעם וועג, מיט דעם וואָס איך האָב צײַט אין וואַגאָן צו טראַכטן, צו לייענען, און אײַנצוזען ווי נאַריש איך לעב.
טײַערע מאַטל, מאַך דיר נישט קיין פאַרדרוס וואָס דו מוזסט צושליסן דאָס געוועלב. זאָל עס אַ כּפּרה גיין פאַר אונדזערע קינדער. ווען עס וואָלט זיך געלוינט, וואָלט אַנדערש געווען. אי נאַריש זיך מאַכן, אי גאַרנישט האָבן דערפון, טאָ זײַ ליבער אין דער היים מיט די קינדערלעך און זע רות [1], אונדזער רות, זאָל געזונט ווערן.
שיק מיר אַרויס דעם — — — גיי אַרײַן אין אַ בוך־געשעפט אָדער צום „פאָרווערטס" [2] און זע אַרויסצוקריגן פון זיי די קאָרעקטן פון מײַנע דרײַ ביכער : „שלמה נגיד", „אירע יונגע יאָרן" און דער עיקר „בלעטער", שיק מיר אַלץ אַרײַן, איך באַדאַרף עס זייער.
איך קוש דיך.

דײַן שלום

איִאָא, [1916/17]

מײַן טײַערע מאַטל־לעבן,
איך האָב געוווּסט, אַז מיר וועלן פאַרקויפן די אַלטע זאַכן און מיר האָבן זיי פאַרקויפט זייער ביליק. איך האָב זיי סײַ־ווי־סײַ געוואָלט איבערלאָזן פאַר אַ מוזעאום. איך וויל זיי פאַרקויפן צו ד״ר מאַגנעסן [1], נאָר מיט אַ תּנאי, אַז זיי זאָלן גיין אין אַ מוזעאום, אָדער אין מעטראָפּאָליטען, אָדער אין אַ ייִדישן מוזעאום, מיט וועלכן זײַן פרוי אינטערעסירט זיך. און אפשר וועט ד״ר מאַגנעס מסכּים זײַן אויף דעם וואָס ד״ר ווייכסעל [2] האָט צוגערשט געוואָלט, אַז מיר זאָלן דעם גאַנצן „מתּנות״ [3] פאַרוואַנדלען אין אַ קינסט־לערישער גאַלעריע — דענסמאָל וואָלטן מיר פון די „מתּנות״ אַרויסגע־וואָרפן די ביליקע זאַכן, מיר וואָלטן פון צײַט צו צײַט געמאַכט אויסשטע־לונגען פון ייִדישע מאָלער און דערבײַ וואָלט מען אויך אויסגעשטעלט די אַלטע זאַכן. עס איז דאָך ווירקלעך אַ שאָד אַזאַ שיינע זאַך אויפצוגעבן.
אָבער אין דעם פאַל וואָלט ד״ר מאַגנעס געמוזט אָנשטעלן אַ מענטשן, אויך פאַרזיכערן פון אַ גנבה.
יעדנפאַלס נעם דאָס געלט פון ד״ר מאַגנעס און לייג עס אַרײַן אין באַנק. זעלבסטפאַרשטענדלעך קאָנען מיר אים נישט פאַרקויפן דעם טעלער, וואָס סאָלאָמאָן [4] האָט אונדז אַרײַנגעגעבן, ער איז דאָך נישט אונדזער.
איך שיק דיר ווידער אַרײַן הונדערט דאָלאַר, צוזאַמען וועל איך דיר האָבן אַרײַנגעשיקט 285 דאָלאַר. איך בעט דיך, גיב דאָס געלט אין באַנק אַרײַן. איך וואָלט געוואָלט, אַז דו זאָלסט אַרײַנלייגן אין דער באַנק די גאַנצע 1500 דאָלאַר פון מאַגנעסן, און איך וועל זען דיר צוצושיקן נאָך 500 דאָלאַר, אַזוי אַז מיר זאָלן האָבן אַ שטיקל קאַפּיטאַל פון 2000 דאָלאַר. פילײַכט וועלן מיר נאָך דער מלחמה דאָך קאָנען ווערן זעלבסטשטענדיק.
די אַלטע זאַכן באַדאַרף מען אַרײַנשטעלן אין איין שאַנק אַרײַן, מען דאַרף דערצו מאַכן אַ ספּעציעלע שאַנק, אַזוי זאָגט ד״ר מאַגנעס. און אפשר וויל ער גאָר זיי באַלד צונעמען. שרײַב מיר וואָס ער רעכנט צו טון.
אין וויניפּעג האָב איך געקויפט אַ ביסל זאַכן. ערשטנס האָב איך פאַר דיר געקויפט אַ פוטערנעם קראַגן, ער איז נאָך רוי און קאָסט מיר 50 דאָלאַר, אין ניו־יאָרק דאַרף דאָס קאָסטן 150. איך שיק עס דיר, גיב עס אָוועק צו אַ קירזשנער צו מאַכן, נאָר דאָס מוז זײַן אַן ערשטקלאַסיקער בעל־מלאכה. מאַך אַ צייכן אויפן פעלעכל, דאָס פוטער איז אַ זעלטנקייט און מען קאָן עס נאָך פאַרטוישן, מען דאַרף זײַן זייער פאָרזיכטיק.
איך האָב אויך געקויפט אַלטע קמיעות און צוויי אַלטע ענגלישע בראָשן.

איך שיק דיר אַלץ אַרײַן. האָסטו מיך נישט, דערפֿרײ דיך כאָטש מיט מײַנע מתּנות.
איך שיק דיר אויך אַן אַלטן בשׂמים־ביקס, וואָס אַ ייִד האָט געמאַכט פֿון אַלטן זילבער, ער קאָסט מיר 30 דאָלאַר.
זאָג ד״ר מאַגנעס, אַז איך פֿאַרקויף נאָר די חנוכּה־לאָמפּן, ווײַל זיי גייען אין אַ מוזעאום אַרײַן. און ווען ער וועט גרינדן אַ ייִדישן מוזעאום, וועל איך אַרבעטן דערפֿאַר מיט מײַן גאַנץ האַרץ.
איך בין זייער מיד. איך בין געפֿאָרן 32 שעה אין וואַגאָן און דאָס רעדן מוטשעט מיך אויס. זאָג שוואַרצן [5], אַז ער האָט אָרגאַניזירט צו אָפֿט די פֿאָרלעזונגען אין קליינע שטעטלעך פֿאַר קליינע סומען. עס לוינט זיך נישט, ווײַל דאָס פֿאָרן און דאָס שטיין אין האָטעלן קאָסט אַ סך געלט.
אַלץ דאָס געלט וואָס וועט מיר איבערבלײַבן, וועל איך דיר אַהיימשיקן און דו זאַמל דאָס געלט. זע אויסצוגעבן וואָס ווייניקער, איך גיב נאָר ווירקלעך אויס וואָס איך באַדאַרף, שלעפּנדיק זיך גאַנצע טעג און קומען אַהיים נאָך יעדן רעדן אַ טויטער — הלוואי איך זאָל דאָס אַלץ אויסהאַלטן, אַ שווערע פּרנסה, מײַן ווײַב.
איך בין אַזוי פֿאַרנומען מיט דעם פֿאָרן און רעדן אַז איך האָב נישט קיין צײַט צו שרײַבן. איך האָב אָנגעהויבן צו שרײַבן אַ דערציילונג און קאָן זי נישט ענדיקן.
שיק מיר אַ טעלעגראַם נאָך קענזאַס סיטי וואָס דו האָסט געמאַכט מיט ד״ר מאַגנעס. זאָג שוואַרצן, אַז קיין וואַטערלאָ בין איך נישט געפֿאָרן, ווײַל די באַן גייט אָפּ 6 אין אָוונט און איך וואָלט אַרײַנגעקומען 11 בײַ־נאַכט. ער דאַרף זײַן פּאָרזיכטיק מיט אָרגאַניזירן פֿון איין טאָג אויפֿן אַנדערן פֿון שטאָט צו שטאָט.
איך בין אַ מידער און קראַנקער פֿון בענקשאַפֿט נאָך דיר, שרײַב מיר, מײַן קינד, איך האָב דיך קיין מאָל נישט אַזוי ליב געהאַט און געבענקט נאָך דיר, ווי איצט.
איך קוש דיך, מײַן שיינע, שיינע מאַדזשע, איך בענק נאָך דיר.

דײַן שלום

אין וויניפּעג געזען אייניקע זייער אינטערעסאַנטע זאַכן. וועל זיי באַשרײַבן, געווען דאָרט זייער אינטערעסאַנט.

וויניפּעג, [1916/17]

מײַן טײַערע מאַדזשע־לעבן,
דײַנע צוויי בריוו דערהאַלטן נעכטן. מיטוואָך אָוונט בין איך אָנגעקומען קיין וויניפּעג, נאָך 15 שעה פאָרן אין באַן. דאָ איז הײַנט 30 גראַד פראָסט, דאָך פילט מען נישט אַזוי די קעלט, ווײַל די קעלט איז אַ טרוקענע. איך וועל דאָ שטיין ביז זונטיק, דאַן פאָר איך ווײַטער.
אין מינעאַפּאָליס האָב איך געפונען אַ משפחה פון לוויוויטש, בײַ וועלכע איך בין געשטאַנען. דאָס ווײַבל האָט אויסגעהאַפטן אַ ייִדיש הייבל פאַר דיר און איך האָב עס דיר אַרײַנגעשיקט.
איך בין שוין מיד פון פאָרן און וואָלט שוין געוואָלט אַהיימקומען. זייער שווער איז צו רעדן יעדן אָוונט און נאָך מער אַז מען באַדאַרף דערצו שרײַבן. אוי, דאָס שרײַבן איז מיר שוין אַזוי פאַרמיאוסט געוואָרן, ווי איך טו עס איצטער. שטעל דיר פאָר, גאָט האָט מיר געשאָנקען טאַלאַנט, טו איך דאָס, וואָס גאָט האָט מיר געגעבן, וויל האָבן דערפון גרויס הנאה און פאַרגעניגן, און איך האָב אָבער פון דעם געמאַכט אַ מלאכה — אַ שווערע אַרבעט, פון וועלכער עס איז מיר מיאוס. איז דאָס נישט דאָס גרעסטע פאַרברעכן און אומרעכט פון מײַן זײַט? ניין, מאַדזשע, איך האָב באַשטימט פּאָזיטיוו, אַז איך וועל אַהיימקומען וועל איך זיך גאַנץ אַנדערש פירן. פון „פאָרווערטס" [1] וועל איך נישט אַוועקגיין, נאָר איך וועל באַיין־אופן נישט שרײַבן דעמאָלט, ווען איך קאָן נישט און וויל נישט, און נישט אויף דער וואָך. וועלן זיי דאָס וועלן, איז גוט, אַז נישט — וועלן מיר זיך מוזן אַן עצה געבן. גלײַכער הונגערן, גלײַכער אַלצדינג, און נישט אַ תּל מאַכן פון גאָטס געשאַנק.
און פאַרגעס נישט, מאַדזשע, אַז די גאַנצע יוגנט קוקט אויף מיר ווי אויף דעם שטעלפאַרטרעטער פון פּרצן [2]. און איצט נאָך דעם טויט פון מענדע־לען [3] — האַלטן זיי מיך אַלס דעם איינציקן, וועלכער פאַרטרעט די ייִדישע ליטעראַטור. מען מוז דאָס ווערט זײַן, מאַדזשע, און מען דאַרף עפּעס קאָנען דערפאַר אָפּפערן אויך. און איך פיל, אַז אויב איך וועל אַזוי שרײַבן ווי איך האָב ביז איצט געשריבן, אויף דער וואָך, וועל איך אונטערגיין, וועל איך ווערן אַ ייִדישער ראָמאַנען־שרײַבער און אפשר אַ שונד־שרײַבער אויך. און פאַרקערט, אַז איך זאָל זיך באַפרײַען און ווערן צוריק דער פרײַער קינסטלער וואָס איך בין שטענדיק געווען, וואָלט זיך מײַן פאַנטאַזיע און מײַן קראַפט און מײַן באַגײַסטערונג פונאַנדערגעבליט.
און שליסלעך איז עס דאָך נישט אויף לאַנג — די מלחמה וועט דאָך נישט

אייביק דויערן, און איך האָב פאַר מיר אַזאַ צוקונפט, מאַדזשע, מען דאַרף עס ווערט זײַן, מען מוז זיך עס קאָנען פאַרדינען.
און דו זאָלסט זען, מיט וואָס פאַר אַ באַגײַסטערונג זיי נעמען מיר אויף, ווי מען קוקט אויף מיר, און ווי די יונגעלײַט גלייבן אין מיר — וואָלסטו געוועז געזען וויפל איך בין זיי שולדיק.
נאָר גענוג וועגן מיר. איך בעט דיך, נעם דיר נישט צום האַרצן די ביזנעס, דערליידיק דאָס ווי אַמשנעלסטן. די אַלטע זאַכן וואָס האָבן אַ ווערט, נעם אַהיים, אפשר וועלן מיר דאָס קאָנען פאַרקויפן שפּעטער. געוויס וואָלט גוט געווען ווען מיר קאָנען עס פאַרקויפן און מיט דער רײַזע וואָס איך מאַך איצט זאָלן מיר האָבן אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר — און דערפאַר דעם זומער אַדורכלעבן רויק. הלוואי וואָלט זיך ווער געטראָפן, וואָס וואָלט עס איבערגענומען. אַז נישט, וועלן מיר זיך אויך מוזן אַן עצה געבן. די אַלטע זאַכן נעם אַהיים און די חובות וועלן מיר איינציקווײַז אויסצאָלן.
איך קוש דיך און בענק נאָך דיר. קוש די קינדער.

דײַן שלום

99

צום זון נתן [1]

ניו־יאָרק, [1917/18]

מײַן טײַערער זון נתן,
איך האָב דיר שוין לאַנג געוואָלט שרײַבן, נאָר איך האָב נישט געוווּסט אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך. דאָס איז מײַן טראַגעדיע אַז איך קאָן זיך נישט אַדורכשרײַבן מיט מײַן זון אויף דער שפּראַך, אויף וועלכער איך רעד צו מײַן פאָלק. ענגליש קען איך נישט און יידיש קענסטו נישט. האָב איך באַשטימט, אַז ביז דו וועסט קאָנען ייִדיש שרײַבן, און איך ענגליש, וועל איך דיר שרײַבן ייִדיש, און דו שרײַב מיר ענגליש. איך וועל מיר לאָזן דײַנע בריוו לייענען פון דער מאַמע, און דו אוודאי פון אַ פרײַנד.
איך בין זייער גליקלעך וואָס דו לערנסט זיך און פילסט זיך גײַסטיק גוט. דאָס גיט מיר מער מוט און האָפענונג. איך קאָן דיר נישט אויסשרײַבן וויפל טרויער, יאוש און פאַרצווייפלונג דו האָסט אָנגעוואָרפן אויף מיר

מיט דײַן פירן זיך דאָס לעצטע יאָר. נאָר איצט איז שוין אַלץ פאַרגעסן, און איך פיל זיך דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט אַז דו לערנסט זיך.

ד״ר גינצבורג [2] זאָגט מיר, אַז דו האָסט אים געשריבן אַ בריוו. ד״ר גינצבורג מיינט, אַז דו וואַקסט אַ שרײַבער, און דו וועסט מיר מאַכן קאָנקורענץ. ער ווייס גאָר נישט צי דו האָסט אַזויפיל טאַלאַנט (אַזוי זאָגט ד״ר גינצ־בורג) ווי איך, נאָר געלט (זאָגט ער) וועסטו געוויס מער פאַרדינען מיט דײַן שרײַבן ווי איך.

בײַ אונדז איז איצט אַ זייער ביטערע צײַט. איך האָב פאַריקן חודש אָפּגע־געבן ד״ר גינצבורג די 200 דאָלאַר, וואָס איך האָב געהאַט געבאָרגט פאַר דיר און אויך געדאַרפט באַצאָלן 200 דאָלאַר פאַר משהן [3] אין האָספּיטאַל, און דאָס אַלץ פון מײַנע קלאָגעדיקע „ווערידזשעס״, וואָס איך האָב אין „פאַרווערטס״ [4]. דאָך וועלן מיר אַלץ זען צו טון דיך צו שטיצן, און דו זאָלסט זיך לערנען.

איך אַרבעט איצט אויף אַ נײַע זאַך פון אַן עפּאָכע, אין וועלכער דו ביזט זייער פאַראינטערעסירט, פון דער צײַט פון רענעסאַנס אין רוים, און אויך פון דעם לעבן, אין וועלכן דו ביזט אינטערעסירט, פון דעם לעבן פון אַ קורטיזאַנע.

פון מײַן נײַער דראַמע, וואָס איך האָב פאַרענדיקט, בין איך זייער צופרידן, נאָר איך גלייב נישט אַז איך האָב אַ מעגלעכקייט זי אויפצופירן אין אַמע־ריקע, נישט אין ייִדיש, נישט אין ענגלישן טעאַטער. דאָס שטיק איז זייער קאָמפּליצירט פאַר דער אַמעריקאַנער בינע.

איך גריס דיך און קוש דיך.

דײַן פאָטער שלום

100

נעבראַסקאַ, 1918

מײַן טײַערע מאַדזשע,

איך בין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן און געקלערט וועגן דער שותּפות, עפּעס אַ מין יצר־הרע די ביזנעס. אַזוי ווי איך האָב דיר טעלעגראַפירט, האָב איך מורא פאַר שותּפות און נאָך מער פאַרן נאָמען. מיר קאָנען געלט פאַרלירן, אָבער מיר טאָרן נישט מאַכן ביזנעס מיטן נאָמען. איך גלייב, אַז

ווען מיר זאָלן קריגן אַ פעיִקן ביזנעס־מאַן, דערבײַ אויך אַן אידעאַליסט — וואָלט איך יאָ אײַנגעגאַנגען אויף אַ שותּפות. קרעטשמערן [1] טרוי איך נישט, און סטאַווסקין [2] קען איך נישט גוט אין אַמעריקע.

זיי ווילן אַרײַנגיין מיט אונדז אין שותּפות, גוט. ווער? סטאַווסקי, אָדער קרעטשמער, אָדערביידע ווי איין טייל, און מיר ווי די צווייטע טייל? דאַן גלייב איך אַזוי, האָרך אויס מאַדזשע:

מען זאָל נעמען אַ צוויי, דרײַ טויזנט דאָלאַר און מאַכן אַ גרויסן פאַרלאַג פון בילדער. דאָס גאַנצע געלט אַרײַנלייגן אין דער פּראָדוקציע פון ייִדישע בילדער, גוט רעקלאַמירן אַז מיר שיקן אַרויס די ביכער צו פּריוואַטע מענטשן, דרוקן אַ קאַטאַלאָג מיט קליינע קאָפּיעס — קאָן זיך דאָס מיט דער צײַט אַנטוויקלען אין אַ גרויס געשעפט. און עס קאָן זײַן, אַז מיר וואָלטן יאָ געדאַרפט אײַנגיין אויף אַזאַ שותּפות מיט סטאַווסקין און קרעטשמערן. דאַן אָבער זענען מײַנע באַדינגונגען פאַר דער שותּפות פאָלגנדיקע:

1) זיי באַדאַרפן אַרײַנלייגן אין געשעפט אַרײַן צוויי טויזנט דאָלאַר;
2) דאָס געלט מוז גיין אויסשליסלעך פאַר די ביזנעס, אויף רעפּראָדוצירן בילדער, אויף דרוק־זאַכן, אויף רעקלאַמעס אאַז״וו;
3) סטאַווסקי און קרעטשמער איין טייל, דו די צווייטע טייל;
4) קיינער נעמט נישט קיין געהאַלט ביז דאָס געשעפט טראָגט נישט קיין פאַרדינסטן, דאָס הייסט, עס דאַרף צוערשט דעקן אַלע הוצאות.
5) סטאַווסקי פאַרפליכטעט זיך צו אַרבעטן אין געשעפט, שרײַבן בריוו, פירן ביכער, צונויפשטעלן קאַטאַלאָגן, שרײַבן רעקלאַמעס, אַרײַנגעבן נאָטיצן אין די צײַטונגען אאַז״וו. דאָס זעלבע קרעטשמער;
6) דײַן אָנטייל באַשטייט אין דעם, וואָס דו וועסט אויסקלײַבן די בילדער פאַר פּראָדוקציע, אײַנאָרדענען אויסשטעלונגען, זײַן די דירעקטאָרין פאַר דער קינסטלערישער זײַט פון די ביזנעס;
7) דײַן בילד טאָר נישט ווערן אויסגעשטעלט, אָדער פּראָדוצירט. קיין זאַך טאָר נישט ווערן אַרײַנגענומען אין געשעפט צו פאַרקויפן אָן דײַן הסכּמה;
8) ווען דאָס געשעפט הייבט אָן טראָגן פּרנסה, קריגסטו געהאַלט, אַזוי־פיל ווי דער צווייטער טייל;
9) דאָס געשעפט טראָגט דעם נאָמען ווי ביז איצט, און גייט אונטער דער זעלבער פירמע;
10) דער אָפּמאַך איז צײַטווײַליק, ביז איך וועל אַהיימקומען. אַז איך וועל אַהיימקומען, קאָנען מיר ענדערן די באַדינגונגען, אָדער מיר קאָנען זיך אין גאַנצן ליקווידירן;

11) די אַלטע זאַכן געהערן צו אונדז און מיר קאָנען טון דערמיט וואָס מיר ווילן.

דאָס זענען מער אָדער ווינציקער די באַדינגונגען, אויף וועלכע איך בין גרייט מסכּים צו זײַן. די צוויי טויזנט דאָלאַר ווערן אַרײַנגעטראָגן אין באַנק אויפֿן נאָמען פֿון דעם געשעפֿט.
דו מוזסט אָבער צוערשט זיך דערקונדיקן, ווער עס איז סטאַווסקי. דאָס וועסטו קאָנען טון בײַ די ציוניסטן, אָדער בײַ אַנדערע.
איך גלייב, אַז מיט רעפּראָדוקציעס קאָן עס מיט דער צײַט ווערן אַ גוט געשעפֿט.
ווען זיי ווילן קויפֿן די ביזנעס, קאָן מען זיי פֿאַרקויפֿן נאָר די אײַנריכטונגען פֿון געשעפֿט און די זאַכן, וואָס זענען דאָרט פֿאַראַן. דײַן נאָמען טאָרסטו נישט געבן, און איך וויל נישט געבן דײַן נאָמען. אויך נישט דעם נאָמען „מתּנות", ווײַל נאָר דו ביזט געווען פֿאַרבונדן דערמיט און די וועלט ווייסט אַז „מתּנות" — ביזט דו.
איך בעט דיך זייער, גיי אַרײַן צו אַן אַדוואָקאַט, צו ראָטענשטיין [3], און זײַ דיך גוט מישב מיט אים, איידער דו שרײַבסט אונטער דײַן נאָמען.

דײַן שלום

101

ניו־יאָרק, 1918

איך בין זיך מודה ומתוודה בפני קהל, העם ועדה:

1) אַז איך האָב אַלע מאָל און אייביק ליב געהאַט און האָב ליב און וועל נאָר ליב האָבן מײַן אײנאײנציק שיין ווײַבל בלימה מאַטל אַש, סײַ בײַטאָג, סײַ בײַנאַכט, סײַ וואַך, סײַ אין שלאָף, סײַ אין דער וואָר, סײַ אין חלום. אַז איך האָב קיין מאָל און וועל קיין מאָל קיין אַנדערע פֿרוי נישט ליב האָבן. אַלץ וואָס איז געווען איז געווען על פּי טעות און איז בטל ומבוטל, און ווי נישט געווען.

2) אַז איך וועל זיך באַמיִען לויט מײַנע כּוחות צו זיצן אין דער היים, אויפֿצוגעבן מײַן קראָם מיט אַלטוואַרג, נישט אַרומשלעפּן זיך מיט שלעכטע מענטשן איבער די גאַסן, נישט זיצן אין קאַפֿעען, נישט בײַ שלומען און נישט אין „סינסערעס", נאָר דעמאָלט ווען מײַן ווײַבל וועט מיך הייסן און דערלויבן.

3) אַז איך וועל מיך אין אַלצדינג האָרכן מײַן ווײַב, אויספּירן פּינקטלעך אַלע אירע געבאָטן, זײַן שטיל ווי אַ טויב, שטילער ווי וואַסער און נידעריקער פון דער ערד. ליגן תּמיד צו אירע פיסלעך און אויספירן אַלע אירע געבאָטן.

אויף דעם צייכן איך זיך באַוווסט בײַ מײַן זינען, וואַכנדיק, נישט שלאָפנדיק.

שלום אַש המכונה פון הײַנט אָן און ווײַטער מאַדזשעס מאַן.

102

אויפן וועג נאָך סאַן פראַנציסקאָ, (?) 1919

טײַערע מאַטל־לעבן,

איך קוש דיך און דאַנק דיר הערצלעך פאַר דײַן קליין און גוט בריוול. ווייסטו וואָס? איך קלער, אַז יעדעס מאָל, ווען איך פאָר אַוועק פון דער היים, איז עס עפּעס אַן אָפּקומעניש פאַר מיר, ווי אַ שטראָף. ניין, ווי אײַנזעצן אין דער וואַך פאַר דעם וואָס איך בין שלעכט אָפּט מאָל צו דיר אין דער היים. און איך שווער מיר, אַז איך וועל שוין קיין מאָל נישט אַליין אַוועקפאָרן פון דער היים. נאָר אַז איך קום אַהיים, פאַרגעס איך אין מײַנע שבועות. דו באַדאַרפסט אַרויסנעמען אַזאַ בריוול און מיך דערמאָנען אין אַלעם וואָס איך האָב צו דיר געשריבן.

עס איז דאָך געווען אַ גוטע זאַך, וואָס איך בין אַוועקגעפאָרן פון דער היים. מײַן קאָפּ ווערט אויסגעלײַטערט, איך באַקום נײַע אײַנדרוקן, און דער עיקר, איך ווער געוואָר צום טויזנטסטן מאָל וואָס דו ביזט פאַר מיר.

דו ביזט פאַר מיר די פרייד פון לעבן, מײַן גליק און מײַן שיינהייט.

אין קאַליפאָרניע איז שיין, פריילעך ווי אין ארץ־ישראל. אַ גאַנצן טאָג פאָר איך אַרום צווישן אָראַנזשן־ און מימאָזע־ביימער. אַז איך זע די מימאָזע, דערמאָן איך זיך אין דיר. כ'וואָלט דיר געוואָלט שיקן שטיקלעך מימאָזע, כ'ווייס נישט ווי אַזוי.

הײַנט האָב איך דערהאַלטן דײַן בריוו, איך פאָר אויף אַ גאַנצע וואָך קיין סאַן פראַנציסקאָ. איך וועל רעדן פאַר די מלחמה־געליטענע און וועל האָבן אַ פאַרלעזונג.

איך האָף אַז דו געפינסט זיך שוין אין אַטלאַנטיק סיטי. אַז דו האָסט נישט קיין געלט, באָרג דיר פון וועמען, אַזוי ווי איך וועל אַהיימקומען וועל איך אָפּגעבן.

דו ביזט די שענסטע פרוי אויף דער וועלט. אַז דו ווילסט איך זאָל דיר זײַן געטרײַ, דאַרפסטו מיך פון דער היים אַוועקשיקן, ווײַל קיינע, קיינע איז נישט ענלעך און נישט געגליכן צו דיר.
איך קוש דיך — — —

דײַן פאַרבענקטער שלום

103

שיקאַגאָ, 1919

מײַן טײַערע מאַטל-לעבן,
איך פיל זיך שוין אַ ביסל מיד און גאָט ווייסט ווי אַזוי איך וועל פאַרענדיקן מײַן טור. נאָר איך מוז עס טון, וואָס עס זאָל מיר נישט קאָסטן.
דערווײַל פיל כּבוד און ווייניק געלט. צוויי וויכטיקע שטעטלער זענען אַרויסגעפאַלן, אַ שאָדן אויף 125 דאָלאַר.
אין שיקאַגאָ איז די צווייטע לעקציע נישט געווען דער דערפאָלג וועלכן מען האָט דערוואַרט, מען האָפט אָבער אויף הײַנט אָוונט.
איך וועל דיר אפשר הײַנט אַרויסשיקן געלט פון דאַנען, אַז זיי וועלן זיך מיט מיר אָפּרעכענען.
מיך וווּנדערט וואָס דו האָסט מיר גאָרנישט געלאָזט וויסן וואָס הערט מען מיט ביזנעס. מאַך אַן ענדע מיט די ביזנעס, מאַדזשע, אָן האַרץ-ווייטיק. מען דאַרף דערפון אַרויסקומען ווי אַמשנעלסטן און פאַרגעסן, פאַרגעסן, פאַרגעסן. מיר, און הלוואי זאָלן עס אויך אַנדערע פאַרגעסן.
די אַלטע זאַכן, אַז דו וועסט נישט קאָנען פאַרקויפן פאַר דעם פּרײַז וואָס איך וויל, זאָלסטו זיי אַהיימנעמען.
מיך פרייט זייער וואָס די קינדער פילן זיך בעסער.
היט דיך אָפּ און זײַ מונטער, לאָך פון אַלע צרות. גאָט, מיר זענען נאָך אַזוי יונג, און מיר האָבן מער דערגרייכט אין אונדזער לעבן ווי אַלע אונדזערע פרײַנד און פײַנט.
פאַר וואָס שרײַבט מיר נישט נתן [1] קיין בריוו?
איך קוש דיך.

דײַן שלום

לאָס־אַנדזשעלעס, [1919 (?)]

מײַן ליבע, איינציקע מאַדזשע,
איך האָב דיר אַזויפיל צו שרײַבן, מײַן האַרץ איז ווי אַ שוואָם, וואָס האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך אײַנדרוקן און עס האָט זיך פאַרמאַכט.
קאַליפאָרניע איז ארץ־ישׂראל. ווען נישט קיין ארץ־ישׂראל, פאָרן מיר קיין קאַליפאָרניע. נאָר איך וויל בעסער ארץ־ישׂראל. באַאַרבעטן אַליין אונדזער ערד מיט אָראַנזשן־סעדער און ווײַן.
איך וויל פאַר דיר אָפּן זײַן, אין גאַנצן אָפּן זײַן, מאַדזשע, עס איז געקומען די צײַט מיר זאָלן אָפּן זײַן אין גאַנצן איינער פאַרן אַנדערן. איך ווייס, אַז דו ביזט שטענדיק געווען אָפּן צו מיר, נאָר איך נישט. איך האָב דיך פיל ערגער געמאַכט, און אַז דו האָסט אויסגעהאַלטן פון מיר ביז איצט אַלע מײַנע שלעכטיקייטן און ערגערנישן, ביזטו אַ הייליקע און איך אַ זינדי־קער.
מאָרגן פאָר איך פון דאַנען קיין סאַן פראַנציסקאָ. דאָס לאַנד איזווירקלעך אַזוי שיין, מאַדזשע, אַז איך באַדויער פון גאַנצן האַרצן וואָס איך האָב דיך נישט מיטגענומען. דו באַדאַרפסט דאָ לעבן, דו באַדאַרפסט דיך גע־פינען שטענדיק אין זונעדיקע, ליכטיקע לענדער, און איך האַלט דיך אין די קאַלטע לענדער. מאַדזשע איינציקע, נאָך דער מלחמה פאָרן מיר אין ארץ־ישׂראל און פאַרפלאַנצן דאָרט אַן אָראַנזשן־סאַד, דורכויס, הערסט ?!
אין „פאָרווערטס" [1] שרײַב איך גאָרנישט דערפאַר, ווײַל איך בין אַזוי פול מיט אײַנדרוקן, אַז איך קאָן עס נישט איצט אין אײַלעניש אויסגיסן. אַז איך וועל אַהיימקומען, וועל איך זיי אַלע באַאַרבעטן. איך האָב אויך אָנצו־שרײַבן אייניקע זייער שיינע זאַכן.
גריס מיר די קינדערלעך, מאַדזשע־לעבן. רות [2] און יאַנעקן [3], זאָלן לעבן, און משהן [4], און דעם שלעכטן „באָי" נתן [5]. איך בענק שרעקלעך נאָך די־קינדער.
דאָ האָב איך געטראָפן ב. זי לעבט און האָט חתונה געהאַט פאַר אַ יונגן, שיינעם אַמעריקאַנער, אַ זייער פײַנעם און אידעאַליסטישן מענטש. זײַן מוטער איז רײַך און ער קריגט געלט פון זײַן מוטער. זי שוואַנגערט איצט פון אים און האָבן זיך ביידע זייער ליב. איך בין געווען בײַ זיי, איך האָב זיך איבערצײַגט, אַז צווישן אונדז, צווישן מיר און ב. איז בלויז נאָר אַ שטאַרקע פרײַנדשאַפט. יאָ, מאַדזשע, עס עקזיסטירט אַזאַ זאַך ווי אַ פרײַנד־שאַפט צווישן אַ מאַן און אַ פרוי. נישט אפשר צווישן אַזעלכע מענער ווי איך בין — הער איך שוין ווי דו זאָגסט. אַ מאָל אפשר בין איך געווען

אַזאַ מאַן, היינט האָב איך זיך געענדערט. און אפשר איז ב. געווען די, וועלכע האָט מיך אויסגעלערנט צו פילן, נישט בלויז אַ חיהשן אינסטינקט צו אַ פרוי, נאָר אַ טיפע פריינדשאַפט, און פאַר דעם בין איך איר דאַנקבאַר.

עס קען זיין, אַז איך האָב זי אַ מאָל געליבט, אפשר דאָס ערשטע מאָל ווען איך בין געווען אין אַמעריקע. איצט ליב איך זי נישט, און איך האָב זי נישט געליבט דורך דער גאַנצער צייט וואָס איך האָב זי געטראָפן דאָ דאָס לעצטע מאָל. אַ נישט, וואָלט איך נישט געווען אַזוי אמת טיף גליק־לעך מיט איר גליק און רויקייט.

פאַרליבט, מאַדזשע, זע איך, בין איך נאָר געווען און בין שטענדיק אין דיר. איך קאָן מיר גאָרנישט פאָרשטעלן אַז איך (זאָל מיך גאָט אַ מיליאָן מאָל אָפּהיטן) וואָלט דיך געטראָפן מיט אַ יונגן, שיינעם אַמעריקאַנער. דאַכט זיך, איך וואָלט אים דערשטיקט, זיך געוואָרגן, און דיך וואָלט איך אפשר געלאָזט לעבן, און אפשר נישט. נאָר איין זאַך ווייס איך אַז וואָס עס זאָל נישט זיין — איך וואָלט דיך גלייך אַוועקגענומען פון אים, און דאָס די ערשטע נאַכט ווען איך וואָלט דיך נאָר באַגעגנט. און דאָס האָב איך געזאָגט ב. זי האָט מיר געענטפערט, אַז זי האָט שטענדיק געוווּסט דאָס, אַז ליב האָב איך נאָך דיך — און צו איר האָב איך נאָר געפילט אַ טיפע פריינדשאַפט, גאָרנישט מער.

מיר האָבן זיך הערצלעך געזעגנט. איך בין געגאַנגען צו מיין באַנקעט, וואָס די בחורים מאַכן מיר, זי מיט איר מאַן זענען זיך אַהיימגעגאַנגען, איך האָב איר פאַרגונען דאָס גליק פון גאַנצן האַרצן.

איך קוש דיך, מאַדזשע, טיף, טיף, איך קוש דיין שיינע נשמה. ווי איך קום, קויף איך פאַר דיר צירונג, פאַר דעם לעצטן גראָשן קויף איך שיינע, ייִדישע זאַכן. ווען איך זע אַ שיינע זאַך, דאַכט זיך מיר, אַז זי וואָלט ערשט שיין געווען אויף דיר און איך וויל זי קויפן. קענסט דאָך מיין משוגעת.

בלייב מיר געזונט, מיין שיינע, שיינע מאַדזשע, פון דעם וואַרעמען לאַנד, פון די אָראַנזשן, בלייב מיר געזונט, מיין איינציקע, גרויסע געליבטע.

דיין בענקענדער מאַן שלום

1939–1957

105

FRANCH LINE
S/S CHAMPLAIN

דעם 2טן פעברואַר 1939

טײַערע מאַטל־לעבן,

די שיף גייט מיט דער נאָז אין וואַסער, מיטן עק אין הימל. דער הימל איז נישט הויך, ער ליגט אין ים, אַזוי אַז זי האָט נישט ווײַט צו גיין. דאָך הוש־קעט עס ווי אויף אַ הושקע אין דער אַלטער היים, מיט דעם חילוק — אַ מאָל איז מען געווען יונג און הײַנט איז מען אַלט. אָבער וואָס מאַכט עס ?

נעכטן האָב איך פאַרפאַרטיקט דעם ערשטן אָפּשרײַב פון דעם בוך *. אַלזאָ, גאָט האָט מיר געהאָלפן. איך ווייס נאָך נישט וואָס עס איז, עס איז אַ וואַלד דורך וועלכן איך בין אַדורכגעקראָכן, און ערשט איצט וועל איך זען וואָס דער וואַלד איז געווען. עס איז אַ נעץ וואָס איך האָב פאַרוואָרפן אין ים אַרײַן און איצט וועל איך ערשט זען וואָס די נעץ האָט געפאַנגען. איך גלייב, אַז אַ שטיק ערלעכקייט ליגט אין דעם בוך. נאָך אַלעם בין איך נישט אַזוי שלעכט. איך גלייב אַז איך בין נישט דער ערגסטער שרײַבער און אויך נישט דער ערגסטער מענטש. די צרה איז נאָר מיט מיר וואָס איך קאָן אַלץ מקריב זײַן פאַר מײַן שרײַבן. נישט דערפאַר ווײַל איך וויל עס אַזוי — נאָר ווײַל איך מוז עס, עס יאָגט מיך ווער דערצו. איך גלייב, אַז עס איז פאַראַן אַ גאָט פון די קינסטלער, אָדער אַן אַרטיסטישער געוויסן,

---

* „דער מאַן פון נצרת“.

וואָס טרײַבט אָן דעם קינסטלער צו טון זײַן אַרבעט, נישט צו קוקן וואָס פּאַר אַ שאָדן וועמען ער ברענגט — אַנדערע, נאָענטע און זיך אַליין. גאָט זײַ דאַנק וואָס ער האָט מיך באַשאַפֿן אַ קינסטלער!
און דיך ליב איך, נישט נאָר דײַן זיס, ליב — — — וואָס טרינקט מיך אָן מיט דעם העכסטן, ערדישן — — — דאָס איז פֿאַר מײַן קערפּער. נאָר אַזוי ווי דײַן קערפּער טרינקט מיך אָן מיט זיסקייט, מיט זאַפֿט, מיט כּוחות, מיט שיינקייט, מיט איידלקייט, אַזוי טרינקט אָן דײַן נשמה מײַן נשמה מיט די העכסטע, מאָראַלישע כּוחות. דו ביזט אַ שיינער מענטש, מאַטל. און איך ליב דיך און פֿאַרשטיי דיך. זײַ מיר געגריסט, געקושט, געהאַלדזט און געבענקט נאָך דיר.
ווי וואָלט איך געוואָלט אַז דו זאָלסט איצט זײַן מיט מיר, ניין, נישט מיט מיר, עס איז שטורמיש אויפֿן ים — נאָר ווען דו קאָנסט אַריבערפֿליִען דעם בייזן ים אין דעם זוניקן פֿראַנקרײַך אַרײַן, ערשט אַ יום־טוב מיט דיר.

איך האַלדז דיך
דײַן שלום

106

פּאַרק ליין האָטעל
לאָנדאָן

זונטיק, פֿעברואַר 1939

טײַערע מאַטל־לעבן,
די רײַזע איז געווען האַלב גוט און האַלב שלעכט. שלעכט איז געווען אין די לעצטע טעג, ספּעציעל די לעצטע האַלבע וואָך. אויך האָט מען אונדז אַרויסגעוואָרפֿן 4 אַ זייגער אין דער פֿרי אין פּלימוטה. קענסט דיר פֿאָר־שטעלן: נישט געשלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט. הײַנט פֿיל איך זיך גרויסאַרטיק. אויסגעשלאָפֿן זיך און וואַרט איצט אויף רעטש און מרים [1]. מרים איז הערלעך. אַ ביסל געוואַקסן. דערקענט מיך באַלד און געלאָפֿן צו מיר. זי האָט געמיינט, אַז מיר קומען מיט אונדזער הויז אין גאַנצן קיין לאָנדאָן. זי גייט שוין אין אַ קינדער־גאָרטן און פֿירט זיך אויף אין גאַנצן ווי אַן ענגלישע ליידי. רעטש מאַכט נישט שלעכט, ער אַרבעט שווער, ער זאַמלט

ניטש קיין געלט. די שטוב בײַ רות [2] איז אַ שיינע, אָבער זייער קאַלט. איך פֿאַרשטיי נישט ווי זיי קאָנען אויסהאַלטן אין ווינטער. די קליינע איז געווינט דערצו.
מיט אונדזער קאָנפֿערענץ איז פּאָרלויפֿיק נישט גוט. איך הער, עס וועלן זײַן גרויסע צרות. מען וויל פֿון אונדז, אַז מיר זאָלן אָפּלאָזן פֿון דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע. איך האָב באַשטימט בײַ מיר: איך לאָז גאָר נישט אָפּ. איך שרײַב קיין זאַך נישט אונטער, אַפֿילו איך זאָל וויסן צו פֿאַרלאָזן די קאָנפֿערענץ.
אין לאָנדאָן איז אויסנאַמלעך דאָס וועטער שיין. די זון שײַנט און איך וויל אַרויסגיין.
איך קוש דיך און האַלדז דיך.

דײַן שלום

107

פּאַרק ליין האָטעל
לאָנדאָן

דעם 17טן פֿעברואַר 1939

טײַערע איינציקע מאַדזשע,
איך בין געווען די גאַנצע וואָך אַזוי פֿאַריאָגט און פֿאַרנומען אַז איך האָב אַפֿילו נישט געהאַט קיין צײַט צו שרײַבן צו דיר אַ וואָרט. פֿרײַעריקע וואָך האָט עס אויסגעזען זייער טרויעריק, איך האָב געמיינט אַז מיר וועלן פֿאַרלאָזן די קאָנפֿערענץ. איצט זעט עס אויס פֿיל בעסער, עס איז מײַן איבערצײַגונג, אַז די ענגלענדער ווילן אונדז און באַדאַרפֿן אונדז האָבן אין ארץ־ישׂראל און זיי וועלן אונדז העלפֿן.
איך האָב געפֿרעגט ד״ר ווייצמאַן [1] פֿאַר וואָס ער האָט געשיקט נאָך מיר. ער האָט מיר געענטפֿערט די ווערטער: „איך האָב געהאַט אין מײַן לעבן פֿיר מענטשן, אין וועלכע איך האָב געגלויבט און פֿון זיי געשעפּט כּוחות און דאָס זענען: אחד־העם [2], ביאַליק [3], שמריהו לעווין [4] און איר. דרײַ זענען געשטאָרבן, איר זענט געבליבן דער איינציקער. איך האָב אײַך גע־

מוזט האָבן נעבן מיר אין דער איצטיקער שווערער מינוט״. דערויף האָב איך אים גאָרנישט געענטפערט, נאָר איך האָב געפילט, אַז איך האָב געטאָן מײַן חוב.

ד״ר ווייצמאַן איז אַ גרויסער מענטש, אַ פלאַמיקער ייִד און אַ — — — שטאַרקער כאַראַקטער, אַ גרויסער שטאַטס־מאַן און די ענגלענדער פאַלן פאַר אים. איך האָב לחלוטין צו אים צוטרוי. אַזוי אויך בן־גוריון [5]. מיר וועלן דאָך האָבן ארץ־ישׂראל.

פון מײַן רעדע האָסטו געוויס געהערט — — — אַלע זאָגן מיר, אַז זי האָט געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק. איך רעד יעדן טאָג, דו קענסט דאָך מיר. קוים בין איך אַרײַן אין דער זאַך, האָב איך זיך אַרײַנגעוואָרפן מיט האַרץ און לעבן. איך פיל, אַז מען באַדאַרף מיך דאָ. קוים וועל איך זען, אַז איך בין נישט נייטיק, וועל איך אויף אַ פּאָר טעג פאָרן קיין פּאַריז און פון דאָרט אַהיים. איך בענק שרעקלעך נאָך דיר און שלאָף נישט בײַנאַכט. ווען איך לייען אין די צײַטונגען, אַז אין ניו־יאָרק איז קאַלט, ציטערט אויף מיר די הויט פאַר דיר.

הײַנט איז רותקעס [6] געבורטס־טאָג, איך האָב איר געגעבן 5 פונט, אַז זי זאָל זיך עפּעס קויפן. זי מאַכט הײַנט בײַ זיך אין הויז אַ פּאַרטי פאַר די יונגע מענטשן. איך וועל אויך זײַן, איך וועל פאַר זיי רעדן.

איך קוש דיך און האָב דיך ליב.

דײַן שלום

108

פּאַרק ליין האָטעל
לאָנדאָן

דעם 29סטן פעברואַר 1939, דינסטיק

טײַערע איינציקע מאַדזשע־לעבן,

ווען דו וואָלסט געוועזן געוווּסט ווי דײַן שווײַגן פאַרשאַפט מיר שרעק און יסורים, וואָלסטו מיר יעדע שעה געשריבן אַ בריוו. איך וויל עס טון, נאָר איך קאָן עס נישט, ווײַל איך בין זייער פאַרנומען. די זיצונגען שטרענגען זייער אָן און זיי זענען פון העכסטער וויכטיקייט. איך קאָן מיר נישט דער־

לויבן צו פֿאַרפֿעלן איינע פֿון זיי. אַלע אַרבעטן מיר דאָ זייער שווער — און אַזאַ אחדות בײַ ייִדן האָב איך נאָך נישט געזען.
דאָס איינציקע וואָס העלפֿט מיר איבערצוהאַלטן דעם טאָג איז די נאַכט.
און די נאַכט בין איך מיט דיר, פֿאַרשטייט זיך, לײדער נאָר אין געדאַנק, אין דער פֿאַנטאַזיע. הײַנט אין חלום בין איך אַפֿילו געשלאָפֿן מיט דיר.
אַ שאָד וואָס נאָר אין חלום. איך פֿאַרזיכער דיר, אַז אַפֿילו אין חלום ביזטו געווען הימליש, געטלעך און ערדיש. איך ליב דיך, מאַדזשע.
הײַנט האָב איך אַרויסגעשיקט מײַן מאַנוסקריפּט אויף דײַן אַדרעס, אין דער היים. זע אַז דו זאָלסט אים באַקומען, טעלעגראַפֿיר מיר באַלד.
איך ווייס נאָך נישט ווי לאַנג איך וועל דאָ בלײַבן, נישט לענגער ווי אַ וואָך.
איך וועל דיר פֿון פֿאַריז טעלעגראַפֿירן.
די קאָנפֿערענץ איז אין אַ קריזיס, נאָר די ייִדן האַלטן זיך גרויסאַרטיק, שטאָלץ בין איך אויף זיי.
איך אײַל זיך, איך קוש דיך לאַנגזאַם און טיף, געוואַלד שרײַב!

דײַן שלום

רותקען [1] זע איך יעדן טאָג. זי איז מיר אַ גרויסע הילף. יעדן טאָג שיק איך אַרויס אַ בריוו צום „פֿאָרווערטס" [2], מײַנע אײַנדרוקן פֿון דער קאָנפֿערענץ.
קלינג אָן לאַנגן [3] אין „פֿאָרווערטס" און פֿרעג אים וואָס איז געוואָרן מיט זיי. ווען זיי דרוקן זיי נישט, וועל איך נישט שרײַבן.

109

פֿאַרק ליין האָטעל
לאָנדאָן

מאָנטיק, מערץ 1939

ליבע טײַערע מאַדזשע-לעבן,
דערווײַל איז נישט גוט. די ענגלענדער, ווער קען זיי פֿאַרשטיין? זיי ווילן צונעמען דאָס ביסעלע וואָס זיי האָבן געגעבן אין פּאַלעסטינע. אָבער די ייִדן וועלן זיך נישט לאָזן. די ארץ-ישׂראל-ייִדן וועלן קעמפֿן, זיי זענען גרייט אויף אַלעם. אפֿשר וועט מאָרגן בעסער ווערן. מיט די ענגלענדער קאָן מען קיין מאָל נישט וויסן. מיר האָפֿן אַלע, אַז עס וועט גוט זײַן.
איך פֿיל זיך אויסגעמוטשעט, אָבער נישט שלעכט אין אַלגעמיין. איך האָב פֿיל דאָ געאַרבעט אויף מײַן זאַך — דאָס העלפֿט מיר זייער. איך שיק אײַן

11 קאַפּיטלער, וועלכע איך האָב איבערגעקוקט — — — און אַזוי ווי סעמועל [1] וועט קומען, באַדאַרף מען אים איבערגעבן די 11 קאַפּיטלער [2]. פּאַרלויפיק איבערצוזעצן ביז איך וועל אַדורכקוקן די איבעריקע.
איך זע רותקען [3] יעדן טאָג. די קינדער זענען גליקלער. מרים [4] איז זיס, און דאָס וועטער אין לאָנדאָן איז דערוויַיל איבערצוטראָגן — וואָס נאָך וויל מען מער? הלוואי וואָלט נאָר דאָס האַרץ פון די ענגלענדער געווען אַזוי ווי דאָס וועטער.
איך ווייס נאָך נישט ווען איך וועל קומען, אפשר וועל איך פּרוּוּן אַריַינ־פאָרן קיין פּאַריז. פון יאַן [5] דערהאַלטן אַ בריוו.
איך קוש דיך און בענק נאָך דיר.

דיַין שלום

110

ניו־יאָרק, [אָנהייב] 1940

טיַיערע מאַדזשע,
אָנגעקומען דאָנערשטיק, גערעגנט, געשטורעמט, שרעקלער. געזען משהן [1], געהאַט מיט אים מיטאָג. געווען אין קינאָ. היַינט, פריַיטיק, איז שיין, זוניק, קאַלט.
געווען אין האַיאַס, פאַר דיַין פאָטער * מוזסטו אונטערשריַיבן אַ ביטע קיין וואַשינגטאָן. איך ווייס נישט פּיל פּרטים. מען שיקט דיר אַריַין דעם בלאַנ־קעט פון האַיאַס, פּיל אים אויס און שריַיב אונטער. זיי וועלן זען אין וואַשינגטאָן אַדורכצופירן וואָס מען קאָן.
פאַר דיַין ברודער אין וואַרשע מיטן קינד קאָן מען פאַרלויפיק גאָרנישט מאַכן. אַן אַפּידייוויט יאָ, און דאָס וועל איך טון.
געזען היַינט פריַיטיק טראָפּערן [2]. ער האָט געשיקט די 1,000 דאָלאַר צו דיַין ברודער קיין איטאַליע. ער האָט געזען דזשאָן [3] דזשאָן איז אָל־ריַיט, וואָס אָל־ריַיט, ווייס איך נישט.
אַלעק [4] פאָדערט געלט פון דזשווינט, וואָס ער האָט זיי געגעבן אין וואַרשע. דער דזשווינט האָט נאָך נישט אָנגענומען קיין דעציזיע וועגן דעם. טראָפּער

* דער פאָטער פון מאָטל אַש איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ.

האָט געזען די לײַט פֿון וואַרשעווער דזשוינט, איידער ער האָט פֿאַרלאָזט, זיי טוען אַלץ מעגלעכע פֿאַר דער פֿאַמיליע. ער וועט אויך זען די דירעק־טאָרן פֿון וואַרשעווער דזשוינט ווען ער וועט צוריקפֿאָרן. מען וועט קאָנען דערנסמאָל מער עפּעס אויפֿטון. פֿאָרלויפֿיק איז גאָרנישט וואָס צו טון נאָר צו זיצן און וואַרטן.

קאַהאַן [5] נעמט זיך ווידער אויף מיר אָנצופֿאַלן. געהאַט אַ לאַנגן געשפּרעך מיט העלדן [6]. העלד עצהט מיך גאָרנישט צו טון, איגנאָרירן. מײַן שווײַגן איז דער בעסטער ענטפֿער וואָס איך קאָן געבן.

גערעדט מיט מינטאָן [7], געקריגן עפּעס געלט פֿון אים. דאָס בוך גייט צו ביסלעך. נישט אַזוי ווי מיר האָבן געמיינט. ער האָט מיר געגעבן 1,100 דאָלאַר צו באַצאָלן אינקאָם־טעקס און 1,500 דאָלאַר מיר. דאָס יאָר האָב איך שוין גענומען, אַ חוץ די מאָנאַטלעכע אָפּצאָלונגען, 4,500 דאָלאַר.

בלײַב אין פֿלאָרידע ווי לאַנג דו קאָנסט, בלײַב מיר געזונט.

איך קוש דיך.

דײַן שלום

111

סטעמפֿאָרד, 1940

טײַערע מאַדזשע־לעבן,

איך האָב נאָר וואָס געלייענט אַ שרעקלעכן בריוו פֿון מײַן ברודער יעקב־יהושע. נישט מער און נישט ווינציקער, נאָר איך זאָל נעמען אויף זיך אויסצוהאַלטן זײַן משפּחה אין איטאַליע. איך האָב אַרויסגעקוקט דורך דעם פֿענצטער, געזען ווי אַ נײַער שניי האָט אָנגעהויבן צו שיטן איבער די האַלב אָפּגעבראָכענעביימער, וואָס דער ווינט האָט די טעג צעמזיקט. דו קענסט דיר פֿאָרשטעלן אין וואָס פֿאַר אַ שטימונג איך בין געווען. אפֿשר איז טאַקע געווען אַ נאַרישקייט אַהיימצוקומען, ווי עס איז איבערהויפּט אַ נאַרישקייט צו וווינען אין גאַנצן אין און אַרום ניו־יאָרק, צווישן מענטשן אין דער „ציוויליזאַציע", ווו די פּאָסט און די צײַטונגען קאָנען דיך דער־גרייכן. און דו ביזט אויסגעשטעלט, ווי די ביימער אין דרויסן אין גאָרטן, צו יעדן בושעווען פֿון ווינט. אַז העלפֿן קאָן מען סײַ־ווי־סײַ נישט. אַפֿילו אַז איך זאָל פֿאַרקויפֿן אַלצדינג וואָס איך באַזיץ און פֿאַרשקלאַפֿן זיך אויף ס'גאַנצע לעבן (ווען עס וועט מיך ווער וועלן קויפֿן פֿאַר אַ שקלאַף), קאָן

איך אויך נישט אַפילו אויף אַ קליינעם טייל היילן די ווונדן. עס איז אַ מלחמה אַרום אונדז, פאַרווונדעטע און טויטע פאַלן, און היינט־מאָרגן קאָנען מיר אַליין זיין די געפאַלענע. אין אַזאַ צייט איז אָדער מען פאַלט, ווען נישט — ראַטעוועט מען זיך דאָס לעבן. צום בעסטן וואָלט געווען ווען מיר קאָנען זיך ווי עס איז באַהאַלטן, מען זאָל אונדז נישט געפינען. נאָך אַלעם האָב איך פאַר קיינעם נישט קיין פליכטן, אַ חוץ צו גאַנץ נאָענטע פון מיר און צו מיין שרייבן. איצט, ביי דער שטימונג וואָס קאַהאַן [1] שאַפט אַרום מיר איבער מיין בוך *, פיל איך, אַז איך מוז יעדן גראָשן און סענט וואָס איך פאַרדין פון מיין בוך אָפּשפּאָרן, כדי צו פילן זיך פריי און אומאָפּהענגיק פון וועמען עס איז און צו קאָנען טון מיין אַרבעט. נאָך אַלעם וועל איך קיינעם נישט העלפן ווען איך אַליין וועל מיטגעריסן ווערן אין דעם אָפּגרונט וואָס איז אַרום אונדז. איך פיל אַז איך בין באַרעכטיקט צו זאָרגן איבער מיין קונסט און איבער מיינע איבערצייגונגען, אַז זיי זאָלן נישט באַאיינפלוסט ווערן פון אַנדערע מענטשן. און דאָס גיי איך טון, אַזוי זאָל מיר גאָט העלפן. איך וועל אויף גאָרנישט קוקן, ווייל העלפן קאָן איך סיי־ווי־סיי נישט. דאָס וואָס געשעט איז נישט פאַר אַ יחיד, אַפילו אַ רעגירונג קאָן זיך נישט פראָווען, און פאַר וואָס איז דען מיין ברודער אַליין באַרעכטיקט צו הילף — זענען נישט אַלע ייִדן, וועלכע געפינען זיך אין דער לאַגע, אויך מיינע ברידער?

ווען דער ווינטער וועט אָנהאַלטן איז נישט אויסגעשלאָסן אַז איך זאָל נישט צוריקקומען קיין פלאָרידע. אַ נייער שניי מאַכט ווייס און טרויעריק די וועלט!

איך קוש דיך.

דיין שלום

112

ניו־יאָרק, 1943

מיין איינציקע טייערע מאַדזשע־לעבן,

נעכטן האָב איך דיר אָנגעקלונגען, אַז איך האָב מיטוואָך זיך נישט גוט געפילט. זעט אויס אַז יעדעס מאָל, ווען איך האָב עגמת־נפש, פאַרשטייפט

* „דער מאָן פון נצרת".

זיך מײַן גאַל און פון עסן ווערן גאַזן. דאָס בעסטע איז נישט צו עסן דעם טאָג.

הײַנט האָב איך געהאַט עגמת־נפש פון פּערלמאַנס [1] אַ בריוו. ער האָט מיר געשריבן וועגן מײַן נײַע דערציילונג „קריסטוס אין דער געטאָ” אַז זי איז צו קריסטלעך און אַז ייִדן וועלן זי נישט לייענען, וואָס איך ווייס אַליין. נאָר דו קאָנסט דאָך מײַן נאַטור.

נאָכמיטאָג האָט מיך קאַראָל [2] צוזאַמענגעבראַכט מיט אַ פּאָר פון אירע פרײַנד. זי האָט מיר געזאָגט, אַז אַ פּראָפעסאָר פון איר קאָלעדזש וויל מיט מיר רעדן וועגן מײַן בוך. געקומען זענען אייניקע. איינער אַ שיכּורער סקולפּטאָר, אַ צווייטער, אַן אידיאָט, אַ דריטער אַ נאַרישער יונגערמאַן. איך האָב געטרונקען אַ ביסל אַלקאָהאָל, וואָס זיי האָבן דורכויס מיך גע־נייט (טאַקע נאָר אַ ביסל), און עס האָבן מיך אַרומגעכאַפּט ווייטאָקן אַז איך האָב געמיינט איך האָב באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק. די ווייטאָקן האָבן אָנגעהאַלטן ביז 3־4 אַ זייגער בײַנאַכט. איך בין אײַנגעשלאָפן, און אויפן צווייטן טאָג האָב איך זיך שוין גוט געפילט, כאָטש שוואַך. הײַנט, פרײַטיק, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט אַן אויסגערוטער, און פיל זיך גאָט צו דאַנקען וווּנדערבאַר, אַזוי אַז דו האָסט דיך גאָרנישט צו שרעקן.

איצט ווייס איך אַז אַלע מײַנע ווייטאָקן זענען פון עגמת־נפש, און איך מוז עס דורכויס פאַרמײַדן. פאַרשטייט זיך אַז מײַן אומגליקלעכע פּראָפּע־סיע ברענגט עס מיט. מיר וועלן, זעט זיך אויס, מוזן פאַרלאָזן ניו־יאָרק אויף גוט. אַזוי לאַנג ווי איך בין אין ניו־יאָרק, ווער איך אַרײַנגעצויגן אין דער, אָדער יענער באַוועגונג, איך מיין דאָך אַז איך וועל ראַטעווען די וועלט, און בײַ אַ ליאַדע־וואָס ווער איך „אויפגערעגט”.

גלייב מיר, איך קאָן זיך אַליין און ווייס, אַז מיט אַזאַ כאַראַקטער וואָס איך האָב, באַדאַרף איך זיך האַלטן בײַ דעם ביסעלע, וואָס גאָט האָט מיר געגעבן, בײַ מײַן טאַלאַנט. קאָן איך שרײַבן איז גוט, קאָן איך נישט — איז אויך גוט. ווי זאָגסטו, איך האָב שוין גענוג געשריבן. נאָר אויף צעזעצעניש מײַנע שׂונאים, איך וועל ערשט אָנשרײַבן מײַן גרויס בוך. און עס וועט זײַן אַ בוך פון אָרעמע, ייִדישן לעבן אין אַמעריקע — פאַר דיר, ווײַל דו ביזט נישט נאָר מײַן מוזע, נאָר אויך מײַן קריטיקער.

נאָר וואָס קומט פון דעם אַלעם אַרויס, אַז דו ביזט נישטאָ. נעכטן האָב איך געזען ווי אַ ייִד פון אונגאַרן, גרויס ווי דער לויתן, אַ ריז ווי פון די מכּבעער, מיט אַ דיקן בויך, און מיט גרויסע פיס און גרויסע הענט, איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט זײַן ווײַב, אַ פּעסל מיט זויערן באָרשטש, נאָר דאָך אַ ווײַב — האָב איך זיי מקנא געווען, ווײַל אַ מאַן אין מײַנע יאָרן לעבט שוין נישט אַליין.

אָן דיר בין איך נישט נאָר אַ העלפּט, נאָר אַ גאָרנישט. און דאָך איז גוט וואָס דו ביזט נישט געקומען, דאָ איז לאַנגווײַליק צום טויט.

איך ליב דיך
דײַן שלום

113

12טן יוני, 1943

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
דו זאָגסט, אַז דו גלייבסט נישט אין גאָט דערפאַר ווײַל דו זעסט נישט קיין גוטס אין מענטשן.
איך וויל דיר דערמאָנען אין דיר אַליין. וואָס וואָלט איך געווען געטאָן אויף דער וועלט, ווען גאָט וואָלט דיך נישט באַשאַפן פאַר אַ גוטן מלאך פאַר מיר, מיך צו דערציִען (וואָס איז דיר נעבעך נישט געלונגען), מיך אָפּצו־היטן פון זיך אַליין, מיך צו פירן — וואָס קומט דיר אָן נעבעך אַזוי שווער.
גאָט מײַנער, וויפל מאָל וואָלט איך זיך אַליין אומגעבראַכט, מאָראַליש און פיזיש, ווען דו וואָלסט נישט געשטאַנען נעבן מיר, מיך אויפצוהייבן, ווען איך פאַל, מיך צו שטאַרקן, ווען איך ווער שוואַך, מיך צו האַלטן אין שפּאַן, ווען איך צעלאָז זיך ווי אַ ווילדער אָקס.
און ווער גיט דיר אַזויפיל כּוחות, געדולד, און דער עיקר ליבע — אויס־צוהאַלטן די אַלע פּורעניות און צרות און האַרץ־קלעמעניש וואָס דו שטייסט אויס פון מיר, פון דעם ערשטן טאָג אָן ווען דו האָסט מיך גע־טראָפן ביז פרײַערדיקן פרײַטיק, ווען דו האָסט מיך גענומען און אַוועקגע־שיקט קיין סאָריטאָגאַ ?
ווען דו צווייפלסט אין גאָט און אין גוטסקייט פון מענטש — דערמאָן דיך אין דײַן אייגענער באַציִונג צו מיר און דו וועסט אָנהייבן צו גלייבן אין גאָט.
הײַנט, שבת, זע איך דאָס אַלץ אַזוי קלאָר און דײַטלעך, אַלץ איז מיר אַזוי פאַרשטענדלעך, און גלייב מיר, דאָס איז נישט סתּם אַ וואָרט, איך זע אין דעם אַלעם גאָטס האַנט וואָס קערעווע מיך, פירט מיך, דורך דיר, איך זאָל נישט אַרײַנפאַלן צען מאָל אַ טאָג אין גריבער, וואָס איך גראָב אַליין פאַר זיך.

אַזוי ווי דו זעסט, פיל איך זיך בעסער. איך האָב געגומען אַ גרויס צימער מיט צוויי בעטן, ווײַל איך וואַרט אויף דיר. איך ווייס נישט אויב איך וועל עס לאַנג אויסהאַלטן אָן דיר.
דאָ איז אַלץ אַזוי ווי געווען, נישט זייער פיל מענטשן. די בעדער שטייען כּמעט ליידיק, און הײַנט בין איך געווען דער איינציקער גאַסט אין דעם גרויסן, פּראַכטפולן טרינקזאַל. איך פיל זיך גרויסאַרטיק, אַלץ וואָלט געווען גוט ווען דו פּאַקסט דיך אײַן, לאָזט אַלץ איבער און קומסט דאָ אַהער.
הײַנט איז אַ הערלעכער טאָג. געמאַכט דעם ערשטן גרויסן שפּאַציר אין וואַלד דעם פּרימאָרגן. וואָס מען טוט נאָכמיטיק ווייס איך נישט, סײַדן צו מאַכן רעוואָלוציעס, צו שרײַבן מאַניפעסטן און רעפאָרמירן די קריסטלעכע און יידישע אמונה.
דערווײַל ווייס איך איין זאַך, אַז מײַן ליבע צו דיר איז ווי געווען, איך קוש דיך, שרײַב!

דײַן שלום

114

מײַן באַשערטע,
איך פיל זיך איצט אַ סך בעסער. זעט זיך אויס, אַז מײַן גאַנצע „קראַנקייט" באַשטייט אין דעם וואָס איך לאָז זיך אַרײַנאַרבעטן אין אַ פאַלע פון מוט־לאָזיקייט, און די יידישע צײַטונגען העלפן אויך פיל צו. איך גלייב אַז איך וועל באַדאַרפן אין גאַנצן אָפּשטעלן און נישט לייענען די יידישע צײַטונ־גען פאַר אַ געוויסער צײַט, פאַרגעסן אין גאַנצן אין דער יידישער לאַגע. דאָס איז מײַן איינציקע רעטונג.
דער דאָקטאָר האָט מיר נעכטן געזוגט, ער האָט מיך אָפּגעשראָקן, אַז איך מוז אין גאַנצן פאַרגעסן פון דער יידישער לאַגע. איך קאָן מיר נישט העלפן, דאָס איינציקע וואָס איך קאָן טון, איז אונטערגראָבן מײַן געזונט און אַרײַנפאַלן אין אַ מרה־שחורה.
דײַן בריוו נעכטן האָט מיך אויך דערשראָקן, נאָך מער צוליב די צרות, וואָס איך האָב דיר נעבעך געמוזט אָנטון מיט מײַן אַרומבראָיען די לעצטע טעג פאַר מײַן אָוועקפאָרן, מיט מײַן פאַרצווייפלונג און מיט מײַן אומ־זיכערקייט. איך מאַך זיך קראַנק און מאַך קראַנק מײַן איינציקע, וואָס גאָט האָט מיר געשיקט.

איצט זע איך איַן, אַז איך מוז לחלוטין אויפגעבן מײַן געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. עס איז אַ פאַרברעכן קעגן מײַן געזונט און מײַן שאַפן, שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס דאָס פאַרשאַפט דיר גרויסע צרות. צו דעם דאַרף מען זײַן אַ דורכגעטריבענער פּאָליטיקער. איך טויג נישט צו דעם, איך ווער אַרײַנגעשלעפּט אין זאַכן, וועלכע איך וויל נישט טון. איך מוז זען מיט אַלע מעגלעכקייטן זיך אַרויסצוּוויקלען פון דעם פּלאָנטער, אין וועלכן איך האָב זיך אַרײַנגעפּלאָנטערט. און דו מוזסט מיר העלפן. איך מוז זיך אָפּזאָגן פון אַלע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן און מוז דורכויס זען, אַז קיין ייִדישע צײַטונגען זאָלן נישט אַרײַנקומען אין שטוב אַרײַן.
די ערשטע פּאָר טעג בין איך פול געווען מיט אידעען און שרײַבער־לוסט, איצט הייב איך אָן צו פאַרלירן די לוסט צו שרײַבן. איך גלייב אַז דאָס איז אַ גוטער סימן, מײַן מוח הייבט אָן צו רוען.
איך האָב געשיקט משהס קינד [1] די ערשטע פּאָר שיכלעך פון סאַראַטאָגע.
איך קוש דיך און בענק נאָך דיר.

דײַן שלום

115

סטעמפּאָרד, 1943

טײַערע מאַטל־לעבן,
זײַ מיר מוחל טויזנט מאָל וואָס איך האָב דיר נישט געשריבן. געווען מאָנ־טיק אין יעל. די פײַערונג איז געווען גרויסאַרטיק. מײַן לעקציע האָט גע־מאַכט אַ זייער שטאַרקן אײַנדרוק, אַלע פּראָפעסאָרן זענען געווען. די אויסשטעלונג מאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק, מײַן לעקציע האָט מקדש השם געווען.
געווען דרײַ טעג איינער אַליין אין שטוב, געקאָכט זיך טאָמאַטאָ־זופּ. באַ־קומען מײַן נײַעם סעט ציינער און פיל זיך גרויסאַרטיק.
זונטיק רעד איך אין קאַרנעגי־האָל, וועגן די וואַרשעווער קרבנות.
רות [1] איז אין ניו־יאָרק. איך קוש דיך. דו נעמסט נקמה און שרײַבסט נישט, עס איז נישט שיין, אַבי זײַ געזונט.

דײַן שלום

116

דעטרויט, [1943/44]

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
נאָך אַ נאַכט אין דער באַן, וואָס איז זייער באַקוועם (איך פֿאָר אין אַ גאַנצן אַפּאַרטמענט פֿאַר מיר אַליין מיט מײַן סעקרעטאַר, נישט ראָזענבערג [1]), בין איך אָנגעקומען אין דעטרויט פֿון באָסטאָן. מען האָט מיך גענומען אין אַ שוויצבאָד, געהאַט אַ מאַסאַזש, פֿון דאָרט צו אַ לאָנטש, ווו איך האָב געהאַלטן אַ רעדע אין ענגליש. אין אָוונט אַדרעסירט אַ טוויזנטקעפּיקן עולם אין אַ שול אין יידיש. עפּעס אַ שפּירא [2] און אַנדערע האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס איך דערקען זיי נישט אויפֿן ערשטן אויגנבליק נאָך 30 יאָר. בין אַ ביסל הייזעריק געוואָרן, נאָר ווידער אַ שוויצבאָד און עס וועט איבערגיין.
הײַנט פֿאָרן מיר ווידער אָפּ קיין קליוולענד, מאָרגן אָוונט רעד איך אין אַקראָן, שבת בין איך צוריק אין ניו־יאָרק. זונטיק פֿאָר איך קיין ווהיסטער בײַ באָסטאָן און אַזוי ווײַטער.
נעכטן האָב איך דיר אַרויסגעשיקט אַ טשעק אויף 1,000 דאָלאַר פֿון דזשוינט. איך האָב דיר דורך דער צײַט געשיקט: 1) אַ טשעק אויף 300 דאָלאַר פֿון פּוטנאַם, 2) אַ טשעק אויף 500 דאָלאַר פֿון אײַזמאַן [2], 3) אַ טשעק אויף 1,000 דאָלאַר פֿון דזשוינט. וואָס קומט אָבער אַרויס פֿון די אַלע טשעקן? איך וואָלט זיי אַלע אַוועקגעגעבן פֿאַר איין טאָג מיט דיר.
איך קוש דיך און בענק נאָך דיר, איך ליב דיך זייער.

דײַן שלום

117

ניו־יאָרק, 1944

ליבע, האַרציקע מאַדזשע,
דו קאָנסט דיר פֿאָרשטעלן ווי איך פֿיל זיך, אָבער גאָט צו דאַנקען, איך האַלט זיך.
הײַנט, פֿרײַטיק, וועט רות [1] וויסן אויב זי פֿאָרט אויף זיכער, יאַן [2] איז צוריקגעפֿאָרן. רות מיט מרים [3] פֿאָרן אַוועק און מיר בלײַבן איבער אַליין.

מיר מוזן זיך האַלטן און לעבן איינער פאַרן צווייטן. מיר מוזן העלפן איינער דעם אַנדערן. ווײַל מיר ביידע זענען איין לעבן — איין נשמה אין צוויי קערפּערס. גענוג סענטימענטן.

דאָס איז זייער וויכטיק:

מיט דעם ערשטן טראַק וועלן אָנקומען די מטבעות, מײַן גאַנצע קאָלעקציע פון זילבער, ביכער, די פּרוכתן — דאָס איז דאָס איינציקע פאַרמעגן, וואָס מיר האָבן, און ייִדישע זאַכן זענען אַרויפגעשטיגן אויף טויזנט פּראָצענט. איך האָב געבעטן דעם דרײַווער, ער זאָל דיר די וואַליזעס איבערגעבן אין דער האַנט. קוק אויף קיין זאַך נישט, נעם די וואַליזעס און הייס זיי אַרײַנשטעלן בײַ דיר אין שלאָף־צימער און שליס זיי אָפּ. רוף אויך אָפּ דעם מאַן און פרוי ראַוויטש [4], ער וועט דיר העלפן.

די חנוכּה־לאָמפּן, דאָס ייִדישע גלאָז, געפינען זיך אין אַן אַנדער „ווען״, זיי זענען גוט געפּאַקט. דאָס שטעל אַוועק אין קליינעם שטיבל, פּאַק זיי נישט אויס.

רות האָט אַהיימגעבראַכט מרים. הײַנט האָבן מיר אַלע דינער בײַ לילאַ [5]. לילאַ איז די פײַנסטע פּערזאָן, זי איז געווען צו רות ווי אַ צווייטע מוטער. איך האָב איר געגעבן אַ פּרײַוען טשעק, זי זאָל קויפן די קינדער אַלצדינג וואָס זיי דאַרפן.

זאָרג דיך נישט, איך האָב שוין באַלד אַ תּל געמאַכט פון דער צווייטער ראַטע פון 5,000 דאָלאַר וואָס איך האָב באַקומען פון ראַבינאָוויטש [6]. נאָר איך זאָרג זיך נישט, אַבי מען לעבט. איך זאָרג זיך נאָר פאַר איין זאַך, פאַר דײַן געזונט. איך קוש דיך מיט מײַן גאַנץ האַרץ.

דײַן שלום

118

ניו־יאָרק, 1944

טײַערע, איינציקע מאַדזשע־לעבן,

זײַט אַ וואָך גיי איך אַרום מיט אַ געזאַנג אין האַרצן צו שרײַבן צו דיר אַ לאַנגן בריוו. האָב איך נישט קיין פעדער און נישט קיין פּאַפּיר. נאָר דאָס נישט אויסגעזונגענע ליד האָט מיר געהאָלפן אַדורכצוטראָגן דאָס פּעקל, וואָס איך האָב געהאַט אויף מיר: פּאַקן און אויך שיקן די זאַכן און נאָך אַנדערע, אַנדערע, אַנדערע צרות. גוט וואָס איך בין געקומען קיין ניו־יאָרק.

ערשטנס מיט רותן. רות [1] האָט באַקומען אַ מעלדונג פון דעם ענגלישן קאָנסולאַט, אַז זי זאָל נישט פאַרלאָזן ניו־יאָרק. זי איז פשוט משוגע פאַר פרייד. קאָנסטו דיר גאָרנישט פאָרשטעלן וואָס דאָס האָט געמיינט פאַר איר. איך האָב איר געקויפט און פאַרן קינד און פאַר רעדזשן [2] אַלץ, וואָס זיי האָבן געדאַרפט. איך האָב געגעבן לילאַ [3] קאַרט־בלאַנש, אַרויסצוגיין מיט איר און אַלץ איר צו קויפן, עס האָט געקאָסט איבער זעקס הונדערט דאָלאַר. איך בין גליקלעך, און גוט וואָס איך האָב געקריגן אַ טשעק פון מר. ראַבינאָוויטש [4] און איך האָב געהאַט דאָס געלט.

אַזוי האָב איך אויך געטון מיט דזשאָן [5]. גלייב מיר, איך האָב אויסגעפירט דייַן געבאָט וואָס דו האָסט מיר געגעבן דורכן טעלעפאָן, צו זייַן „גוט צו די קינדער״.

איצט מוזן מיר זיך באַרויִקן און זען צו קומען צוריק צו אונדזער געזונט. נאָך דער מלחמה וועלן מיר זיך אַלע צונויפקומען אין פריידן, אָדער דאָ, אָדער אין לאָנדאָן.

מיט פּאַטנאַם [6] האָב איך געמאַכט זייער גוטע אַראַנזשירונגען. איך האָב בייַ זיי 70,000 דאָלאַר, מיר וועלן באַקומען אַרום 12,000 דאָלאַר אַ יאָר, 3,000 וועלן גיין פאַר טעקסעס.

דאָס הויז קאָן מען פאַרקויפן פאַר 19,000 דאָלאַר. איך וויל נישט, איך האָב באַשטימט פאַר נישט ווינציקער ווי פאַר 20,000.

יאַן [7] איז וווּנדערבאַר, ער איז באַשטימט געוואָרן צו טון אַדמיניסטראַטיווע אַרבעט אויסער דעם מלחמה־פעלד. זייַנע אויגן זענען זייער שלעכטע, און ער איז נישט גוט פאַר פעלד־אַרבעט. איך גלייב אַפילו נישט, אַז מען וועט אים שיקן קיין אייראָפּע.

אַלעק [8] און לילאַ זענען וווּנדערבאַר. איך האָב זיך זייער דערנענטערט צו זיי, און עס איז גוט געווען וואָס איך האָב געהאָרכט דייַן עצה אַז איך זאָל שטיין בייַ זיי.

איך שיק דיר אייַן דעם טשעק אויף 700 דאָלאַר, וואָס איך האָב איבער־געטוישט בייַ לילאַ. מאַך אַ דעפּאָזיט אין באַנק.

איך קוש דיך און קוק שוין אויס אויף דער מינוט צו זייַן מיט דיר.

דייַן שלום

דעם 15טן מאַי,

ליבע, טײַערע מאַדזשע־לעבן,
איך בין נאָר וואָס צוריקגעקומען פון באָסטאָן, עס איז זייער אינטערע־סאַנט. מענטשן זאָגן, אַז איך ראַטעווע זיי דאָס לעבן ווען זיי קאָנען מיך זען. איך בין פּאָפּולער בײַם פּראָסטן עולם פון „פאָרווערטס״ [1], בײַ די ווײַבער פון די ענגלישע איבערזעצונגען, און בײַ די אַלרײַטניקעס און יאַהודים, ווײַל די גויִם האַלטן פון מיר.
איך רעד כּמעט יעדן טאָג, פאַר אַ פּאָר טעג האָב איך געהאַלטן אַ זייער וויכטיקע רעדע פאַר די אַמעריקאַנער פאַרלעגער. דו האָסט דאָס אַוודאי געלייענט אין „פאָרווערטס״. אויך ווער איך באַערט מיטן טיטל דאָקטאָר — ווי געפעלט דיר צו האָבן אַ מאַן מיט אַ טיטל: „דאָקטאָר שלום אַש״? דאָס איז פון אַ יִדישן אינסטיטוט, פון דעם ד״ר סטעפאַן ווײַז [2] אינ־סטיטוט.
דאָס זענען קלייניקייטן. די אַרבעט מײַנע איז זייער וויכטיק. יִדן האָבן זייער ווייניק מענטשן צו וועלכע מען האָט צוטרוי, און איך בין איינער פון דער קליינער צאָל, און איך פיל אויף זיך צוליב דעם די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און שווערקייט.
קאָנסטו דיר פאָרשטעלן ווי מיד איך בין, אַזוי אַז איך האָב נישט קיין צײַט וועגן עפּעס אַנדערש צו קלערן — אַ חוץ וועגן דיר.
איך פיל אַז אַ חוץ וואָס איך קאָן עפּעס אויפטון, לערן איך אַמעריקע, און מײַן רײַזע איז זייער וויכטיק געווען.
איך האָב גרויסע צרות מיט מײַן משפּחה און מיט דעם „פאָרווערטס״. די זעלבע פּאָליטיק, די זעלבע קריגערײַען צווישן אב. קאַהאַן [3] און וולאַדעק [4].
דאָס מאָל איז דווקא קאַהאַן גערעכט. איך האָב אויסגעפונען, אַז וולאַדעק וואָלט געווען אַ פיל שווערער רעדאַקטאָר און באָס ווי קאַהאַן, און דאָס פילן אַלע.
מען וויל מיך אַרײַנשלעפּן אין פּאָליטיק, איך לאָז זיך נישט, דאַנקן גאָט אַז איך בין נישט דערבײַ.
מײַנע פּאַפּירן שטייען זייער שטאַרק אין „פאָרווערטס״ און זיי וואָלטן מיך געוואָלט האָבן אויף זייער זײַט, נאָר איך לאָז זיך נישט.
נישט נאָר לאָז איך זיך נישט אַרײַנצִיִען אין פּאָליטיק. אויך ווײַבער טוען אַלץ מעגלעכע מיך צו כאַפּן, זיי קאָנען מיך אַפילו נישט קריגן דורכן טעלעפאָן; אַנגעזאָגט — קיין קול פון אַ פרוי נישט אָנצונעמען. אויך בריוו שיק איך צוריק נישט געלייענט.

איצט די משפּחה: מיט זעלדען [1], מײַן ברודער לויִס עלטסטע טאָכטער, האָב איך צרות. אַ גאַנצע מעשׂה. אויך מיט שׂרה־גאָלדעס [2] טעכטער. פֿריִער האָב איך געהאַט פֿון די ברידער און שוועסטער, איצט האָב איך פֿון זייערע קינדער צרות. אָבער איך מוז איר העלפֿן.
איך קוש דיך, איך האָב זיך זייער געפֿרייט מיט דעם נחת וואָס איך האָב פֿון מײַן אייניקל פֿון דערווײַטנס.
איך ליב דיך טאָפּלט ווי דו מיך.

דײַן שלום

120

פּאַראייניקטע שטאַטן

מײַן טײַערע מאַטל־לעבן,
גאָט האָט מיך געשטראָפֿט מיט אַלטוואַרג: איך וווין אין אַן אַלט הײַזל מיט פֿאַרצײַטיק מעבל, בײַ צוויי אַלטע שוועסטער, איינע איז אַלט 76 יאָר, די אַנדערע 78. די יונגערע, די 76־יעריקע איז נאָך די בייבי, און די עלטערע רעדט צו איר, ווי מען רעדט צו אַ קינד. און דאָס עסן וואָס זיי גיבן מיר שמעקט אויך מיט אַלטערטום. אַזעלכע מיני גרינס, וואָס נאָר אין אַלטע צײַטן האָט עס געקאָנט וואַקסן. אין אָנפֿאַנג בין איך זייער צופֿרידן געווען — אַלטערטום. נאָר איצט, דאַכט זיך מיר, בין איך אויסגעהיילט געוואָרן פֿון מײַן אַנטיקן־קרענק. די צוויי זקנות מיט די אַלטע „ווערדזשעטעבלס" האָבן מיך אויסגעהיילט.
אַז איך וועל אַהיימקומען, וועל איך קושן די טיר פֿון מײַן הויז. נאָר דערווײַל האָב איך באַצאָלט פֿאַר אַ וואָך פֿאָרויס, 10 דאָלאַר, און דאָ איז שיין אַ מחיה, רעכן איך דאָך צו פֿאַרבלײַבן די וואָך.
איך באָד זיך יעדן טאָג און וואַש מײַן וועש אין טײַך האָדסאָן. נתן [1] זע איך יעדן טאָג.
שרײַבן, גלוסט זיך מיר נישט, לייען איך קיפּלינג [2].
מיר טוט זייער ווײ וואָס דו האָסט געהאַט אַזעלכע יסורים פֿון דײַנע ציין.
אין אַלעם בין איך שולדיק, זײַ מיר מוחל.
איך וואָלט זייער געוואָלט אַז דו זאָלסט אַרויספֿאָרן אַז איך וועל געפֿינען אַ צווייטן פּלאַץ, און אפֿשר דעם זעלבן. דו האָסט דאָך, דאַכט זיך, ליב „ווערדזשעטעבלס". דאָ, מײַן ווײַב, קאָנסטו קריגן וויפֿל דו ווילסט! נאָר

עס איז אַ רחמנות צו זען ווי די צוויי זקנות אַרבעטן, ווי די עלטערע בייזערט זיך אויף דער ייִנגערע? יעדנפֿאַלס איז עס שיין צו זען.
נתן פֿאָרט אַהיים די צווייטע וואָך. שרײַב מיר באַלד ווען דו רעכנסט פֿאַר־טיק צו ווערן מיטן דענטיסט.
איך קוש דיך, מײַן טײַערע, טײַערע מאַטל־לעבן, איך בענק נאָך דיר זייער.

דײַן שלום

121

סאַראַטאָגאַ־ספּרינגס, 1947

מײַן טײַערע מאַדזשע־לעבן,
דו האָסט דיך געקלאָגט, ווען איך בין געווען אין דער היים, אַז איך שרײַב דיר נישט מער קיין בריוו. דאָס איז נישט דערפֿאַר ווײַל איך האָב דיר נישט וואָס צו זאָגן, נאָר ווײַל איך האָב דיר צופֿיל צו זאָגן. און דאָך דאַכט זיך מיר אַז איך באַדאַרף נישט זאָגן. דו ווייסט עס פּונקט אַזוי גוט ווי איך וואָס איך האָב דיר צו זאָגן. און גלייב מיר אַז נישט נאָר דאָ, ווען איך בין פֿון דערווײַטנס פֿון דיר, נאָר אַפֿילו אין דער היים, האַלט איך אין מײַנע געדאַנקען אין איין שרײַבן צו דיר. אַלץ וואָס איך שרײַב, שרײַב איך צו דיר און פֿאַר דיר. און בריוו שרײַבן צו דיר איז פּונקט אַזוי ווי שרײַבן צו מיר אַליין, ווײַל דו און איך זענען איינס... און איך ווייס, אַז דו דענקסט דאָס זעלבע בשעת איך דענק.
הכּלל, איך וועל זיך מיִען און בלײַבן אין סאַראַטאָגאַ, איך גלייב אַז די בעדער טוען מיר זייער גוט. די צרה איז נאָר, וואָס איך קאָן נישט אַרויס־שלאָגן פֿון מײַן געדאַנק די אַרבעט און דווקא די בעדער באַשאַפֿן אין מיר אַ חשק און גיבן מיר ענערגיע אַזוי אַז איך האַלט אין איין דענקען וועגן אַרבעט.
הײַנט, נאָך דער ערשטער באָד, ווען איך האָב געמאַכט דעם שפּאַציר אין וועלדל, האָב איך מיר געמאַכט נאָטיצן, נישט פֿאַר איין בוך, נאָר פֿאַר אייניקע. נאָר גוט וואָס ס׳האָט זיך צוגעטשעפּעט צו מיר אַ רבילע — מיר האָבן פֿאַרפֿירט אַ שמועס, און שטעל דיר פֿאָר — כאָטש ער האָט געוווּסט ווער איך בין, איז ער געווען זייער פֿרײַנדלעך צו מיר, און האַלט מיך אַפֿילו פֿאַר אַ גוטן, פֿרומען ייִדן.

ווען איך וואָלט נאָר געוווסט אַז דו פילסט זיך בעסער און אַז דו ביזט רויִקער, וואָלט עס מיר זייער פיל געהאָלפן — אַליין רויִק צו זײַן.

דײַן שלום

122

ניצע, 1947

מײַן טײַערע מאַדזשע,

איצט ווייס איך שוין מער וועגן הויז און אַלצדינג. איך וועל דיר דערקלערן אויספירלעך:

נעבכטן בין איך געוועזן צום דריטן מאָל אין הויז מיט אַן אַגענט. דאָס הויז איז ריין, דער גאָרטן פול מיט פרוכטן, נאָר עס איז נישט פאַר אונדז. דאָס איינציקע צו טון איז צו פאַרקויפן, נאָר פאַרקויפן איז פאַרבונדן מיט שוועריקייטן: קודם כּל דער פּרײַז. מיר קאָנען קריגן נישט מער ווי 3,500,000 פראַנק, דאָס הייסט 10,000 דאָלאַר. דאָס געלט קאָן מען באַיין־אופן נישט אַרויספירן, אָדער אַרויסשיקן פון פראַנקרײַך. איך וועל פאַר מיליאָנען, פאַרשטייט זיך, נישט טאָן קיין זאַך קעגן דעם געזעץ. דו פאַר־שטייסט דאָך דאָס. מוז איך לאָזן דאָס געלט אין פראַנקרײַך. דאָס געלט איז גוט, דער פראַנק האָט אַלע אויסזיכטן צו שטײַגן און נישט צו פאַלן, און מיר קאָנען דאָ לעבן און קויפן זאַכן פאַר דעם געלט.

איך בין איבערצײַגט, אַז ווען דו וועסט איין מאָל קומען אַהער, וועסטו וועלן יעדעס יאָר קומען קיין פראַנקרײַך איבערן זומער. פראַנקרײַך אַליין, און ניצע ספּעציעל, איז דאָס שענסטע, פרײַסטע און גליקלעכסטע לאַנד אין דער וועלט. מען ווערט דאָ יונג, די לופט איז גוט, און איך קאָן דאָ אַרבעטן.

פאַרשטייט זיך, אַז איך קלער נישט איין מינוט, חלילה, צו ליקווידירן מיאַמי ביטש, מיאַמי ביטש איז אונדזער שטענדיקע היים, נאָר איך וואָלט געוואָלט זײַן יעדעס יאָר אַ פּאָר חדשים צוזאַמען מיט רותן און מרים [1]. זי איז מיר די נאָענטסטע פון אַלע מײַנע קינדער, און ווען מיר וועלן האָבן געלט אין פראַנקרײַך, קאָנען זיי קומען און מיר וועלן זײַן צוזאַמען אַ פּאָר חדשים, אָדער אין ניצע, אָדער אין די בערג.

דאָס געלט באַדאַרף איך נישט איצט. מיר האָבן, דאַנקן גאָט, גענוג צו לעבן אין אַמעריקע, איצט איבערהויפּט, מיטן דערפאָלג פון „מערי״. פאַר

וואָס זאָלן מיר נישט זײַן צוזאַמען מיט אונדזערע קינדער אַ פּאָר חדשים אין יאָר, ווען מיר פילן זיך אַזוי עלנט און אַליין אַ גאַנץ יאָר אין מיאַמי ביטש ?

אָבער עס איז דאָ נאָך אַ פּראָיעקט. איך ווייס נישט ווי דו וועסט טראַכטן וועגן דעם.

דו ווייסט אַז עס קומט מיר אָן זייער שווער די אַרבעט אין מיאַמי ביטש. די לופט אין מיאַמי ביטש מאַכט מיך פויל; די לופט אין ניצע וועקט מיך צו אַרבעט. מען רעדט מיך צו, איך זאָל קויפן פאַרן געלט אַן אַפּאַרט־מענט אין ניצע און מיר זאָלן קומען יעדעס יאָר איבערן זומער וווינען אין אונדזער אייגענעם אַפּאַרטמענט. אָבער איך בין מיד פון הײַזער, איך וויל נישט מער האָבן קיין הײַזער, און וויל נישט מער זײַן צוגעבונדן צו איין אָרט. אונדזער היים איז אַמעריקע, מיאַמי ביטש, גוט אָדער שלעכט — דאָרט בלײַבן מיר פּערמאַנענט.

איך האָב דיר נאָר דאָס געשריבן ווײַל איך וויל אַז דו זאָלסט וויסן וועגן אַלצדינג וואָס גייט אָן אין מיר.

אין קורצן, מײַן מיינונג איז אַזוי:

1) מיר זאָלן ליקווידירן די נחלה, נעמען וויפל עס לאָזט זיך און פּטור ווערן פון אַ זאָרג;

2) האַלטן דאָס געלט אין פראַנקרײַך, אין פראַנקן, לויטן היגן געזעץ. קומען יעדן זומער צו לעבן אין פראַנקרײַך פאַרן געלט. פאַרגעס נישט, אַז די רײַזע אַליין וועט קאָסטן 4־5 טויזנט דאָלאַר;

3) געבן אַ געלעגנהייט די קינדער זיי זאָלן זיך אַרויסרײַסן פון ענגלאַנד און קומען קיין פראַנקרײַך, ווײַל אין לאָנדאָן איזווירקלעך שלעכט.

ווען דו באַשטייסט דערויף, בעט איך דיך מיר צו טעלעגראַפירן. איך וויל נישט טון אַ זאַך אַליין, אָן דײַן וויסן און אָן דײַן הסכּמה.

עס וועט נאָך זײַן צרות מיטן גערטנער. זי איז אַ געפערלעכע, כיטרע פרוי און איך האָב מורא, אַז זי וועט אונדז מאַכן עגמת־נפש. זי האָט אַ רעכט צו בלײַבן און עס איז שווער אַרויסצוזעצן פון אַ וווינונג איצט אין פראַנק־רײַך. איך האָף, פאַר 40־50 דאָלאַר אין פראַנקן וועט מען פון זיי פּטור ווערן.

שרײַב מיר באַלד דעם נומער פון דײַנע בלוזקעס, מען קריגט דאָ הער־לעכע.

געשריבן דיר וועגן ביזנעס און נישט געהאַט קיין צײַט אַ וואָרט צו דער־מאָנען וועגן אונדזער ליבע, נאָר דו ווייסט דאָך סײַ־ווי־סײַ.

דײַן שלום

ניצע, 1948

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
הײַנט האָב איך באַקומען דײַן טעלעגראַם אַז דו שיקסט אַרויס דעם דאָקו־מענט. איך האָב דיר אַרײַנגעשיקט דעם טעקסט פון פראַנצויזישן נאָטאַר, און דו קאָנסט דאָס אונטערשרײַבן און צוריקשיקן צו מיס ווילקענזאָן [1]. זיי האָבן דאָרט אַ נאָטאַר אין ביוראָ און זי וועט עס לאָזן באַשטעטיקן פון פראַנצויזישן קאָנסול אין ניו־יאָרק און זי וועט עס מיר איבערשיקן.
איך האָב הײַנט אין דער פרי גערעדט טעלעפאָניש מיט רותן [2] און זי קומט אַהער דעם 27סטן קיין ניצע. איך האָב געפאָלגט דײַן עצה — אפשר וועל איך פאָרן מיט איר קיין איטאַליע. עס איז נישט זיכער ווײַל איך פיל זיך שוואַך.

איך האָב געלייענט די גאַנצע צײַט „מערי" [3] און בין זייער באַלעבט פון דעם בוך. איך לעב נאָך אַ מאָל איבער די עמאָציעס מײַנע און דאָס האָלט מיך וואַך בײַנאַכט. איך וואָלט זייער גערן געוואָלט וויסן וואָס פאַר אַן אײַנדרוק דאָס בוך האָט געמאַכט אויף דיר.
דו שרײַבסט מיר, אַז דו האָסט מורא מיר וועלן זיך ווידער איבערצײַען. ניין, מײַן ווײַב, מיר איבערצײַען זיך נישט מער. דאָס זאָג איך דיר הייליק צו. אונדזער היים בלײַבט אין מיאַמי ביטש, גוט אָדער שלעכט. וואָס לענ־גער איך בין אין אייראָפּע, זע איך אײַן וואָס פאַר אַ ווונדערבאַר לאַנד ס׳איז אַמעריקע, אַפילו מיט איר טײַערקייט. איך בין מוחל אייראָפּע איר ביליקייט. אַלץ באַשטייט דאָ פון געלט, וועקסעלער און שיבער. יאָ, מיר וועלן פאָרן קיין אייראָפּע אויף אַ טור — אָדער יאָ, אָדער נישט. נאָר פון אַמעריקע צײַען מיר זיך נישט איבער. פון מיאַמי רירן מיר זיך נישט. איך זאָג דיר דאָס הייליק צו. דורך דעם שלאָג דיר אַלע געדאַנקען אַרויס פון איבערצײַען זיך. טו אין גאָרטן אַלץ וואָס דו געפינסט פאַר נייטיק. איבע־ריקנס, ווערט שוין דאָ אין ניצע קאַלט, אין די פאַרנאַכטן הייבן זיך שוין אָן די נעפּלען — און דאָס איינציקע, וואָס מען באַדאַרף זען איז צו פאַר־קויפן דאָס הויז דאָ אין ניצע. דערווײַל האָב איך נאָך גאָר קיין נײַס נישט. ווען איך וועל נישט פאַרקויפן דאָס הויז וועל איך איבערלאָזן אַ פולמאַכט רותן, אונטערצושרײַבן פאַר אונדז.
האָסטו פאַרניכטעט דעם בריוו? דו קענסט מיר שרײַבן וואָס דו דענקסט וועגן דעם בריוו...

איצט, ווי איך האָב נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט „מערי״, בין איך פעסט איבערצײַגט, אַז דאָס איז איינס פון די גרעסטע ביכער וואָס זענען ווען געשריבן געוואָרן. דאָס בוך וועט מאַכן אַ רעוואָלוציע צווישן ייִדן און קריסטן.

איך קוש דיך
דײַן שלום

124

ניצע, 1948

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
פאַר די לעצטע דרײַ טעג האָב איך זיך נישט געפילט מיט אַלעמען, דער־פאַר האָב איך דיר נישט געשריבן.
דאָס וועטער האָט זיך געענדערט אין ניצע, ווינטיק און פײַכט. איך האָב באַקומען שרעקלעכע שמערצן אין מײַן פוס אַזוי אַז איך האָב פשוט נישט געקאָנט גיין. איך בין געלעגן מיינסטנס אין בעט. איך האָב זיך נאָר אויפ־געהויבן צו גיין ראש־השנה אין שול אַרײַן (אין ביידע שולן) און צו געבן אַ ביסל געלט די פּליטים, וועלכע זענען דאָ פיל. דער אַלטער דובינסקי [1] גיט אַכטונג אויף זיי, אַן אמתער צדיק.
פרײַטיק אָוונט האָב איך געגעסן בײַ די פּרעגערס [2]. איך האָב מיר גע־טראַכט אַז דו מוזסט אויך זײַן ערגעץ־ווו פאַרבעטן און עס איז מיר טרויעריק געוווען וואָס פאַר אַזוי פיל יאָרן זענען מיר ראש־השנה נישט צוזאַמען. לאָמיר האָפן אַז מיר וועלן זיך שוין קיין מאָל נישט שיידן.
הײַנט, זונטיק, האָט מיר ד״ר פרידמאַן [3] אונטערזוכט, געמאַכט אַ דורכווייס־עקזאַמען, און האָט געוואָלט די ערשטע זאַך אָפּקויפן בײַ מיר מײַן האַרץ — איך האָב אים געזאָגט, אַז דאָס געהער נישט צו מיר, נאָר צו דיר.
דערנאָך, ווען ער האָט אונטערזוכט מײַן אונטערשטן טייל לײַב, האָט ער די אויגן אויפגעעפנט און געזאָגט, אַז איך בין נאָך גוט פאַר אַ מאַן צו זײַן די נאָענטסטע צוואַנציק יאָר. ער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אים כאָטש עפּעס אָוועקשענקען... געזאָגט אַז דאָס געהער אויך נישט צו מיר, נאָר עס איז אין גאַנצן דײַנס... וועגן דעם פוס האָט ער זיך אויסגעלאַכט, ער זאָגט אַז עס קומט פון שלעכטע שיך. גיי טענה דיך אויס מיט זיי. איך

לייַד און ד״ר דאָברין [4] און ד״ר פרידמאַן זאָגן, אַז עס איז נאָר שיך. איך ווייס איין זאַך: עס טוט וויי.
הייַנט האָט זיך דאָס וועטער געשטעלט און איך הייב אָן צו פילן זיך בעסער. עס זעט אויס אַז עס האָט דאָך צו טון מיטן וועטער. ווי זאָגסטו: אַ שניי פאַלט אין די בערג...
מיטן הויז איז נאָך דערוויַיל גאָר קיין נייַס נישטאָ, איך גלייב נישט אַז איך קאָן עס פאַרקויפן דורך דער צייַט וואָס איך בין דאָ. איך וועל איבערגעבן די פולמאַכט רותקען [5] און ווען עס וועט זיך מאַכן אַ קונה איז דאָך גרינגער צו קומען פון לאָנדאָן, כּדי צו פאַרענדיקן דאָס עסק.
האָב נישט קיין מורא, איך וועל נישט קויפן קיין אַפּאַרטמענט און קיין אַנדערע זאַכן. איך האָב דיר געשריבן, אַז עס איז גענוג פאַר אונדז צו האָבן איין הויז אין מיאַמי ביטש. קיין אַנדערע „פּראָפּערטי״ וויל איך נישט האָבן.
איך פאַרברענג מייַן צייַט אין לייענען פראַנצויזישע קלאַסיקער — איך לערן זייער פיל פון זיי. האָסטו געלייענט באַלזאַקס ״The Village Cure״ [6]? לייען מאָפּאַסאַנס „בעל־אַמי״.
איך קוש דיך און בענק נאָך דיר.

מיט ליבע
דייַן שלום

125

פּאַריז, 1949

טייַערע איינציקע ליבע מאַדזשע־לעבן,
וואָס זאָל איך דיר זאָגן וועגן פּאַריז? פּאַריז איז דאָס זעלבע ווי געוועזן. די זעלבע אַנטיקן־געשעפטן, די זעלבע פראַנצויזן, אַזוי ווי מיר האָבן זיי פאַרלאָזן — און דאָך נישט די זעלבע. אַ ביסל נידערגעשלאָגן, פאַרשעמט איבער דעם וואָס זיי האָבן שלום געמאַכט מיט היטלערן און געוואָרן אַ צווייטראַנגיקע מדינה. די אַלטע מענטשן זענען טרויעריק, די יונגע אַרבעטן זייער שווער. דאָך זענען זיי מיר די נאָענטסטע און די פאַרשטענדלעכסטע פון אַלע פעלקער פון אייראָפּע, אַ חוץ די איטאַליענער.
זייער פיל ייִדן, פרומע ייִדן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן — נישט זייער סימפּאַטיש. איך ווייס נישט, עס איז עפּעס געשען מיט די ייִדן וועלכע

זענען געבליבן פון דעם גיהנום. אויפן פלעצל האַנדלט מען פראַנק און פריַי מיט וואַלוטע. יעדער ייִד אין אַ שוואַרצער קאַפּאָטע, מיט באָרד און פּאות, טראָגט אַ האַנט־טאַש אין האַנט און רופט דיר נאָך: „דאָלאַרן! דאָלאַרן!" די פראַנצויזן לאָזן זיי, זיי האָבן מורא זיך צו טשעפּען מיט זיי, מען זאָל זיי נישט פאַרשריַיען, אַז זיי זענען אַנטיסעמיטן.

געטראָפן דאָ אַ זייער סימפּאַטישן בחור פון קאַליפאָרניע. ער וויל זיַין אַ שריַיבער. ער באַהאַנדלט מיך ווי אַ זון אַ פאָטער, באַדינט מיך און זאָרגט וועגן מיר.

אַ פרומער ייִד, וועלכער איז אַ גרויסער חסיד דיַינער, האָט מיך געפירט עסן אין אַ כּשרן רעסטאָראַן. איך האָב זיך פאַרדאָרבן דעם מאָגן און געהאַט אַ שרעקלעכע נאַכט. היַינט פיל איך זיך שוין בעסער און צום ערשטן מאָל עפּעס געגעסן.

עס געפינען זיך דאָ פיל מאָלער פון ישׂראל, זייער סימפּאַטישע יונגעליַיט. איך טרעף זיך מיט זיי אין קאַפע לע דאָם און פאַרברענג מיט זיי זייער גוט. אַלע האָבן מיך געלייענט און זענען געריירט פון טרעפן מיך. מיַין נאָמען קלינגט ביַי זיי ווי אַ לעגענדע.

איך האָב אויך דאָ געטראָפן אַ פּאָר אַלטע באַקאַנטע. שטעל דיר פאָר, דער מאָלער קרעמען [1], פון וועלכן מיר האָבן אַ בילד, לעבט און איך פאַר־ברענג מיט אים זייער אָפט. אַלע פרייען זיך מיט מיר. אויפן פּלעצל זענען אַרויסגעקראָכן די אַלטע לייענער מיַינע, זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט און געפרייט זיך מיט מיר.

איך האָב דאָ געטראָפן דעם ניַיעם פראַנצויזישן פאַרלעגער מיַינעם, וואָס גיט אַרויס „איסט־ריווער". נישט קיין גרויסער פאַרלאַג, נאָר אַ זייער סימפּאַטישער מענטש.

דער פאַרלעגער פון „נאַזאַרין" איז אַ גנב. מען וועט באַדאַרפן פון אים צונעמען די ביכער.

היַינט איז געקומען צו מיר פון ציריך מיַין דיַיטשישער פאַרלעגער. שטעל דיר פאָר: אַ פּשוטער, פּוילישער ייִד, זיַין פרוי אַ דיַיטשקע, רעדט ייִדיש ווי איינע פון אונדז. דו קאָנסט דיר גאָרנישט פאָרשטעלן ווי פאַרגעטערט איך בין ביַי זיי. זיי האַלטן אַז איך האָב אויפגעטאָן מיט מיַינע ביכער די גרעסטע זאַך פאַר ייִדן. זיי זענען אין גאַנצן איַינפאַרשטאַנדן מיט מיַין שטעלונג און גיבן אַרויס מיַינע ביכער אויס אידעאַליזם און איבערציַיגונג. זיי ווילן אַרויסגעבן אויף ס'ניַי אַן אויסוואַל פון מיַינע אַלטע ביכער. זיי זאָגן, אַז מיַינע ביכער, אַ חוץ דעם וואָס זיי וועלן האָבן אין דיַיטשלאַנד אַ גרויסן פאַרקויף, טוען זיי אויף פיל פאַר אַ פאַרשטענדיקונג מיט ייִדן. איך גלייב אַז איך וועל זיי געבן די רעכט.

שאַגאַל [2] וווינט הינטער דער שטאָט. זיַין פרוי האָט מיך אָפּגערופן, איַינ־

געלאַדן צו קומען צו זיי אויף זונטיק. איך האָב געמוזט אָפּזאָגן, איך האָב נישט קיין כּוחות צו פֿאָרן מיט דער באַן.
עס איז נישטאָ מער וואָס צו זען אין אייראָפּע, דאָך באַדויער איך נישט די רײַזע, ווען זי קאָסט מיך אַפֿילו אַזוי טײַער.

דײַן שלום

126

ניצע, 1949

טײַערע, איינציקע מאַדזשע־לעבן,
דו זיצט דאָרט בײַ דיר אין צימער בײַם פֿענצטער און קוקסט אַרויס צום ברייטן ים און איך זיץ דאָ בײַ מיר אין צימער און קוק אַרויס דורכן פֿענצטער צום ברייטן ים אין ניצע — נאָר די ימים קומען זיך צונויף דורך דעם גיבראַלטאַר און מיר בענקען איינער צום אַנדערן.
איך בין אָנגעקומען אַרום עלף אַ זייגער קיין ניצע טויט מיד. רות [1] האָט מיך באַגלייט צו דער באַן. זי איז אַ זיס, גוט קינד. דאָס געטרײַסטע וואָס מיר האָבן. זי האָט געזאָרגט פֿאַר מיר און געזען איך זאָל זיך פֿילן גוט.
דעם לעצטן טאָג וואָס זי איז געווען מיט מיר האָט זי באַקומען אַ טעלע־גראַמע, אַז מרים־לעבן [2] האָט געענדיקט די שול. דו קאָנסט דיר נישט פֿאָר־שטעלן ווי זי האָט זיך געפֿרייט. זי האָט מיך גערירט מיט איר ליבע צו איר קינד.
איך האָב געקויפֿט מרימען זייער אַ שיינע מתּנה, אַ לעדערנע טאַש, עפּעס פֿאַנטאַסטישס. רות וועט דיר שרײַבן וועגן דעם. און רותן האָב איך גע־קויפֿט זייער שיינע בורשטינען. זי האָט זיי נישט געוואָלט נעמען, זי האָט געוואָלט, אַז איך זאָל זיי ברענגען צו דיר.
דאָס ערשטע וואָס איך האָב געטון, איך בין אַרויסגעגאַנגען און געקויפֿט מיר אַ פֿראַנצויזישן באַד־קאָסטיום. דו קאָנסט זיך נישט פֿאָרשטעלן ווי לעכערלעך עס איז געווען. די פֿראַנצויזישע קאָסטיומען זענען דינע מיט שמאָלע פּאַסן אַזוי אַז איך האָב מורא געהאַט אַז מען זאָל מיר נישט אַרויסזען... און איך האָב זיך אויסגעטענהט מיט דער פֿראַנצויזקע אויף מײַן פֿראַנצויזיש אַז מען וועט מיר אַרויסזען די מעשׂה... די גויה האָט מיר פֿאַרזיכערט, אַז עס שאַדט נישט, אַז עס איז אדרבה, בעסער אַזוי.

דו קאָנסט דיר נישט פאָרשטעלן ווי קאָמיש די סצענע איז געווען.
איך בין געגאַנגען און גענומען אַ באָד, גלײַך געפילט זיך אַן אַנדערער מענטש.
ניצע איז ווונדערבאַר שיין און ערלער. זייער הייס. די זון איז אַ מילדע און די היץ אַ טרוקענע. אויסגערוט זיך אַ ביסל, האָב איך אָפּגערופן פּרעגער [3], ער איז געקומען, פאַרבראַכט מיט אים און צוגעזאָגט מאָרגן, פרײַטיק, צו עסן בײַ אים.
פאַרנאַכט גענומען אַ טעקסי און בין אַרויסגעפאָרן קיין LA LANTERNE *
איך האָב דאָרט קיינעם נישט געטראָפן. דער גאָרטן איז נישט אַזוי פאַר־נאַכלעסיקט ווי איך האָב געמיינט. די ביימער זענען גרין און עס איז דאָ זייער פיל אָראַנזשן, מאַנדאַרינען און ציטרינען אויף זיי אַלע, אויף די ביימער אין מיאַמי געזאָגט געוואָרן. נאָר דאָס הויז איז אָפּגעלאָזן אוז פאַרנאַכלעסיקט. עס מאַכט אַן אָרעמען אײַנדרוק. די שטובן קליין און טונקל, און נאָך מיאַמי זעט דאָס הויז אויס ווי אַ נעבעכל.
איך האָב אָפּגעריסן אַ בינטל ווײַנטרויבן און געגעסן אַליין אין גאָרטן. עס איז געווען אַ מאָדנער געפיל, צו זײַן אין מײַן אייגענעם גאָרטן, איינער אַליין.
דער רעזערוואַר שטייט אַזוי ווי געווען, אויך זייער שיינע בלומען, פיל פּרוכטן, נאָר די בעלי־בתים זענען נישטאָ.
שפּעטער איז אָנגעקומען דער זון פון דעם גערטנער, מיר האָבן אים איבערגעלאָזט אַ קינד, היינט איז ער אַ דערוואַקסענער בחור, ער האָט זיך זייער געפרייט מיט מיר און געזאָגט, אַז דער פאָטער אַרבעט שווער אין גאָרטן. מאָרגן וועלן זיי מיך באַזוכן אין האָטעל.
פאַרשטייט זיך, מען באַדאַרף דאָס אָרט ליקווידירן און פאַרקויפן. עס האָט קיין טעם נישט עס אָנצוהאַלטן. מיר וועלן קיין מאָל דאָרט נישט וווינען.
מאָרגן וועל איך זיך זען מיט אַ פּאָר מענטשן. ווען מען וועט עס נישט קאָנען פאַרקויפן פאַר אַ פּרײַז, דענק איך, אָדער דאָס הויז צו געבן אַ מתּנה רותקען מיט איר מאַן זיי זאָלן עס האַלטן פאַר אַ נדן פאַר מרים־לעבן, אָדער עס אָוועקצוגעבן אַלס געשאַנק דער הסתדרות פאַר אַ שולע, כּדי אויסצובילדן יונגעלײַט פאַר ארץ־ישׂראל. איך וועל נישט טאָן קיין זאַך אָן דיר. איך וועל דיך אָנפרעגן ווען עס וועט קומען דערצו.
שרײַב מיר באַלד קיין ניצע. איך גלייב דאָ צו שטיין אַרום צוויי וואָכן. איך האָב אַ זייער שיין צימער, אַרויס צום ים, דאָס עסן איז זייער גוט און

* דער פּלאַץ ווו ס'האָט זיך געפונען די ווילע פון שלום אַש אין ניצע.

פריש. איך צאָל פאַרן צימער מיט באָד, האַלב פּענסיאָן, אַלץ צוזאַמען צען דאָלאַר אַ טאָג.
איך קוש דיך, און שרײַב צו מיר. ווען דאָס מאַכט דיך מיד, שרײַב נישט, נאָר לאָז הערן פון זיך דורך טעלעגראַמען.

דײַן שלום
וואָס ליבט דיך זייער און זייער.

127

ניצע,

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
איך לײַד נאָך אַלץ אויפן פוס. זעט אויס, אַז איך האָב אים צוגעקילט אין ים. דער ים איז נישט גוט פאַר מיר. ד״ר פרידמאַן [1] האַלט אין איין זאָגן אַז עס איז נישט רעוומאַטיזם, נאָר דאָס זענען די שיך, איך באַדאַרף האָבן אַ „סאָפּאָרט״, דאָס זעלבע וואָס דער דאָקטאָר אין מיאַמי האָט מיר געזאָגט. איך לאָך מיך אויס פון אים, אָבער דאָך פאָלג איך אים. איך גיי נאָך אַ מאָל פּרובירן אַרײַנלייגן אַ „סאָפּאָרט״ אין שיך. אַלע זאָגן אַז אין איטאַליע מאַכט מען די בעסטע שיך, איך וועל מיר לאָזן מאַכן אין איטאַליע אַ פּאָר שיך.
דאָס וועטער איז דאָ זייער שיין, זוניק און קיל. רותקע [2] זאָל לעבן פרייט זיך זייער מיט דעם קילן וועטער (אין לאָנדאָן איז זייער הייס געווען) און מיט דעם גוטן עסן. די קינדער זענען אויסגעהונגערט אין ענגלאַנד. זי האַלט זיך אָפּ פון קויפן דאָ זאַכן, ווײַל מען זאָגט, אין איטאַליע איז אַלץ ביליקער, מיר וועלן זען.
זונטיק פאָרן מיר אָפּ קיין מילאַנאָ. מיר וועלן דאָרט גיין אין דער אָפּערע. אפשר וועלן מיר אויך פאָרן קיין פלאָרענץ. מיר וועלן זען.
מיטן הויז איז דערווײַל נאָך נישטאָ קיין נײַס. אַז איך וועל עס נישט פאַרקויפן, וועל איך עס איבערלאָזן אויפן צווייטן יאָר.
איך וויל דיך עפּעס בעטן: צווישן די בילדער וואָס איך האָב געשאָנקען דײַן ברודער, געפינט זיך אַ קליין בילדל פון האַבער [3]. דו געדענקסט דעם יונגנמאַן פון לאָדזש, וועלכער פלעגט אַרײַנקומען צו אונדז אין פּאַריז? ער האָט געהאַט אַ ברודער וואָס איז זייער פרי געשטאָרבן. דער ברודער ווערט פאַררעכנט איצט פאַר אַ גרויסן מאָלער, אַ גאון. מיר האָבן געהאַט

פון אים אַ בילדל וואָס שטעלט פֿאָר אַ שטיל לעבן, פון עפּל און ציטרוס־פּרוכטן. איך האָב דאָס בילדל אַוועקגעגעבן דײַן ברודער. איך האָב עס געזען בײַ אים הענגען אין עס־צימער. ער האָט זייער פיל בילדער פון מיר. איך וויל גאָרנישט פון אים, נאָר דאָס בילדל. דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל איך האָב געטראָפן אין פֿאַריז אַ „נעפע" פון דעם האַבער, זייער אַ פֿײַנער יונגערמאַן פון ארץ־ישׂראל, אַ גרויסער ייִדישער גבור. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב אַ בילדל פון זײַן פעטער, וועלכער איז בײַ זיי אין דער משפּחה ווי אַ לעגענדע — איז ער געפֿאַלן אויף מיר און מיך געבעטן איך זאָל עס אַוועקשענקען פֿאַרן מוזעאום אין ירושלים. איך האָב אים צוגעזאָגט.

בעט איך דיך, דו זאָלסט שרײַבן אַלעקן[4], אַז ער זאָל דיר שיקן דאָס בילדל, ווײַל איך ליב עס זייער און דו ווילסט מיך איבעררעאַשן. איך אַליין וויל נישט רעדן מיט אים וועגן דעם. ווען דו וועסט נישט פועלן, וועל איך פּשוט צונעמען דאָס בילדל פון אים מיט געוואַלד, ווײַל דאָס בילדל שטעלט נישט פֿאָר קיין ווערט, נאָר פֿאַר מיר איז עס זייער טײַער.

איך שיק אַהיים ביכער דורך אַמעריקאַנער „עקספּרעס".

איך קוש דיך און בענק נאָך דיר. האַלדז דיך, און בענק נאָך מיר ווי איך נאָך דיר.

דײַן שלום

128

ניצע, 1949

טײַערע מאַדזשע־לעבן,

איך קום וואָס אַ מאָל מער צו דער איבערצײַגונג, אַז ניצע איז דאָך דער איינציקער פּלאַץ ווו מיר ביידע קאָנען זײַן צוזאַמען. מיר זענען אַזוי אָפּהענגיק, דו און איך, פון דעם קלימאַט. אַנדערע מענטשן זענען אָפּהענגיק פון זייער פּרנסה, אין די ערטער ווו זיי וווינען, מיר — נאָר פון קלימאַט. דער קלימאַט איז פֿאַר דיר אַלץ, און דאָס זעלבע איז ער פֿאַר מיר. פֿאַר פּרנסה קאָן איך וווינען אויף דער לבנה. פֿאַר מײַן געזונט, מנוחה, אַרבעט, בין איך אָפּהענגיק פון קלימאַט.

דו ווייסט גוט, אַז מיאַמי איז פֿאַר מיר אַן אָפּקומעניש. עס איז גוט און

וויל און שיין, ערלער און וווּנדערבאַר, אָבער נאָר פאַר 4־5 חדשים. איך פיל זיך ווי עפּעס אַ נבלה און קאָן דאָרט נישט צונויפנעמען די געדאַנ־קען.
דאָ אין ניצע בין איך שוין צען טעג, איך באָד זיך אין ים, איך לויף, איך באַוועג זיך און איך נעם מאַסאַזשן.
עס איז וואַרעם, עס איז קיל, עס שמעקט. איך ווייס נישט, צי עס איז הייס. הייס איז אין מיאַמי, אין ניו־יאָרק, אין לאָנדאָן, אין פּאַריז — אין ניצע איז וואַרעם און דאָס איז אַלץ.
פאַרשטייט זיך, דאָס הייסט נישט, אַז איך גיי שוין איינפּאַקן אַלץ און פאָרן קיין ניצע. ניין, ניין, ניין. ווען דו וואָלסט דאָ געווען, וואָלטן מיר געבליבן דאָ דעם ווינטער. אַזוי ווי דו ביזט אין מיאַמי, מוז איך אויך זיין אין מיאַמי. דו ווייסט וויל, אַז איך קאָן נישט לעבן אָן דיר, און דו קאָנסט נישט לעבן אָן מיר. און אַזוי לאַנג ווי עס איז אונדז באַשערט מוזן מיר זיין צוזאַמען. איז אַפילו איך האָס מיאַמי און אירע מענטשן, קום איך צוריק דעם 22סטן אָקטאָבער, איך האָב שוין דעם בילעט.
קומענדיקן פרילינג, אויב איך וועל לעבן, אין מיטן אַפּריל, זעסטו מיך שוין נישט אין מיאַמי. איך האָף אַז ביז דעמאָלט וועסטו קאָנען מיט מיר מיטפאָרן, צו זען די קינדער אין לאָנדאָן און צו פאַרברענגען דעם זומער אין אייראָפּע.
דאָס הויז גיב איך איבער היינט אַן אַגענט צו פאַרקויפן. ווי איך האָב דיר געשריבן, עס איז נישט פאַר אונדז, איך וויל נישט האָבן קיין פאַרם, איך וויל עס ליקווידירן און שפּעטער וועלן מיר זען.
איך בין אַ ביסל אויפגערעגט היינט, איך בין נישט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, געקלערט וועגן דיר און זיך פאַרשאָלטן פאַר וואָס איך בין געפאָרן אַליין. וואָלסטו געווען מיט מיר, וואָלסטו געזונט געוואָרן. דער קלימאַט איז ערלער, נישטאָ קיין פייכטקייט, איך פיל נישט מער קיין רעווּמאַטיזם און דאָס עסן — דאָס בעסטע אין דער וועלט. דינערשאַפט — גאָט, פאַר דעם וואָס דו צאָלסט אין מיאַמי אַ שוואַרצע, וואָלסטו געקאָנט דאָ האַלטן אַ „באַטלער", אַ שאָפער, אַ קעכין און אַ גערטנער, און איך אַ וואַנע.
הכּלל, מאַך דיר נישט קיין זאָרגן. פון איצט איז אָפּגערעדט, איך וויל זיין אין דער היים דעם 22טן נאָוועמבער, ביז דאַן, האָף איך, וועל איך אויס־האַלטן. און דו? איך מיין אַז דו ליידסט פון ליבע ווי איך.
איך קוש דיך און בענק נאָך דיר מיט מיין גאַנץ האַרץ און נשמה.

דיין שלום

פּ.ס. איך בין זייער גליקלעך געווען מיט די פּאָר שורות וואָס דו האָסט מיר געשריבן וועגן „מערי״.
איך פאָר אָפּ מאָנטיק קיין מילאַנאָ, איך וועל זײַן אין איטאַליע 8־10 טעג, דאַן קום איך צוריק קיין ניצע.

129

ניצע, 1949

מײַן טײַערע, הייליקע מאַדזשע־לעבן,
נעכטן האָב איך אַזוי געבענקט נאָך דיר, איך האָב אַזוי געגלוסט צו דיר אַז איך האָב דיר געשריבן דעם בריוו פון מײַן פאַנטאַזיע אויס. הײַנט שעם איך זיך פאַר דיר און איך בעט דיך איבער טויזנט מאָל און דו מוזסט מיר מוחל זײַן... איך בעט דיך, פאַרברען דעם בריוו אַזוי שנעל ווי דו וועסט אים באַקומען. דאָס באַווײַזט ווי איך ליב דיך — איך גלייב נישט, אַז איך וועל קאָנען מער זײַן אַוועק פון דיר, כאָטש עס איז גוט זיך צו דערווײַטערן איינער פון צווייטן אויף אַ געוויסער צײַט, כּדי צו זען ווי מיר זענען פאַרקנופּט און פאַרבונדן צוזאַמען און ווי מיר באַדאַרפן איינער דעם אַנדערן און ווי מיר דאַרשטן איינער נאָך דעם אַנדערן. ווען מיר זענען לאַנג צוזאַמען, וואַקסן אַן פאַרשיידענע ווילד־גראָזן צווישן אונדז, וועלכע פאַרשטעלן די בלומען. אָבער לאַנג צו זײַן איינער פון צווייטן איז נישט גוט.
איך בין איבערצײַגט, אַז דײַן קראַנקייט איז נאָר נערוון און עס האָט פיל צו טון מיט אַמעריקע און מיט דער אַטמאָספער אין ניו־יאָרק און אין מיאַמי ביטש, איבערהויפּט זינט איך האָב אָנגעשריבן די ביכער *. און איך האָב מורא, ווען „מערי״ וועט אַרויסקומען און די ייִדישע צײַטונגען וועלן אָנהייבן אָנפאַלן אויף מיר, וועט דאָס אויף דיר זייער שלעכט ווירקן. איך וואָלט דערפאַר געוואָלט אַז דו זאָלסט זײַן מיט מיר אין אייראָפּע און זען ווי ייִדן ליבן מיך דאָ און ווי מען בענקט נאָך מיר. מײַנע ביכער זענען דאָ זייער פּאָפּולער און אַלע האַלטן, אַז איך טו אַ גרויסע זאַך. די ענגלישע ייִדן האָבן מיך אײַנגעלאַדן, איך זאָל רעדן פאַר זיי, וואָס איך וועל טאָקע טון. איך בעט דיך, נעם דיר נישט צום האַרצן וואָס די צײַטונגען וועלן

* מיינט די ביכער אויף טעמעס וועגן קריסטנטום.

שרײַבן, גלייב אַז איך טו די זאַך, וואָס איך מוז טון און פֿאַר דער טובה פֿון דער וועלט און ייִדן. און ווען דו קאָנסט דיך באַפֿרײַען פֿון די ייִדישע צײַטונגען און פֿאַרגעסן אין די פּאַר שרײַבערס און ליאַרמערס, וועלכע האָבן קיין אײַנפֿלוס און קיין באַדײַטונג נישט, זיי וועלן פֿאַרגעסן ווערן, און די וועלט וועט געדענקען מײַנע ביכער, און זיי לייענען הונדערט יאָר נאָך מײַן טויט. ווער געדענקט די רבנים, וועלכע האָבן געלייגט שפּינאָזען [1] אין חרם? און ווער ווייס פֿון די קליינע שרײַבערלעך, וועלכע זענען אָנגעפֿאַלן אויף פֿלאָבער [2], אויף זאָלאַ [3], אויף פּרוסטן [4], אויף ביאַליקן [5], אָדער אויף אַנדערע גרויסע שרײַבערס, וועלכע האָבן עפּעס אויפֿגעטון?

איירעפּע האָט זייער גוט געווירקט אויף מיר. עס האָט מיר געגעבן אַ פּערספּעקטיוו צו זען די זאַך וואָס איך טו אין דעם ריכטיקן ליכט. אַפֿילו די יונגעלײַט פֿון ישׂראל רינגלען מיך אַרום מיט ליבע און זאָגן מיר אַז דאָרט קאָן מען מיך פֿאַרשטיין.

איך האָב דאָ געטראָפֿן נאַרקיס [6], דעם דירעקטאָר פֿון בצלאל, דו האָסט געדאַרפֿט הערן וואָס ער זאָגט וועגן מײַנע ביכער, אָדער ברײַנער [7], אָדער סעסיל ראָט [8] פֿון לאָנדאָן.

פֿאַרגעס אין זיי, געדענק נאָר, אַז דו האָסט מיר געהאָלפֿן און אַז דו האָסט מיך באַגײַסטערט צו שרײַבן, און זײַ גליקלעך און צופֿרידן, און וואַרט מיט אומגעדולד אויף מיר, ווי איך אויף דיר. גרייט דיך צו ווי אַ כּלה און זע שטאַרק און געזונט צו זײַן, שלאָף גוט און חלום וועגן מיר יעדע נאַכט גוטע חלומות.

דײַן שלום

130

ניצע, 1949

טײַערע מאַדזשע־לעבן,

דו מוזסט מיר מוחל זײַן וואָס איך האָב דיר אַזוי ווייניק געשריבן פֿון איטאַליע.

ערשטנס בין איך געווען זייער פֿאַרנומען. געזען פֿאַרשיידענע פֿאַרלעגער — מײַנע ביכער זענען אַלע איבערגעזעצט אין איטאַליעניש, קיינער צאָלט נישט קיין סענט, אָנשטאָט דעם האָבן זיי געמאַכט פֿאַר מיר אויפֿנאַמעס,

מען האָט געמוזט רעדן מיט קאָלעגן און זשורנאַליסטן. רותקע [1] האָט דיך זייער שיין פאַרטראַטן.
צווייטנס זענען מיר אַרײַנגעגאַנגען אין די פאַרשיידענע גאַלעריעס. צום ערשטן מאָל געזען ריכטיק לעאָנאַרדאָס [2] „לעצטע מאָלצײַט". איצט פאַר־שטיי איך די גרויסקייט פון לעאָנאַרדאָ. נאָר פון דעם קריכן אויף די טרעפּ און פון גיין איבער די לאַנגע זאַלן האָב איך אָנגעשטרענגט מײַנע פיס און אַ פוס איז מיר געשוואָלן געוואָרן און ווידער געמוזט אַ פּאָר טעג רוען.
די רײַזע פון ניצע קיין מילאַנאָ און צוריק געווען שרעקלעך. עס איז אומ־מעגלעך צו פאָרן מיט דער באַן. די האָטעלן זענען נישט שלעכט.
רותקע שטייט מיט מיר ביז דעם 22סטן, מרים [3] זאָל לעבן איז סײַ־ווי־סײַ אין דער שול אַזוי אַז זי האָט צײַט, און זי איז אַ גרויסע הילף פאַר מיר. איך ווייס נישט, וואָס איך וואָלט געטון אָן איר.
איך האָב געקויפט רותקען און דיר שיינע זאַכן אין איטאַליע. מען קריגט זייער שיינע זאַכן אין איטאַליע און ביליקער ווי אין פראַנקרײַך.
וואָס זאָגסטו צו דער קריטיק? מיר מאַכט דאָס נישט אויס. נישט די קריטי־קער וועלן דעצידירן וועגן מײַן בוך *, נאָר די צאָל פון לייענער. די קריטי־קער וועלכע שלינגען אײַן דרײַ־פיר ביכער אַ וואָך זענען אַזוי איבערגע־פרעסן אַז זיי באַהאַנדלען **דאָס** בוך ווי אַן אַנדער בוך — דאָס איז אָבער נישט ווי אַן אַנדער בוך. ערשט די צײַט וועט עס ריכטיק אָפּשאַצן. אין אַלגעמיין בין איך זייער צופרידן און גליקלעך מיט דעם בוך.
דאָ אין ניצע באַהאַנדלט מיך ד"ר פרידמאַן [4]. די פיס ווערן בעסער פון טאָג צו טאָג אַזוי אַז ווען איך וועל אַהיימקומען, וועל איך שוין זײַן געזונט. דאָס איבעריקע וועט מאַכן מיך געזונט — דו און די פלאָרידע־זון.
איך קוש דיך און בענק נאָך דיר.

דײַן שלום

* די קריטיק איבער דעם ראָמאַן „מערי".

ניצע, 1949

טײַערע, אײנציקע, ליבע מאַדזשע־לעבן,
װען דו װײסט װי איך בענק נאָך דיר, װי עס איז מיר אײנזאַם אײנער אַלײן צו זײַן אָן דיר, װאָלסטו רחמנות געהאַט אויף מיר, און װאָלסט מיך גליקלעך געמאַכט מיט דײַנע בריװ. הײַנט איז שױן דער פינפטער טאָג װאָס איך האָב נישט געהערט פון דיר — און יעדער טאָג איז בײַ מיר אַ יאָר.
ניצע איז שײן, ערלעך און גוט, איבערגעפּאַקט מיט מענטשן. איך באָד זיך יעדן טאָג אין ים, איך נעם מאַסאַזשן און פיל זיך פיזיש פיל בעסער.
איך האָב דאָ הײַנט אָנגעטראָפן אויף דער פּראָמענאַדע דעם קלײנעם דאָקטאָר פון װין (זײַן נאָמען איז מיר אַרויס פון זכּרון אין דעם מאָמענט), דו װײסט שױן װעמען איך מײן, דער װעלכער איז געװען דער דאָקטאָר פון אַלמאַ מאַהלער [1]. ער האָט זיך געראַטעװעט און װױנט אין ניצע. איך האָב אים פאַרבעטן צו מיטאָג. ער האָט זיך זײער נאָכגעפרעגט אויף דיר און האָט מיך זײער אָנגערעדט אַז מיר זאָלן זיך איבערצײַען קײן ניצע. ער פאַרזיכערט מיר אַז דו װעסט דאָ געזונט װערן. דאָס לעבן איז זײער באַקװעם. מען קריגט דאָ פון פויגל־מילך. אין מײַן לעבן האָב איך נאָך נישט אַזױ גוט און רײַך געגעסן. פאַר אַמעריקאַנער איז טײַער. פאַר די היגע איז עס ביליק. נאָר גײ, צי דיך איבער קײן ניצע!
הײַנט בין איך אַרומגעגאַנגען איבער די שמאָלע געסלעך אין דער אַלט־שטאָט און דערמאָנט זיך אין אונדזער צײַט אין ניצע — זײער אינטערעסאַנט.
מיטן הויז װעל איך האָבן פיל צרות. עס זעט אויס אַז איך װעל עס נישט קאָנען אַזױ לײַכט פאַרקויפן. הײַזער זענען זײער ביליק און פאַרמס נאָך ביליקער. צו דעם ליגט די פאַרם אַזױ װײַט פון דער שטאָט אַרויס אַז קײנער װיל נישט הערן דערפון. עס קאָן עס נאָר קויפן אַ פּראָװינציזשער פויער, אַ פאַרמער, און זײ קאָנען צאָלן נאָר גראָשנס.
דינסטיק פאָר איך אַרויס מיט פרעגער [2] און מיט אַן אַגענט אָפּצושאַצן די װערט פון דער „פּראָפּערטי". נעכטן, שבת, בין איך דאָרט געװען נאָך אַ מאָל און איך האָב שױן געזען דעם גערטנער און זײַן װײַב. די גויה איז אַ פאַלשע און אַ כיטרע. מען באַדאַרף זײַן מיט איר זײער פאָרזיכטיק. זי האָט מיר געװיזן אַז זי באַצאָלט פאַר װאַסער. איך װעל צונעמען פון איר די קבלות און װעל איר צוריקצאָלן דאָס געלט װאָס זי האָט אויסגעצאָלט פאַר װאַסער, כּדי זי זאָל נישט האָבן קײן טענות בײַם פאַרקויפן דעם פּלאַץ.
די אָראַנזשן און די ציטרינען זענען זײער שײן, װײַל זײַט צװײ יאָר האָבן

זיי וואַסער. די נחלה זעט אויס נישט שלעכט פאַר אַ פאַרמער. ווי אַזוי איך האָב געקאָנט איינגיין צו בויען אַ הויז אַזוי ווייט פון שטאָט און אויף אַזאַ געפערלעכן וועג, קאָן איך נישט פאַרשטיין.
איך האָב זיך איבערגעלייגט און איך וועל יאָ פאָרן קיין איטאַליע, כאָטש אויף אַ וואָך צייט, ווען איך וועל מיך נאָר פילן בעסער. איך וויל זען רוים און פלאָרענץ. אַ חוץ דעם וויל איך טויטן צייט — ווען איך דערמאָן זיך אַז איך האָב נאָך צו וואַרטן קנאַפע זיבן וואָכן ביז איך וועל דיך זען, ווער איך גראָ און אַלט.
איך בעט דיך, שרייב מיר יעדן טאָג. איך קוש דיך און בענק נאָך דיר זייער און זייער.

דיין שלום

132

ניצע, 1949

ליבע מאַדזשע,
אַזוי ווי איך האָב דיר געשריבן נעכטן, האָב איך געלאָזט וויסן אין אַ בריוו צו יאַרבלום [1], און האָב אים געזאָגט, אַז אויב איך וועל נישט באַקומען קיין איינלאַדונג פון ישׂראל, אין וועלכער זיי וועלן מיר זאָגן, אַז מיין רייזע איז נישט אומאָנגענעם פאַר זיי, און אַז זיי ווילן מיך האָבן אין ישׂראל — וועל איך צוריק אַהיימקומען. היינט האָב איך באַקומען דעם ענטפער פון יאַרבלום. איך ווייס, אַז ער האָט געשיקט מיין בריוו צו בן־גוריון [2] — מען וועט זען וואָס ער וועט ענטפערן.
היינט רעגנט דאָ שרעקלעך. איך בין אין בעט און לייען זייער אַ נוצלעך בוך.
באַקומען אַן איינלאַדונג פון די קיטנער לאַנדסלייט אין פאַריז צו קומען צו זייער אַ פאַרזאַמלונג, איך האָב אָפּגעזאָגט.

איך קוש דיך
דיין שלום

133

פּאַריז, 1949

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
אַלזאָ, נאָר אַלעם פֿאָר איך קיין ישׂראל. איך האָב שוין געהאַט דעם בילעט נאָך לאָנדאָן, איז ווידער געקומען צו מיר דער זעלבער הער יאַרבלום [1] און האָט מיר געזאָגט אַז ער האָט דערהאַלטן אַ טעלעגראַם פֿון ישׂראל — זיי דערוואַרטן מיך מיט אָפֿענע אָרעמס, אַז ער זאָל זיי גלײַך לאָזן וויסן ווען איך פֿאָר אַרויס. ער האָט דערהאַלטן די טעלעגראַם מאָנטיק, נאָר צוליב יום־טוב איז דער אָפֿיס געווען פֿאַרמאַכט. זיי האָבן מיך געזוכט און נישט געקאָנט געפֿינען. ווען איך וואָלט געוווּסט אַז די אײַנלאַדונג איז אָנגעקומען, וואָלט איך, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, געוואַרט אין ניצע. איך האָב שוין געהאַט אָפּגעמאַכט נישט צו פֿאָרן, נאָר ער האָט מיך געהאַלטן אין איין בעטן און פֿאַרזיכערט אַז די רעגירונג און די הסתדרות וועלן גליקלעך זײַן מיך אויפֿצונעמען. האָב איך זיך געשטאַרקט, אָנגעטאָן זיך און אַוועק צוריק אין רײַזע־ביוראָ און געזאָגט, אַז איך פֿאָר. איך מוז דאָך איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל דאָס זען און וויסן וואָס עס איז.
אַלזאָ, פֿאָר איך מאָרגן מיט דער באַן בײַנאַכט קיין מאַרסיי, און פֿרײַטיק פֿאָר איך אָפּ קיין ישׂראל. די שיף גייט נאָר פֿיר טעג. איך וועל זײַן אַ טאָג אין חיפה, וועל זען דעם אַלטן פּאָליאַק [2], מײַנסטנס פֿאַרברענגען אין ירושלים, איך וועל אײַנשטיין אין קינג דייוויד האָטעל.
מיר וועלן זיך שוין טרעפֿן אין לאָנדאָן.
איך קוש דיך, איך ווייס, אַז דו האָסט דאָס געוואָלט, דערפֿאַר פֿאָר איך.

דײַן שלום

134

פּאַריז, 1949

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
איך האָב דיר נישט געשריבן ווײַל איך בין מיד און פֿאַריאָגט מיט זען מוזעומס, זען מענטשן און רײַזן.
רות [1] מיט איר מאַן און קינד האָבן אַלצדינג געטון צו מאַכן מײַן שטיין

אין לאָנדאָן אָנגענעם. זיי האָבן זיך זייער געמיט אַרום מיר, און איך בין זיי זייער דאַנקבאַר. רות איז אַ מענטש, רעדזש [2] אַ פײַנער יונגערמאַן. איך האָב באמת געהאַט נחת פון די קינדער.

לאָנדאָן אַליין איז שרעקלער. איך ווייס נישט ווי די מענטשן לעבן דאָרט. דאָס יקרות איז זיך נישט פאַרצושטעלן, און מען קריגט נישט צו עסן, נישט קיין פוטער, קיין פלייש אָדער מילך, אַלץ איז „ריישנד" — אַ רחמנות אויף זיי.

פון לאָנדאָן בין איך געפאָרן קיין פּאַריז. די רײַזע איז נישט געווען שלעכט, דער ים רויק און די באַן — ריין.

אַזוי ווי מיר זענען אָנגעקומען קיין פראַנקרײַך איז אַלץ געווען בשפע. דער „לאָנטש" אין דער באַן איז געווען אַ גאַנצע סעודה. דאָס זעלבע אַלטע, גוטע פראַנקרײַך. איך האָב די גאַנצע צײַט אַרויסגעקוקט דורך די פענצטער און אָנגעקוואָלן פון דער גרינער לאַנדשאַפט, מיט די אַלטע הײַזער און שיינע טײַכן.

פּאַריז רוישט, קנאַלט, שרײַט ווי אַ ווילדע מויד מיט צעשויבערטע האָר. די לעצטע מטבע איז דאָ הונדערט פראַנק. אַ מיטאָג קאָסט 500 פראַנק, אַ ציגאַר אַ הונדערטער. אַלע לאַכן און פרייען זיך. איך האָב נאָך נישט פיל געזען ווײַל איך בין מיד אַרויסצוגיין.

שבת קומט צו מיר דער פאַרלעגער פון ציריך. מײַן בוך „דער נאַזאַרין" איז אַרויסגעגאַנגען אין פראַנצויזיש, נאָר ער איז נישט צו באַקומען. איך ווייס נישט, צי עס איז אויספאַרקויפט, צי וואָס אַנדערש.

די שטאָט איז פול מיט טוריסטן און קינסטלער, די פּאַריזער זענען אויף וואַקאַציע.

מאָרגן וועל איך דיר מער שרײַבן, אוי, ווען מען קאָן נאָר שלאָפן! בלײַב מיר געזונט, איך קוש דיך און בענק נאָך דיר.

דײַן שלום

135

Southampton, England

1949

טײַערע מאַדזשע־לעבן,

די רײַזע אין אַלגעמיין איז נישט געווען שלעכט. צוויי טעג שטורמיש, אָבער איך בין נישט געווען קראַנק, פאַרטרונקען דעם שטורעם מיט קאָניאַק.

געטראָפן אויפן שיף דעם ענגלישן סקולפּטאָר יעקב עפּשטיין [1], פאַרבראַכט מיט אים זייער פיל, זייער אַ פיַינער און פּשוטער מענטש, אַ ריכטיקער באַהעם. מיר האָבן זיך זייער באַפריַינדעט.
די אַנדערע נישט אינטערעסאַנט, אַ חוץ אַ גרופּע יונגע מענטשן פון אַמע־ריקע, וועלכע פאָרן שטודירן אין אייראָפּע — ווי איך אין ארץ־ישׂראל.
אַ חוץ אויך חלוצים, אַ גאָלדענע, אידעאַליסטישע יוגנט. די גאַנצע האָפע־נונג פון ייִדן איז איצט די יוגנט. איך ווייס נישט ווער עס האָט זיי דער־צויגן, נאָר איך זאָג דיר, אין פאַרגליַיך מיט דעם עלטערן דור, איבערהויפּט דער ריַיכער קלאַס, איז עס גאָר אַן אַנדערע אומה.
שטעל דיר פאָר, זיי האָבן איַינגעאָרדנט אויף דער שיף פריַיטיק־צו־נאַכטס אַ דאַווענען. איז קיינער נישט געווען דאָרט, אַ חוץ אַ יונגערמאַן, אַ שניַידערס אַ זון.
איך האָב זיך זייער באַפריַינדעט מיט דער יוגנט, האָב זיי זייער ליב. זיי זינגען ייִדישע און העברעיִשע לידער. דאָס באַגיַיסטערט מיך.
מיר קומען אָן קיין לאָנדאָן מאָנטיק פרי, איך קוש דיך און בענק נאָך דיר זייער, זייער.

דיַין שלום

136

לאָנדאָן, 1949

טיַיערע, איינציקע געליבסטע מיַינע,
נעכטן האָב איך געקויפט אַ בילעט צוריק צו פאָרן קיין אַמעריקע. איך וועל זיַין אַרום דעם 25סטן אָקטאָבער אין ניו־יאָרק. אויף דעם ערשטן נאָוועמ־בער וועל איך זיַין אין דער היים. ווען איך וואָלט געקאָנט באַקומען אַ פּלאַץ אויף דער שיף פריִער, וואָלט איך גליַיך געפאָרן.
לאָנדאָן איז טרויעריק און מיר זענען פרעמד געוואָרן צו די אייראָפּייער און אייראָפּע צו אונדז. דאָס איז מיַין ערשטער איַינדרוק, שוין אויף דער שיף האָב איך עס געפילט.
אויף דער שיף אַהער קיין אייראָפּע איז געווען לאַנגוויַיליק. איך האָב פאַרבראַכט מייַנסטנס צײַט מיט יעקב עפּשטיין [1] דעם סקולפּטאָר, וועלכער האָט געהאַלטן אין איין שפּעטן און זידלען אַמעריקע און די אַמעריקאַנער, צו וועלכע ער איז געפאָרן פאַרקויפן זיַינע סקולפּטורן, וויַיל אין ענגלאַנד

איז ער באַלד פֿאַרגעסן. לעצטנס האָב איך שוין לענגער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און אים פֿאַרלאָזט.

אויף דער שיף האָט זיך אויך געפֿונען ריינהאַרדטס [2] אַ זון פֿון האָליוווד, אַ רעזשיסער, נישט קיין שלעכטער מענטש, וועלכער איז נײַגעריק געווען צו וויסן פֿון מיר אַלצדינג וועגן זײַן פֿאָטער.

געווען אויך אַ ייִד, צוויי פֿון ארץ־ישׂראל, קעסט־קינדער פֿון ייִדישן פֿאָלק, און אַ גרופּע חלוצים, זייער פֿײַנע יונגעלײַט, מיט וועלכע איך האָב זיך זייער באַפֿרײַנדעט. זיי זענען געווען מײַן איינציקע טרייסט.

די ערשטע פֿיר טעג אין לאָנדאָן איז נישט געווען אויסצוהאַלטן פֿון דער היץ און שטיקעניש, דער הײַדפּאַרק איז אויסגעברענט, קיין שטיקל גרין גראָז.

אויף אַלע עקן גאַסן חורבות פֿון באָמבאַרדירונגען. אַ פֿערטל לאָנדאָן איז צעשטערט. די לעבער אין לאָנדאָנס לעבעדיק לײַב זאָגן עדות ווי ווײַט די בעסטיאַלישקייט פֿון די דײַטשן איז דערגאַנגען. און דאָך האָבן עס די ענגלענדער גיך פֿאַרגעסן. מען שרײַבט אין די צײַטונגען וועגן די הונגע־ריקע דײַטשישע קינדער.

געזען מײַן נײַעם פֿאַרלעגער אין לאָנדאָן. זיי האָבן מיר געגעבן אַ „דינער", פֿאַרבראַכט מיט זיי אַ פֿײַנעם אָוונט, זייער אָנשטענדיקע און נאַיִווע מענטשן. זיי ווילן ווירקלעך מאַכן פֿון מײַנע ביכער אַ דערפֿאָלג אין ענג־לאַנד. „איסט־ריווער" האָט זיך פֿאַרקויפֿט אָנשטענדיק, אָבער נישט אַזוי ווי זיי האָבן דערוואַרט. דאָך גיבן זיי אַרויס דעם „אַפּאָסטאָל" וואָס קיינער האָט נישט געוואָלט נעמען, ווײַל דאָס בוך איז צו גרויס.

דינסטיק פֿאָר איך קיין פּאַריז, איך וויל זײַן אַ פּאָר טעג אין פּאַריז און פֿון דאָרט פֿאָרן קיין ניצע, עס זאָל דאָרט זײַן זייער שיין און זוניק. לאָנדאָן איז פֿאַרנעפּלט, און איך בענק נאָך דער זון. מיר דאַכט זיך, איך וואָלט מער נישט געקאָנט לעבן אָן דער זון. איצט זע איך ווי גערעכט דו ביזט וואָס דו האָסט דיך נישט געוואָלט רירן פֿון אָרט. הלוואי וואָלט איך זיך נישט גערירט, כאָטש די רײַזע איז פֿאַר מיר אַ גרויסע לעקציע און איך לערן פֿיל.

נעכטן האָבן מיר פֿאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג אין בריטישן מוזעאום. דער פֿאַרוואַלטער פֿון ייִדישן אָפּטייל, אַן אַלטער פֿרײַנד מײַנער, האָט אַרויס־גענומען די אוצרות און אונדז געוויזן. שטעל דיר פֿאָר דעם אײַנדרוק וואָס דאָס האָט געמאַכט אויף מרים.

רות [3] גיט זייער אַכטיק אויף מיר און צוליב איר בין איך אַזוי לאַנג געבליבן אין לאָנדאָן. זי וועט קומען צו מיר קיין ניצע און העלפֿן צו פֿאַרקויפֿן דאָס הויז.

מיר גייען אַרויס יעדן אָוונט עסן. יאָ, דאָס עסן אין לאָנדאָן איז שרעקלעך. בייטאָג מאַכט מיר רות cream of wheat, אַ שטיקל קעז, פּוטער — דאָס האָט זי גענוג.

היינט, פּריוואַטיק, נעם איך אַרויס רות און מרים[4] אויף אַ באַלעט אין אַ לאָזשע אין טעאַטער, וואָס איז געווען שווער צו קריגן, עס קאָסט אַ מטמון מיט געלט.

פֿון אַלטע פֿריינד אין לאָנדאָן האָב איך ביז איצט געזען איינציקע ייִדישע שרייבערס, סימפּאַטישע מענטשן. אַ גרויסע אָרעמקייט און פֿאַרלאָזנקייט. זיי האָבן זיך געוואָרעמט אַרום מיר.

משה עובד־גוד[5] האָב איך אַרויסגענומען אויף „לאַנטש", אַ פּאַזער ווי געווען. איצט איז ער אַ סקולפּטאָר. האָט זייער שיין צירונג, נאָר איך קויף נישט, ווייל דאָס לעבן דאָ איז זייער טייער.

געווען אויך ביי מיר פּנחס עפּשטיין[6], מיין קרוב, וועלכער איז געווען אַזוי גוט צו אונדז. ער איז איצט שוין זייער אַלט און פֿאַרלאָזן, איך האָב אים געגעבן 50 דאָלאַר, און רות האָט אים צוגעזאָגט צו זען אים אַריינצונעמען אין אַן הויז פֿאַר אַלטע.

פֿיל מענטשן קלינגען אָן. איך האָב נישט קיין כּוח צו גיין זען וועמען.

איך קוש דיך און בענק נאָך דיר זייער, איך האָב דיך זייער ליב.

דיין שלום

137

[אָן אַ דאַטע]

האַרציקע מאַדזשע־לעבן,

מזל טוב. היינט איז אָפּגעפֿאָרן דער ערשטער וואָגן. אין דעם וואָגן געפֿינט זיך מיין זילבער־קאָלעקציע, אַ גרויסער קאַסטן פֿול מיט אַלטע ביכער, דריי פּעקלעך מיט ביכער און די בילדער. איך האָב אָפּגערעדט מיטן דרייווער אַז ער וועט דיר די זאַכן אַליין איבערגעבן, נעם זיי אַריין אין קליינעם צימער, לאָז אַלץ איבער אַזוי ווי עס איז, פּאַק גאָרנישט אויס. די חנוכּה־לאָמפּן און די דריי ענגלאָמפּן זענען אויך דאָרט, לאָז זיי אויך איבער אַזוי ווי זיי זענען. שטעל נאָר אויף די בעטן און דאָס מעבל.

מאָרגן, שבת, גייט אָפּ דער צווייטער וואָגן מיט די רעשט זאַכן. עס וועט זיין פֿיל מער ווי דער מאַן האָט אויסגערעכנט און עס וועט קאָסטן 2,000

דאָלאַר. דאָס געלט דאַרף מען באַצאָלן מיט אַ טשעק, איך שיק דיר איין דעם טשעק אויף דײַן נאָמען.
נעם דיר נישט צום האַרצן. מאַך עס דיר לײַכט, ווי אַמלײַכסטן. די זאַכן זענען געפּאַקט ווי קליינע קינדער, מאַך דיר נישט קיין שום זאָרג.
עס איז דאָ אַ גרויס אינטערעס פאַרן הויז, מען וועט עס אַוודאי באַלד פאַרקויפן, נאָר איך וועל נישט קאָנען נעמען מער ווי 22,000 דאָלאַר.
נעכטן האָבן מיר אַלע געזען מרים [1], אַן ערלעך קינד, שיין ווי גאָלד.
בלײַב מיר געזונט, איך קוש דיר.

דײַן שלום

138

ניו־יאָרק, [אָן אַ דאַטע]

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
הײַנט, מאָנטיק אין דער פרי, בשלום אָנגעקומען. די קינדער האָבן מיך אָפּגעוואַרט בײַ דער שיף. אַלץ איז אַדורך בשלום, מיט גרויס כּבוד, בחינם זיך געשראָקן.
דאָס בוך געפעלט אַלעמען, עס האָט זיך פאַרקויפט ביז איצט 40,000 עקזעמפּלאַרן. זיי האָפן אויף אַ בעסערן פאַרקויף. נו, גענוג ביזנעס. יאָ, די זון האָט געשײַנט ווען איך בין אָנגעקומען.
אויף דער שיף: די פּאַסאַזשירן איטאַליענער, אַמעריקאַנער, אַ פּאָר ייִדן און אַ סך גלחים. אַלע האָבן מיך געקענט און זענען געווען זייער פרײַנד־לעך און ליב צו מיר, בעסער ווי איך האָב עס פאַרדינט.
איך האָב זיך אויף דער שיף זייער באַפרײַנדעט מיט דעם דראַמאַטורג Tennessee Williams און מיט נאָך אַ יונגן אַמעריקאַנער שריפטשטעלער.
בלײַב מיר געזונט, באַמי דיך צו שלאָפן און שטאַרק דיך.

דײַן מיטן גאַנצן האַרצן
שלום

139

דאָס איז פאַר דיר

עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט, אַז איך זאָל באַקומען 300 דאָלאַר אַ חודש אין פאַרלויף פון צוויי יאָר, פון „פאַטנאַם" [1]. זיי זענען אויסערגעוויינלעך פיין צו מיר, ספּעציעל מר. באַלטש [2]. עס איז געווען אַ גוטע זאַך וואָס איך בין געקומען מיט אים אין פּערזענלעכן קאָנטאַקט. „סאָלוועישן" האָט זיך פאַרקויפט 8,000 עקזעמפּלאַרן, 2,000 האָבן זיי נאָך. זיי פּרוּוון אָנהייבן אַ נײַעם קאַמפּיין — די וואָס האָבן דאָס בוך געלייענט, זענען זייער באַגײַסטערט. רבנים האָבן וועגן דעם בוך געפּרעדיקט, געווען גרויסאַרטיקע רעצענזיעס. „פאַטנאַם" איז זייער שטאָלץ, וואָס ער האָט דאָס בוך אַרויסגעגעבן. עס דאַכט זיך אַז זיי זענען די ריכטיקע פאַרלעגער פאַר מיר. זיי ווילן אָבער גאָרנישט טון אָן גאָלאַנץ [3], ווילן דורכוויס די Muirs פאַר איבערזעצערס.

נתן [4] האָט פאַרקויפט זײַן בוך, עס קומט אַרויס דעם פּרילינג.

140

ניו־יאָרק, 1949

ליבע מאַדזשע־לעבן,
איך האָב געזען אַ פּאָר מענטשן פון דעם ייִדישן מוזעאום, זיי ווילן איך זאָל אויסשטעלן די מנורות און דאָס גלאָז אין מוזעאום. איך ווייס נישט, צי איך וועל עס טון. אַזוי ווי איך האָב דיר געשריבן, פאָר איך אָפּ זונטיק קיין מיאַמי. ערשט דאָרט וועל איך וויסן וואָס איך האָב צו טון מיט דעם הויז, פאַרקויפן אָדער פאַרדינגען.
עס איז די העכסטע צײַט, אַז איך זאָל אָפּפאָרן קיין מיאַמי. ניו־יאָרק איז אַ גיהנום, מען לויפט, מען שוויצט און מען וואַרט כּסדר, מען קאָן זיך נישט רירן. די שטאָט איז איבערגעפּראָפּט, אָנגעפּאַקט מיט מענטשן און מיט אויטאָמאָבילן. יעדער רעסטאָראַן איז איבערגעפּאַקט, און דו מוזסט וואַרטן לאַנג אויף אַ פּלאַץ. דאַן האָט הײַנט אָנגעהויבן צו שנייען. איך האָב זיך געפונען אויף דער 42סטער גאַס, בײַ דער ביבליאָטעק, קוים געקריגן אַן אויטאָמאָביל. עס האָט מיר גענומען אַ שעה צײַט צו קומען אין האָטעל

אַרײַן. איצט זיץ איך אָפּגעשלאָסן אין מײַן צימער און וואַרט אויף מיס ווילקענזאָן [1] און מינטאָן [2], זיי זאָלן עסן מיט מיר. איך ריר זיך נישט פון אָרט, האָב מורא די נאָז אַרויסצושטעקן.
דאָס בוך ווערט זייער גערימט אין די ייִדיש־אַמעריקאַנישע בלעטער, אָבער דער פאַרקויף גייט זייער שוואַך. זעט אויס, עס איז צו ייִדיש פאַר די גויִים.
נאָר געוואָלט, פאַר וואָס שרײַבסטו מיר נישט קיין וואָרט? איך ווייס ווי שווער עס קומט דיר אָן צו שרײַבן, נאָר שיק אַ פּ״ק מיט איין וואָרט.
איך קוש דיך.

שלום

141

דאַנערשטיק, 5 אַ זייגער נאָכמיטיק

מײַן געליבטע,
ענדלעך, ענדלעך ענדיקן מיר דאָס בוך *. באַלטש [1] האָט געוויינט ווי אַ קינד בײַם לעצטן קאַפּיטל. ער האָט זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן און געשעמט זיך פאַר מיר. באַלטש איז געווען אַ גרויסע הילף פאַר מיר. ער האָט צוריקגעהאַלטן די לייצעס פון מײַן פאַנטאַזיע און געהאַלטן מיך נאָענט צו דער ערד. הגם דאָס בוך, פאַרשטייט זיך, פליט אין די הימלען, גלייב איך איצט (נאָך דעם ווי מיר האַלטן בײַם ענדיקן) אַז איך האָב אָנגעשריבן אַ טיף־רירנדיק מענטשלעך בוך — און אַזוי האַלט אויך באַלטש. באַלטש גלייבט אַז עס איז מײַן מײַסטערווערק און אַזוי מיינען אַלע אין ביוראָ. זיי מאַכן גרויסע פאָרברייטונגען פאַר דעם בוך — פאַרשטייט זיך, עס וועט זײַן פיל קריטיקס פון דער זײַט פון די קאַטאָליקן און ייִדן, פאַרשטייט זיך. נאָר מיר דאַכט זיך אַז עס איז ווערט אַלצדינג, ווײַל דאָס בוך וועט באַצווינגען פיל מענטשן, און זיי וועלן קומען דערצו אַזוי ווי זיי זענען געקומען צו דעם „נאַזאַרין״ און „אַפּאָסטאָל״. פון ריין מענטשלעכן — — — גלייב איך, אַז דאָס בוך איז בעסער פון „נאַזאַרין״ און „אַפּאָסטאָל״, איך בין איצט פיל זיכערער און גליקלעכער מיט דעם

---

* עס האַנדלט זיך וועגן „מערי״.

בוך ווי איך בין געווען נאָך דעם ווי מיר האָבן אַרויסגענומען פיל „שמאַלץ״ און געהאַלטן עס אין מענטשלעכע ראַמען.

די איבערזעצונג איז נישט שלעכט אין אַלגעמיין. באַלטש האַלט אַז די איבערזעצונג איז בעסער ווי סעמיועלס[2]. און טיילמאָל דאַכט זיך מיר אויך אַזוי. יעדנפאַלס, דער יונגערמאַן איז פאַרזיכטיקער, אָפּגעהיטענער און געוויסנהאַפט. ער האָט אַ גרויסע קענטעניש אין דער ענגלישער שפּראַך.

איידער איך האָב פאַרלאָזט פּאַריס־היל האָב איך פאַרבראַכט אַן אָנגענע־מען טאָג מיט די שוואַרצעס[3]. עס איז געקומען ש. ניגער[4] מיר זען און לאָוב[5] און אַפילו אַנדערע שרײַבערס. מיר האָבן פאַרבראַכט אַ שיינעם שבת.

לאָוב גיט אַרויס אַ צווייטע אויפלאַגע פון „נאַזאַרין״, ווײַל עס איז אַ גרויסע נאָכפראַגע אויפן בוך, און אַזוי אויך אויף „איסט־ריווער״.

בײַ די סײַמאָנס[6] האָב איך פאַרבראַכט זונטיק, זיי זענען זייער פײַנע מענטשן.

אין סטעמפאָרד האָב איך אויך געזען די עווינסעס[7], יונעטע פּערלמאַן[8] און ——— זייער נאַיווע מענטשן. זיי ווילן פאַרקויפן דאָס הויז, נאָר זיי ווילן 40,000 דאָלאַר. זיי וועלן נישט קריגן קיין צוואַנציק.

האַראַס[9] האָט מיך געבראַכט מאַנטיק קיין קענט און אַזוי זיץ איך דאָ. דאָס עסן איז פּראַכטפול, די שטוב נישט אַזוי באַקוועם און דאָס אָרט אַליין — איין גרויסער בית־עולם. נישט קיין „מוווי־הויז״, נישט קיין ראַדיאָ. נאָר מיר מאַכט עס נישט אויס. איך האָב די גאַנצע צײַט זייער שווער גע־אַרבעט. באַלטש קומט יעדן טאָג און איך בין מיט אים פון צען ביז פיר.

בלײַב מיר האַרציק געגריסט, איך קוש דיך מיטן גאַנצן האַרץ. אַ גוטע נאַכט.

דײַן געליבטער שלום

142

קענט, [פאַראייניקטע שטאַטן] 1949

מײַן איינציקע, ליבע מאַדזשע,

אַלזאָ, עס איז געשען, דאָס בוך * איז בײַם דרוקער, עס דערשײַנט אין אָקטאָבער. די ערשטע אויסגאַבע איז 100,000 עקזעמפּלאַרן. דער אינטע־

* „מעריו״.

רעס איז אַ געוואַלטיקער. פֿאַרשטייט זיך, עס איז צו דערוואַרטן אַז דאָס געשריי קעגן מיר פֿון געוויסע ייִדישע און קאַטוילישע קרײַזן וועט אויך זײַן אַ געוואַלטיקער. נאָר עס איז אַלץ ווערט. איך פֿאַרזיכער דיר בײַ אַלעם וואָס איז מיר הייליק און טײַער, אַז איך האָב דאָס בוך געשריבן אין טיפֿן גלויבן אַז איך טו דערמיט אַ גרויסע טובה ייִדן. איך ברענג גײַסטיקע דער־הויבנקייט צו מיליאָנען מענטשן, און איך דריק אויס דורך דעם בוך דאָס ערלעכסטע און אמתע וואָס איז אין מיר. איך ברענג אַרויס די העכסטע שיינקייט אין מוטער־ליבע, און איך וועל דורך דעם בוך באַגײַסטערן מענטשן צו אײדעלע געפֿילן און צו אַ בעסער פֿאַרשטענדעניש און נאָענ־טער קרובהשאַפֿט פֿון ייִד און קריסט.

פֿאַרשטייט זיך, ווען אַפֿילו דאָס בוך איז אין די ראַמען פֿון ייִדישן דענקען און פֿילן, אויסער די גרענעצן פֿון ייִדישער טראַדיציע — נאָר דאָס וויל איך דאָך. און דאָס האָב איך דאָך געוואָלט אין דעם „נאַזאַרין" און „אַפּאָסטאָל" — צו צעברעכן דעם ריז, וואָס ענגע און שמאָלע קעפּ און הערצער פֿון רבנים און גלחים האָבן אַרײַנגעפּאַסט און אײַנגעמויערט זייערע סטאַדעס דורך פֿאַלשע געצנדינערישע דאָגמעס, געגראָבן גריבער און געצויגן שטעכיקע דראָטן צווישן מענטש און מענטש.

ווען נישט די רבנים פֿון איין זײַט און די גלחים פֿון דער צווייטער זײַט, וואָלט בײַם הײַנטיקן טאָג די ביבל און דאָס ייִדנטום פֿון די נביאים געווען דער יורש פֿון דער גריכישער און רוימישער קולטור.

דאָס וויל איך צוריקבברענגען. איך וויל אָנהייבן פֿון דאָרט, ווו די רבנים האָבן אָפּגעשניטן, פֿון די ערשטע קריסטן. און גאַנץ גלײַך ווי דער וועג פֿירט מיך, און וואָס פֿאַר אַ פּרײַז איך באַדאַרף דערפֿאַר באַצאָלן. איך וויל פֿרעדיקן ייִדנטום און קריסטנטום אַלס איין לערע, אויסער די שולן און אויסער די קירכעס. איך בין איבערצײַגט, אַז די צוקונפֿטיקע דורות וועלן מיך פֿאַרשטיין און אָפּשאַצן מײַן ווערק. דער הײַנטיקער דור איז נישט אימשטאַנד מיך צו משפּטן.

דאָס איינציקע וואָס איך באַדאַרף טון איז צו זײַן שטאַרק און פֿעסט אין מײַנע איבערצײַגונגען און טון מײַן אַרבעט מיט שלמות און ערלעכקייט, זיך אויסצולאַכן פֿון דער נאַרישער קריטיק און פֿאַלשע בלבולים וואָס מען מאַכט אויף מיר.

דאָס קאָן איך אָבער טון נאָר מיט דײַן הילף, ווען דו ביזט מיט מיר און דו גלייבסט אין מיר, דאַן דאַרף איך קיינעם נישט אַ חוץ גאָטס הילף. און גאָט האָט מיר געהאָלפֿן. גלייב מיר, אָנצושרײַבן דאָס בוך האָב איך גע־קאָנט נאָר מיט גאָטס הילף.

„פֿאַטנאַם" [1] מאַכט דעם גרעסטן קאַמפּיין אין דער געשיכטע און זיי זענען

מיטן גאַנצן לײַב און לעבן פאַר דעם בוך. באַלטש [2] גלייבט, אַז עס איז דאָס בעסטע און העכסטע, וואָס איך האָב געשריבן.
די ייִדישע שרײַבערלעך פון דעם „פאָרווערטס" [3] און אַנדערע צײַטונגען האָבן שוין געמיינט, אַז זיי האָבן מיך אַוועקגעהרגעט, אַז זיי האָבן מיך פאַרשריגן און פאַרשוויגן. דאָס בוך וועט פאַלן ווי אַ באָמבע צווישן זיי, זיי וועלן ווידער הערן פון שלום אַש. אין דעם כאָר פון געשרייען וועט מײַן שטימע געהערט ווערן אין דער געשיכטע צום העכסטן!
לאָוב [4] גיט אַרויס דעם „נאַזאַרין" אויף ייִדיש נאָך אַ מאָל. ער פאַרקויפט אויך זייער גוט „איסט ריווער" אַזוי אַז ער האָט מיר געגעבן, שטעל דיר פאָר, 250 ראָיאַלטיס. ער גלייבט אַז דער „נאַזאַרין" וועט זיך אויך פאַר־קויפן זייער גוט.
איך פיל זיך שטאַרקער, די בעדער מאַכן מיר זייער גוט. נעכטן, דינסטיק, האָבן מיך די יהודהס [5] גענומען קיין מאַנטשעסטער, געגעסן אין זעלביקן רעסטאָראַן ווי פאַר־אַ־יאָרן. אַהיימגעקומען אַרום אַכט אָוונט און געגאַנ־גען אין קינאָ, געזען צוויי פילמען, אַ פילם וועגן אָקסן־קאַמף און אָסקאַר ווײַלדס [נישט דײַטלער].
איך קוש דיך און האַלדז דיך.

דײַן שלום

143

כוח הרשאה

הײַנט דעם 9 מערץ נײַנצן הונדערט און פופציק,
מיאַמי ביטש, פל.

צו אַלע וואָס באַדאַרפן עס וויסן.
דערמיט לאָז איך, שלום אַש, וויסן, אַז פון הײַנטיקן טאָג אָן, דעם פערטן מערץ, נײַנצן הונדערט און פופציק, ביז צום סוף פון אונדזערע טעג, גיב איך דאָס רעכט מײַן פרוי מאַטילדאַ (פון הויז שאַפּיראָ) אַש איבער די פאָלגנדע רעכט:
1) די דאָזיקע, מײַן פרוי, מאַטילדאַ אַש, האָט דאָס איינציקע און אויס־שליסלעכע רעכט צו טאָן אין דעם גאָרטן פון אונדזער הויז 121 נאָרטה

היביסקוס דרײַוו, דאָ אין מיאַמי ביטש פל. — אַלץ וואָס איז ווויל געפּעליק אין אירע אויגן. צו פּלאַנצן, צו פאַרזייען אַלערליי בלומען און פּלאַנצן, גרינסן ביז ביימער, נאָך איר אייגענעם אײַנזען.

2) זי האָט אַ רעכט אָנצושטעלן שטענדיקע און צײַטווײַליקע גערטנער און אַרבעטער — צו גראָבן און צו פּלאַנצן, צו שנײַדן און צו פּלעגן, צו שפּריצן און צו באַוואַסערן איר גאָרטן — די צאָל וואָס נאָר זי אַליין וועט געפינען פאַר נייטיק.

3) זי קאָן אײַנקויפן און באַצײַען פון אַלערליי בלומען־ און בלומענטעפּ־געשעפטן, סײַ דאָ אין מיאַמי, סײַ אין ניו־יאָרק, אָדער ערגעץ אַנדערש ווו אַלערליי אויסטערלישע און היימישע פּלאַנצן און ביימער, בלומען פון אַלערליי מינים, פון אַ געל פעלד־בלימל (וואָס איך האָב אויך ליב) ביז צו די אויסטערלישע — — — זי קאָן אַרויסשיקן שליחים, אַגראָנאָמען און באָטאַניקערס (ווי מײַן זון יאָן [1] אַש) איבער אַלע אַפריקאַנישע און אַזיאַ־טישע אינדזלען, דזשונגלען און וויסטענישן — אומעטום ווו די וועלט האָט נאָר אַן עק, צו ברענגען איר פּלאַנצן אַזעלכע, וואָס דאָס אויג האָט נאָך נישט געזען, צו פאַרפּלאַנצן אין איר גאָרטן.

4) איך, איר מאַן שלום אַש, האָב גאָרנישט צו זאָגן און גאָרנישט צו טון נאָר צוצושטעלן אָן יעדער מענה און טענה די נויטיקע פאָנדן פאַר אירע גערעכטע און געבענטשטע אונטערנעמונגען. איך האָב נישט קיין רעכט צו קרעכצן אָדער צו מאַכן ווילדע הוויות. און ווען עס וויל זיך מיר דאָך מאַכן פּראָטעסט־גרימאַסן, זאָל איך אַוועקגיין און אַהינגיין דאָרט ווו דער פעפער וואַקסט, ווו קיינער זעט מיך נישט, און אויסשרײַען מיך דאָרט וויפל איך וויל, נאָר קיין מאָל נישט אַרויסווײַזן קיין גרימאַסע, נאָר איר שטענדיק צושמייכלען און זאָגן: „אוי ווי שיין, איך בין אַזוי גליקלער, פאַרזעץ, מײַן ווײַב, די לעצטע פאַר הויזן און פּלאַנץ, פּלאַנץ און פּלאַנץ".

אונטערגעשריבן מיט מײַן אייגענער האַנט
שלום אַש

144

סאַראַטאָגאַ־ספּרינגס, יולי 1950

טײַערע מאַדזשע־לעבן,

עס איז טוויזנט מאָל בעסער צו לײַדן פון היץ, פײַכטקייט און מאָסקיטאָס, איידער צו לײַדן פון בענקשאַפט נאָך דיר. איך זאָג דיר צו, און מיר, אַז

איך וועל דיך קיין מאָל מער נישט פאַרלאָזן, אַפילו אויף איין טאָג. אַז איך וועל קאָנען, וועל איך דיך מיטשלעפּן מיט מיר מיט געוואַלט — ווען נישט, און איך ווייס גאַנץ גוט אַז דיך קאָן מען נישט שלעפּן, וועל איך בלײַבן ווו דו ביזט, אין היץ, אין שווייס, אין פּײַן — נאָר איך וועל שטיין און זײַן בײַ דיר, נעבן דיר, אין דיר, מיט דיר. איך וועל שעלטן, איך וועל דיך אָנרופן מיט די שרעקלעכסטע און ווילדסטע נעמען — דו ביזט אַן עגאָיסטקע, דו לאָזסט דײַן מאַן פּרעגלען זיך ווי אַ פיש אויף דער פּאַטעלניע — נאָר אַוועקגיין וועל איך נישט. נישט בחינם נעמט עס מיר אַזוי לאַנג אײַנצוקויפן זיך פאַרן אָפּפאָרן. איך קאָן נישט, איך קאָן נישט מער זײַן אָן דיר. דו קאָנסט האַלטן פאַר אַן עדות דאָס בריוול, ווען איך וועל נאָך אַ מאָל רעדן וועגן אַנטלויפן — איך האָב נישט ווו צו לויפן, נאָר צו דיר, אין דיר, מיט דיר, בײַ דיר און אין דיר אַרײַן...

אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז דײַן געבוירנטאָג דעם 21סטן יולי, אָדער 23סטן, אָדער גאָר דעם 11טן. איך ווייס, עס איז אַן אום־טאָג און ווען עס איז געווען דער 11טער, וועלן מיר צוריקרוקן דעם קאַלענדאַר, יעדנפאַלס וועל איך אַזוי טון.

איך האָב געהאַט אַ זייער אָנגענעמע צײַט מיט באַלטשן [1], מיר האָבן ביידע געאַרבעט אויף דער איבערזעצונג פון „תּהילים־ייִד״, די איבערזעצונג איז פולער פון די מיוערס [2], נאָר מיר האָבן באַשטימט, אַז מיר וועלן נוצן ביידע — די לאַנדשאַפט־באַשרײַבונגען פון בוך וועלן מיר נוצן מיוערס, ווײַל זיי זענען זייער פּאַעטיש און מיט אַ בעסערן ענגליש.

ווען איך וועל אַהיימקומען, וועלן מיר אַלץ איבעררעדן. דערווײַל זײַ מיר האַרציק געקושט און געהאַלדזט און אַרומגענומען. איך בין נאָך אַלץ פאַרליבט אין דיר און דאָרשטיק נאָך דיר, סײַ נאָך דײַן נשמה, סײַ נאָך דײַן קערפּער.איך טרינק פון דיר און לעש ביידע דאָרשטן...

איך קוש דיך
דײַן שלום

145

פּאַריז, אַפּריל 1951

טײַערע מאַדזשע־לעבן, ליבע רות,
איך ווייס אַז איר זײַט דערשטוינט צוליב מײַן פלוצלינגער ענדערונג. הערט אויס: נעכטן, פרײַטיק, קריג איך אַ טעלעפאָן פון יאַרבלום [1] וועלכער איז

דער פאַרטרויאונגס־מאַן פון בן־גוריון [2] און דער פאַרטרעטער פאַר ישׂראל, אַז ער מוז מיך זען.
איך האָב געהאַט מיט אים לאַנטשן און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער רעדט אין נאָמען פון בן־גוריון און פון דער הסתדרות. זיי בעטן מיך אַז איך זאָל אָפּלייגן די רײַזע קיין ישׂראל אויף צוויי־דרײַ וואָכן, אויף נאָך פּסח. פאַר וואָס? עס איז איצט אַ גרויסע אויפרעגונג אין ישׂראל צוליב די דײַטשע פאַרהאַנדלונגען *. די רעגירונג האָט פיל אָפּאָזיציע און די רעוויזיאָניסטן מאַכן זיי אַן צרות און נוצן אויס יעדע זאַך צו ברענגען שאָדן דער רעגירונג. זיי האָבן מורא, אַז איך זאָל נישט אַרויסנעמען פון לאַנד אַ שלעכטן אײַנדרוק. אַ חוץ דעם ווילן זיי אַז איך זאָל זײַן בײַ דער פײַערונג פון מדינת ישׂראל דעם 2טן מאַי. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך בין אַזאַ גוטער ציוניסט ווי ער און ווי בן־גוריון, און איך האָב נישט קיין מורא פאַר שלעכטע אײַנדרוקן. איך האַלט זײַן תּירוץ, האָב איך געזאָגט, פאַר אַ — — און פאַרלאַנגט, ער זאָל מיר זאָגן, וואָס ער האָט אין זינען. ער איז דאַן אַרויס מיט לשון. די רעגירונג פון ישׂראל קאָן מײַן שטעלונג און זי ווייסט, אַז איך בין זייער אָנגעזען אין דער וועלט, אַממייסטן בײַ די פּראָטעסטאַנטישע קריסטן. די רעגירונג האָט מורא, אַז שלעכטע אָפּרופן וועגן מיר, אָדער חלילה אָנפאַלן, וואָס קאָנען איצט בײַ דער אויפרעגונג פאַרקומען, וועלן מאַכן אַ שלעכטן אײַנדרוק אין דער וועלט, און דאָס קאָן ברענגען שאָדן ישׂראל. זיי ווילן פאַרברייטן די ייִדישע עפנטלעכקייט אין ישׂראל צו מײַן קומען.

ער פאַרלאַנגט נישט פון מיר, נאָר ווען איך וויל, בעטן זיי מיך, אַז איך זאָל געבן אַ קליינע, עפנטלעכע דערקלערונג וועגן די צילן פון מײַן רײַזע.

איך האָב אים געענטפערט, אַז איך פאָר נישט מאַכן קיין רעוואָלוציע, איך פאָר ווי יעדער ייִד, מיט אַ האַרץ פול מיט ליבע צו ישׂראל און צו אירע בויערס. איך פאָר העלפן ישׂראל און נישט חלילה שטערן. די גאַנצע וועלט קען מײַן שטעלונג, איך קום נישט צוריק צו ייִדן, דורך מײַן „משה", אָדער דורך מײַן פאָרן קיין ישׂראל, ווײַל איך בין קיין מאָל נישט אַוועקגעגאַנגען פון ייִדן. אַלע בלבולים האָבן מײַנע שונאים אויסגעטראַכט, זיי האָבן מיך קיין מאָל נישט פּראָבירט צו פאַרשטיין, געהאַלטן מיך אין איין באַשולדיקן, אַז איך האָב געשריבן די ביכער דערפאַר, ווײַל איך האָב געוואָלט באַרימט ווערן בײַ די גויִים און פאַרדינען געלט.
איך בין באַרימט בײַ די גויִים און איך פאַרדין געלט פון מײַנע איבער־

---

* געמיינט די אונטערהאַנדלונגען צווישן ישׂראל און דײַטשלאַנד וועגן אַנטשעדיקונגען.

זעצונגען נישט פון „נאַזאַרין" אַן, נאָר זײַט איך האָב אָנגעהויבן צו שרײַבן.
און וואָס אָנבאַטרעפט מײַן שטעלונג צום קריסטנטום, האָב איך נאָר איין זאַך אין זינען: צו ברענגען צו אַ טיפער און בעסערער פאַרשטענדיקונג צווישן ייִד און קריסט, נישט בלויז דורך טאָלעראַנץ, נאָר דורך אַ ירושה־געמיינשאַפט. און איך האָב עס געטאָן ביי ייִדן און פאַר ייִדן, מיט דעם איינאיינציקן צוועק און ציל, צו העלפן ייִדן, אויס ליבע פאַר ייִדן.

יאַרבלום איז אַרויפגעפאַלן אויף מײַן האַלדז און האָט מיך אָנגעהויבן קושן. ער האָט זיך מודה געווען, אַז זיי אַלע האָבן געמאַכט אַ טעות און זענען פאַרפירט געוואָרן פון „פאָרווערטס"[3] און זײַנע מיטהעלפער. ער איז זיכער, אַז אין ישׂראל וועלן מײַנע ווערטער מאַכן אַ שטאַרקן אײַנדרוק און אַז די רעגירונג פון ישׂראל דענקט אויך, אַז ישׂראל און ייִדן מוזן האָבן מאָראַלישע פאַרבינדעטע. ער בעט מיך, איך זאָל געבן דער רעגירונג צײַט צו פאַרשפּרייטן מײַנע ווערטער אין לאַנד איידער איך קום, און פאַרצו־ברייטן פאַר מיר אַן אויפנאַמע, וואָס איך האָב פאַרדינט פאַר מײַן געטרײַ־שאַפט צום ציוניסטישן אידעאַל אין מײַן גאַנץ לעבן. ער וויל פאָרן מיט מיר צוזאַמען קיין ישׂראל.

איך האָב אים געענטפערט: אויב די רעגירונג פון ישׂראל דענקט, אַז איך באַדאַרף אָפּלייגן מײַן רײַזע, וועל איך עס טון, ווײַל איך וויל זיי נישט שטערן, נאָר העלפן. נאָר ווען זיי ווילן אַז איך זאָל קומען קיין ישׂראל, וועל איך עס נישט פריִער טון ביז זיי וועלן מיך נישט אײַנלאַדן.
ער האָט מסכּים געווען מיט מיר און פאַרזיכערט, אַז נאָך מײַן דערקלערונג, וועט די רעגירונג פון ישׂראל דאָס זיכער טון.

(אין די צײַטונגען וועט קומען אַ נאַכריכט, אַז איך האָב אָפּגעלייגט מײַן רײַזע קיין ישׂראל צוליב דעם „אַקצידענט", וואָס איך האָב געהאַט אויף דער שיף. דו זאָלסט זיך נישט שרעקן. אַזוי האָבן מיר באַשטימט צו טון, כּדי נישט צו זאָגן, אַז די רעגירונג אין ישׂראל האָט מיך געראַטן אַזוי צו טון).

דערווײַל האָב איך זייער געזאָרגט וועגן דיר, איך האָב דיר געוואָלט טעלעגראַפירן אַז דו זאָלסט אָפּלייגן די רײַזע, ווײַל אין אייראָפּע איז נאָך זייער קאַלט, פײַכט און נאַס, און איך האָב מורא פאַר דײַן געזונט.
הײַנט האָב איך געקריגן דײַן טעלעגראַמע, אַז איר פאָרט אָפּ דעם 23סטן אַפּריל, האָט מיך דאָס אַ ביסל באַרויִקט, איך האָף, אַז ביז דעמאָלט וועט שוין זײַן פרילינג אין לאָנדאָן.

אַלע שיקן זייערע גרוסן צו דיר. אין פּאַריז האָב איך נאָר געזען דיקאַ יעפּרויקין [4], וועלכער איז אַ הילף צו מיר.
איך קוש אײַך און בענק נאָך אײַך, מײַנע ליבע און איינציקע.

אײַער מאַן און פּאָטער
שלום

146

ניצע, אַפּריל 1951

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
דאָ אין ניצע איז נאָך זייער קאַלט, אָבער דאָך איז עס שיין.
עס איז דאָ אַן אויסשטעלונג פון שאַגאַלס [1] אַלטע בילדער, זייער שיינע און ערלעכע. צווישן אַנדערע געפינט זיך דאָס בילד, וואָס ער האָט גע־מאָלט פאַר אונדז LA ROSE BLANCHE *, אונדזער שבת־לאָמפּ מיט ווײַסע רויזן, וואָס דו האָסט געקויפט. דאָס בילד איז אויך דאָס מענטש־לעכסטע און שענסטע צווישן אַנדערע. איך וואָלט זייער געוואָלט האָבן דאָס בילד, עס איז אַזוי פיל פאַרבונדן מיט אונדז, איך ווייס נישט וואָס צו טון צו באַקומען דאָס בילד. אפשר וואָלט רות [2] געשריבן צו אידעטש־קאָ [3], צי שאַגאַל וואָלט אונדז דאָס בילד געוואָלט פאַרקויפן.
דערווײַל האָבן מיר נענטערע זאַכן. יאַרבלום [4] האָט מיר צוגעזאָגט, אַז הײַנט, מאָנטיק, וועט זײַן דערקלערונג זײַן געדרוקט אין זײַן צייטונג, אויך די סיבה פון מײַן אָפּלייגן די רײַזע. אין דער צײַטונג איז הײַנט גאָר־נישט דאָ.
איך האָב אָנגענומען זײַן פאָרשלאָג אָפּצולייגן די רײַזע קיין ארץ־ישׂראל אויף נאָך פּסח איבער פאַרשיידענע טעמים.
ערשטנס האָב איך טאַקע געוואָלט געבן דער ישׂראל־רעגירונג אַ געלעגנ־הייט פאַרצובערייטן מײַן קומען. ווי יאַרבלום האָט מיר דערקלערט איז די רעגירונג אין ישׂראל אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט — זי ווערט אָנגעפאַלן פון די אַנדערע פּאַרטייען וואָס ווילן באַזײַטיקן בן־גוריון. די איינציקע שטיצע זייערע זענען די אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן. מײַן איצטיק קומען

* די ווײַסע רויז.

קאָן אַרויסרופן נאָך מער שוועריקייטן פאַר דער רעגירונג, ווײַל די ישׂראל־רעגירונג און בן־גוריון קאָנען נישט איגנאָרירן מײַן קומען. זיי מוזן מיך אויפנעמען, נישט נאָר בלויז פאַר מײַנע פאַרדינסטן פאַר ישׂראל (וואָס איך בין זיי מוחל), נאָר פאַר דער וועלט. מען וועט זיי באַשולדיקן אין רעאַקציע און צוריקגעשטאַנענקייט.

איך ווייס נישט, צי יאַרבלום מיינט עס ערנסט אָדער נישט. יעדנפאַלס האָב איך נישט געוואָלט מיט מײַן קומען שטעלן די רעגירונג אין אַ פאַרלעגנהייט. אַזוי ווי איך האָב געזאָגט יאַרבלומען: „איך וויל נישט קומען קיין ישׂראל צו שטערן, נאָר פאַרקערט, צו העלפן", און אַלץ וואָס זיי וועלן מיך הייסן, וועל איך טון.

אויך האָב איך געטראַכט, אַז פאַר מײַן געזונט איז בעסער, איך זאָל רוען. ווי ד"ר פרידמאַן [5] האָט מיר געזאָגט זעט עס אויס אַז אַ קליין אָדערל האָט געפּלאַצט און דאָס קאָן מען היילן מיט וואַרעמקייט און רו.

איך האָב אויך מורא געהאַט פאַר דער ים־רײַזע אַז עס זאָל אין דער צײַט נישט זײַן צו שטורמיש. איך בין נאָך אָפּגעשראָקן פון דער רײַזע מיט דער „קווין מערי".

איך האָב איצט דורכגעלייענט מײַן אייגן בוך „די מוטער" אין דײַטש, זייער ליב, זייער סענטימענטאַל און זייער עכט און פאָלקסטימלער. די דײַטשן, איך מיין די דײַטשע ייִדן, לעקן די פינגער דערפון נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג. איך דענק, אַז איך וועל עס אַרויסגעבן אין ענגליש אין ענגלאַנד. איבערהויפּט וויל איך ברענגען אין אָרדענונג מײַנע ענגלישע אויסגאַבן אין ענגלאַנד.

איך ליג בײַנאַכט און קלער ווי אַזוי דו וועסט דורכמאַכן די רײַזע קיין ענגלאַנד. איך בין גליקלעך און רויִק, ווײַל רות איז מיט דיר, איך ווייס ווי זי וועט אַכטונג געבן אויף דיר. איך בעט דיך, נעם דיר גאָרנישט צום האַרץ. דײַן רויִקייט איז טײַערער און וויכטיקער און איך באַדאַרף עס מער ווי אַלע זאַכן מיטן הויז צוזאַמענגענומען. זע נאָר דיך אַליין צו ברענגען. דאָס באַדאַרף איך און מיר אַלע, אַפילו די וועלט, ווײַל אָן דיר קאָן איך נישט שאַפן.

איך בעט דיך, לאָז וויסן ד"ר דאָברין [6], אַז איך באַדויער, וואָס איך האָב נאָך ביז איצט צו זיי נישט געשריבן. איך האָב פון דעם פאַל און וואָס האָט דערנאָך צוגעפאָלגט געקריגן אַזאַ שאָק, אַז אַ חוץ צו דיר, קאָן איך צו קיינעמען נישט שרײַבן.

איך וועל די טעג שרײַבן אַ לענגערן בריוו רותן, דערווײַל זאָל זי זיך באַגענוגענען מיט די בריוו צו דיר.

איך קוש אײַך ביידע, איך בין געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז איך האָב קיינעמען נישט, נאָר מײַן משפחה און איין פּאַטערלאַנד, דאָס איז די זון.
איך קוש דיך מיט מײַן גאַנץ האַרץ און נשמה.

דײַן שלום

147

פירענצע, 1951

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
דו מוזסט מיר מוחל זײַן וואָס איך האָב דיר נישט געשריבן. איך גיי איצט אַדורך אַ גרויסן קריזיס. אַט האָב איך פאַרענדיקט אַ גרויס בוך *, און האָב, אַזוי צו זאָגן, אָפּגעשלאָסן אַ גרויסע עפּאָכע אין מײַן שרײַבן, די ביבלישע עפּאָכע. איך וויל מיך נעמען צו שרײַבן מער פון אונדזער צײַט.
די רײַזע קיין אייראָפּע האָט מיר זייער פיל געגעבן דורך דעם וואָס זי האָט צוגענומען פון מיר אַ גרויסע אילוזיע. איך האָב נאָך אַלץ געמיינט, אַז עס איז פאַראַן אַן אייראָפּע, צו וועלכער איך קאָן צוריקקומען. איך בין גע־קומען צו דער איבערצײַגונג, אַז פאַר מיר, אָדער פאַר אונדז, איז נישטאָ מער קיין אייראָפּע. אייראָפּע אָן יידן איז אַ וויסטעניש. עס איז נישטאָ מער קיין יידן אויף דער וועלט, אַ חוץ אין אַמעריקע און אין ישׂראל. און פאַר־פאַלן, איך קאָן נישט לעבן אָן יידן. ווי שלעכט עס איז נישט מיט זיי, אָן זיי איז נאָך ערגער.
און נאָך עפּעס. איך האָב מיך איבערצײַגט, אַז אַפילו די קולטור פון אייראָפּע, דאָס הייסט די קאַטוילישע קולטור, אינטערעסירט מיך נישט. אַ חוץ די אַלטע גריכישע קונסט און מיקעלאַנדזשעלאָ, אינטערעסירט מיך די איטאַליענישע קונסט אין גאַנצן נישט, זי איז אַ שמירעכץ פון שיינקייטן אָן רעליגיעזן געפיל. עס זעט אויס, אַז איך פאַרשטיי נאָר און פיל נאָר די אַנגלאָזאַקסישע קולטור, און דערפאַר האָב איך אַזוי ליב געקריגן ענגלאַנד. ענגלאַנד האָט מיר מער געגעבן ווי גאַנץ איטאַליע. און צו די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער וויל איך צוריקגיין, אָדער קיין אַמעריקע, אָדער קיין לאָנדאָן. איך פאַרשטיי זיי און זיי פאַרשטייען מיך. איך וועל קיין מאָל נישט ווערן פאַרשטאַנען פון קאַטאָליקן.

* עס האַנדלט זיך וועגן בוך „משה".

איך בין מיד אויך פון רײַזן. איך וויל פֿאָרן צוריק אַהיים. איך וויל זיך נעמען צו עפּעס נײַס. עס איז מיר עפּעס אײַנגעפֿאַלן זייער שיינס, רירנדיקס און ייִדישס, דאָס וואָס די וועלט דערוואַרט פֿון מיר, און דאָס וויל איך טון. ווען איך וועל אַהיימקומען, וועל איך דיר שוין זאָגן. און איך בעט דיך און פֿאַרלאַנג פֿון דיר, אַז דו זאָלסט מיר העלפֿן ווי שטענדיק און דו זאָלסט מיר שטאַרקן און מײַן זיך געזונט צו זײַן.
פֿאָרלויפֿיק איז מײַן אידעע, אַז מיר זאָלן בלײַבן אין ניצע אַזוי לאַנג ווי מיר קאָנען. נאָך דעם צוואַנציקסטן סעפּטעמבער זאָלן מיר פֿאָרן קיין לאָנדאָן. ווען דו ווילסט נישט פֿאָרן קיין לאָנדאָן, זאָלן מיר סוף חודש צוריקפֿאָרן קיין ניו־יאָרק, און שפּעטער ווינטער קיין מיאַמי. איך גלייב אַז דאָס בעסטע פֿאַר אונדז איז, מיר זאָלן צעטיילן דאָס יאָר צווישן מיאַמי און ענגלאַנד.
דערווײַל בין איך זייער מיד און קאָן נישט שלאָפֿן.
בלײַב מיר געזונט, איך בענק זייער נאָך דיר.

דײַן שלום

148

[אויפֿן וועג פֿון ניו־יאָרק] 1952

טײַערע מאַדזשע,
זעט זיך אויס, אַז מיר זענען צו אַלט צו רײַזן. הײַנט איז דינסטיק, מאָרגן פֿריִ קומען מיר אָן קיין שערבורג. די גאַנצע צײַט איז געווען שטורמיש און די שיף לויפֿט אַ מײַל אַ מינוט. באַלד אין צווייטן טאָג בין איך געפֿאַלן, נישט געפֿערלעך, נאָר שמערצן אין דער פּלייצע. אַלץ וואָלט גוט געווען, ווען איך וואָלט נאָר געקאָנט שלאָפֿן. איך האָב אויסגעפֿונען, אַז די שלאָף־פּילן האָלטן מיר וואַך, איך רוף זיי „וואַך־פּילן", נישט „שלאָף־פּילן". הײַנט פֿיל איך זיך בעסער און האָף, אַז איך וועל קאָנען ווײַטער פֿאָרזעצן מײַן רײַזע. אין פּאַריז וועל איך זײַן בײַ אַ דאָקטאָר און אַלץ וועט זײַן גוט, לאָמיר האָפֿן צו גאָט. נאָר גלייב מיר, צו פֿאַרלאָזן אַזאַ גן־עדן און לאָזן זיך אין מיטן ווינטער אויף שטורמישע ימים, איז געווען אַ משוגעת. עס וואָלט געווען גענוג געווען ווען איך וואָלט געמאַכט די רײַזע אַ חודש שפּעטער. איך האָף, ווען דו וועסט פֿאָרן, וועט שוין זײַן שטילער.
געטראָפֿן דאָ אויף דער שיף דעם שרײַבער, וואָס האָט געשריבן דעם

„בעסטסעלער״ פון דער נעיווי The Cain Mutiny, הערמאַן וווק [1]. שטעל דיר פאָר, נישט נאָר איז ער אַ ייִדישער יונגערמאַן, נאָר ער איז רעליגיעז און עסט בלויז כּשר, אָן שפּאַס. ער פאָרט אויך קיין ישׂראל מיט זײַן ווײַב און קינד, זייער אַ סימפּאַטישער מענטש, ער האָט מיר פיל געהאָלפן.
אין פּאַריז וועל איך שטיין אין גראַנד האָטעל. איך וועל פאָרן קיין מאַרסיי אַ טאָג־צוויי פריִער, צו זען ווי די שיף זעט אויס. און אפשר גאָר איז דאָרט שוין וואַרעמער — איך האָב זיך אָנגעשטעקט פון דיר, איך קאָן נישט מער זײַן אין קאַלטע מקומות און ציטער פאַר דער פײַכטקייט פון פּאַריז. דאָך וועל איך זען קלמן לעווי [2] און וועל אויך טעלעגראַפירן צו דיר פון פּאַריז.
מאַך דיר נישט קיין זאָרגן וועגן מײַן פליִיצע, די שמערצן זענען נאָר בײַנאַכט, בײַטאָג פיל איך זיך בעסער, און ווען דער בריוו וועט אָנקומען צו דיר, וועל איך שוין זײַן „אָל־רײַט״.
איך קוש דיך און ליב דיך.

דײַן שלום

149

ניצע, 1952

מײַן טײַערע געליבטע,
איך פיל זיך פיל בעסער, אָבער דאָך האָב איך נאָך ווייטיקן, איבערהויפּט בײַנאַכט. דאָס וועטער איז אויך נישט געווען ווי אָמבעסטן, פרילינג, אָבער קאַלט און רעגן.
נעכטן האָב איך געמאַכט צום ערשטן מאָל אַ לענגערן שפּאַציר און האָב זיך געפילט בעסער. איך ליג מיינסטנס אין בעט און לייען, לייען ראָמאַן־געשיכטעס, דאָסטאָיעווסקין [1] (שרעקלער). צו שרײַבן האָב איך קיין חשק נישט.
זיי מאַכן אָפּ בײַ זיך, זעט זיך אויס, איבערצובעטן זיך מיט מיר. נעכטן איז אין „אונדזער וואָרט״ (די ציוניסטישע, יאַרבלומס צײַטונג) [2] געווען די ערשטע גרעסערע סימפּאַטישע נאָטיץ איבער מײַן קומען קיין פּאַריז. מיר איז אַלץ גלײַך. איך וועל אפשר יאָ פאָרן קיין ישׂראל, ווײַל איך מוז דאָך דאָס איין מאָל פאַר אַלע מאָל זען, און אפשר וועט דאָס מיך באַגײַסטערן צו שרײַבן. נאָר עס איז אַ גוטע זאַך וואָס זיי האָבן מיך אָפּגעהאַלטן פון

פאָרן אויף פסח. — — — מען פאָרט — מיטן שיף, מען פליט, מען לויפט — און דו זאָלסט זען די מענטשן, וועלכע האָבן קיין מאָל נישט געהאַט קיין אינטערעס פאַר ארץ־ישׂראל. איבערהויפּט פאָרן רײַכע ייִדן, וועלכע האָבן פאָרויס באַשטעלט צימערן אין די פּאָר גוטע האָטעלן וואָס געפינען זיך אין ישׂראל. מען זאָגט אַז מען באַקומט נישט קיין בעט צו שלאָפן, אויף פסח.
דאָס בעסטע איז אָבער געווען אין מײַן אָפּהאַלט דאָס וואָס איך האָב אויסגעמיטן אַ שטורמישן ים. איך האָב געקריגן אַזאַ „שאָק" בײַם פאַלן אויף דער שיף, אַז איך האָב פּײַנט באַקומען די שיף און דעם ים. איך גלייב נישט אַז איך וואָלט געקאָנט דורכמאַכן אַ צווייטע ים־רײַזע. אפשר ביז צום 18טן אַפּריל וועט שוין זײַן וואַרעם און דער ים וועט זיך באַרויִקן.
איך ווייס נאָך נישט וואָס איך וועל טון ביז דעם 18טן, איך האָב גרויס חשק אַרײַנצופאָרן קיין איטאַליע. אין מילאַנאָ, זאָגט מען, רעגנט און שנייט, אין רוים איז בעסער. אַז איך וועל פאָרן, וועל איך נישט פאָרן ווײַטער ווי ביז פלאָרענץ, ווײַל איך וויל זײַן נאָך אַ מאָל אין פלאָרענץ. אָבער איך וועל וואַרטן ביז דאָס וועטער וועט זיך אײַנשטעלן און עס וועט ווערן וואַרעם. פון קעלט און פײַכטקייט לײַד איך אין מײַן רוקן.
הײַנט האָב איך געקריגן דײַן טעלעגראַמע אַז איך זאָל נישט פאָרן קיין לאָנדאָן. איך גלייב אַז דו האָסט רעכט. איך וועל דאָ אָפּוואַרטן ביז עס וועט ווערן גוט וואַרעם (זעסט ווי איך רעד וועגן וועטער, באַלד שוין ווי דו, איך האָב זיך אָנגעשטעקט פון דיר). דערווײַל האָב איך גענוג צײַט צו בענקען נאָך דיר און דאָס איז אויך גוט. אין בענקשאַפט דערמאָנט מען זיך אַלע גוטע, שיינע און זיסע איבערלעבענישן; די שלעכטע פאַרגעסט מען. און איך האָב אַזויפיל צו דערמאָנען זיך ווען איך בענק נאָך דיר. איך ראָט דיר זאָלסט דאָס זעלבע טון, עס איז אַ רפואה פאַר אַלע קראַנקייטן...
איך בעט דיך, שרײַב, עס נעמט זייער לאַנג אַ בריוו פון מיאַמי דאָ אַהער. שרײַב קיין ניצע און זײַ רויִק.
איך קוש דיך און ליב דיך מיט מײַן גאַנץ האַרץ און נשמה.

דײַן געליבטסטער שלום

ניצע, 1952

מײַן טײַערע געליבטסטע,
איך האָב הײַנט דערהאַלטן דײַן בריוו, רותקע־לעבנס [1] און אין דער זעלבער צײַט פון מרים [2]. איך בין זייער גליקלעך וואָס איך האָב אַן עין־הרע אַזאַ פאַמיליע, אַזאַ ווײַב, אַזאַ טאָכטער און אַזאַ אייניקל, איינע פאַסט צו דער אַנדערער.
הכלל, איך פאָר אָפּ מאָרגן קיין רוים. איך וויל עפּעס לערנען איידער איך קום קיין לאָנדאָן. און אפשר וועל איך פליִען פון רוים קיין ישׂראל. איך וועל שטיין אין האָטעל EXCELSIOR, אין דעם זעלבן האָטעל ווו איך בין געשטאַנען דאָס פריִערדיקע מאָל.
איך האָב דיר געשריבן און שרײַב דיר נאָך אַ מאָל, אַז אויפן אַקסל פיל איך זיך פיל בעסער, און דו האָסט גאָרנישט וואָס צו זאָרגן. די איינציקע זאַך איז דאָס וואָס איך שלאָף אַזוי שלעכט בײַנאַכט, אפשר וועל איך אין רוים בעסער שלאָפן.
נעכטן האָב איך געמאַכט אַן עקסקורסיע נאָך מאָנאַקאָ איבער די בערג. די ריוויערע איז דאָך דער איינציקער פלאַץ ווו אַ מענטש קאָן לעבן. ווען אַפילו עס איז געווען קאַלט, האָב איך אין מײַן לעבן נישט געזען אַזעלכע בלומען. די קאָלירן פון די בלומען (דו ווייסט ווי זיי אַלע הייסן) זענען געווען פון אַזאַ פרישקייט און ערלעכקייט, אַז זיי האָבן מיך אָנגעפילט מיט פרייד, איך האָב באַדויערט וואָס דו זעעסט דאָס נישט, עס וואָלט דיר אַ סך געזונט צוגעקומען.
איך האָב געגעסן אין דעם קליינעם רעסטאָראַן אין וועלכן מיר האָבן אַ מאָל פאַר יאָרן געגעסן, און דער טעם פון די גרינע אַרבעסלעך איז מיר די גאַנצע צײַט געלעגן אין מויל. איך האָב געגעסן די זעלבע אַרבעסלעך מיט קאַלבס־פלייש און עס האָט מיך גאָרנישט געשאַדט, אויך יונגע פישע־לער־סאַל, וואָס זענען געווען מחיה־מתים, מיט אַ האַלבע פלאַש מעדאָק. דאָס אַלץ האָט מיר געקאָסט אַ דאָלאַר מיט אַ האַלבן.
איך האָב געקריגן אַ בריוו פון יאַרבלום [3], אין וועלכן ער פאַרזיכערט מיר נאָך אַ מאָל, אַז די ישׂראל־רעגירונג האָט גאָרנישט וואָס צו טון מיט מײַן רײַזע קיין ישׂראל; אַז די ישׂראל־רעגירונג ווייס נישט, אַז ער האָט גערעדט מיט מיר — און איך וועל טון אַזוי ווי דו ראַטסט מיר: אַז עס וועט מיך גלוסטן, וועל איך פליִען קיין ישׂראל, אַז נישט — וועל איך פאַרבלײַבן אין איטאַליע ביז דו וועסט קומען קיין לאָנדאָן.
איך בעט דיך נאָך אַ מאָל, זאָלסט דיר נישט מאַכן קיין זאָרגן, איך בין

ווידער אַל־רײַט, און האָב פיל מער ענערגיע, גאָט צו דאַנקען, ווי פריִער, און אַ קאָפּ פול מיט פּלענער, און אַ האַרץ פול מיט ליבע פאַר נײַע ווערק — עס זאָלן נאָר אויסשטיין כּוחות און יאָרן דאָס אַלץ אויסצופירן.
דאָס וועטער הייבט זיך אָן צו ענדערן, עס ווערט פיל וואַרעמער. אין רוים, זאָגט מען, איז וואַרעם און איך בין זיכער, אַז דו וועסט האָבן אַ לײַכטע רײַזע איבערן ים, הלוואי.
איך קוש דיך און ליב דיך.

דײַן שלום

151

ניצע, 1952

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
גוט געשלאָפן. ד"ר פרידמאַן [1] האָט מיר פאַרשאַפט פון אַ דײַטשער פרוי איינע פון דײַנע רויטע פּילן, וועלכע איך פאַרוּוער דיר צו נעמען. און שטעל דיר פאָר — עס האָט געהאָלפן. איך פיל זיך דערפרישט, נאָר אַ ביסל צעמישט.
הײַנט איז אויך אַן ערלעכער טאָג, די זון שײַנט און די ריוויערע איז די ריוויערע.
הײַנט אָוונט פאָר איך אָפּ קיין רוים, איך וועל אײַנשטיין אין האָטעל EXCELSIOR.
געקריגן הײַנט זייער אַ ליבן בריוו פון מײַקל [2], איך בין זייער גליקלעך געוועזן. זעט זיך אויס וואָס עלטער מען ווערט אַלץ נענטער פילט מען זיך צו דער משפּחה. זעט אויך אויס אַז דער מענטש האָט נישט קיין נענטערע ווי זײַן אייגענע משפּחה. און ווי גליקלעך מיר זענען, מאַדזשע, אַז מיר האָבן אַזעלכע קינדער. יאָ, מיט אַלע זייערע חסרונות, זענען זיי וווּנדערבאַרע קינדער. און די פעלערן זענען מיינסטנס מײַנע, איידער זייערע.
איך האָב געשריבן אַ בריוו צו שאַגאַל, אַז איך וויל אים זען. ביז איצט האָב איך נאָך פון אים נישט געהאַט קיין אַנטוואָרט, אפשר איז ער נישט אין ——— (איך ווייס אַז ער האָט גרויסע צרות פון זײַן ווײַבל און ער שעמט זיך פאַר מיר. יעדנפאַלס ווינטש איך אים אַלדאָס גוטס. ער איז אַ גרויסער קינסטלער, נאָר ער איז נישט מײַן קינסטלער).
איך בעט דיך נאָך אַ מאָל, זאָרג דיך נישט וועגן מיר, דו ווייסט דאָך ווי

איך בין. אפשר האָב איך זיך צופיל געקלאָגט פאַר דיר — איך האָב מיר נישט געקאָנט העלפן, דו האָסט מיך פאַרוויינט, אַז עס טוט מיר וויי, שרייַ איך: „מאַמע", און עס האָט מיר וויי געטון.
איך בענק נאָך דיר און האָב דיך אַזוי ליב ווי נאָך קיין מאָל נישט ווען עס קאָן זייַן אַזוי. איך קוש דיך.

דייַן שלום

152

ניצע, מיטוואָך, ערב יום־טוב, 1952

ליבע, האַרציקע מאַדזשע און טייַערע רותקע־לעבן,
איך בין צוריקגעקומען קיין ניצע, ווייַל עס איז מיר נישט געלונגען צו קריגן אַ פּלאַץ צו פליִען קיין ישׂראל ווי איך האָב געוואָלט. עס איז מיר נישט אַנדערש געבליבן נאָר צו פאָרן מיט דער שיף דעם 18טן אַפּריל. עס האָט נישט געהאַט קיין זין צו בלייַבן אין רוים. איך האָב געזען דאָס וואָס איך האָב געוואָלט זען. דאָס עסן איז זייער שלעכט אין איטאַליע, אַלץ איז געמאַכט אויף אייל, און איך האָב מורא געהאַט אַז איך זאָל מיר נישט פאַרדאַרבן דעם מאָגן.
עס איז מיר געווען אַ גרויס פאַרגעניגן צו טרעפן נאָך בײַם לעבן מייַן אַלטן פרייַנד, ד"ר דאַנטי לאַטטעס [1], וועלכער האָט נאָך פאַר פופציק יאָר צוריק איבערגעזעצט מייַנע דערציילונגען אין איטאַליעניש. ער האָט אויך גע־שריבן זייער באַגייַסטערט וועגן מיר. ער האָט זיך מיט מיר זייער געפרייט און איז גליקלעך געווען צו זען מיך. איך האָב אים צוגעזאָגט צו שיקן מייַן בוך „משה".
די יידישע געטאָ מאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק. דער פאָרום ראָמאַנום זעט אויס ווי אַ בית־עולם. דער וואַטיקאַן איז עבודה־זרהדיק, נאָר די גריכישע סטאַטועס זענען דאָס ערלעכסטע וואָס רוים פאַרמאָגט. זיי האָבן די שענסטע ווענוס וואָס עקזיסטירט, און זי האָט אַ קערפּער וואָס איז כּמעט אַזוי פערפעקט, נאָבל און ערלעך ווי דייַנער. נאָר צו דיר קומט עס נישט, ווייַל דו ביזט דו, און זי איז נאָר ווענוס.
איך האָב דאָ געפונען אַ בריוו פון סוצקעווער [2], ער האָט זיך געריכט אויף מיר, און ער האָט שוין אַפילו באַשטעלט געהאַט אַ צימער פאַר מיר אין האָטעל. נאָר אפשר איז עס בעסער אַזוי.

איך וועל האַלטן פּסח אין אַ ייִדישן רעסטאָראַן, צוזאַמען מיט די פּרע־גערס [3], און אַלץ וועט זײַן „אָל־רײַט״.
איך בעט דיך און בעט דיך, דו זאָלסט דיך נישט זאָרגן וועגן מיר, נאָר וועגן דיר. איך גלייב, ווען דו וועסט פֿאַרלאָזן די טערקישע באָד וואָס איז מיאַמי־ביטש, וועסטו דיך באַלד בעסער פֿילן.
איך קוש דיך און ליב דיך יעדן טאָג שטאַרקער און שטאַרקער. אַז עס וועט אַזוי גיין ווײַטער, וועל איך פּלאַצן.

דײַן שלום

153

ניצע, 1952

טײַערע, איינציקע מאַדושע־לעבן,
זיי האָבן אויסגעזעצט די בייטן מיט נײַע בלומען. זיי הייסן, אויב איך לייג נאָר אויס גוט, Calecoleure. זיי האָבן די פֿאָרם פֿון בײַטעלעך, אָדער היטלעך, וואָס די פֿראַנצויזן טראָגן, אין די פֿאַרשידנסטע פֿאַרבן וואָס דו קאָנסט דיר נאָר פֿאָרשטעלן. דאָס ערלעבסטע געלע, פֿיאָלעט, העל־ליכטיק רויט ביז צום טונקלסטן בלוט־רויט. פֿיל האָבן שפּרינקלעך — דאָס איז די ערלעבסטע סימפֿאָניע פֿון קאָלירן וואָס מען קאָן זיך נאָר פֿאָרשטעלן, געזאַמלט אין איין בייט. איך האָב זיי קיין מאָל נישט געזען, און בין געווען גליקלעך הײַנט זיי צו זען. הײַנט איז גראָד דער „גוטער פֿרײַטיק״, דער טאָג פֿון יעזוס טויט, און דער טאָג איז שטענדיק בײַ מיר אַ האַלבער יום־כּיפּור, איך בין זייער טרויעריק אין דעם טאָג.
איך בין אויף אַ מינוט אַרײַנגעגאַנגען דאָ אין דער הויפּט־קירכע, זיי האָבן דעם צלם אויסגעלייגט אויף דער ערד — אַזוי ווי אַ טויטן — מיט אַ ליכט צוקאָפּנס. עס מאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַ ייִדישער לוויה, זיי קאָנען דאָס אַרויסרופֿן עפֿעקטן און עמאָציעס, און זיי האָבן מיך שווער אַליין מיטגע־כאַפּט. נאָר די פּראָטעסטאַנטישע קירכע, אין וועלכער איך בין שפּעטער אַרײַן אויף אַ מינוט, האָט מיך אויסגעהיילט, טרוקן, טרויעריק ווי אַ פֿיש.
דערפֿאַר איז געווען זייער פֿריילעך פּסח צום סדר — אין אַ ייִדישן רעס־טאָראַן, ווו איך האָב געגעסן מיט די פּרעגערס [1]. ייִדן פֿון אַלע לענדער האָבן אָנגעפֿילט דעם רעסטאָראַן, ביז דערשטיקט צו ווערן. אַלע זענען זיי

געקומען דאַנקען גאָט פאַר דער באַפרײַאונג פון מצרים דורך גוט זיך אָנעסן — זייער ייִדישלעך.
דאָס עסן איז טאַקע געווען אַ מחייה, וווּנדערבאַר גוט. נאָר די ייִדן, די ווײַבער — דו קאָנסט דיר נישט פאָרשטעלן. מען האָט געכאַפּט, מען האָט זיך געשטופּט, מען האָט געליאַרעמט, מען האָט זיך געאײַלט מיט דער הגדה — און מען האָט געפּאָדערט וואָס מער. עס איז מיר נישט גוט געוואָרן. דאָך האָב איך אויסגעהאַלטן, אַפילו אַ וויכּוח וועגן אַמעריקע און קאָמוניזם. וואָס רײַכער אַ בריליאַנטן־סוחר איז, וואָס מער פּערל דאָס ווײַב טראָגט און בריליאַנטן, אַלץ גרעסערע קאָמוניסטן זענען זיי. זיי האָבן פאַר מיר באַשולדיקט אַמעריקע, פאַר וואָס אַמעריקע האָט געשיקט גאַז און אָנגעשטעקט די כינעזער מיט מאַלאַריע און סם. איך האָב שיִער איינעם נישט געגעבן אַ פּאַטש אין פּנים, נאָר איך האָב זיך אײַנגעהאַלטן און אַנטלאָפן שנעל ווי איך האָב נאָר געקאָנט. און מער קום איך נישט אַרײַן דאָרט.
הכּלל, עס איז נישט גוט מיט אונדזערע ימים־טובים. די ייִדן פּראַווען עס נאָר דורך עסן און די גויִים דינען צו דער עבודה זרה.
און שלום אַש וויל איבערמאַכן אַ וועלט, און אַליין ריכט ער זיך אַ שוואַרץ יאָר אויס. די איינציקע נחמה, וואָס ער האָט אַ ווײַב וועלכע ער ליבט, און זי טרייסט אים פון דערווײַטנס.

דײַן מאַן שלום

154

ניצע, 1952

טײַערע מאַדזשע־לעבן,

זעט זיך אויס, עס איז מיר נישט באַשערט צו פאָרן קיין ישׂראל דאָס מאָל. איך קאָן פּשוט נישט אונטערנעמען די רײַזע, נישט פיזיש, נישט מאָראַליש. גאָט ווייס אַז איך האָב אַלץ געטאָן וואָס איז נאָר מעגלעך געווען צו קומען קיין ישׂראל אויף פּסח. איך האָב אַזויפיל געטראַכט און געהאָפט דערויף — האָבן זיי מיר געשטערט. איצט בין איך אויפגערעגט און קראַנק, איך קאָן נישט שלאָפן גאַנצע נעכט, איך פיל זיך איינזאַם און פאַרלאָזט. איך האָב מורא אַז בײַ דעם צושטאַנד וועל איך זיך מיט אַלע צעקריגן אין ישׂראל, אָדער איך וועל דאָרט זייער ערנסט קראַנק ווערן.
דערצו האָט אויך מיטגעהאָלפן דאָס געשפּרעך וואָס איך האָב געהאַט אין

פּאַריז, אין רוים, און אויך דאָ אין ניצע מיט ישׂראלדיקע „אַפּישעלס״.
דער קאָנסול פון פּאַריז און אַנדערע, וועלכע זענען געקומען אויף פּסח
קיין ניצע, שטייען אין די בעסטע האָטעלן, זיי זענען משוגע. נאָך זיי קומט
אויס, אַז אַלע, אַלע ייִדן אויסער ישׂראל, זענען „דיספּלעיסד פּערסנס״,
אַזוי אויך די אַמעריקאַנער ייִדן.
איך זאָג דיר, איך בין צו אַלט, אָדער איך בין אומפעיִק זיי צו פאַרשטיין.
דו זעסט פאַר דיר אמתע גויִים, וועלכע האָבן קיין שײַכות נישט צו אַלעם
וואָס איז אונדז טײַער און הייליק געווען אין ייִדנטום. זיי האַלטן זיך, די
נײַע הערן, איבער אונדז, זיי זאָגן מיר אַז מיר אַלע אין אַמעריקע וועלן
מוזן עמיגרירן קיין ישׂראל. ווען נישט מיר, זענען עס אונדזערע קינדער.
איך קאָן דאָס נישט איבערטראָגן.
דאָן אַזוי ווי דו ווייסט, האָט די ישׂראל־רעגירונג געמאַכט אַ פאַרבינדונג
מיט דער „מזרחי״ און זיי טוען אַלץ, וואָס די פרומע פּאָליטיקער פאַרלאַנ־
גען פון זיי. און די מזרחיסטן פאַרלאַנגען פון זיי אַז זיי זאָלן מיך אַזוי
באַהאַנדלען ווי זיי האָבן מיך באַהאַנדלט. און איך ווייס, אַז אין ישׂראל
וועט דאָס זעלבע זײַן, זיי וועלן מיך קריטיקירן און איזאָלירן. איך קאָן דאָס
איצט נישט אויסהאַלטן.
איך האָב הײַנט אָנגעקלונגען רעג [1] און האָב גערעדט מיט אים און מיט
מרים. איך האָב געהאַט טרערן אין די אויגן און אין מײַן האַלדז, איך האָב
נישט געקאָנט רעדן פון אויפרעגונג. צום ערשטן מאָל, זײַט איך האָב דיך
פאַרלאָזט, האָב איך געפילט, אַז איך בין אין דער היים, אַז איך האָב אַ
משפּחה, און אַז איך בין נישט היימלאָז און אַ "Displaced person", ווי די
ארץ־ישׂראל־אַפּישעלס האַלטן אונדז.
איך גלייב, אַז איך פאָר אָפּ קיין לאָנדאָן, איך וועל שטיין מיט מרים, און
וועל וואַרטן אין לאָנדאָן אויף דײַן קומען.
בלײַב מיר געזונט. איך קוק אויס נאָך דיר ווי נאָך מײַן אויג אין קאָפּ.

דײַן שלום

155

פּאַריז, 1952

טײַערע, איינציקע, געליבטסטע,
איך ווייס ווי שווער עס איז דיר אָן מיר, אַזוי ווי עס איז מיר אָן דיר. איך
וואָלט דיר געוועזן געשריבן יעדן טאָג. אין אמתן שרײַב איך דיר יעדע שעה,
ווײַל יעדע מינוט ביסטו מיט מיר. איך לעב נישט איבער קיין זאַך אָן דיר.

נאָר עס איז מיר פיזיש אוממעגלעך צו שרײַבן. די לעצטע פּאָר טעג איז דאָ געווען נישט איבערצוטראָגן, 93 גראַד אין שאָטן.
דו זאָלסט נישט זאָרגן וועגן מיר, ווען איך שרײַב דיר נישט. דאָס איז נאָר דערפֿאַר, ווײַל איך בין מיט דיר אַזוי פֿאַרנומען, איך קלער און בענק נאָך דיר אַזוי פֿיל, אַז איך האָב נישט קיין צײַט דיר צו שרײַבן. איינס ווייס איך: איך פֿאָר נישט מער אַליין, אָן דיר. אַזוי לאַנג ווי עס איז מיר באַשערט צו זײַן מיט דיר, וויל איך זײַן צוזאַמען. דאָס איז די סיבה וואָס איך פֿאָר נישט קיין ישׂראל, כאָטש אַלע, און איבערהויפּט די יוגנט פֿון ארץ־ישׂראל, רעדן מיך אָן צו פֿאָרן. איך בין אויך געוואָר געוואָרן אַז איך האָב פֿיל אָנהענגערס אין ארץ־ישׂראל, און דווקא בײַ דער יוגנט, וועלכע לייענט מײַנע ביכער. נאָר איך זאָג זיי, אַז איך האָב דיר צוגעזאָגט, אַז איך פֿאָר נישט קיין ישׂראל אָן דיר — און וואַרט טאַקע אויף דיר.
רות [1] איז פֿאָר מיר אַ גרויסע הילף. איך גיי מיט איר אין די מוזעאומס און יעדן אָוונט אין קאַפֿע DU DOME. עס רינגלען מיך אַרום די יוגנט פֿון ארץ־ישׂראל, מאָלערס, שרײַבערס, און די רעשטן פֿון די אַלטע, גוטע פֿרײַנד. הײַנט אָוונט גיי איך מיט רותן אין דער אָפּערע צו זען „לאַ באָהעם".
געהערט נעכטן אַז „אליהו הנביא" ד״ר לונץ [2] לעבט און זוכט מיך אַרום. רות האָט באַקומען זײַן אַדרעס און ער קומט הײַנט צו אונדז.
אויך האָב איך נעכטן דאָ געטראָפֿן דעם דירעקטאָר [3] פֿון דער בצלאל־שול אין ירושלים, אויך דעם מאָלער וואַרשאַווסקי [4]. איך האָב זיי פֿאַרבעטן אויף לאַנטש.
מיט די היגע פּאַליטיקער וויל איך זיך נישט זען, כאָטש מען זוכט מיך אַרום. איך וועל זען בלויז יאַרבלומען [5], וועלכער האָט מיר אָנטעלעפֿאָנירט.
שאַגאַלן [6] האָב איך טעלעפֿאָנירט. עס איז פֿאַר מיר צו ווײַט אַרויסצופֿאָרן צו אים, האָב עס אָפּגעלייגט אויף מײַן רײַזע צוריקוועגס.
פֿון פּאַריז, פֿון די קינסטלערס, פֿון די ייִדישע שרײַבערס, און איבערהויפּט פֿון די רעשטן פֿון ייִדן, וואָס זענען איבערגעבליבן, איז זייער פֿיל צו שרײַבן, און מען קאָן דאָס נישט מיט איין מאָל אַרויסזאָגן — דאָס מוז איך איבערלאָזן, ווען איך וועל אַהיימקומען און וועל דיר אַלצדינג דערציילן.
נאָר איין זאַך ווייס איך: עס איז נישטאָ פֿאַר די ייִדן פֿון אייראָפּע קיין אַנדער אויסוועג און הילף נאָר ארץ־ישׂראל. די בעסטע האָט מען אויסגעהרגעט און די מייניסטע וועלכע זענען לעבן געבליבן — אָדער זיי זענען זייער קראַנק פיזיש, אָדער גײַסטיק. זיי זענען ווי חיות, וועלכע האָבן אַדורכגעקעמפּט מיט אַנדערע חיות, און זענען אַרויסגעקומען פֿון שוואַרצן וואַלד צעקאַלעטשעטע, צעביסענע, מיט שאַרפֿע נעגל, צו טון אַלצדינג אַבי נאָר צו עקזיסטירן. און ווער קאָן זיי באַשולדיקן? יאָ, מען קאָן עס

פּאַרשטיין, אַפילו באַרעכטיקן. אָבער סימפּאַטיש זענען זיי נישט, און זיי זענען נישט פעיִק צו מאַכן פרײַנד פאַר ייִדן. זיי האָבן פײַנט די גויִים, מיט רעכט, און די גויִים האָבן זיי פײַנט. דער אַנטיסעמיטיזם וואַקסט שרעקלעך. ווען ארץ־ישׂראל וועט זיי נישט צונעמען, ווייס איך נישט וווּ זיי וועלן זיך אַהינטון. איך זע, אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועט מער קיין ייִד נישט זײַן אין אייראָפּע.

אָבער אפשר וועט גאָט העלפן און דער נײַער דור, וואָס דערציט זיך אין אַ נײַער סביבה, וועט אַרויסוואַקסן פון דעם שוואַרצן וואַלד, פון וועלכן זיי קומען אַרויס.

איך האָב געפונען אין פראַנקרײַך אַ גרויסע צאָל אַנהענגער, מײַנע לעצטע ביכער האָבן מיר פאַרשאַפן אַ גרויסע רעפּוטאַציע אין די אינטעליגענטע קרײַזן.

דאָס בוך „דער תּהילים־ייִד" איז ווי אַ לעגענדע דאָ. עס ווערט געלערנט אין די סעמינאַרן. מען זוכט עס אַרום. עס איז נישטאָ קיין איין עקזעמפּלאַר. איך וויל זען דאָס בוך זאָל נאָך אַ מאָל אַרויסגיין. מיר האָבן אין דער היים איין איינציקן עקזעמפּלאַר. אפשר וועל איך דאָ געפינען אַ בוך. אַז נישט — וועסטו מיר מוזן שיקן פון דער היים.

דערווײַל זײַ מיר געזונט און איך בעט דיך, זאָרג דיך נישט, זע זאָלסט זײַן געזונט און שטאַרק, איך באַדאַרף דיך האָבן. איך קאָן נישט און וויל נישט לעבן אָן דיר. אַזוי פאַרגעס אין אַלעם און זאָרג זיך נישט וועגן — — — זאָל דער — — — צעשטערן די פּלאַנצן, מיר זענען דערפאַר אַסעקורירט. אַז איך וועל אַהיימקומען, וועל איך דיר לאָזן מאַכן דעם שענסטן גאָרטן און דו וועסט קאָנען האַלטן אַ גערטנער יעדן טאָג. מיר וועלן עסן נאָר בלומען (איך — בלויז רויזן), געקאָכטע, געפּרעגלטע, געבראָטענע — און מער דאַרף מען דאָך נישט.

דײַן מיטן גאַנצן האַרצן
שלום

נעכטן איז אָנגעקומען מיט לופט־פּאָסט דאָס בוך „מערי". ערלעך אַרויסגעגעבן. רות האָט זיך געכאַפּט דערצו און געשלונגען. לײדער האָב איך עס געמוזט אָפּגעבן דעם דײַטשן פאַרלעגער וועלכער האָט עס גענומען מיט זיך. ער גייט עס באַלד אַרויסגעבן אין דײַטש און מאַכט די ערשטע אויפלאַגע 10,000 עקזעמפּלאַרן. מײַנע ביכער הייבן אָן צו גיין אין דײַטשלאַנד, און דער פאַרלעגער זאָגט, אַז זיי זענען אַ גרויסע מאָראַלישע דערציִונג פאַר די דײַטשן.

אַגב, וואָלט איך דיך געראָטן אַז דו זאָלסט דיך נעמען צו לייענען. דו ביזט נאָענט פון דער ביבליאָטעק. נעם אַהיים אַ פּאָר ביכער און פאַרברענג

דײַנע אָוונטן מיט לייענען ביכער ווען עס איז דיר לאַנגווײַליק, אָדער הער מוזיק, אָדער לערן דיך גאָר טאַנצן. דו וועסט עס געברויכן, ווען איך וועל אַהיימקומען.

156

רוים

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
אַזוי ווי דו זעסט בין איך אין רוים. איך בין געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט פון ניצע. די רײַזע איז נישט געווען די בעסטע, איך מוז זייער, זייער פאָרזיכ־טיק זײַן דערמיט וואָס איך עס, די קלענסטע זאַך פאַרשאַדט מיר.
געזען הײַנט די אַנטיק־קונסט. באַגײַסטערט ווי תּמיד, מער געלערנט. גע־גאַנגען זען די ישׂראלדיקע פּלי־געזעלשאַפט, זיי האָבן זיך אַלע געפרייט מיט מיר, לויטער יונגעלײַט פון פּוילן, מײַנע לייענער פון קינדהייט אָן.
אַלע ווי איינער האָבן מיך אָנגעהויבן אָפּצורעדן אַז איך זאָל נישט פליִען.
איך זאָל וואַרטן ביז נאָך פּסח.
דו קאָנסט דיר נישט פאָרשטעלן וואָס פאַר אַן עקסאָדוס עס גייט אָן קיין ישׂראל. אַלע פליִען, אַלע האָבן שוין פאַר וואָכן און חדשים אָנגעגרייט ווינונגען. איך ווייס נישט וואָס איך זאָל טון. איך האָב דאָ געטראָפן אַ מאַן פון פּוילן, וועלכער איז דער דירעקטאָר פון דער פּלי־געזעלשאַפט, ער האָט מיך אָפּגערעדט צו פליִען איצט, נאָר איך זאָל דורכויס וואַרטן ביז נאָך פּסח. מילא, וואָס קאָן מען טון?
איך וועל נאָר דאָ זײַן אַ פּאָר טעג. פון דאַנען וועל איך פאָרן נאָך פלאָ־רענץ און וועל זען צוריק צו קומען קיין ניצע. אַרום דעם 15טן, 16טן. און אפשר וועל איך פריִער פאָרן קיין ניצע, ווײַל דאָ איז קאַלט און וואָס איך עס אין איטאַליע פאַרשאַדט מיר, אַפילו דער „טוויסט״ זייערער איז גע־מאַכט אויף אייל.
אַ גוטע נאַכט, איך בין זייער מיד.

איך ליב דיך
דײַן שלום

157

אין מאַרסיי אויף דער שיף „קדמה", 1952

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
נאָר וואָס זיך אויפגעזעצט אויף דער שיף און דאָס ערשטע מיטאָג געגעסן — לאָקשן מיט יויך און הון און קאָמפּאָט. די אַנדערע האָבן געגעסן אַ געמיזע־זופּ און גולאַש. איך האָב זיי מקנא געווען. פאַרזוכט אַ שטיקל גאַלאַרעט, אַ מחייה.
איך בין אָנגעקומען זעקס אין דער פרי קיין מאַרסיי, מען האָט מיך אָפּגעװאַרט און אויפגענומען ווי אַ קייסער.
די שיף איז ייִדיש ווי אַ ייִדישע שול. אַ ייִד מיט אַ ברייטער, ברוינער באָרד ווי אַ רב, טראָגט אַ היטל פון אַ קאַפּיטאַן מיט שטערנדלעך. עס איז משיחס צײַטן. די קעלנער רעדן אַלע העברעיִש, די שפּראַך איז דײַטש, און אַלע רעדן ייִדיש.
פאַרלויפּיק פיל איך זיך ווי אין דער היים. פאַרשטייט זיך, איך בין דאָ די סענסאַציע. אַלע קומען מיך אָנקוקן, און אַלע קומען מיר אָפּגעבן שלום־עליכם, ווי אַ רבי — הכלל, עס איז גוט.
איך קוש דיך, איך בענק דיך צו זען באַלד.

דײַן שלום

158

ישׂראל, 1952

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
נעכטן דינסטיק אַרום פיר נאָכמיטאָג איז אונדזער שיף אַרײַנגעפאָרן אין חיפהער האַפן. פון דער ווײַטנס האָט זיך געזען דער כּרמל — ווי אויף דער האַנט. איך בין געשטאַנען אויף דער בריק נעבן קאַפּיטאַן און בין געווען זייער טרויעריק איבער פאַרשיידענע זאַכן. מיט אַ מאָל דערהער איך אַ געזאַנג, איך קוק אַרונטער אין ים־אַרײַן און איך זע אַ שיף מיט קינדערלעך, אָנגעפּירט פון לערערס, פאָרט אַנטקעגן אונדזער שיף, און זיי זינגען און רופן אויס אַ נאָמען. איך האָב נישט פאַרשטאַנען וועמען זיי רופן. פּלוצעם קומט צו צו מיר דער קאַפּיטאַן און ווײַזט מיר אָן, אַז די קינדער

רופן מיך און ער בעט מיך, איך זאָל זיי ענטפערן. איך בין צוגעגאַנגען צום ראַנד, און ווען די קינדערלעך האָבן מיך דערזען, איז געוואָרן אַ געשריי און אַ גערוף: **שלום אַש! שלום אַש! ברוך הבא שלום אַש!** זיי האָבן געזונגען אַ געזאַנג ספּעציעל פֿאַרפֿאַסט פֿאַר מיר.

בײַ דער שיף האָט מיך אָפּגעוואַרט סוצקעווער [1] (אַ זייער, זייער סימפּאַטישער מענטש), אַ פֿאָרשטייער פֿון דער הסתדרות און הונדערטער, הונדערטער מענטשן. מען האָט מיר געגעבן אַ גרויסן קבלת־פּנים. באַהאַנדלט מיך ווי אַ גענעראַל. דאָס מיליטער און באַאַמטע האָבן מיר אַלע סאַלוטירט.

מען האָט שנעל אָפּגעפּאַרטיקט די פֿאָרמאַליטעטן און אַוועקגעפֿירט מיך אויפֿן כרמל, אין פּענסיאָנאַט וואַרטהיים. דאָרט האָט געוואַרט אויף מיר שפּרינצאַק [2], דער וויצע־פּרעזידענט פֿון ישׂראל (ווייצמאַן [3] איז זייער קראַנק).

עס זעט זיך אויס, אַז זיי וועלן מיט מיר האָבן אַ געשפּרער, זיי ווילן, אַז איך זאָל נישט מאַכן קיין דערקלערונגען. איך בין געקומען אַלס קינסטלער און דאָס איז אַלץ. די הסתדרות וועט מיך אַרומפֿירן איבערן לאַנד און אַלץ מיר ווײַזן.

הײַנט פֿרי האָט מיך אָפּגערופֿן דאָס אויסערן־מיניסטעריום, מיך צו באַגריסן און פֿאַרבעטן קיין תּל־אביב. אַזוי ווי דו זעסט — איך בין נישט פֿאַרפֿאַלן. דאָס איבעריקע וועל איך שרײַבן שפּעטער. דערווײַל קוש איך דיך, רותקען [4] און איר קינד.

דײַן שלום

159

תּל־אביב, מאַי 1952

נעכטן האָב איך באַקומען דײַן טעלעגראַמע אַז דו ביזט אָנגעקומען קיין לאָנדאָן. איך בין גליקלעך צו וויסן אַז דו ביזט שוין נענטער צו מיר.

הײַנט איז דאָ געווען דער גרעסטער מיליטערישער פּאַראַד וואָס איך האָב געזען אין מײַן לעבן. דו קאָנסט דיר עס גאָרנישט פֿאָרשטעלן, די דיסציפּלין, דאָס מאַרשירן, די פֿאַרשיידענע כּלי־זין, די טאַנקען — עס וואָלט זיך געפּאַסט פֿאַר אַ מדינה פֿון 50 מיליאָן. פֿון וואַנען זיי קאָנען דאָס אויס־

האַלטן, ווייס איך נישט. דאָס קאָן מען נישט באַשרײַבן. ווען איך וועל אַהיימקומען, וועל איך דיר שוין אַלץ דערציילן.
די אויפנאַמע דאָ פאַר מיר איז אַ געמישטע. די שרײַבערס האַלטן זיך פון דער ווײַטנס, נאָר די לערערס און די ייִדן פון דער גאַס — דאָס קאָנסטו דיר גאָרנישט פאָרשטעלן. זיי רינגלען מיך אַרום ווו איך גיי און שטיי.
עס געפינען זיך דאָ ייִדן פון דער גאַנצער וועלט, און אַלע האָבן געלייענט מײַנע ביכער און זיי לויבן מיך.

נעכטן איז געווען אַן אויפנאַמע פאַר מיר פון די קיטנער לאַנדסלײַט, די גאַס איז געווען שוואַרץ פון מענטשן. איך האָב גערעדט און אַלע זענען געווען גערירט, נאָר די ישׂראל־צײַטונגען טרעטן אַרויס קעגן מיר.
די רעגירונג באַציט זיך צו מיר זייער פרײַנדלעך און די הסתדרות פירט מיך אַרום איבערן לאַנד. איך בין געווען בײַ ווייצמאַן [1]. הײַנט געזעסן אויף דער פלאַטפאָרמע מיט אַלע גענעראַלן און דיפּלאָמאַטן, שבת וועל איך זען בן־גוריון [2] אין ירושלים.

איך האָב דאָ געפונען 300 פונט פאַר ביכער וואָרטן אויף מיר, איך וועל דאָס געלט איבערלאָזן פאַר שרײַבערס.

אַלע ווילן אַרויסגעבן „משה" און אויך אַנדערע ביכער. מאָרגן דעם ערשטן מאַי פאָר איך קיין ירושלים, דערווײַל האָב איך אַ בילעט צו פליִען פון דאַנען קיין אַמסטערדאַם.
איך קוש דיך און חלש דיך צו זען.

דײַן שלום

160

ירושלים, 1952

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
איך זיץ אויף דער וועראַנדע פון „מלך דוד" און קוק אַריבער, ווי משה, אויף ארץ־ישׂראל, צו דער מויער אַרום אַלט־ירושלים, און אַריבערקומען קאָן מען נישט. עס איז אַ בראָך אין האַרץ. אין דעם נײַעם ירושלים איז גאָרנישט דאָ, וואָס בינדט אונדז מיט ארץ־ישׂראל, אַ חוץ דער רויש, דאָס גערודער. די נײַע אינסטיטוציעס זענען נאָך נישט גענוג אײַנגעבאַקן אין

האַרצן, אָבער דאָס לאַנד איז האַרציק, ערלעך און הייליק, שיין ווי תּמיד.
נעכטן בין איך געווען אין די בערג פון יהודה, ביים וואַלד פון די קדושים, ערלעך.
פּאַרלויפיק האַלט איך זיך גוט, איך געדענק דיינע ווערטער וואָס דו האָסט מיר געזאָגט פאַרן אָפּפאָרן: „זיי גוט צו ייִדן״ !... יאָ, איך בין גוט.
איך ווייס נאָך נישט ווען איך פלי צוריק, איך וועל דיר טעלעגראַפירן.
אין „מלך דוד״־האָטעל רו איך זיך אָפּ פון דעם גערויש פון תּל־אביב, פיל זיך בעסער און היט זיך מיטן עסן.
זיי מוחל וואָס איך שרייב אַזוי ווייניק.
זיי מיר האַרציק געקושט, קוש מיינע קינדער.

דיין שלום

161

פאַרווערטס, שיקאַגאָ, 1952

מיין איינציקע מאַדזשע־לעבן,
נעכטן נאָכן רעדן מיט דיר האָב איך זיך געפילט גליקלעך. איך האָב זיך פאַרגעסן אַז איך רעד מיט ניו־יאָרק פון שיקאַגאָ און האָב אַריינגערעדט אַכט מינוט, עס האָט געקאָסט אַ פאַרמעגנס. אָבער עס איז ווערט געווען יעדעס געלט אַז איך האָב דיין שטים געהערט און אַז איך האָב זיך געפילט אַזוי נאָענט מיט דיר...
אַלזאָ, מאַדזשע, איך וועל דיר געבן אורלויב פון מיר אַ פּאָר שיינע וואָכן, פון פינף ביז זעקס. דאָס נעם איך אויף מיר אַ שטראָף דערפאַר, ווייל איך בין אַזוי שלעכט געווען צו דיר, איידער איך בין אַוועקגעפאָרן. אַז איך בין פון דער ווייטנס פון דיר, לייטער איך זיך אויס, און איך ווער מער ווערט דיך צו האָבן...
די בויעס אין שיקאַגאָ האָבן אַראַנזשירט פאַר מיר אַ טור איבערן לאַנד, זיי זאָגן אַז עס איז זייער וויכטיק פאַר די ייִדישע מאַסן אַז איך זאָל איצט מאַכן אַ טור. עס הערשט צווישן די ייִדישע מאַסן אַ גרויסע פאַרצווייפלונג און אַ נידערגעשלאָגנקייט נאָך די אַלע אומגליקן וואָס האָבן זיך געטראָפן מיט ייִדן — פונקט אַזוי ווי עס הערשט ביי אונדז, און ווי מיר ביידע האָבן זיך געפילט די לעצטע צייט. מיט מיין קומען און מיט מיין רעדן צו זיי ווירק איך אויף זיי דערפרישנדיק און גיב זיי מער מוט, גלויבן און אַן אידעאַל אין לעבן.

אין שיקאַגאָ האָב איך טאַקע געמאַכט זייער אַ שטאַרקן איינדרוק מיט מײַן רעדע. איך ווייס נישט — לעצטנס אַז איך וויל דווקא נישט רעדן, רעד איך זייער גוט. אַלזאָ, זיי האָבן אַראַנזשירט אַ גרויסן טור. איך פֿאָר פֿון דאַנען אָפּ הײַנט, פֿרײַטיק, קיין לאָס־אַנדזשעלעס. דאָרט און אין סאַן פֿראַנציסקאָ וועל איך זײַן פֿון צען ביז צוועלף טעג, דערנאָך וועל איך צוריקפֿאָרן און וועל זיך אָפּשטעלן אין אַ צען שטעט. איך האָף אַז די רײַזע וועט מיך בעסער באַקענען מיטן יידישן לעבן אויף דער פּראָווינץ. שיקאַגאָ אַליין האָט מיר שוין געגעבן פֿיל, די מאַסן באַגײַסטערן מיך און גיבן מיר מער גלויבן און מוט. און אַגב לערן איך בעסער דאָס לעבן און קום אין באַ־רירונג מיט מענטשן פֿון אונדזערע מאַסן. אין ניו־יאָרק האָב איך נישט דעם קאָנטאַקט מיט זיי.

אַז איך זאָל האָבן אַ רויִקן קאָפּ און אַ רויִק געמיט, מוז איך זיכער זײַן, אַז דו פֿילסט זיך גוט. אַלזאָ, מאַדזשע, זע אַוועקצופֿאָרן פֿון דער היים אויף אַ צוויי וואָכן. איך האַלט אַז דו זאָלסט פֿאָרן נאָך אַטלאַנטיק־סיטי, דו האָסט דאָך אַזוי ליב דעם ים.

דײַן שלום

162

ניו־יאָרק, 1952

מײַן טײַערע מאַדזשע־לעבן,

הײַנט איז דאָנערשטיק, אין דרויסן איז אַ קאַלטער מאָרגן. נעכטן אָוונט געגעסן צוזאַמען מיט די קינדער. משה [1] האָט באַצאָלט 23 דאָלאַר, אַ מיטאָג פֿאַר פֿיר.

נעכטן געזען פֿיל מענטשן, הײַנט נאָך מער. דײַן ברודער און זײַן ווײַב קומען הײַנט צו מיר.

עס איז צו פֿרי צו שרײַבן ווי אַזוי איך וועל דעפּאָזירן מיט די זאַכן, איך וועל זיך צוהערן צו דיר, איך וועל די זאַמלונג נישט פֿאַרקויפֿן.

זונטיק פֿלי איך קיין מיאַמי. גערעדט מיט מיסיס דאַברין [2] טעלעפֿאָניש. איך וועל וווינען אין דער היים, זי וועט צונעמען פֿאַר מיר אַ דינסט. פֿון מיאַמי וועל איך זען וואָס איך האָב צו טון.

דאָס בוך געפֿעלט זייער, זייער, איבערהויפּט רבנים און גלאַט יידן. מען הייבט אָן צו פּרעדיקן איבער דעם בוך אין אַ סך שולן. דער פֿאַרקויף איז

דערוויַיל לאַנגזאַם, נאָר מינטאָן [3] רעכנט געוויס אויף 100,000 עקזעמ־פּלאַרן. דאָס וועט נעמען צײַט, אָבער מיר מאַכט דאָס נישט אויס, אַבי גאָט צו דאַנקען, דאָס בוך נעמט אויס.

די פּאָר שמאַטעס וואָס איך האָב געקויפט אויף דער שיף, די זאַכן וואָס דו האָסט מיר מיטגעגעבן, מאַכן אַ גרויסן רושם. גוט געטון.

מיט פּערלמאַן [4] אַדורכגעקומען אויף זייער אַ פֿײַנעם אופן. איך צאָל אים הונדערט דאָלאַר אַ חודש, ער איז זייער צופרידן.

איך וועל דיר שרײַבן, ווען איך וועל נאָר אַ ביסל קומען צו זיך און וועל וויסן ווו איך האַלט. דערוויַיל האָב געדולד, גיב אַכטונג אויף זיך, זײַ פּאָר־זיכטיק מיט אויטאָמאָבילן. ווען איך וועל נאָר וויסן אַז דו פילסט דיך גוט, וועל איך האָבן מער כּוחות אײַנצואָרדענען די זאַכן.

7 אַ זייגער

איך בעט דיך, זאָרג נישט וועגן מיר, גיב אַכטונג אויף דיר, דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס איך פֿאַרלאַנג פון דיר און דו קאָנסט מיר העלפן.

דײַן שלום

וואָס האָט דיך ליב, גלייב מיר!

דאָס איז דאָס איינציקע וואָס איך ווייס.

שפּעטער:

נעכטן געזען די ארץ־ישׂראל־אויסשטעלונג, זייער אינטערעסאַנט. אַלע ווייסן פון אונדזער זאַמלונג און ווילן דורכויס אַז איך זאָל זי געבן קיין ישׂראל. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך באַדאַרף די זאַמלונג פאַר מיר און אַזוי אויך פאַר מײַן ווײַב.

דער גלעזערנער שופר וואָס איך האָב זאָל זײַן גאָר אַ גרויסע און וויכטיקע זאַך.

אין פיל יִדיש־אַמעריקאַנישע צײַטונגען ווי אויך אין יִדישע האָט מען מײַן בוך זייער געריִמט.

דער רב, וואָס האָט איבערגעזעצט ליבערמאַנס בוך קעגן מיר, שלאָגט זיך אין האַרצן, ער זאָגט עפנטלעך, אַז ליבערמאַן [5] האָט אים אָפּגענאַרט און געדרוקט דאָס בוך אָן זײַן וויסן, און ער האָט חרטה וואָס ער האָט געטון.

מיאַמי־ביטש, 1953

ליבע מאַדזשע,

הײַנט איז צום ערשטן מאָל די זון אַרויסגעקומען אין מיאַמי. נעכטן אָוונט, נאָך דעם ווי איך האָב געשריבן דעם בריוו, האָב איך אײַנגענומען אַ שלאָף־פּיל, געוואָלט איבערשלאָפן די נאַכט. איך בין געוואָרן לעבעדיק, אַזוי ווי איך וואָלט אויסגעטרונקען אַ קוואָרט שוואַרצע קאַווע. איך האָב נישט צוגעטון קיין אויג. הײַנט בין איך אַ טויטער מענטש. איך ווייס נישט וואָס איך רעד און וואָס עס טוט זיך מיט מיר. איך בין געקומען צו דער פעסטער איבערצײַגונג, אַז דײַן גאַנצע קרענק באַשטייט אין דעם וואָס דו ביזט פאַרסמט געוואָרן פון די שלאָף־פּילן. די דאָקטוירים ווילן פּטור ווערן, מאַכן זיך גרינג, איבערהויפּט די וועלכע זענען פאַרנומען, הייסן זיי זייערע פּאַציענטן נעמען שלאָף־געטראַנקען. דער ערשטער וועלכער האָט דיך פאַרסמט איז ד״ר רעזניק [1] אין סטעמפאָרד, און איצט טוט עס ד״ר פרײַד־מאַן [2].

דו ביזט נישט קראַנק, עס פעלט דיר גאָרנישט, נאָר דו ווערסט ביסלעכ־ווײַז פאַרסמט פון שלאָף־געטראַנקען.

איך האָב געזען מײַן שוועסטער אסתּר [3] ווען זי איז געווען אין האָספּיטאַל און בין געווען איבערצײַגט, אַז זי וועט קיין מאָל פון דאָרט נישט אַרויס־קומען. זי האָט אויסגעקוקט ווי זי גייט שטאַרבן, און איך האָב זיך געזעגנט מיט איר. דו זאָלסט זי איצט אָנקוקן! זי איז מיט 25 יאָר יִינגער, זי איז קרעפטיק, דיק און שטאַרק. און דאָס האָט זי צו פאַרדאַנקען איר זון. נאָך דער אָפּעראַציע האָט זי זייער געליטן. ער האָט איר באַיין־אופן נישט גע־לאָזט נעמען קיין שלאָף־מיטל. גלײַכער נישט צו שלאָפן פיר וואָכן, ווי איין נאַכט צו נעמען אַ שלאָף־מיטל — האָט ער איר געזאָגט.

איך בעט דיך, פּרוּוו אויס, מאַך אָפּ בײַ דיר, דו וועסט נישט שלאָפן צוויי וואָכן און דו וועסט נישט נעמען קיין שלאָף־מיטל. איך בעט דיך, טו עס פאַר מיר. דו וועסט זען, דו וועסט ווערן אַן אַנדער מענטש. איך בעט דיך, טו דאָס און זאָג ד״ר פרידמאַן, אַז איך פאַרווער אים דיר צו פאַרשרײַבן שלאָף־מיטלען, איבערהויפּט אין פראַנקרײַך. איך וועל אים מאַכן פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר דײַן קרענק.

די גאַנצע צײַט וואָס איך בין אין מיאַמי, מיט אַלע זאָרגן און צרות, ווען איך האָב נישט גענומען קיין שלאָף־מיטל, בין איך געשלאָפן מיט איבער־רײַסעניש פיר־פינף שעה אַ נאַכט און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט צו־

מאַרגנס פריש. הײַנט איז מײַן קאָפּ געשוואָלן, מײַן מאָגן פאַרשטאָפּט און איך פיל זיך ווי דו נאָך אַ שלאָף־מיטל. איך בעט דיך, נעם נישט קיין שלאָף־מיטל.
איך קוש דיך און קלער פון דיר.

דײַן שלום

164

מיאַמי־ביטש, 1953

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
איך בין איינער אַליין אין דער היים און נעם מיר צײַט צו שרײַבן צו דיר. ערשטנס זאָלסטו וויסן זײַן, אַז דו באַדאַרפסט דיך שעצן גליקלעך, וואָס דו ביזט נישט צוריקגעקומען. דו קאָנסט דיר נישט פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ וועטער עס איז. פון מאָנטיק אָן האַלט אין איין רעגענען, אָבער רעגענען ווי אַ מבול. עס רינט פון די ווענט, עס גיסט אַרײַן דורך די פענצטער, אַלץ שטינקט און שוויצט פון רעגן. ערשט נאָך לאָנדאָן און פּאַריז זע איך וואָס פאַר אַ פאַרשיווער קלימאַט עס איז אין מיאַמי. מען לעבט נישט דאָ, נאָר מען שוויצט. מען שוויצט, ווען עס איז שיין און מען שוויצט, ווען עס רעגנט. איך קוק אויס אויף דער מינוט, ווען איך וועל קאָנען אַנטלויפן פון דאַנען.
פאַרלויפיק האָב איך נישט פיל געמאַכט. איך האָב איבערגעגעבן דאָס הויז צו פאַרקויפן צו אַן אַגענט. דער מינימום־פּרײַז איז פערציק טויזנט דאָלאַר, אָן די מעבל. עס איז אַ גרויסער ספק אויב ער וועט קריגן די סומע.
איך נעם מיט מיר אַלע קונסט־ביכער, די גאַנצע יודאַיִקע, און אַלע מײַנע אַנטיק־ביכער. די איבעריקע לאָז איך איבער פאַר יאַן [1] און משה [2], און די ביכער, וועלכע זיי וועלן נישט וועלן, וועל איך אַוועקגעבן אין דער ביבליאָטעק.
פון מעבל נעם איך דײַן בעט, די פראַנצויזישע קאָמאָדע, דײַן ניי־קאַסטן, דאָס שיינע שענקל, צוויי־דרײַ טישלעך, די אויסגעבעטע שטולן, דאָס גאַנצע זילבער, אַלע בילדער, אַ קאַסטן מיט טעפּ און אַלע ראַגס. דאָס וועט קאָסטן, פּאַקן און איבערפירן, אַרום 1,200 דאָלאַר. עס זענען אויך דאָ דרײַ־פיר קאַסטנס מיט בריוו, פּאַפּירן, אַלטע חשבונות און מײַנע מאַנוסקריפּטן.

דאָס איבעריקע מעבל לאָז איך איבער. די וואָס יאָן וועט וועלן, וועל איך אים געבן, אַזוי אויך משהן און נתנען [3]. איך וויל די קינדער זאָלן האָבן אָנדענקען פון דער היים.
איך האָב געפּרוּווט וואָס צו פֿאַרקויפֿן, נאָר יעדער איינער וויל פֿון דיר אַרויסקריגן פֿאַר אַ גאָרנישט. זיי קוקן נאָר אויס ווי רויב־פֿייגל צו באַפֿאַלן דיך ווען דו פֿאַלסט, אַפֿילו די נאָענטסטע...
אַ שכן, אַ גוטער פֿרײַנד אונדזערער, האָט געפּרוּווט אויסצונאַרן בײַ מיר די קאַר פֿאַר אַ קלייניקייט, נאָר ער האָט נישט געטראָפֿן דאָס אָרט. איך האָב באַשטימט: איך גיב גאָרנישט אַוועק, אַ חוץ קלייניקייטן צו אמתע גוטע פֿרײַנד, ווי די דאָבּרינס [4] זענען אונדז.
נעכטן איז מײַן שוועסטער און שוואָגער געקומען נאָך מיר און געבראַכט מיך אין דעם נײַעם הויז, אַ מיאַמי־פֿאַלאַץ. דאָס מיטאָג איז געווען גוט. מען חברט זיך ווידער מיט מיר, מען איז שטאָלץ מיט מיר, ווײַל מײַן בוך האָט אויסגענומען.
נעכטן האָט פּרוי ווײַנשטיין [5] געהאַלטן אין „הדסה" אַ לעקציע איבער מײַן בוך פֿאַר אַ טויזנט פֿרויען, נאָר קויפֿן קויפֿט מען עס נישט.
גערעדט הײַנט מיט יאָנען, ער קומט צו פֿאָרן די צווייטע וואָך, איך וועל וואָרשײַנלעך פֿאָרן מיט אים קיין ניו־יאָרק.
איך רעכן צוריקצופֿאָרן אין אָנהייב דעצעמבער אויף איינע פֿון די „מעריס" קיין לאָנדאָן. פֿון לאָנדאָן וועל איך פֿאָרן קיין ניצע, הלוואי דערלעב איך.
(מערי שוואַרץ [6] האָב איך נאָך נישט געזען, זי וואַרט אַלץ אַז איך זאָל קומען צו פֿאָרן צו איר, זי קאָן לאַנג וואַרטן. איך האָב נישט קיין גרויס חשק צו שפּילן די ראָלע פֿון אַ יוסף... מײַן קאָפּ שטייט מיר נישט צו איר).
איך גריס דיך און קוש דיך, געוואַלט, פֿאַר וואָס שרײַבסטו נישט קיין וואָרט?

דײַן שלום

165

מיאַמי־ביטש, 1953

ליבע מאַדזשע־לעבן,
נעכטן האָב איך נישט אײַנגענומען אויף צו שלאָפֿן. די לעצטע פֿיל האָב איך אַרײַנגעוואָרפֿן אין קלאָזעט אַרײַן און בין געשלאָפֿן זיבן־אַכט שעה און אויפֿגעהויבן זיך אַ דערפֿרישטער.

מזל־טוב! די זון שײַנט אין דרויסן. נאָר נעכטן האָט זי אויך געשײַנט אין דער פרי, שפּעטער איז געוואָרן אַזאַ כמאַרע, אַזאַ שטורעם, אַזאַ רעגן, אַז איך בין אַהיימגעקומען פון ד״ר דאַברין [1] מיט סכּנות נפשות, מען האָט נישט געזען ווו מען פאָרט.

שוין צוויי חדשים ווי עס רעגנט אין מיאַמי. מענטשן זענען פאַרצווייפלט און באַגייען זעלבסטמאָרד. איך בין גליקלעך וואָס איך בין נאָר דאָ אַליין צו פאַרטראָגן דאָס סינג־סינג־וועטער. מיאַמי דערמאָנט מיר אין דער אינדזל אויף וועלכער דרייפוס איז געווען פאַרשיקט, ווו די פראַנצויזן פאַרשיקן זייערע פאַרברעכערס.

דו באַדאַרפסט זײַן גליקלעך וואָס דו ביזט אין דער געשיצטער ריוויערע, ליב צו נעמען און צו בענטשן די קאַלטע נעכט, און דאַנקען גאָט דער־פאַר.

מזל־טוב! נעכטן פאַרקויפט אַ טייל פון דעם מעבל פאַר 1615 דאָלאַר. דאָס וועט מיר קלעקן איבערצושיקן די זאַכן. עס איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ אַז איך וועל נישט האָבן צו טון מיט די ווײַבער וועלכע האָבן רחמנות אויף מיר און ווילן אָפּנעמען די זאַכן פאַר גאָרנישט.

דאָס הויז לאָז איך איבער דעם אַגענט, וועלכער וועט זיך באַראָטן מיטן אַדוואָקאַט פאַר וויפל צו פאַרקויפן. דער מינימום איז 40,000 דאָלאַר.

איך גלייב אַז איך וועל נעמען פון ניו־יאָרק אַ שיף קיין לאָנדאָן. איך נעם מיט מיר מיט מײַן קאָלעקציע פון מטבעות און איך וויל זי לאָזן אין לאָנדאָן. און אַ סוף. דאָס איבערפאָרן אין ווינטער דעם ים איז בעסער מיט אַן ענגלישער שיף, אַזוי אַז איך האָף צו גאָט אַז אַרום דעם 15טן דעצעמבער וועל איך זײַן בײַ דיר און מיט דיר. ווען איך וועל קומען צו דיר וועט שוין אַלץ זײַן גוט.

איך האָב אַ יונגנמאַן וואָס העלפט מיר אין פּאַקן פאָטאָגראַפיעס, פּאַפּירן און בילס, בילס, בילס.

אַ שוואַרץ מיידל מאַכט מיר פרישטיק און מיטאָג. זי פּאַשעט מיך מיט "cream of wheat and apple sauce", דאָס האָב איך זי אויסגעלערנט מאַכן, און דאָס קען זי, אַלץ איבעריקע וואָס זי קאָכט איז סם. אין אָוונט גיי איך אַרויס עסן, ווען איך האָב כּוחות, מיינסטנס מיט ד״ר דאַברין.

בלײַב מיר האַרציק געזונט, איך קוש דיך און האַלדז דיך.

דײַן מאַן וואָס ליבט דיך מיטן גאַנצן האַרץ

שלום

מײַן טײַערע ליבע טאָכטער *,
דו האָסט מיך אויפגעריכט און גליקלעך געמאַכט וואָס דו ביזט געקומען קיין ניצע. דאָס ווײַזט וואָס פאַר אַ גוט קינד מיר האָבן אין דיר. גאָט זאָל דיר דערפאַר באַצאָלן, איך קוש דיך, דײַן פאָטער

שלום

166

ניו־יאָרק, [1953/1954]

ליבע מאַדזשע־לעבן,
איך מוז זיך באַשרענקען צו טרוקענע פאַקטן: איך וואַרט אויף די קינדער, איך נעם זיי אַרויס אַלע פאַר לאָנטשן. הײַנט איז דער צווייטער טאָג סוכּות און איך ווייס נישט וויפל צײַט איך האָב. ביז איצט בין איך געווען זייער פאַרנומען מיט מענטשן, מער אויסצוגעפינען פאַר מיר אַליין וואָס איך וועל טון.
איצט וועגן די קינדער.
נתן. משה איז נאָר וואָס צוריקגעקומען פון סאַן פראַנציסקאָ. ער האָט פאַרבראַכט אַ גאַנצע וואָך מיט נתנען. צום ערשטן מאָל האָב איך פון משהן געהערט ווערטער פון באַגײַסטערונג און ליבע פאַר נתנען. נתן, זאָגט ער, האָט זיך זייער געענדערט צום גוטן. ער זיצט און שרײַבט יעדן טאָג, נישט אַלס שפּיל, נאָר אויף אַן אמת און ערנסט. ער זאָל שרײַבן אַ זייער אינטערעסאַנט בוך פון זײַן אייגן לעבן. קאַראָל [1] גלייבט אין אים, זי טוט אַלץ ער זאָל אַרבעטן. עס גייט זיי נישט שלעכט און זענען גליקלעך.
משה. משהן, זעט אויס, גייט זייער גוט אין זײַנע ביזנעס. עס זעט זיך אויס, אַז ער איז איצט מער סימפּאַטיש צו זײַן אייגן ווײַב. איך האָב קיין מאָל נישט געזען פראַנסיס [2] אויסקוקן אַזוי גוט ווי איצט. פאַרשטייט זיך, דאָס גרויסע גליק זייערס איז דאָס יִינגל. מײַקל [3] לערנט זיך און גרייט זיך צו דער בר־מצווה. ער האָט פאַר מיר אויסגעזונגען די גאַנצע הפטרה און איך האָב גרויס נחת פון אים.

* רות.

יאַן. איך גלייב אַז צום ערשטן מאָל האָט יאַן געפונען אַ „סטעדי דזשאַב״, ער פאַרדינט זייער גוט. זײַן ווײַב האַלט, אַז יאַן איז אויפן וועג צו ווערן אַ מיליאָנער, דערנאָך וועט ער זיך נעמען צו שרײַבן זײַנע ביכער.
דער האָטעל וווּ איך וווין איז זייער באַקוועם. איך האָב אַ „סוויט״, טיר־בײַ־טיר מיט פּאָול מוני [4], מיט וועלכן איך האָב זיך זייער באַפרײַנדעט.

איך קוש דיך
דײַן שלום

167

סטעמפאָרד, 1953

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
די רויז איז אַזוי ווי דו, זי האָט די איידעלע, שלאַנקע ליניע, דעם אויסבייג און אויסנייג, וואָס איז אַזוי רירנדיק צו קוקן דערויף: די צניעותדיקע פאַר־שלאָסנקייט אין זיך. די בלעטלעך וויקלען זיך איינס אַרום דעם צווייטן מיט האַלדזנדיקער ציטערדיקייט, אַזוי ווי דײַנע איידעלע הענט אַרום דײַן איידעלן בויך. ווי דו, אַזוי האָט זי אַ באַריר פון טויעדיקער פרישקייט און קילער ליבלעכקייט. ווי דײַנע ליפּן, פאַרמאַכט זיך איר מײַלעכל, און פון איר פאַרשלאָסנעם מויל גיסט זיך אַזויפיל זיסקייט אַרויס ווי פון דײַן מויל. און ווי דײַן לײַב אַזוי זענען אירע בלעטלעך קערנדיק, ווי מאַנדלען און ווי רײַפע עפּל — דורך דעם שיק איך זי דיר — נישט, מײַן ליבע?
די רויז קומט פון דײַן גאָרטן. די יאַפּאַנעזישע ביטלס האָבן זי נישט באַ־רירט. דאָס וועט דיר זײַן אַ באַווײַז, אַז דײַן גאָרטן בליט. און די שפּרינק־לער וואָס דו זעעסט אויף איר זענען פון מײַן באַשפּריצן — איך שיק זי דיר אַלס שליח פון מײַן ליבע, פון מײַן בענקשאַפט, פון מײַן אויסגיין נאָך דיר.
איך ליב דיך מאַדזשע מיט מײַן גאַנץ האַרץ.

דײַן שלום

168

אויף דער שיף „קווין עליזאַבעט״, פון ניו־יאָרק קיין לאָנדאָן, 1953

טײַערע, איינציקע, ליבע מאַדזשע־לעבן,
איך בין געקומען אויף דער שיף אַ מידער און אויסגעמאַטערטער. זײַט איך האָב באַקומען דײַן טעלעגראַמע, אַז דו פילסט זיך בעסער, פיל איך מיך אַ נײַגעבוירענער. וואָס איז עס? בין איך אַזוי צוגעבונדן צו דיר אַז מײַן לעבן אָן דיר איז אַבסאָלוט אוממעגלעך מער? עס איז אַזוי ווי דו האַלסט מײַן נשמה אין דײַן האַנט. ווען דו ווילסט, גיסטו זי מיר צוריק און איך לעב. איך בין אין גאַנצן אין דיר, און וואָס מער איך דערנענטער זיך צו דיר, אַלץ מער פיל איך מײַן נשמה, און איך ווער לעבעדיק.
מיר קומען אָן מאָרגן אָוונט אין סאַוטהעמפּטאָן און מען ראָט מיר, איך זאָל איבערבלײַבן איבער נאַכט אויף דער שיף, ווײַל די באַן קומט אָן שפּעט קיין לאָנדאָן. איך האָב טעלעגראַפירט רותקען [1], איך וועל דיר טעלעפאָנירן אַזוי שנעל ווי איך קום נאָר אָן. איך האָב געבעטן רותקען, זי זאָל באַ־שטעלן אַ פלי־בילעט קיין ניצע. איך וויל דאָ אין לאָנדאָן איבערלאָזן אין אַ באַנק אַלע פּאַפּירן און די מטבעות וואָס איך ברענג מיט מיר. שבת קום איך אָן קיין ניצע צו זײַן צוזאַמען מיט דיר. מער שייד איך זיך נישט אָפּ פון דיר, אַפילו נישט אויף איין טאָג.
דערווײַל בלײַב מיר געזונט און וואַרט אויף מיר, ווײַל מײַן נשמה און מײַן לײַב זענען דאָרשטיק נאָך דיר.
איך קוש דיך מיט מײַן האַרץ, מײַנע ליפּן — — —

דײַן שלום

169

מאַדזשע

(פאַר מאַדזשען צו איר זיבעציקסטן געבורטסטאָג)

זיבן צען יאָר האָסטו געלעבט ביז הײַנט —
פינף און דרײַ פערטל מיט מיר,
גאַנצע זיבן פאַר מיר,
וואָרום פאַר מיר האָט דיך גאָט באַשאַפן

און געמאַכט דיך אַזוי שיין און פולקאָם.
יעדע מינוט פון דײַן לעבן — מיר האָסטו געשאָנקען
אין חלום און וואָר, אין געדאַנק, אין טאַט,
זײַט דו האָסט מיך געקענט, און זײַט דו האָסט געוואַרט אויף מיר,
וואָרום ווען מיר האָסטו געחלומט מיידלווײַז
ווי איך פון דיר — בחורווײַז.
אַ דאַנק דיר פאַר דעם גליק און פרייד
און זײַ מוחל פאַר די לייד און פּײַן.
עס איז געווען דײַן מערכה אַזוי,
באַשטימט און באַשערט
אַז דײַן מזל זאָל זײַן אַזוי.
דערפאַר נעם דײַן חלק אַזוי ווי ער איז
וואָרום קיין אַנדערן האָסטו נישט,
און דאַנק גאָט דערפאַר און בעט
אַז עס זאָל ווײַטער נישט ערגער זײַן.

פון דײַן מאַן צו דײַן זיבעציקסטן (ביז איין טאָג נאָך מײַן טויט) געבורטס־טאָג.

שלום

דעם 16טן יולי 1953, אין רותס הויז, אין וועלכן מיר האָבן געפונען אַ נעסט אויף אונדזערע אַלטע טעג.

170

מאָנטעקאַטיני, 1954

מײַן האַרציקע מאַדזשע־לעבן,
אַ האַרציקן דאַנק פאַר דײַן ליבן בריוו. איך האָב מיך געפרייט צו דער־האַלטן דײַן בריוו און ער האָט מיך טרויעריק געמאַכט וואָס דו פילסט זיך אַלץ נישט גוט. איך בין איבערצײַגט, ווען איך וועל נאָך אַהיימקומען, וועסטו באַלד זיך פילן בעסער (לאָז מיך אַזוי אײַנרעדן).
הײַנט האָב איך זיך אויפגעהויבן פרי און אַרײַנגעפאָרן קיין פלאָרענץ, געזען נאָך אַ מאָל „דוד" און „פּראַ־אַנדזשעליקאַ". איך אַנדעק נײַע

אוצרות פון שיינקייט אין „דוד" און אין „פּראַ־אַנדזשעליקאַ". איז עס נישט מערקווירדיק וואָס דאָס גרעסטע מײַסטערווערק אין סקולפּטור נאָך די גריכישע מײַסטערס, און די ערלעכסטע, שלמותדיקע מענלעכע פיגור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן, ווערט נישט אָנגערופן „אַפּאָלאָ" נאָר „דוד"? איז דאָס נישט קיין טריומף פון יידישן גײַסט, וואָס האָט געפאַנגען גענומען די ציוויליזירטע וועלט דורך אונדזער ביבל?!

איך פאָר אַרויס פון דאַנען שבת דעם 10טן קיין מילאַנאָ. איך פיל אַז איך האָב גענוג געטרונקען דאָס וואַסער, און עס איז מיר אויך אַ ביסל לאַנג־ווײַליק און בענק אַהיים.

איך האָב געשריבן צו „דיאַנאַ־פאַרלאַג" אין ציריך, אַז איך וועל קומען קיין ציריך זיך מיט אים אַדורכצורעדן.

באַקומען פון פאַנטאָם זייער אַ שיינעם פּראָספּעקט פאַר דעם „נביא", אין וועלכן זיי אַנאָנסירן אויך די אַנדערע ביכער. זעט זיך אויס, אַז פאַנטאָם שטרענגט זיך אָן, זיי ווילן מאַכן פון דעם בוך אַ דערפאָלג.

פון ארץ־ישׂראל הער איך גאָרנישט.

איך האָף מײַן בריוו וועט דיך אָנטרעפן געזונט, פריש און יונג — שיין ביזטו דאָך שטענדיק. איך קוש דיך.

דײַן שלום

171

פלאָרענץ, 1954

מײַן טײַערע מאַדזשע,

איך האָב הײַנט געהאַט איינע פון די וויכטיקסטע טעג אין מײַן לעבן. איך האָב געזען מיט אָפענע אויגן צום ערשטן מאָל „דוד" פון מיקעל־אַנדזשעלאָ [1]. מאַדזשע, עס איז געווען די גרעסטע דערפאַרונג אין מײַן לעבן. איך בין געשטאַנען פאַר דער פיגור, און פאַר מײַנע אויגן האָט זיך אַנטוויקלט דאָס ערלעכסטע בילד פון מענטשלעכן פּאַרנעם. מיקעלאַנ־דזשעלאָ האָט נישט אויסגעקליבן פאַר זײַן ערלעכסטע פיגור אַ גלית, אַ צעזאַר, אַ קעניג אַ העלד. ער האָט אויסגעקליבן אַ יינגל, וואָס קומט אַרויס קעגן אַ העלד, אַ גבור, אַ הערקולעס, און ער באַצווינגט אים, בינדט אים, לייגט אים אַוועק מיט דעם בליק פון זײַנע אויגן. אַזוי מעכטיק און שטאַרק ווי „דוד" איז, אַזוי ליריש־קינדיש און מענטשלעך איז ער. גאָט, ווי נעמט

מען די העלדישקייט, די גבורה, די שיינקייט, די טיפע געטלעכע צוגע־העריקייט, וואָס מיקעלאַנדזשעלאָ קנעט אַרײַן אין אַלע באַוועגונגען פון משה, פון דוד, פון לאה און רחל. גאָט, פּאַר וואָס קאָן איך נישט האָבן קיין הונדערטסטל פון דעם חלק פון הימלישער אינספּיראַציע, וואָס אַ מיקעלאַנדזשעלאָ האָט!
שפּעטער האָב איך געזען אַלע אַנדערע פיגורן פון מיקעלאַנדזשעלאָ אין פלאָרענץ, איך האָב געוויינט פון פרייד און פון באַגײַסטערונג, איך האָב געבעטן צו גאָט און געדאַנקט אים וואָס ער האָט אַזאַ גײַסט געשיקט צו דער מענטשהייט.
איך פיל זיך איצט בעסער, דינסטיק וועל איך זײַן צוריק אין ניצע, אַ גוטע נאַכט.

דײַן שלום

172

ניצע, 1954

טײַערע מאַדזשע־לעבן,
ערשטנס ווינטש איך דיר לאַנגע יאָרן, געזונטע, שיינע און גוטע. איך בין זייער טרויעריק וואָס איך בין נישט הײַנט מיט דיר. איך האָף, אַז דו האָסט געהאַט אַ גוטן טאָג, אַ שיינעם, זוניקן טאָג.

דאָ איז וואַרעם און שיין, נאָר ניצע איז געוואָרן אַ משוגעים־הויז. זינט דעם 14טן יולי האָבן אָנגעהויבן אַרײַנצושטראָמען מענטשן. די בולוואַרן זענען אָנגעפּאַקט מיט אויטאָמאָבילן, דער בולוואַר בײַם ים איז נישט דורכצוגיין. די מענטשן באַלאַגערן די גאַס — אָנגעפּאַקט און אָנגעפּילט ווי אַ זאַק מיט ניסלעך. איך בין זייער צופרידן וואָס איך פאַרלאָז דינסטיק ניצע.

אין דעם האָטעל איז אויך נישט מער צו שטיין. יעדן טאָג אַנדערע באָסעס, אַ ים פון טוריסטן. געררודערס, געשרייען און געוואַלדן, מען קען נישט צומאַכן אַן אויג. די שטוב איז אויך אָנגעהיצט, זייער הייס. פּאַרפאַלן, מען מוז שוין דעם זומער איבערווינטערן אין לאָנדאָן.
דאָ זענען אַלע משוגע געוואָרן אויף קויפן בילדער. עס איז געווען אַן

אויספּאַרקויף פון בילדער, זענען זיי אַלע געלאָפן ווי אויף משוגעת, איך בין נישט געגאַנגען. אָנשטאָט דעם האָב איך מיך געקויפט אַ ביבל מיט אַ פּאָר שיינע אָפּבילדונגען פון אוטריללאָ [1].
זײַ מיר געזונט, איך קוש דיך און האַלדז דיך.

דײַן שלום

173

צו דוד בן־ארי אין בת־ים

[לאָנדאָן] 6.4.1955

לכבוד ידידי בן־ארי [1],
מיך וווּנדערט וואָס איך הער נישט פון אײַך. מיר האָבן באַשטימט באַלד נאָך דער חתונה פון מײַן אייניקל, וואָס וועט זײַן מיט מזל דעם 17טן יוני, צו פאַרקויפן דאָס הויז וואָס מיר האָבן אין לאָנדאָן. דאָס הויז איז צו גרויס און צו טײַער פאַר מײַן טאָכטער אויסצוהאַלטן אַליין. אַזוי אַז פאַר אונדז איז קיין אַנדער ברירה נישט איבערגעבליבן נאָר באַלד אויפצובויען די היים אין ישׂראל. איך בעט אײַך אַז איר זאָלט אַזוי פרײַנדלעך זײַן זיך באַלד נעמען צו דער אַרבעט. מיר בעטן אײַך אַז איר זאָלט זען אַז עס זאָל עטוואָס געמאַכט ווערן צו קאָנען באַהייצן דאָס הויז אין ווינטער. איך בין גרייט אויסצוגעבן אויף צו בויען דאָס הויז (אַ חוץ דעם פּלאַץ) אַכצן, נײַנצן טויזנט פונט — אַרום צען טויזנט דאָלאַר. דאָס געלט וועט אײַך צוגעשטעלט ווערן דורך דער באַנק לאומי אין תּל־אביב צו יעדער צײַט ווען איר וועט זיך נויטיקן דערין, אַזוי ווי מיר האָבן אָפּגעמאַכט. מיר פּלאַנען אויך איבערצושיקן אונדזער מעבל און אונדזערע זאַכן קיין בת־ים אַזוי ווי אונדזער הויז אין לאָנדאָן וועט פאַרקויפט ווערן. איך בעט אײַך מיר צו וויסן געבן וועגן דעם ווי עס פּראָגרעסירט דאָס בויען און צו האַלטן מיך אינפאָרמירט וועגן אַלעם.
איך דאַנק אײַך פאַר אַלץ און איך ווינטש אײַך, אײַער פרוי און אײַערע קינדער אַ כּשרן, פריילעכן יום־טוב און פאַר כּל ישׂראל.

מיט האַרציקע גרוסן
אײַער שלום אַש

איך האָב וועגן דעם צו וויסן געגעבן מר ציקער [2], מײַן פרײַנד.

לאָנדאָן, 13.4.1955

לכבוד ידידי החביבים והיקרים הגברת והאדון יושב ראש מועצת בת־ים
ר׳ דוד בן־ארי,
קודם כל הננו באים לאמר לכם את תודתנו העמוקה בעד מכתבכם היקר שקבלנו ביום־טוב. ה׳ ישלם לכם וילדיכם בעד הברכה הטובה ואיחולים שאתם שלחתם לנו בכל טוב.
והשנית מוז איך אײַך זאָגן, ליבער פרײַנד, אַז מיר קוקן אויס אויף אײַך אונדז צו לאָזן וויסן ווי עס האַלט מיט אונדזער נחלה אין ישׂראל. דאָס הויז מוז פאַרטיק ווערן שפּעטסטנס מיטן סעפּטעמבער. מיר ווילן אַרויס־שיקן אונדזער מעבל און ביבליאָטעק פון ענגלאַנד נישט שפּעטער ווי אין מיטן אויגוסט אָדער נאָך פריִער. ווען אַפילו איך זאָל פאָרן קיין אַמעריקע וועט מײַן פרוי און אפשר אויך מײַן טאָכטער קומען קיין ישׂראל מיט גאָטס הילף אין מיטן סעפּטעמבער. איך וואָלט זייער נישט געוואָלט אַז זי זאָל לאַנג וואַרטן אין אַ האָטעל. ווען מײַן טאָכטער וועט קומען קאָן זי נאָר קומען אויף אַ קורצע צײַט צו העלפן דער מוטער אײַנריכטן די וווינונג. זי מוז באַלד צוריקפאָרן. איך טו אַלץ וואָס מעגלעך צו האָבן דאָס געלט וואָס איך דאַרף צאָלן דעם אונטערנעמער אין ישׂראל, צו דער צײַט, אַזוי אַז וועגן דעם וועט פון מײַן צד קיין מניעה נישט זײַן. איך רעכן אויף דער סומע פון 18 טויזנט פונט. איך בעט אײַך צו לאָזן מיר וויסן רעגלמעסיק וועגן דעם פּראָגרעס אין בויען. די בריוו צו מיר שיקט מיר, איך בעט אײַך, נישט רעקאָמענדירט, ווײַל עס נעמט זייער לאַנג פון ישׂראל קיין לאָנדאָן אַ בריוו רעקאָמענדירט. בעסער צו שיקן לופטפּאָסט און עקספּרעס.
איך ווינטש אײַך אַלדאָס גוטע, מיט גרוס פון מײַן פרוי און מיר.

אײַער שלום אַש

175

צו מאַטל אַש

1955

מײַן ליבע מאַדזשע,

איך שיק דיר די פאָטאָגראַפיעס פון פּאַריז און תּל־אביב.

בן־ארי [1] שרײַבט, אַז די שטאָט בת־ים האָט באַשטימט צו פּאַרפלאַנצן אַ גאָרטן אַרום דעם הויז, אַ מתּנה פאַר דיר, עס האָט מיר געגעבן אַ „פּיק" אין האַרץ.

מענטשן זאָגן, אַז מען קאָן פאַר צוויי טויזנט דאָלאַר אײַנאָרדענען די ווירטשאַפט פאַרן הויז. עס איז מיר זייער שווער צו אַנטשיידן.

ווען איך וואָלט געווען זיכער, אַז דו וואָלסט געקאָנט צונויפנעמען אַ ביסל כּוחות און פּראָבירן צו שטיין אין ישׂראל איבערן ווינטער, וואָלט מען געקאָנט, גלייב איך, מיטנעמען אַ ביסל זאַכן פון לאָנדאָן. מען וואָלט געקאָנט אָפּשפּאָרן אַ פּאָר טעפּיכער (נישט קיין גרויסע נאָר קליינע), אַ בעט אָדער צוויי, אַ סעט דישעס, גאָפּל און מעסערס, בעטגעוואַנד און אַנדערע קליייניקייטן. מען וואָלט אויך באַדאַרפט קויפן אַן אײַז־קאַסטן, אַ קיך אויף עלעקטרע (נישט קיין גאַז), אַ וואַש־מאַשין, און אַ „קאַרפּעט סוויפּער" *. מעבל, זאָגט מען, איז בעסער צו קויפן אין ישׂראל.

אָבער דאָס אַלץ איז פאַנטאַזיע. מיר וועלן זען, ווען איך וועל צוריקקומען קיין לאָנדאָן.

ביז הײַנט איז געווען זייער הייס, נאָר הײַנט איז קילער און אָנגענעם.

איך האָב באַקומען הײַנט אַ קאַרטל פון די קינדער [2], ביל שרײַבט אויך.

איך קוש דיך און בענק נאָך דיר.

דײַן שלום

---

* „קאַרפּעט סוויפּער" — שטויבזויגער.

176

ניצע, 1954

מײַן טײַערע מאַדזשע,
נעכטן, נאָך דעם ווי איך האָב דיר אָנגעשריבן מײַן בריוו, בין איך געגאַנ־גען צום ביטש, פאַרבראַכט צוויי שעה אויף דער זון און צוויי מאָל זיך געבאָדן אין ים. עס איז געווען אַ מחיה. ווי מיט אַ מאָל וואָלטן מײַנע אַלע זאָרגן אָפּגעוואַשן געוואָרן פון מײַן קאָפּ. איך האָב זיך געפילט אַ גאַנצן טאָג מיט צען יאָר ייִנגער. בײַנאַכט האָב איך געפילט שמערצן אין מײַן האַנט. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז צוליב דעם באָדן זיך, נאָר ווען די דינסט איז אַרײַנגעקומען אין דער פרי אין מײַן צימער און אויפגעעפנט דעם פורהאַנג, האָט אַרײַנגעקוקט דורכן פענצטער אַ פורכטבאַרער, פאַר־וואָלקנטער און רעגנדיקער טאָג, ערגער ווי אין לאָנדאָן. אין לאָנדאָן איז דאָ צום ווינציקסטן ווו זיך אַהין צו טון. איך האָב דיך און רות [1] צו פאַר־טרעטן מיר די זון, און צו באַלײַכטן מײַן לעבן. דאָ — בלויז וואָלקן, רעגן, קאַלטקייט, פרעמדקייט און איינזאַמקייט. גוט וואָס איך האָב זיך פאַרנומען מיט לייענען וועגן ווענעדיק. איך בין געלעגן אין בעט, ווי דו, ביז צוועלף אַ זייגער.
פאַרשטייט זיך, מען קאָן גאָרנישט מאַכן. ווי זאָגסטו? — אַ מענטש פירט מיט זיך דאָס וועטער.
בלײַב מיר געזונט. לאָז דיך נישט אַרן וועגן שלעכטן וועטער אין לאָנדאָן; אין ניצע איז הײַנט ערגער ווי אין לאָנדאָן. די גאַנצע וועלט איז נישט

בעסער, גוט וואָס דו ביזט מיט די קינדער.

דײַן מיטן גאַנצן האַרץ
שלום

177

[לאָנדאָן] דאָנערשטיק — מיטוואָך, 3־4 מאַי 1955

לידידי היקר יושב ראש מר דוד בן־ארי נ״י ולזוגתו היקרה ולילדים החביבים שלום וברכה,
גאָט זאָל אײַך אַזוי אויפריכטן און טרייסטן ווי איר האָט אויפגעריכט און

געטרייסט מײַן אָרעמע פרוי און מיך מיט אײַער בריוו און פּלאַן פון מײַן מקום מנוחה אין ישׂראל, וואָס איך האָב ערשט נעכטן דערהאַלטן.

מיר האָבן זיך ביידע געבומען שטודירן, און נעכטן אָוונט האָב איך אײַך אָפּגעשיקט אַ טעלעגראַם: שטעלט אײַך בויען מיט מזל און ברכה. שטעלט אַרײַן אויך אַ פּיעקעליק (אַ תּנור) צו וואַרעמען זיך בימי הגשם ווי דער מלך פון יהודה האָט זיך געוואַרעמט בײַם פּיִערטאָפּ ווו ער האָט פאַר־ברענט די שריפטן פון ירמיה.

אַלץ איז בסדר. איך בין מסכּים אויפן פּרײַז ווײַל איך ווייס אַז איך אַליין וואָלט קיין מאָל פאַר אַזאַ פּרײַז נישט באַקומען ווי דער יושב ראש פון בת־ים, און מיר, מײַן פרוי, איך און מײַן טאָכטער, דאַנקען אײַך מיטן גאַנצן האַרצן פאַר אײַער טרחה און פאַר אײַער גוטפרײַנדשאַפט. מיר וועלן אײַך דאָס נישט פאַרגעסן. זײַט מיר מוחל וואָס איך בין אַזוי אומ־געדולדיק געווען און געווען אומרויִק וואָס איך האָב קיין בריוו און קיין ידיעה פון אײַך נישט באַקומען. איך ווייס, איך ווייס ווי פאַרנומען איר זענט מיט די וואַלן, און אַ קלייניקייט — אַ שטאָט אויף אײַער קאָפּ. און דאָ זיץ איך און וואַרט אויף אײַער בריוו. די געשיכטע איז די: מיר האָבן געהאַט בדעה דאָס הויז אין לאָנדאָן צו פאַרקויפן, ווײַל דאָס הויז איז צו גרויס פאַר מײַן טאָכטער (נאָך דעם ווי מײַן אייניקל האָט דעם 17טן יוני חתונה געהאַט מיט גליק). מיר האָבן אַרויסגעשטעלט דאָס הויז צו פאַר־קויפן און עס זענען געקומען קונים. איך בין געוואָרן אַ ביסעלע אומרויִק (איר ווייסט דאָך — אַ וווינונג פאַר אַ שרײַבער איז אַ געווערקשטעל).
יעצט האָבן מיר באַשטימט דאָס הויז אײַנצוהאַלטן. מײַן טאָכטער וועט פאַרדינגען איין שטאָק און מיר וועלן האָבן אַ שטוב, אָדער צוויי בײַ מײַן טאָכטער צו פאַרברענגען אַ פּאָר חדשים אין זומער (ווען מיר וועלן דאָס וועלן). דאָס הויז אין בת־ים וועט זײַן אונדזער היים. מיר ברענגען אונ־דזער מעבל, מײַן ביבליאָטעק ווי אויך אַ וויכטיקע זאַמלונג פון ייִדישע חפצים, און מיר וועלן עס האָבן מיט אונדז אין ישׂראל. עס קאָן טאָקע זײַן אַז דאָס הויז וועט זײַן אַ ביסל צו קליין פאַר מײַן ביבליאָטעק אָבער מיר מוזן עס נעמען פאַר ליב. אונדז געפעלט די אײַנריכטונג לויטן פּלאַן און מיר האָפן צו גאָט אַז מיר וועלן זיך פילן באַקוועם און גוט מיט אונדזערע גוטע שכנים.

איצט מכּוח דעם פּלאַן. דער פּלאַן אין אַלגעמיין איז בסדר. אַ דאַנק. ווי איך זע לויטן פּלאַן איז יאָ דאָ אַ קוימען פאַרן ווינטער (אַ פײַער־קוימען) אין דעם וווין־צימער אין אַ ווינקל, הינטער דער קיך. מײַן פרוי זאָרגט זיך וועגן די פרעסט און זאַווערוכעס אין ווינטער אין ישׂראל, מען זאָל מאַכן דעם קוימען אַזוי אַז מען זאָל אים קאָנען נוצן צו מאַכן אַ פײַער, נישט נאָר פאַר יופי און חן. וואָס אָנבאַטרעפט דער ריצפּה, ווי מען האָט אונדז גע־

זאָגט (און דאַכט זיך מיר האָבן גערעדט וועגן דעם), איז דאָ אַ מאַטעריאַל וואָס איז ווייכער פון צעמענט, אַן אַרט קאָרק? מיר האָפן צו גאָט מיטצו־ברענגען מיט זיך טעפּיכער. צי זיי וועלן קאָנען צודעקן די גאַנצע ריצפּה גלויב איך נישט. מיר פאַרמאָגן נישט אַזוי פיל טעפּיכער. מיר וועלן זען וואָס צו טון, אַבי דאָס הויז זאָל שטיין אונטער דעם דאַך.
איך האָף, אַז איר האָט דערהאַלטן די 3000 דאָלאַר וואָס איך האָב אײַך אַרויסגעשיקט פאַרגאַנגענע וואָך דורך דער גאַראַנטי טראַסט קאָמפּאַני צו דער באַנק לאומי. וועגן געלט, האָף איך צו גאָט, וועט קיין מניעה נישט זײַן. דער עיקר צו מאַכן דאָס הויז סאָליד, אַ דירת קבע. מיר האָפן, אַז מיר וועלן אַרויסשיקן דאָס מעבל און די ביבליאָטעק אין דער מיט פון אויגוסט. מיר וועט וואַרשײַנלעך אויסקומען פריִער צו פאָרן קיין אַמעריקע ווי איך באַדאַרף באַזאָרגן געוויסע אינטערעסן. איך האָף אַז ביז די זאַכן וועלן אָנקומען וועט דאָס הויז זײַן פאַרטיק. איך גלויב נישט אַז דאָס קאָן זײַן פריִער ווי אין אָקטאָבער.
יעצט מכּוח איניקע קלייניקייטן. שרײַבט מיר, איך בעט אײַך, וואָס איז מכּוח אַן אויוון פאַר דער קיך (צי איז פאַראַן אַ לאָך אין באַלקן איבער דעם אויוון פאַר ווענטילאַציע און לופט־צוג) צי זאָלן מיר ברענגען אַן אויוון, אָדער דער קאָנטראַקטאָר וועט אַרײַנשטעלן איינעם? צי זאָל איך שיקן פון דאַנען אַן „אײַז באָקס" (אַ פרידזשידער) אָדער קויפן אין ישׂראל? מען האָט מיר געזאָגט, אַז אין ענגלאַנד איז ביליקער. שרײַבט מיר וועגן דעם.
מיר גריסן אײַך און אײַער פרוי און אײַערע ליבע קינדערלעך און גאָט זאָל אײַך געבן דאָס געזונט און לעבן. מיר דאַנקען אײַך פון גאַנצן האַרצן.

אײַער שלום אַש

האַרציקע גרוסן אויך פון מאַטילדאַ אַש פאַר אײַער ליבער פרוי און קינדער.

פּ. ס. איך בין דאָ, אין ענגלאַנד, געווען זייער פאַרנומען. איך האָב אָנגע־שריבן אַ ריי אַרטיקלען וועגן דעם וואָס ישׂראל האָט אויפגעטאָן פאַר די זיבן יאָר פון איר עקזיסטענץ פאַר דעם ייִדישן פאָלק און פאַר זיך. די אַרטיקלען וועלן זיך דרוקן אין Jewish Cronicle וועלכע איז די פאַר־שפּרייטסטע צײַטונג בײַ ייִדן. אויך האָב איך זייער שווער געאַרבעט אויף מײַן בוך „ישעיה". אַ חוץ דעם בין איך אַרויסגעטראָטן אויף אַ פּועלי־ציוניסטישער פאַרזאַמלונג און גערעדט וועגן ארץ־ישׂראל. יעצט בין איך אין ניצאַ. מײַן פרוי וואַרט מיט גרויס אומגעדולד צוריקצוקומען קיין

ישׂראל. איך גלויב אַז די ממשלה פון ישׂראל דאַרף זי אָנשטעלן אַלס מיניסטער צו פּראָפּאַגאַנדירן פאַר ישׂראל. היינט, מיטוואָך, קומט צו אונדז אויף לאָנטש דער אַמבאַסאַדאָר פון ישׂראל אילת [1]. מיר וועלן זיך אַדורכ־רעדן.

178

לאָנדאָן, 26 אַפּריל 1955

לכבוד ידידי מר דוד בן־ארי,

ליבער פריינד, עס וווּנדערט מיך זייער וואָס איר האָט מיר ביז היינט נישט צו וויסן געלאָזט אויב איר האָט שוין אַרויסגענומען די נויטיקע פּאַפּירן פון קויפן דעם פּלאַץ. אויך האָב איך ביז היינט נאָך נישט דערהאַלטן פון אייך דעם אָפּמאַך מיט דעם קאָנטראַקטאָר וועגן בויען דאָס הויז וואָס איר האָט געשריבן, אַז איר שיקט אַרויס. דאָס שווייגן אייערס פאַרשאַפט מיר גרויס עגמת־נפש, ווייל איך ווייס נישט אויב מיין הויז בויט זיך אָדער נישט.

איך האָב אייך היינט אַרויסגעשיקט דורך די גאַראַנטי טראָסט קאָמפּאַני אין לאָנדאָן 3000 דאָלאַר צו דער באַנק לאומי אין תּל־אביב צו אייער דיספּאָזיציע, איך בעט אייך ווי גאָט איז אייך ליב, אַזוי ווי איר וועט דער־האַלטן דעם בריוו מיר גלייך אַרויסשיקן אַ באַשטעטיקונג אויב איר האָט דערהאַלטן די 3000 דאָלאַר פון דער באַנק. נישט איינגעשריבן, ווייל אַן איינגעשריבענער בריוו פון ישׂראל קיין לאָנדאָן גייט צוויי וואָכן, נאָר לופטפּאָסט און עקספּרעס. געדענקט, אַז אַלע בריוו צו מיר זאָלט איר שיקן לופטפּאָסט און עקספּרעס.

איך בעט אייך ווי גאָט איז אייך ליב, איר זאָלט האַלטן אייער הבטחה — מיר צו וויסן לאָזן ווי עס האַלט מיטן פּראָגרעס פון בויען דאָס הויז. מיר מוזן אַרויסשיקן אונדזערע זאַכן פון לאָנדאָן סוף יולי אָדער אויגוסט, און איך מוז זיין זיכער, אַז איך האָב אַ הויז און אַ היים וווּהין זיי צו שיקן און מיר זאָלן האָבן אַ וווינונג. איר האָט מיר צוגעזאָגט, אַז איר וועט עס טון און אייער שווייגן פאַרשאַפט מיר זייער פיל עגמת־נפש, פאַרדרוס און לאָזט מיר נישט שלאָפן ביינאַכט.

איך בעט אייך דעריבער איר זאָלט עס האַלטן פאַר אייער חוב איין מאָל אין דער וואָך מיר צוּוויסן געבן וועגן דעם פּראָגרעס פון דעם בוי. פאַר־

פאַלן, איר האָט עס זיך אונטערגענומען און איך האָב קיינעם אין ישׂראל אויסער אײַך, און איר מוזסט עס טון.
מיט די 3000 דאָלאַר וואָס איך האָב אײַך הײַנט אַרויסגעשיקט וועט איר האָבן צו אײַער דיספּאָזיציע 5000 דאָלאַר צו בויען דאָס הויז. אַזוי ווי איך האָב אײַך שוין געשריבן שטייט דאָס גאַנצע געלט וואָס נויטיקט זיך צו בויען דאָס הויז צו אײַער דיספּאָזיציע. שרײַבט מיר באַלד, איך בעט אײַך, לופטפּאָסט און עקספּרעס.

מיט די האַרציקסטע גרוסן פון אונדז צו אײַך
אײַער פרײַנד שלום אַש

179

2.6.1955 [פון לאָנדאָן]

לכבוד ידידי החביב מר ד. בן־ארי,
תודה רבה פאַר אײַער בריוו. איך בין צופרידן וואָס איר האָט אונדז צוגע־רעדט צו פאַרגרעסערן די סטודיע. איך האָף, אַז איצט איז אַלץ בסדר און די אַרבעט וועט פאַרגעזעצט ווערן. מיר רעכענען אַרויסצופאָרן אונדזערע מעבל אין מיטן אויגוסט וועט אַלץ וועט גיין כּסדר.
איך פאַרשטיי נישט וואָס איר שרײַבט אַז איר דאַרפט אײַנגעבן אויף אַ רשות אַרויסצונעמען דאָס געלט פון באַנק לאומי. איך האָב אַרײַנגעשיקט דאָס געלט פאַר אײַך און געבעטן עס צו האַלטן צו אײַער דיספּאָזיציע אויף וועלכע איך האָב אַ באַשטעטיקונג פון דער באַנק און פון מר לעוואַנטין.
אַ חוץ דאָס געלט וואָס איך האָב געלאָזט אין באַנק לאומי איידער איך האָב פאַרלאָזט ישׂראל האָב איך אַרײַנגעשיקט 3000 ד׳ וועלכע מר לעוואַנ־טין שרײַבט מיר, אַז זיי האָבן זיי פאַרקויפט פאַר 196 (אומגעפער אַזוי) און זיי האָבן פאַר אײַך אַרום 6000 פונט. שרײַבט מיר, איך בעט אײַך, וועגן דעם. האָט איר שוין אַרויסגענומען דעם „טייטל״ אויף דעם פּלאַץ? און צי זענען די פּאַפּירן פאַרן פּלאַץ אַלע בסדר?
איך האָף אַז די פאַרבעסערונג פון דער סטודיע איז נישט געקומען צו שפּעט און עס וועט נישט אַרײַנטרײַבן אין צופיל קאָסטן.
מיר זענען דאָ אַלע פאַרנומען מיט מײַן אייניקלס חתונה. איך בין אויך זייער פאַרנומען מיט אָנשרײַבן אַ ריי אַרטיקלען וועגן ארץ־ישׂראל אין „דזשויִש קראָניקל״ ווי אויך פאַר ענגליש־ייִדישע צײַטונגען אין פאַרשיי־דענע לענדער.

שרײַבט מיר באַלד, איך בעט אײַך, וועגן די אַלע ענינים. מיט האַרציקסטע גרוסן פאַר אײַער פאַמיליע און אײַך.

אײַער שלום אַש

180

[לאָנדאָן] 24.6.1955

ידידי היקר מר יושב־ראש ד. בן־ארי,

כּדי צו קענען רעאַליזירן אַ הלוואה וואָס איך מאַך אין אַן אַמעריקאַנער באַנק אויף אַ געוויסע סומע צו קענען פאַרענדיקן מײַן בנין אין ישׂראל, באַדאַרף איך האָבן אַ קאָפּיע אָדער דעם אָריגינאַל פון דעם „טײַטל" אויף דעם פּלאַץ וואָס איך האָב געקויפט אין בת־ים ווי אויך אַ באַשטע־טיקונג פון אײַך, אָדער פון דעם קבלן, וויפל איך האָב שוין אַרײַנגעלייגט אין דעם בנין וואָס איך בוי אין בת־ים. איך וועל אײַך זייער דאַנקבאַר זײַן ווען איר וועט מיר באַלד אַרײַנשיקן די דאָקומענטן. אויך בעט איך אײַך מיר צו וויסן לאָזן וויפל איך וועל נאָך דאַרפן אײַנצאָלן דעם קבלן פאַר דעם בנין ביז ער וועט אינגאַנצן פאַרענדיקט ווערן לויט דעם אָפּמאַך וואָס איך האָב אונטערגעשריבן מיט דעם קבלן, אומגעפער וואָס איך דאַרף אײַנצאָלן. איך בעט אײַך מיר באַלד דאָס צו וויסן לאָזן וויפל געלט איך באַדאַרף איבערשיקן קיין ישׂראל אין דאָלאַרן, אָדער אין ישׂראל־פונטן.

מיר וועלן איבערשיקן די זאַכן אין מיטן אָקטאָבער קיין ישׂראל. מײַן פרוי און טאָכטער (וועלכע באַגלייט מײַן פרוי קיין ישׂראל אום צו קאָנען איר העלפן אײַנאָרדענען דאָס הויז) וועלן אָפּפאָרן אין מיטן אָדער אין אָנהייב פון אָקטאָבער (מיר רעכענען אַז ביז דאַן וועלן די זאַכן שוין זײַן אין ישׂראל). איך אַליין וועל אפשר מוזן אָפּפאָרן קיין אַמעריקע אויף צוויי־דרײַ וואָכן איידער איך וועל זיך צוריקקערן קיין ישׂראל.

מײַנע אײַנדרוקן פון ישׂראל וואָס איך דרוק דאָ אין אַ ריי צײַטונגען — „דזשויִש קראָניקל" און אַנדערע, מאַכן אַ זייער גרויסן רושם. איך האָף מען ווייסט דערפון אין ישׂראל. איך ווינטש דעם פּראָגרעסיוון עלעמענט און די אַרבעטער און אויך אײַך פּערזענלעך דערפאָלגרײַכע וואָלן לטובת ישׂראל.

מיט בעסטע גרוסן
אײַער פרײַנד שלום אַש

181

לאָנדאָן, 27סטער יוני 1955

ידידי היקר ר׳ דוד בן־ארי נ״י,
איך לאָז אײַך וויסן, אַז הײַנט האָב איך אַרויסגעשיקט דורך מײַן באַנק דאָ, אין לאָנדאָן, צו דער באַנק לאומי אין תּל־אביב צוויי טויזנט דאָלאַר צו אײַער דיספּאָזיציע. איך האָף אַז אַלץ גייט כּסדר מיט דעם בנין. איך ווייס ווי פאַרנומען איר זענט, ספּעציעל אין דער צײַט פון די וואַלן און אין די פאַרשיידענע עניני העיר. אָבער איך ווייס אויך, אַז איר טוט אַלץ וואָס מעגלעך, אַז מיר זאָלן האָבן אונדזער היים צוגעריכט צו דער צײַט. איך דאַנק אײַך פאַר אײַער מי און טרחה.
איך לייען דאָ די צײַטונגען פון ישׂראל און איך זע וואָס עס טוט זיך. פון פיל זאַכן האָב איך עגמת־נפש. איך פאַרשטיי ווירקלעך נישט ווי אַזוי אַ שופט קאָן מיט אַ לײַכט האַרץ אַרויסגעבן אַ טויט־אורטייל, אַפילו ווען נישט קיין פיזישן און עס איז נאָך שרעקלעכער אַ מאָראַלישן ווי עס האָט אַרויסגעגעבן דער שופט אין ירושלים איבער די מעשׂים תּעתועים אין וועלכע אַ כּלל־טוער * האָט זיך געזאָלט באַטייליקן אין אונגאַרן מיט די מחבלי היטלער. אַל תּדון את חברך עד שתּגיע למקומו.
בעסטע גרוסן פון אונדז אַלע.

אײַער שלום אַש

182

צו פרוי אַש און טאָכטער

מילאַנאָ, 1955

מײַן טײַערע מאַדזשע־לעבן און רות,
גאָט צו דאַנקען וואָס דו ביזט נישט מיטגעפאָרן. עס איז געווען ווי פון הימל געשיקט.
ערשטנס איז די רײַזע אויף דער לופטשיף געווען אַ זייער שווערע. פאַר מילאַנאָ, איבער די בערג, זענען געווען שווערע וואָלקנס און די לופטשיף

* געמיינט די מעשׂה קאַסטנער.

האָט זיך געוואָרפן ווי אין קדחת. דאָן איז דער וועג נאָך מילאַנאָ עטלעכע פופציק קילאָמעטער. עס נעמט איבער צוויי שעה צו קומען אין שטאָט. שטעל דיר פאָר, מיר קומען אָן אין שטאָט איינס אַ זייגער בײַנאַכט. די גאַנצע צײַט בין איך געווען גליקלעך אַז דו ביזט אין דער היים מיט רות [1], נישט דאָ נעבן מיר.

איך האָב דאָ אָנגעטראָפן הער ציקער [2] מיט זײַן פאַמיליע, זעט זיך אויס, אַז זײַנע קינדער זענען זייער פאַרמעגלעכע מענטשן, די משפחה האַלט זיך צוזאַמען.

נעכטן האָב איך געגעסן מיטאָג בײַ דער טאָכטער. די שוועגערין פון דער טאָכטער, די שוועסטער פון איר מאַן, איז זייער אַן אינטעליגענטע פרוי, קאָן איטאַליע זייער גוט, ווייסט פון אַלע קונסט־מוזעומס און קירכן. הײַנט, פרײַטיק, האָבן מיר געפּלאַנט אַרויסצופאָרן אין דעם שטעטל ווו דער הייליקער פראַנציסקעק איז געבוירן, אָבער עס רעגנט. פון נעכטן אָן גיסט און עס כליאָפּעט אין מילאַנאָ. גאָט צו דאַנקען, מיר פאָרן מאָרגן אָפּ מיט די ציקערס אין זייער אויטאָמאָביל צו אַ ים־ברעג, נישט ווײַט פון מאָנטע־קאַטיני. דאָרט שטייען זייערע אייניקלעך, און מיר וועלן איבערבלײַבן דאָרט איבער נאַכט. אפשר אַרײַנכאַפּן אַ שווים, ווען עס וועט שיין זײַן. זונטיק פאָרן מיר אָפּ קיין מאָנטעקאַטיני.

איך האָב נאָך געכאַפּט אַ שמועס מיט אים וועגן הויז אין ישׂראל אויבער־פלעכלעך. ער האַלט אַז עס איז זייער גוט געווען צו לאָזן פאַרענדיקן דאָס הויז. מיר דאַרפן זען אײַנריכטן זיך אין הויז איבערן ווינטער. יעדנפאַלס האַלט ער, אַז עס קאָן איצט קיין רייד נישט זײַן וועגן פאַרקויפן אָדער פאַרדינגען דאָס הויז. דאָס וואָלט געמאַכט אַ זייער שלעכטן אײַנדרוק אין ישׂראל. מיר זאָלן אָפּוואַרטן אַ יאָר און זען אויב מיר קאָנען דאָרט וווינען. אַפילו צו שטיין אין דעם הויז אַ פּאָר חדשים אין ווינטער, לוינט זיך אויך צו האַלטן דאָס הויז. יעדנפאַלס דענקט ער, ווען מיר וועלן זיך נישט אײַלן, קאָנען מיר שטענדיק אונדזער געלט אַרויסבאַקומען. דאָס הויז איז זייער שיין און בן־ארי [3] האָט עס געבויט מיט ליבע. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל איצט גאָרנישט באַשטימען, ביז איך וועל נישט צוריקקומען פון אַמעריקע.

איך קוש דיך און האַלדז דיך, זײַ רויִק, אַלץ וועט זײַן גוט.

דײַן שלום

183

צו דוד בן־ארי

לאָנדאָן, 12.7.1955

מײַן ליבער פֿרײַנד,

פֿיל דאַנק פֿאַר אײַער בריוו און טרחה. איך ווייס ווי פֿאַרנומען איר זענט איצט און גלייבט מיר, אַז איך ווייס ווי עס אַפּצושאַצן.

לײדער מוז איך אײַך מיטטיילן, אַז אין אונדזערע פּלענער זענען פֿאָרגע־קומען גרויסע ענדערונגען. מיר מוזן אָפּלייגן דאָס קומען קיין ישׂראל ווי אויך איבערשיקן אונדזערע זאַכן קיין ישׂראל אויף אייניקע חדשים. מײַן פֿרויס דאָקטער האָט מיך געוואָרנט, אַז אין דעם געזונט־צושטאַנד איז מײַן פֿרוי לחלוטין נישט אומשטאַנד אײַנצוריכטן, אָדער אַפֿילו צו פֿירן אַ הויז, און זי קאָן באָין אופֿן נישט זײַן אַליין. נישט מײַן טאָכטער און נישט איך קאָנען פֿאַרלאָזן אייראָפּע פֿאַר דעצעמבער. מײַן טאָכטער קאָן נישט פֿאַר־לאָזן איר פֿאַמיליע. דעם פּלאַן וואָס מיר האָבן פֿון אָנהייב געהאַט, אָפּצו־געבן דאָס הויז אין לאָנדאָן און מײַן האָפֿענונג צו באַוועגן מײַן אײדעם און טאָכטער צו קומען מיט אונדז זיך באַזעצן אין ישׂראל, קאָן נישט אויס־געפֿירט ווערן. מיר מוזן אָנהאַלטן אונדזער היים אין לאָנדאָן, ווײַל מײַן טאָכטער איז דאָס איינציקע קינד וואָס פּאַסט אויף אויף איר מוטער. איך אַליין מוז סוף אויגוסט פֿאָרן קיין אַמעריקע. איך מוז דאָרט ברענגען מײַנע אינטערעסן אין אָרדענונג און דאָרט איבערוואַרטן ווען מײַן נײַ בוך „ישעיה" וועט אַרויסגיין אין נאָוועמבער. דאָס אַלץ פֿאַרהאַלט אונדזער קומען קיין ישׂראל. און אויך מוז איך אײַך מודה זײַן, אַז איך האָב נישט איצט די פֿינאַנציעלע מעגלעכקייטן אַרײַנצולייגן נאָך 5 טויזנט דאָלאַר אין דעם הויז. איך האָב גערעכנט, אַז דאָס הויז אין ישׂראל וועט מיר קאָסטן 10־11 טויזנט דאָלאַר. דאָס געלט האָב איך מיר פֿאַרגעבראַכט אײַנצושאַפֿן אַזוי ווי איך האָב אײַך געזאָגט אין אָנהייב. איך האָב פֿײַנט צו מאַכן הלוואות. און דאַך האָב איך פֿון דאַנען אויס געפּרוּווט צו שאַפֿן די איבע־ריקע סומע און עס איז מיר נישט געלונגען. דאָס אַלץ צווינגט מיך אָפּצו־לייגן דאָס אויספֿאַרטיקן דאָס הויז איצט מיט אַלע פּיטשעווקעס. איך לייג אײַך פֿאָר צו פֿאַרענדיקן דאָס הויז אָן דעקאָראַציעס. איך וועל מיך אָנשטרענגען אײַך צוצושיקן נאָך צוויי טויזנט דאָלאַר. איך בעט אײַך, אַלס מײַן פֿרײַנד, וואָס האָט אָנגעהויבן די אַרבעט, מיר צוהעלפֿן אויספֿירן די זאַך אויפֿן בעסטן אופֿן.

איך גלייב אַז פֿאַר דעם געלט וועט איר זײַן אומשטאַנד אויסצופֿאַרטיקן

דאָס הויז מיט טירן און פענצטער, כּדי צו קאָנען עס פאַרמאַכן און אָפּ־וואַרטן ביז מיר וועלן קומען קיין ישׂראל, מיר וועלן דעמאָלט וויסן ווי מיר האַלטן אין דער וועלט, וואָס פאַר אַ זאַכן מיר זאָלן איבערשיקן פון דאַנען קיין ישׂראל. און איך וועל דעמאָלט האָבן די מעגלעכקייטן אויס־צופירן דעם בנין אין בעסטן אָרדענונג, אַזוי ווי מיר ווילן. און ביז דאָס הויז וועט פאַרטיק זײַן אונדז אויפצונעמען, וועלן מיר וווינען אין אַ האָטעל און זיך אײַנאָרדענען נישט געאײַלט.
גלויבט מיר, אַז מיט אַ ריס אין אונדזערע הערצער האָט מײַן פרוי און איך געמוזט דעצידירן אויף דעם שפּעטערדיקן פּלאַן, אָפּצולייגן אונדזער קומען קיין ישׂראל אויף אַ פּאָר חדשים, נאָר מיר קאָנען זיך נישט העלפן. די אומשטענדן צווינגען אונדז דערצו.
איך האָף אַז איר וועט מיך פאַרשטיין און איר וועט טון אַלץ דאָס מעגלעכע די זאַך צו ברענגען אין אָרדענונג מיט דעם אונטערנעמער — איך זאָל קאָנען אויספירן דעם בנין מיט די מעגלעכקייטן וואָס איך האָב.
מיט די האַרציקסטע גרוסן פון מײַן פרוי און מיר צו אײַך און צו אײַער משפּחה.

אײַער שלום אַש

פּ. ס. איך האָב באַקומען אַ קבלה פון באַנק לאומי, אַז זיי האָבן דערהאַלטן די צוויי טויזנט דאָלאַר איבערגעטוישט אויף דעם פרײַען קורס, וואָס דער פינאַנץ־מיניסטער האָט מיר באַוויליקט, אויף וועלכן זיי האָבן אויך איבער־געטוישט די פריערדיקע געלטער וואָס איך האָב זיי אַרײַנגעשיקט פאַר אײַך. איך בעט אײַך מיר מיטצוטיילן אויף וואָס פאַר אַ קורס זיי האָבן געטוישט די לעצטע צוויי טויזנט דאָלאַר.
אַש

184

SHOLEM ASCH
18, Loudoun Road
LONDON N. W. 8

20סטער יולי 1955

מײַן ליבער פרײַנד מר ד. בן־ארי,
פיל דאַנק פאַר אײַער בריוו און דעם שיינעם „דרשה־געשאַנק“ וואָס איר האָט מיר געשיקט — פאַר דעם האַרציקן מזל־טוב אין נאָמען פון דער

עיריה און אין אײַער אייגענעם [נאָמען]. איך בעט אײַך איבערצוגעבן דער פאַרוואַלטונג פון בת־ים מײַן האַרציקן דאַנק אין נאָמען פון חתן־כלה און אירע עלטערן און דער גאַנצער משפחה. איך האָף, אַז איך וועל באַלד די זכיה האָבן צו באַדאַנקען אײַך אַלעמען פּערזענלעך. עס איז געווען אַ חתונה אויף אַלע יידישע טעכטער געזאָגט געוואָרן אין פריידן, אין מנוחה און שלום על ישראל. מײַן פרוי און איך האָבן זיך זייער געפרייט מיט די פאָטאָגראַפיעס פון דעם הויז. עס זעט אויס צו זײַן זייער שיין, נאָר איר האָט מיך טרויעריק געמאַכט מיט אײַער אָנצוהערעניש, אַז איר וואָלט צופרידן געווען ווען איך וואָלט אײַך באַפרײַט פון דעם „דזשאָב״. חלילה, איר טאָרט גאָרנישט קלערן וועגן דעם. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן ווי מיר וואָלטן זיך אויסגעקאָנט אָן אײַך און אָן אײַער הילף. איך קאָן אײַך פאַרזיכערן אַז ווען נישט אײַער הילף וואָלט איך קיין מאָל נישט אונטערגענומען צו בויען אַליין אַ הויז אין ישראל. עס איז אמת, אַז די באַקאַנטשאַפט וואָס מיר האָבן צום ערשט געמאַכט און די האַרציקע פרײַנדשאַפט וואָס אײַער פרוי און איר האָבן אַרויסגעוויזן צו אונדז האָבן פיל גורם געווען צו באַזעצן זיך אין ישראל. ווי קאָנט איר גאָר קלערן וועגן דעם? איך ווייס ווי באַשעפטיקט איר זענט אין דער מועצה און יעצט בײַ די וואַלן און דערפאַר ווייס איך נאָך מער אָפּצושאַצן אײַער קרבנות־גרייטקייט און פרײַנדשאַפט אַדורכצופירן דעם ענין וואָס איר האָט זיך אונטערגענומען. הכלל, איך ווייס אַז איר וועט עס אַדורכפירן על הצד היותר טוב, און איך האָב דעם פולן צוטרוי צו אײַך. איך פאַרלאָז זיך אין גאַנצן אויף אײַך. **איר זענט דער באָס!**

שרײַבט מיר אויב איר נויטיקט זיך באַלד אין געלט, וועל איך אײַך גלײַך אַרײַנשיקן דורך דער באַנק לאומי. יעדנפאַלס **שיק איך אײַך אַרײַן 2000 דאָלאַר** צו דעקן די שפּעטערדיקע צאָלן.

מײַן פרוי און איך און מײַנע קינדער שיקן אײַך און אײַער משפחה אונדזער הערצלעכסטן גרוס.

אײַער שלום אַש

פּ. ס. אײַער באַמערקונג וועגן די וואַלן פון די מזרחה־ייִדן האָט מיך זייער באַזאָרגט. איר האָט רעכט.

לאָנדאָן, 7טער אויגוסט 1955

מײַן ליבער פרײַנד ר׳ דוד בן־ארי נ״י,

ערשטנס קום איך אײַך אויסדריקן מײַנע און מײַן פרויס סימפּאַטיעס און מיטלײַד אין אײַער טרויער אויף דעם טויט פון אײַער ליבן פֿאָטער. איך ווייס ווי צוגעבונדן איר זענט געווען צו אײַער פֿאָטער. איר האָט מיט מיר אַ פּאָר מאָל גערעדט וועגן אים. אויך אײַער קרוב, מײַן פרײַנד מאיר ווײַסגאָלד [1], האָט מיר נישט לאַנג צוריק, ווען ער איז געווען אין לאָנדאָן, דערציילט וועגן אײַך און אײַער משפחה. איך קאָן אײַך נאָר זאָגן, אַז גאָט זאָל אײַך טרייסטן אין אײַער גוטער אַרבעט לטובת ישׂראל און פֿאַר דעם געדייען פון דעם ייִדישן פֿאָלק זאָלט איר געפינען נחמה און שטאַרקייט, ווײַסנדיק, אַז איר האָט געבראַכט נחת צו אײַער ליבן פֿאָטער.

אויך איך האָב געהאַט אַ פאַרלוסט. מײַן אַמעריקאַנער פאַרלעגער, מס. מינטאָן [2], און מײַנער אַ טיפער פאַרערער און איבערגעגעבענער פרײַנד איז די טעג פּלוצים געשטאָרבן. דאָס מאַכט אויך געוויסע שוועריקייטן פֿאַר מיר. איך קאָן איצט נישט פֿאָרן קיין אַמעריקע — וואָס איך מוז — צוליב די שרעקלעכע היצן וואָס הערשן איצט דאָרט. איך מוז אָפּלייגן די רײַזע ביז אָקטאָבער. ביז דעמאָלט ווייס איך גאָר נישט ווי איך שטיי אין געוויסע ענינים.

דעם „טײַטל״ אויף מײַן נחלה האָב איך באַקומען. פיל דאַנק. וואָס אָנבאַטרעפט דאָס בויען מײַן הויז — דריק איך אײַך ערשטנס אויס נאָך אַמאָל אונדזער דאַנק פֿאַר אײַער מי און טרחה. אַזוי ווי איך האָב אײַך געשריבן ווילן מיר דורכויס פֿאַרענדיקן דעם בנין בשלום. איך האָב זיך געמיט און איך שיק אײַך מאָרגן אַרויס 2000 דאָלאַר אויף צו פֿאַרענדיקן דאָס הויז. ליידער זע איך איצט נישט אײַן ווי אַזוי צו באַקומען מער געלט. ענדע דעם חודש מוזן מיר אָפּפאָרן קיין איטאַליע אויף אַ קור. מײַן ליבע פרוי פילט זיך ליידער נישט בעסער. און איך אויך נישט. ביז איך וועל צוריקקומען פון אַמעריקע האָב איך נישט קיין אויסזיכטן צו האָבן מעגלעכקייטן צו שיקן אײַך מער געלט. איך האָף אויף נאָך טויזנט ישׂראל־פונטן וואָס קומט מיר אין ישׂראל. איך גלויב, אַז מיט דעם געלט וועט איר האָבן די מעגלעכקייט צו פאַרענדיקן בויען דאָס הויז און דאָס איבעריקע וואָס וועט נאָך אַרויסקומען דעם קאָנטראַקטאָר וועל איך באַצאָלן שפּעטער.

די פֿאַרבן זאָלן בלײַבן אַזוי ווי איר שרײַבט מיר. מען דאַרף זען, אַז דאָס הײַזל זאָל פֿאַרענדיקט ווערן און זײַן גרייט זיך אַרײַנצוציִען.

אין איטאַליע וועל איך זיך טרעפֿן מיט פֿרײַנד ציקער [3] און מיר וועלן אַלצדינג דורכרעדן.
דאָס וואָס איר שרײַבט מיר, מײַן ליבער פֿרײַנד, וועגן די וואַלן * אין ישׂראל מאַכט מיך זייער טרויעריק. איך ווייס די שוועריקייטן וואָס שטייען פֿאַר. איך קען אונדזערע ייִדן. מיר האָבן צו דערוואַרטן אַ גרויסן דערציִונגס־קאַמף, אויסצוגלײַען דיסציפּלין אין אונדזער פֿאָלק. מיטן מיליטער איז עס אונדז געלונגען, איצט איז די ריי אויף דער ציוויל־באַפֿעלקערונג.
אונדזערע האַרציקסטע גרוסן פֿאַר אײַער פֿרוי און קינדערלעך און פֿאַר אײַך.
אײַער פֿרײַנד שלום אַש

186

שלום אַש צו זײַן פֿרוי

ניו־יאָרק, 1955

טײַערע, איינציקע מאַדזשע־לעבן,
עס איז זייער נייטיק געווען און גוט צו קומען קיין אַמעריקע. איך גלייב אַז איך גלײַך אויס אַלע סכסוכים מיט „פּאַטנאַם" [1]. דער יונגער מינטאָן איז גאָר קיין ייִנגל נישט, ער איז אַ פֿעיִקער ביזנעס־מאַן און ווייס וואָס ער וויל. איך האָב אין אים אין גאַנצן צוטרוי און אַרבעט אויס אַ פּלאַן, וואָס וועט מיר געבן מער זיכערקייט און מנוחה.
איך האָב איבערגעלייענט מײַן נײַ בוך **. איך פּערזענלעך בין איבערצײַגט, אַז עס איז פֿון גײַסטיקן שטאַנדפּונקט די העכסטע דערגרייכונג פֿון מײַן שאַפֿן, ווען אַפֿילו קינסטלעריש איז עס אפֿשר הינטערשטעליק פֿון די אַנדערע ביכער. מען קאָן נישט דערוואַרטן אַ גרויסן פֿאַרקויף — נאָר איך בין איבערצײַגט, אַז סײַ ייִדן און סײַ קריסטן מיט גוטן ווילן וועלן וויסן דאָס בוך אָפּצושאַצן. אין ישׂראל וועט מען עס זייער גוט אויפֿנעמען, מען קאָן מיט גלויבן זאָגן: „עס איז גוט פֿאַר ייִדן".
איך האָב באַשטימט צו פֿאָרן אַהיים מיט דער שיף און איך האָב גענומען

* געמיינט די וואַלן צו דער כּנסת און שטאָטראַטן.
** „דער נביא".

אַ בילעט פאַר דעם 18טן אָקטאָבער אויף דער „ניער אַמסטערדאַם״, איך האָב געקריגן אַ גרויסע קאַבינע פאַר אַ מינימום פּרייז. איך וועל מיט־ברענגען מיט מיר, טאַקע אויף דער שיף, אַלע חנוכּה־לײַכטערס, דאָס גלאָזוואַרג. די רינגען האָב איך שוין בײַ מיר. ד״ר קייסער [2] זאָגט מיר, אַז די רינגען אַליין זענען ווערט 12,000 דאָלאַר.
איך בין דאָ זייער פאַרנומען. דאָנערשטיק האָב איך אַן אינטערוויו מיט דער „טײַמס״. אויך וועל איך האָבן אַן אינטערוויו מיט „העראָלד טריביון״. פאַר דעם 13טן גיט „פּאַטנאַם״ אַ לאָנטשן פאַר מיר, ווו עס וועלן זײַן אַלע קריטיקער פון די צײַטונגען.

דערווײַל זײַ מיר האַרציק געגריסט
דײַן שלום

187

ניו־יאָרק, 1955

טײַערע, איינציקע מאַדזשע־לעבן און מײַן רותקע,
איך האָב געהאַט זייער אַ פאַרנומענע וואָך, נאָר גאָט צו דאַנקען, איך האָף, איך האָב פיל פאַרריכט און וועל אַהיימקומען מיט אַ גרינגער געמיט.
ערשטנס האָב איך אַרויסבאַקומען פון „פּאַטנאַם״ [1] אַ געוויסע גאַראַנטיע, אַז זיי וועלן האַלטן מײַן געלט אין באַנק. איך האָב די פאַרזיכערונג, אַז דאָס געלט וועט מיר פּינקטלעך אויסגעצאָלט ווערן יערלעך, און דער אָפּמאַך גייט איבער צו דיר, ווען עס זאָל עפּעס געשען מיט מיר. דאָס איז אַ גרויסע פאַרלײַכטערונג פאַר מיר. יעדנפאַלס וועט עס אונדז פאַרזיכערן אַן עקזיסטענץ אויף די רעשט פון אונדזערע טעג. גאָט צו דאַנקען.
איך נעם מיט מיר אַלע חנוכּה־לאָמפּן, דאָס גלאָז און די רינגען.
געקומען צו זייער אַ גליקלעכער פאַרשטענדיקונג מיט פּערלמאַן [2], אין וועלכער „פּאַטנאַם״ באַטייליקט זיך מיט אַ העלפט פון זײַן געהאַלט.
דאָס בוך געפעלט זייער און זייער די רעליגיעזע מענטשן. איך האָב געהאַט „לאָנטשן״ מיט פּאָולינג [3], פּאַרקער [4], מיט דעם פאַרשטייער פון „טײַמס״ ליטעראַרישער בײַלאַגע — אַלע זענען זייער באַגײַסטערט פון דעם בוך *,

* „דער נביא״.

באַטש עס איז אַ צווייפל, צי דאָס בוך איז צוגענגלעך פאַר די ברייטע מאַסן. נאָר איך זאָרג זיך נישט דערפאַר, איך פערזענלעך בין זייער גליק־לעך מיט דעם בוך. איך האַלט אַז עס איז דאָס וויכטיקסטע, וואָס איך האָב געשריבן און דאָס איז וויכטיק.
אַלעק [5] האָט מיר אָנגעקלונגען, אַז זיין טאָכטער האָט מיט מזל געבוירן אַ זון, אַלעק און לילאַ [6] זענען זייער אויפגערוימט, דו קאָנסט דיר פאָר־שטעלן.
געהאַט אַ זייער אינטערעסאַנטן אָוונט מיט פּאָול מוני [7]. דו ווייסט דאָך, אַז מען האָט אים געמוזט אַרויסנעמען אַן אויג — איך באַוווּנדער זיין מוט און זיין פילאָסאָפישע רויִקייט. זיין דירעקטאָר הערמאַן שירמאַן [8] איז אויך זייער אַן אינטערעסאַנטער מענטש.
געהאַט דינער מיט מינטאָנס [9] זון. מאָרגן פאָר איך אַרויס אויף מינטאָנס קבר.
נעכטן אָוונט האָב איך געגעסן ביי סילוויאַ שוואַרץ [10], זיי האָבן געפּראַוועט דעם 22סטן געבוירן־טאָג פון דער טאָכטער. סילוויאַ האָט אָוועקגערויבט אייניקע פון מרימס [11] פאָטאָגראַפיעס, די פאָטאָגראַפיעס פון דער חתונה מאַכן אַ גרויסן רושם, דאָס פּאָרפּאָלק זעט אויס ווי אַ יונגער לאָרד מיט אַ ליידי.
יאָ, איך נעם יעדן אָוונט אַ שלאָף־פּיל, דאָס ראַטעוועט מיר דאָס לעבן. איך שלאָף.
איך קוש אייך אַלע, מיין ווייב און מיינע קינדערלעך, זייט אַלע געזונט.

דיין שלום

188

צו דוד בן־ארי

ערשטנס זייט מיר מוחל במחילה גמורה דערפאַר וואָס איך האָב אייך גאָרנישט געלאָזט וויסן פון זיך. אַזוי ווי איך בין אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַזאַ שטורעמדיקן שניי און קעלט אַז איך האָב זיך גלייך צוגעקילט. איך בין קראַנק געווען די גאַנצע צייט וואָס איך האָב זיך געפונען אין ניו־יאָרק. איך האָב נישט געהאַט קיין געלעגנהייט ווען צו זען. עס איז אויך קיינער פון מיינע פריינד נישט געווען אין ניו־יאָרק וואָס איך האָב גערעכנט אויף זיי. צוליב דער קעלט אין ניו־יאָרק און אויך

צוליב די יום־טובים האָבן זיך אַלע געפונען אין פלאָרידאַ. איך האָב נאָר געוואָרט אַז איך וועל זיך בעסער פילן זאָל איך קאָנען צוריקפליִען קיין לאָנדאָן. דאָ האָב איך אויך געמוזט גיין אין בעט אַריין פון מידקייט. ביז גאָט צו דאַנקען, מײַן פרוי און מײַן טאָכטער זענען אָנגעקומען.
צווייטנס וויל איך אײַך האַרציק דאַנקען פאַר אײַער פרײַנדלעכקייט און פאַר אײַער גוטהאַרציקייט וואָס איר האָט אַרויסגעוויזן צו אונדז און צו מײַן טאָכטער. איבערהויפּט פאַר אַלעם. מײַן טאָכטער קען זיך נישט אָפּ־רימען פון אײַער הכנסת אורחים. אַזוי ווי זי וועט נאָר אַ ביסל זיך אָפּרוען וועט זי שרײַבן צו אײַך.
מײַנע ענינים האָב איך נאָך נישט געבראַכט אין אָרדענונג און איך קאָן פּאַרלויפיק גאָרנישט זאָגן וועגן מײַנע פּלענער אין דער צוקונפט. איך ווייס אַז איך בין זייער מיד, און די ערשטע זאַך — איך מוז זיך אויסרוען, איך זאָל קומען צו זיך, וואָרום איך בין זייער שוואַך געוואָרן פון דעם אַרום־וואַנדלען.
איך בעט אײַך איבער, וואָס איך וועל איצט מער נישט שרײַבן. זײַט מיר אַלע האַרציק געגריסט, מײַן ליבער חיימקע [1] און אײַער טעכטערל און אַלע גוטע פרײַנד.

אײַער בכל לב ונפש
שלום אַש

מײַן פרוי, טאָכטער און די קינדער שיקן אײַך האַרציקע גרוסן.

189

ערב ראש השנה [1955, לאָנדאָן]

מײַנע ליבע פרײַנד דוד און זײַן גוט ווײַבל, שלום רב!
אַ שיינעם דאַנק אײַך פאַר אײַער לשנה טובה־קאַרטל. איך שיק אײַך מײַנע האַרציקע ברכות אי לשנה טובה און אי פאַר אײַער אויסגעוויילט ווערן אַלס ראש־העיר פון דער באַרימטער בת־ים. די טעג געטראָפן זיך מיט נחום גאָלדמאַן [1]. ער האָט אין בת־ים אַ מגרש. ווען ער האָט געהערט, אַז איך בוי אין בת־ים, וויל ער אויך. לאָמיר האָפן כּן ירבו בבת־ים.
איך בין נאָר וואָס אַהיימגעקומען פון מאָנטעקאַטיני. לײַדער האָב איך מײַן פרוי געפונען נישט אין קיין בעסערן מצב ווי איך האָב זי פאַרלאָזט. איך

בלײַב דאָ נאָר איבער ראש השנה, דאַן פּלי איך קיין אַמעריקע. איך האָף אַז איך וועל צוריק זײַן פון אַמעריקע אין מיטן אָקטאָבער, דענסטמאָל וועל איך וויסן ווען און וואָס.
איך האָב גערעכנט אויף דעם געלט וואָס איך האָב אין ישׂראל. די טעג וועט איר באַקומען נאָך אַ טויזנט ישׂראל־פונט. איך וועל זיך באַמיִען באַלד דאָס געלט אַרײַנצושיקן. גלויבט מיר אַז איך ווייס ווי אָפּצושאַצן אײַער פרײַנדלעכקייט. איך ווינטש אײַך נאָך אַמאָל אַ גוט און געזונט יאָר פאַר אײַך און אײַער משפּחה — פון מײַן פרוי און פון מיר און מײַן משפּחה.

אײַער שלום אַש

190

[לאָנדאָן] 29 אָקטאָבער 1955

ידידי היקר יושב־ראש מר דוד בן־ארי נ״י,
ערשטנס מוז איך אײַך בעטן מחילה דערפאַר וואָס איך האָב נישט געשריבן די גאַנצע צײַט. פאַר מײַן אָפּפאָר קיין אַמעריקע בין איך געווען פאַרנומען מיט קאָרעגירן און אויסבעסערן מײַן ספר, אויף וועלכן איך האָב שווער געאַרבעט. און דורך מײַן זײַן אין אַמעריקע בין איך געווען פאַריאָגט, פאַרטון און איך האָב נישט געשריבן מקוצר רוח ומעבודה קשה. איך בין אַהיימגעקומען האָב איך לײדער געפונען מײַן פרוי אין נישט קיין פיל בעסערן געזונט־צושטאַנד ווי איך האָב זי איבערגעלאָזט, אַפילו אין אַ פיל אַן ערגערן. איך וואַרט נאָר איבער די צײַט ווי איך וועל פאַרברענגען מיט מײַנע קינדער מײַן געבורטסטאָג אין לאָנדאָן און דעם 3טן נאָוועמבער פאָרן מיר אָפּ פון לאָנדאָן „אויפן וועג קיין ציון״. איך מוז די רײַזע מאַכן זייער פאָרזיכטיק און שטאָפּלווײַז. מײַן פרוי און איך זענען מיר ביידע זייער מיד. ביידע דאַרפן מיר האָבן אַ הבראה אײדער מיר קומען קיין ארץ־ישׂראל. מיר וועלן פאַרברענגען אויף דער פראַנצויזישער אָדער איטאַליענישער ריוויערע אַ מאָנאַט אָדער זעקס וואָכן. מיר וועלן איבער־וואַרטן די רעגנצײַט אין ישׂראל און מיר פּלאַנירן אין מיטן דעצעמבער, אָדער אָנהייב נײַ־יאָר (מיר ווילן פאַרברענגען מיט אונדזערע קינדער) וועלן מיר אָפּפאָרן פון מאַרסיי קיין ישׂראל. אין ישׂראל וועלן מיר זיך אַדורכרעדן מיט אונדזערע פרײַנד און מיר וועלן באַשטימען וואָס מיר

זאָלן טון. מיר פּלאַנירן אײַנצושטיין דערווײַל אין אַ האָטעל ביז עס וועט באַשטימט ווערן, צי מײַן פרוי קאָן זיך אונטערנעמען צו פירן אַ ווירט־שאַפט. יעדנפאַלס וועלן מיר אויספּאַרטיקן אונדזער שטיבל מיט אײַער הילף — עס זאָל זײַן פּאַרטיק פאַר אונדז.

איך בעט אײַך מיר צו שרײַבן אויב איר באַדאַרפט האָבן מער געלט פון מיר, אָדער דער קאָנטראַקטאָר קאָן וואַרטן מיטן רעשט ביז מיר וועלן אָנקומען קיין ישׂראל מיט גאָטס הילף. איך בעט אײַך אויך צו שרײַבן אויב מר בן־דוד [1] האָט אַרײַנגעטראָגן אײַך אַ סומע פון 900 ישׂראל־פונט. איר קאָנט מיר שרײַבן אויף מײַן לאָנדאָנער אַדרעס און מײַן טאָכטער וועט מיר דעם בריוו איבערשיקן. אַזוי ווי איך וועל אָנקומען אויף אַ מקום מנוחה וועל איך אײַך שרײַבן מײַן אַדרעס.

דערווײַל דריק איך אויס אין נאָמען פון מײַן פרוי און אין מײַן אייגענעם אונדזער האַרציקן דאַנק און אונדזערע האַרציקע גרוסן פאַר אײַער ליבער פרוי און אײַערע קינדערלעך און פאַר אײַך.

אײַער שלום אַש

191

CONTINENTAL HOTEL
NICE

ניצאַ, 11 נאָוועמבער 1955

מײַן ליבער פרײַנד מר ד. בן־ארי,

ערשט נעכטן האָב איך אײַך געשריבן פון פּאַריז, אַז מיר האָבן געקויפט בילעטן אָפּצופאָרן קיין ישׂראל דעם 25סטן נאָוועמבער מיט דער שיף „ירושלים״, און הײַנט מוז איך אײַך שרײַבן, אַז לײדער איז מײַן פרוי אויפן וועג קראַנק געוואָרן און דער דאָקטער האָט אונדז פאַרווערט אַז מיר זאָלן יעצט מאַכן די רײַזע אויפן ים. מײַן פרוי איז נישט ביכולת דאָס צו טון. מיר מוזן אָפּלייגן די רײַזע אויף אַ פּאָר וואָכן, אפשר ערשט אויף נאָך נײַ־יאָר. איך בעט אײַך איבערצורעדן מיט מײַן פרײַנד ציקער [1], צו וועמען איך שרײַב איינצײַטיק, אַז איר בײדע זאָלן זיך אַדורכרעדן און מיר שרײַבן וויפל געלט איך דאַרף אײַך איצט שיקן, כּדי צופרידן צו שטעלן דעם אונטערנעמער, אָפּצוצאָלן וואָס אים קומט, און וועגן דעם מיר לאָזן וויסן. וואָס אָנבאַטרעפט אונדזער איבערפאָרן קיין ישׂראל מוזן מיר עס אָפּלייגן

אויף שפּעטער, כּדי צו זען ווי מײַן פּרוי וועט זיך פילן. איר פאַרשטייט דאָך, אַז איך קאָן גאָרנישט טון און וועל חלילה גאָרנישט טון צו שטעלן איר געזונט און לעבן אין סכּנה.
גלויבט מיר אַז איך שרײַב דעם בריוו מיט אַ צעבראָכן האַרץ. מיר בלײַבן פּאַרלויפיק אין ניצא. דער דאָקטער פאַרוועדט אונדז צו רירן זיך פון דאַנען.

מיט די האַרציקסטע גרוסן
אײַער שלום אַש

192

CONTINENTAL HOTEL
12, Rue Rossini
NICE

נאָוועמבער 1955

לידידי היקר מר ד. בן־ארי,
אַ שיינעם דאַנק אײַך פאַר אײַער ליבן בריוו. איך בין פאַרוואונדערט פאַר וואָס עס קומט נאָך אַזוי פיל געלט דעם קאָנטראַקטאָר. איך קאָן אים איצט נישט אויסצאָלן די גאַנצע סומע. איך וואָלט זיך געוווּנטשן ער זאָל איבערוואַרטן ביז מיר וועלן קומען קיין ישראל. איך שיק איצט אַרײַן 2000 דאָלאַר. איך בעט אײַך דעם טשעק צו פאַרקויפן צו דער באַנק לאומי. איך שיק דעם טשעק אויף דעם אַדרעס פון דער באַנק לאומי אין תּל־אביב און שרײַב זיי דעם טשעק צו פאַרקויפן און אײַך איבערגעבן די ישׂראל־פונטן.
דערווײַל בין איך קראַנק געוואָרן, איך האָב געהאַט אַן אַטאַקע פון רעוומאַטיזם און איך ליג שוין אַ וואָך צײַט אין בעט. ווען עס וועט מיר בעסער ווערן וועל איך אָנהייבן צו קלערן צו קומען קיין ישראל. מיר האָפן, אַז מיר וועלן קאָנען קומען קיין ישׂראל אַרום יאַנואַר 1956.
דערווײַל זײַט מיר האַרציק געגריסט און לאָמיר הערן ישועות טובות ונחמות אויף שלום פאַר ישׂראל.

להתראות בקרוב
שלום אַש

פּ. ס. איך האָב באַקומען פון מר בן־דוד [1] אַז ער האָט פאַר מיר 1000 ישׂראל־פונטן און ער האָט געשריבן וועגן דעם אַז ער וויל זיי איבער־געבן אויף מיַין חשבון. איך בעט אייַך שריַיבט מיר באַלד אַ תּשובה.

193

CONTINENTAL HOTEL
NICE

1 דעצעמבער 1955

לכבוד ידידי ר׳ דוד בן־ארי,
נעכטן דעם 30סטן נאָוועמבער האָב איך אַרויסגעשיקט אַ טשעק אויף צוויי טויזנט דאָלאַר צו דער באַנק לאומי אין תּל־אביב און איך שריַיב זי זאָל עס איבערטווישן אויף ישׂראל־פונטן און אייַך איבערגעבן דעם סכום. דעם בריוו האָב איך געשיקט צום מנהל לעוואָנטין [1]. אַזוי ווי איך האָב דעם בריוו אַרויסגעשיקט נישט איַינגעשריבן (דעם טשעק האָב איך געשטראָכן, אַז נאָר אַ באַנק קאָן אים וועקסלען) בעט איך אייַך, אַזוי ווי איר וועט דערהאַלטן דאָס געלט זאָלט איר זיַין אַזוי פריַינדלעך און מיר באַלד טעלעגראַפירן.

מיט די בעסטע גרוסן — עם ברכת שלום על ישׂראל
איַיער שלום אַש

194

CONTINENTAL HOTEL
NICE

ניצאַ, 21סטער דעצעמבער 1955

ליבער פריַינד מר בן־ארי,
מיר מוזן דאָך פאָרן. איך האָב נישט קיין רו דאָ, ווען איר זענט אין אַן עת צרה. מיַין פרוי און איך שטאַרקן זיך און מיר האָבן אָנגעהויבן צו פּאַקן. אויף געוויס פאָרן מיר אָפּ דעם 27סטן דעצעמבער מיט דער שיף „ירו־

שלים״ פון מאַרסיי. מיר קומען אָן דעם 2טן יאַנואַר. איך וועל אײַך טעלע־גראַפירן פון מאַרסיי.
מיר טראַכטן אפשר איז דאָ אַ מעגלעכקייט צו וווינען פּריוואַט, אָדער אין אַ האָטעל **אין בת־ים**? איך וואָלט געוואָלט זײַן אין דער נאָענט פון אײַך און אַזוי מײַן פרוי, און צו זען וואָס מיר קאָנען טון.
גריסט אײַער פרוי און אײַער בחור. מיר פרייען זיך צו זען אײַך באַלד.

בברכת שלום על ישׂראל
שלום אַש

195

GRAND HOTEL CROCE DI MALTA
MONTECATINI TERME

בעסטער, ליבער פרײַנד מר בן־ארי, שלום וברכה,
איך קאָן אײַך מיטטיילן, אַז מיר האָבן באַשלאָסן אָנהייבן אַריבערצושיקן געוויסע זאַכן פאַר אונדזער הויז אין בת־ים. מײַן פרוי איז נאָך זייער שוואַך און מיר קאָנען נישט אײַנפּאַקן אַלץ. מיר וועלן איבערשיקן די זאַכן ביסלעכווײַז. איך האָב דאָ אין מילאַנאָ געזען פּאַסנדיקע ווערענדע־מעבל, וועלכע איך האָב געקויפט פאַר אונדזער הויז און איך וויל עס איבערשיקן פון מילאַנאָ קיין ישׂראל. איך ווייס נישט ווי אַזוי איך זאָל עס טון. איך בעט אײַך זייער איר זאָלט זײַן אַזוי פרײַנדלעך און מיר מיטצוטיילן ווי אַזוי, אָדער מיר אַרײַנשיקן די נויטיקע פּאַפּירן, וואָס איך באַדאַרף פאַר איבערשיקן זאַכן פאַר אונדזער הויז אין ישׂראל. איך בעט אײַך דאָס מיר צו שרײַבן און אַרײַנשיקן קיין לאָנדאָן אויף דעם לאָנדאָנער אַדרעס
18, Loudoun Road, LONDON N.W. 8
און פון דאָנען וועלן זיי איבערשיקן די זאַכן פון מילאַנאָ אויף מײַן אָנ־ווײַזונג קיין ישׂראל.
איך האָף אַז מײַן פאַרלעגער מר כּץ [1] פון „קרני״, אָדער מײַן אַגענט בר־דוד [2] פון ירושלים — תּלפּיות האָבן אַרײַנגעטראָגן דאָס געלט וואָס איך האָב בײַ זיי אין ישׂראל.
איך גריס אײַך און אײַער משפּחה זייער האַרציק און נאָך אַ מאָל אַ יישר כּוח.

אײַער שלום אַש

מר ציקער [3] שיקט איבער זײַן בעסטן גרוס. איך פֿאָר פֿון דאַנען אָפּ קיין לאָנדאָן אַרום דעם 12־13 סעפּטעמבער.

196

לכבוד ידידי היושב־ראש מר ד. בן־ארי,
תודה רבה, מײַן פֿרוי און איך זענען אײַך דאַנקבאַר פֿאַר אײַער עצה טובה און איך אײַל זיך אײַך מיטצוטיילן, אַז מיר זענען ווילּיק צו פֿאַרגרעסערן מײַן „סטאַדי" אויף נאָך אַמאָל אַזוי פֿיל אויפֿן חשבון פֿונעם „פֿאָרטש" — לויט דעם פּלאַן וואָס מײַן טאָכטער האָט אָנגעצייכנט און איך שיק אים אײַך אַרײַן. איך וואָלט געוואָלט האָבן מער אויסזיכט צום ים אַרויס. שרײַבט מיר באַלד צי דער פּלאַן איז גוט און פּראַקטיש. איך האָף אַז עס איז נאָך נישט צו שפּעט.
האַרציקע גרוסן פֿאַר אײַך און אײַערע.

אײַער שלום אַש

מײַן פֿרוי און טאָכטער שיקן גרוסן.
יאָ, פּיאַנאָ שפּילן האָבן מיר מײַנע עלטערן נישט געלערנט, האָב איך איבערגעלאָזט די פּיאַנאָ פֿאַר מײַן אייניקל. איך ברענג מיט אַ לאַנגשפּיל־קאַסטן מיט אַ ביבליאָטעק פֿון רעקאָרדס. אַנשטאָט מײַן גרימפּלען שפּילט פֿאַר מיר פּאַדערעווסקי, חפֿץ און אַלע אָרקעסטערס פֿון דער וועלט.

197

CONTINENTAL HOTEL
12, Rue Rossini
NICE

12 דעצעמבער 1955

לכבוד ידידי יושב־ראש מועצת בת־ים,
מיט פֿרייד לאָזן מיר אײַך וויסן, אַז מיט גאָטס הילף פֿאָרן מיר אָפּ דעם

27סטן דעצעמבער מיט דער שיף „ירושלים״ קיין ישׂראל און מיר קומען אָן דעם 22סטן יאַנואַר 56. מיר פרייען זיך זייער באַלד איַיך צו זען.

מיט האַרציקע גרוסן
איַיער שלום אַש

פאַרוואָס האָב איך פון איַיך ביז איצט נישט באַקומען קיין וואָרט וועגן די 2000 ד׳ וואָס איך האָב איַיך אַרויסגעשיקט דורך דער באַנק לאומי? — שרײַבט באַלד.

198

[אָן אַ דאַטע פון ניצאַ]

מיַין ליבער פריַינד ר׳ דוד בן־ארי,
מיט אַ צעבראָכן האַרץ מוז [איך] איַיך מיטטיילן, אַז מיר זענען געצווּנגען ווידער אָפּצולייגן אונדזער ריַיזע קיין ישׂראל — צוליב אונדזער ביידנס קראַנקייט. עס זעט זיך אויס מיר מוזן וואַרטן אויף וואַרעמע טעג.
איך בין נבהל ונשתּומם געוואָרן צו הערן, אַז דער קאָנטראַקטאָר האָט טענות צו איַיך וועגן דעם פּריַיז פאַר בויען. איך האָב פון איַיך דערהאַלטן אַ גענויעם חשבון פון פּריַיזן פאַר יעדע אַרבעט וואָס דער קאָנטראַקטאָר דאַרף טון. איך האָב עס גוט־געהייסן און מיר האָבן אַ קאָנטראַקט, ווו ס׳איז אויסגערעכנט דער פּריַיז פון יעדער זאַך אויף וועלכן ער האָט גע־צייכנט און געחתמעט. איך האָב נישט בדעה קיין איין סענט מער צו באַ־צאָלן ווי דאָס וואָס מיר האָבן אָפּגעמאַכט ברחל בתך הקטנה. מיט די 750 פונט וואָס איר האָט באַקומען פון בן־דוד [3] און מיט די צוויי טויזנט דאָלאַר וואָס איך האָב אַריַינגעשיקט גלויב איך אַז מיט דעם וועלן זיַין געדעקט אַלע הוצאות פון הײַזל.

מיט הערצלעכע גרוסן להתראות בקרוב
איַיער שלום אַש

פּ. ס. איך בעט איַיך זייער צוציִען מיַין פריַינד ד. ציקער און מאַכן אַ גע־נויעם חשבון מיט דעם קאָנטראַקטאָר. פאַרלויפיק בליַיבן מיר אין ניצאַ, ביז מיר וועלן גרייט זיַין צו ריַיזן.

199

CONTINENTAL HOTEL
NICE

22סטער דעצעמבער 1955

ליבער פרײַנד בן־ארי,

נעכטן זענען מיר שוין געווען גרייט צו פֿאָרן. מײַן אָרעמע פֿרוי האָט זיך אָנגעהויבן אײַנצופּאַקן, האָט זי בײַנאַכט ווידער באַקומען אַ הויכן בלוט־דרוק. עס האָט איר פֿאַרפֿעלט לופֿט. איך האָב גערופֿן דעם דאָקטער. דער דאָקטער האָט מיך געזידלט אַז איך גיי טון אַזאַ זאַך. מיר האָבן באַשטימט דעפֿיניטיוו נישט צו רירן זיך פֿון דאַנען ביז פֿעברואַר. דאָס הויז קאָן שטיין ווי עס איז, קיינער וועט עס נישט אַוועקגנבֿענען. איך פֿיל זיך זייער אומ־גליקלעך, ווי איר קאָנט זיך פֿאָרשטעלן. זײַט מיר מוחל וואָס איך פֿאַרדריי אײַך אַזוי פֿיל דעם קאָפּ. איך קאָן מיר נישט העלפֿן.

מיט די הערצלעכסטע גרוסן
אײַער שלום אַש

פּ. ס. איך בעט אײַך זײַט אַזוי פֿרײַנדלעך און רופֿט אָפּ פֿרײַנד ד. ציקער [1] און מײַן פֿאַרלעגער שמואל כּץ פֿון „קרני" [2] און זאָגט זיי, אַז איך מוז ווידער אָפּלייגן די רײַזע.

200

CONTINENTAL HOTEL
NICE

מײַן ליבער פֿרײַנד דוד בן־ארי,

איר מוזסט זיך וווּנדערן פֿאַרוואָס מיר ענדערן אונדזערע פּלענער. איר מוזסט נישט פֿאַרגעסן, אַז איך האָב זיך אונטערגענומען צו טון אַ זאַך וואָס איז נישט אָפּהענגיק אין מיר נאָר אין מײַן פֿרויס געזונט. זי ווי איך באַגערן צו קומען קיין ישׂראל און מיר ווילן און זענען גרייט געווען צו טון קעגן דעם פֿאַרבאָט פֿון איר דאָקטער, און מיר האָבן שוין געהאַט [געמאַכט] באַשטעלונגען אויף דער שיף און גרייט געווען אָפּצופֿאָרן. אָבער ווען מײַן פֿרויס געזונט דערלויבט איר נישט צו מאַכן די רײַזע אין ווינטער — קאָן איך אַנדערש נישט טון. מיר זענען געצוווּנגען צו פֿאַרבלײַבן אין ניצאַ.

איך בעט אײַך אַרײַנצושיקן מיר דעם חשבון פון דעם „בילדער" און איך וועל אײַך אַרײַנשיקן דאָס נויטיקע געלט דורך דער באַנק לאומי.
איך בין צו נידערשלאָגן אײַך איצט מער צו שרײַבן.
בלײַבט מיר געזונט מיט די הערצלעכסטע גרוסן.

אײַער שלום אַש

201

דעם צענטן יאַנואַר 1956

מײַן ליבער פרײַנד מר דוד בן־ארי,
איך ווענד מיך צו אײַך ווי צו אַ פרײַנד, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן צו מיר און צו מײַן פרוי אַ האַרציקע באַציִונג און איר האָט מיך צוגערעדט און געטון אַלדאָס מעגלעכע אַז איך זאָל זיך באַזעצן אין ישׂראל.
איר ווייסט ווויל ווי מײַן פרוי און איך ליבן ישׂראל און גאָרן צו באַזעצן זיך דאָרט. עס איז געווען אונדזער חלום זײַט פיל יאָרן צו פאַרברענגען אונדזער עלטער אין ישׂראל. איך פּערזענלעך האָב געהאָפט אַז אין ישׂראל וועל איך געפינען די מנוחה און די באַגײַסטערונג, וועלכע איך באַדאַרף האָבן פאַר מײַן אַרבעט. און איך האָב אַלצדינג געטון און אויפגעבויט דאָרט אַ הויז מיט אײַער גוטן ראָט, האַרציקער באַציִונג און הילף.
עס זעט אָבער אויס אַז עס ווערט פאַר אונדז שווער אויסצופירן אונדזער אידעאַל. מיר זענען געקומען קיין ניצע אויפן וועג קיין ישׂראל און דאָ זענען מיר ביידע קראַנק געוואָרן. מײַן פרוי האָט אַ הויכן בלוטדרוק און איך בין באַפאַלן געוואָרן פון אַ שווערן רעוומאַטיזם, וועלכער האָט מיך געהאַלטן אין בעט פאַר חדשים. איך ווער וואָס אַמאָל מער איבערצײַגט, אַז מײַן פרוי וועט נישט זײַן ביכולת צו אָרגאַניזירן און פירן אַ הויז, און איך וועל נישט געפינען די רו און די מנוחת הנפש, וואָס איך באַדאַרף פאַר מײַן אַרבעט.
איך, ווי די גאַנצע וועלט ווייסט, האָב געשריבן ביכער וואָס אַ טייל פון זיי האָט אויפגערודערט די געמיטער און אַרויסגערופן אַ גרויסע קעגנער־שאַפט פון אַ געוויסער צאָל ייִדן. איך בין פאַרגאַנגענעם יאָר געקומען קיין ישׂראל געטראָגן פון אַ גרויסער ליבע צום ישוב פון ישׂראל פון מײַן יוגנט אָן. איך האָב געהאַט דאָס באַוווסטזײַן אַז עס וועט מיר אויסקומען אויס־צושטיין אַ געוויסע אָפּאָזיציע קעגן מיר אין ישׂראל. איך בין באַרייט

געוועז אַלץ אויסצושטיין, אויסצוהערן חרפּות און גזירות, בושות און זלזו־
לים פון יעדן ייִנגל און פון יעדן שרײַבערל. איך האָב מיר נישט געקאָנט
העלפן. פונקט אַזוי ווי אַ פרומער ייִד איז באַרייט צו באַצאָלן מיט זײַן
לעבן און צו גיין אויף קידוש־השם פאַר זײַן אמונה, אַזוי בין איך גרייט
מיט מײַן גאַנץ הארץ צו באַצאָלן יעדן פּרײַז פאַר מײַנע איבערצײַגונגען.
איך האָב עס געזאָגט עפנטלעך אין ישׂראל און איך איבערחזור עס דאָ
און אַלע ווייסן דערפון. איר און די מועצה פון בת־ים האָבן געוווּסט מײַנע
איבערצײַגונגען און מײַן פאַרהאַלטן זיך צו זיי און דאָך האָט איר מיך
אײַנגעלאַדן צו באַזעצן זיך צווישן אײַך, וואָס איך ווייס, גלויבט מיר, אָפּצו־
שאַצן און דאַנקבאַר צו זײַן. איך האָב געמיינט, אַז נאָך דעם ווי איך בין
געוועזן צווישן אײַך און אַרויסגעטראָטן אויף צענדליקער פאַרזאַמלונגען
און דערקלערט מײַן שטעלונג און איבערצײַגונג און דערפילט אַ האַרציקע
באַציִונג צו מיר פון אַ גרויסן טייל פון ישוב — וועל איך געפינען מיין
מקום מנוחה אין ישׂראל, ווו איך וועל קאָנען אויספירן מײַנע ליטעראַ־
רישע פּלענער און ווידמען זיך מײַן אַרבעט.
זעט אויס, אַז איך האָב געמאַכט דעם חשבון אָן דעם בעל־הבית. אַ גרויסע
גרופּע פון רעליגיעזע שרײַבערס האָבן אויף פאַרזאַמלונגען גערופן קעגן
מיר, אַרויסגעטראָטן קעגן מיר מיט די ביטערסטע באַשולדיקונגען, האָבן
געפּרוווט ברענגען מיך צו משפּט, כּדי איך זאָל האַלטן אַ רעליגיעזן וויכּוח
מיט זיי אַזוי ווי גלחים האָבן גענייט ייִדן צו רעליגיעזע וויכּוחים אין
מיטלאַלטער, האָבן זיי געוואָלט מיך נויטן צום רעליגיעזן וויכּוח וועגן
קריסטנטום. ווי דער משפּט וואָלט אויסגעפאַלן וואָלט איך פאַררופן גע־
וואָרן פאַר אַ קדוש בײַ די קריסטלעכע וועלט־צײַטונגען. עס וואָלט גע־
וואָרן אַ סענסאַציע אין דער וועלט. די ייִדן אין ישׂראל באַנעמען די משפּ־
טים פון די סנהדרין אַזוי ווי אין דער צײַט פון יעזוס. אין געוויסע צײַטונגען
אין אַמעריקע איז שוין געוואָרן וועגן דעם געשריבן. שטעלט אײַך פאָר
וואָס פאַר אַ פּנים וועט ישׂראל באַקומען. זיי, די רעליגיעזע שרײַבער פון
ירושלים, ווייסן אַז איך וועל נישט אײַנגיין אויף אַזאַ רעליגיעזן משפּט,
וואָרום זיי וואָלטן אויסגענוצט די געלעגנהייט אויסצוטראַכטן אויף מיר
די שענדלעכסטע שקרים און בלבולים. איצט ווען מיר זענען שוין גרייט
געווען צו קומען בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז זיי האָבן אַראָפּגעבראַכט
קיין ישׂראל דעם שרײַבער פון „פאָרווערטס״ [1] חיים ליבערמאַן [2], וועלכן
מען פירט אַרום איבער די ייִדישע ישובים און מען פאַרשפּרייט אַזאַ אַגי־
טאַציע קעגן מיר אַז פּשוט ווען איך זאָל קומען קיין ישׂראל, שטעל איך אין
געפאַר מײַן לעבן, ווי עס איז שוין געווען אַזאַ פאַל ווען מען איז מיך
באַפאַלן אין ירושלים, אין מאה שערים, און מיך געוואָלט לינטשן. יעדנ־
פאַלס, אונטער אַזאַ שטימונג און אַטמאָספער איז פאַר אַלע צדדים פיל

גלײַבער מיר זאָלן נישט קומען קײן ישׂראל. בכל נפש איבערגעגעבן צו ישׂראל — קאָן איך נישט האָבן קײן פרײַע געלעגנהייט אויסצודריקן זיך און צו שרײַבן דאָס וואָס איך וויל — לויט מײַן געוויסן — אַזוי אַרום איז קײן פּלאַץ נישטאָ פֿאַר מיר אין ישׂראל. איך האָב קײן חשק נישט צו פֿטרן מײַנע לעצטע יאָרן פֿון מײַן לעבן צו פֿירן וויכּוחים און ווערן אַ קדוש. איך האָב עפּעס בעסערס צו טון. איך האָב נאָך וואָס צו זאָגן און איך וויל האָבן די פֿרײַהייט צו זאָגן וואָס איך וויל זאָגן. פֿאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ געדריקטער שטימונג וועט מײַן פּרווּ לאַנג נישט קאָנען עקזיסטירן אין ישׂראל. מיר זענען נישט קײן עמיגראַנטן, וואָס האָבן נישט ווו צו גײן. איך בין אײַנגעלאַדן און גוטגעזען אין פֿיל מדינות, ווו איך פֿאַרמאָג צענדליקער טויזנטער לעזער, וואָס וועלן מיך אויפֿנעמען מיט אויסגע־שפּרייטע אָרעמס. וואָס שײַך ישׂראל, גלויב איך, אַז איך קאָן פֿיל מער אויפֿטון פֿאַר די אינטערעסן פֿון ישׂראל זײַענדיק אין חוץ לארץ, ווי איך האָב עס געטון ביז איצט, איידער צו זײַן אין גלות אין ישׂראל. אַז די ישׂראל־ייִדן ווילן בעסער האָבן צווישן זיך חיים ליבערמאַן איידער שלום אַש און ער וועט זײַן אַ פֿיל אָנגענעמער אָרנאַמענט פֿאַר ישׂראל — זאָל זיי דאָס וווּיל באַקומען. דאָס איז די אמתע סיבה וואָס האַלט אונדז אָפּ פֿון קומען קײן ישׂראל.

מיט די האַרציקסטע גרוסן פֿאַר אײַער משפּחה און פֿאַר אײַך.

אײַער שלום אַש

202

CONTINENTAL HOTEL
NICE

ניצאַ, 18טער יאַנואַר [1956]

ליבער פֿרײַנד, [דוד בן־ארי]

אַזוי ווי איר זעט האָב איך דעם בײַליגנדיקן בריוו אָנגעשריבן מיט אַכט טעג צוריק, נאָר מײַן ווײַב האָט מיר דעם בריוו נישט געלאָזט אַוועקשיקן, כּדי איך זאָל אײַך און אײַער איידעלע פּרווּ נישט פֿאַרשאַפֿן קײן עגמת־נפש. איך גלויב אָבער, אַז איר מוזסט עס וויסן און איך באַדאַרף אײַך שרײַבן איצט, אין דער שווערער צײַט, עס זאָל נישט זײַן קײן חידוש בײַ אײַך, אַז מיר זענען נישט געקומען אָדער מיר האָבן זיך אָפּגעהאַלטן [פֿון

קומען] דערפֿאַר, ווײַל די לאַגע אין ישׂראל איז נישט קיין זיכערע. פּונקט פֿאַרקערט, טאַקע צוליב דעם האָבן מיר ביידע זיך געשטאַרקט ווען אַפֿילו מיר זענען ביידע קראַנק און שוואַך (קיין איין טאָג וואָס מיר זענען דאָ אין ניצע און וואַרטן אויף אונדזער אָפּרײַזע קיין ישׂראל האָבן מיר נישט גע־האַט קיין פֿרייד נאָר מיר זענען געווען מיט אײַך צוזאַמען בעת צרה). דאָך האָבן מיר זיך געשטאַרקט, מיר האָבן זיך אײַנגעפּאַקט און מיר זענען שוין דרײַ מאָל גרייט געווען אָפּצופֿאָרן. נאָר צו ווערן אַ שטערונג ווען מיר קאָנען איצט קומען און נישט זײַן אַ טייל פֿון אײַך און בײַטראָגן אונדזער ווילן און אונדזער האַרץ, צו טראָגן מיט אײַך צוזאַמען די לאַסט — האָט עס נישט קיין טעם פֿאַר אונדזער קומען. נאָר איך האָב מורא, אַז מײַן קומען קאָן ווערן אַן אבן־נגף פֿאַר אײַך פּערזענלעך און פֿאַר ישׂראל בכלל.

איך האָב געהאַלטן אין איין רעדן אויף די פֿאַרזאַמלונגען אין ישׂראל — בײַ יעדער געלעגנהייט — אַז ישׂראל נויטיקט זיך אין פֿרײַנד און אין פֿאַר־בינדעטע. קיין איין פֿאָלק קאָן בײַ הײַנטיקן טאָג נישט בלײַבן אָן פֿאַרבינ־דעטע, בפֿרט ווען עס זענען אויפֿגעשטאַנען אַזעלכע חיות רעות מיט באָמ־בעס, ווי די רוסן־באָלשעוויקעס זענען עס, וואָס זענען גרייט אונדז צו ברענגען פֿאַר אַ קרבן אויפֿן מזבח פֿון זייערע אימפּעריאַליסטישע אַמבי־ציעס צו געווינען די אַראַבער — קאָן ישׂראל נישט בויען אויף אירע אייגענע כּוחות. מיר מוזן האָבן פֿרײַנד צווישן די קריסטן און מיר קאָנען זיי געווינען. מיר מוזן ווערן אין זייערע אויגן די שארית־הפּליטה, וואָס גאָט פֿירט צוריק קיין ישׂראל, נישט בלויז פֿאַר ייִדן נאָר כּדי צו זײַן אַן אור לגוים, אַזוי ווי דער נביא האָט אויף אונדז נביאות געזאָגט. מײַן פֿרײַנד, איך האָב טאָגטעגלעכע באַווײַזן, אַז דאָס וואָס איך האָב געפּריידיקט אין מײַנע ביכער, ווערט אָנערקענט אין דער וועלט בײַ ייִדן און בײַ קריסטן צוגלײַך. דאָס האָט יעדער איינער אײַנגעזען. בשעת איך בין געווען אין אַמעריקע האָבן אַלע גרויסע צײַטונגען און די אָנגעזעענסטע מענטשן עדות געזאָגט דערויף. זאָל איך ווערן גערודפֿט אין ישׂראל פֿאַר אידייען, וועלכע די גאַנצע וועלט (יאָ!) די גאַנצע וועלט אָנערקענט זיי? וועט עס נישט זײַן קיין פּעולה און אַ גליק פֿאַר ישׂראל (אין וועלכע ישׂראל נויטיקט זיך) נאָר אַ לאַנד אין דערנידערונג? און דאָס וויל איך אויסמײַדן אין דער איצ־טיקער צײַט, ווײַל ישׂראל נויטיקט זיך אין סימפּאַטיע מיט אַלע מײַנע כּוחות. דאָס איז דער טעם און די אורזאַך פֿאַרוואָס איך האָב אָפּגעלייגט מײַן רײַזע. פֿון אײַך דערוואַרט איך צו הערן אײַער מיינונג, ווייל איר זענט אַ נוגע בדבר.

מיט די הערצלעכסטע גרוסן
אײַער שלום אַש

203

CONTINENTAL HOTEL
NICE

ניצאַ, 21סטער יאַנואַר 1956

לכבוד ידידי מר בן־ארי,
איך לאָז אײַך וויסן, אַז מיר פליִען אַרויס מיט .K.L.M מאָנטיק דעם 30סטן יאַנואַר פון רוים און מיר קומען אָן דעם זעלבן אָוונט קיין תל־אביב. מיר פרייען זיך אײַך באַלד צו זען.

מיט האַרציקע גרוסן
אײַער שלום אַש

204

[לאָנדאָן] 27 אַפּריל 1956

מײַנע ליבע פרײַנד ר׳ דוד בן־ארי וזוגתו היקרה, שלום,
נאָך לאַנגע ווײַטערדיקע איבערטראַכטונגען זענען מיר געקומען צום באַשלוס, אַז מיר זענען געצוווּנגען צו ליקווידירן אונדזער נחלה אין בת־ים. גאָט איז אונדזער עדות, אַז מיר האָבן געטון אַלדאָס מעגלעכע אויסצופירן אַן אידעאַל, וואָס מײַן פרוי און איך האָבן געהאַט פאַר פיל יאָרן, צו פאַרברענגען אונדזערע אַלטע טעג אין ישׂראל. לײדער אָבער זעט עס אויס, אַז מיר האָבן גענומען זיך אויסצופירן אונדזער באַשלוס צו שפּעט. איר זענט געווען אַן עדות, אַז מײַן פרוי איז נישט אומשטאַנד געווען צו פירן דאָס הויז ווען מיר זענען געווען אין בת־ים און איך האָב געמוזט ברענגען מײַן טאָכטער. איצט איז נישט בלויז מײַן פרוי קראַנק נאָר אויך איך. מײַנע כּוחות רינען אויס און איך דאַרף האָבן ווער עס זאָל אויפּפּאַסן אויף מיר. מיר זענען געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז די איינציקע מעגלעכקייט, איך און מײַן פרוי זאָלן קאָנען עקזיסטירן, איז צו בלײַבן אין לאָנדאָן בײַ אונדזער טאָכטער, וועלכע טוט אַלץ כּדי אויף אונדז אויפצופּאַסן. וואָלט איך געהאַט די קלענסטע מעגלעכקייט צו האַלטן דאָס הויז אָדער צו פאַרוואַנדלען עס אין אַן אינסטיטוציע, וואָלט איך עס געוויס געטון. איך האָב אַרײַנגעלייגט אין דעם הויז מײַנע אָפּשפּאָרונגען

און איך בין שולדיק ניַין טויזנט דאָלאַר. איך מוז דעם חוב באַצאָלן. איך קאָן מיר נישט געבן קיין אַנדער עצה, נאָר איבערצוגעבן דאָס הויז צום פאַרקויף. ווען מיר וועלן זיך פילן בעסער וועלן מיר קומען קיין ישׂראל צו שטיין אין אַ באַקוועמען האָטעל, ווו איך וועל קאָנען אַרבעטן מיט אַ רויִקן קאָפּ. פאַרשטייט זיך, אַז איך וויל נישט לחלוטין פון קיינעם קיין געשענק. איך בין גרייט צו באַצאָלן דער שטאָט־פאַרוואַלטונג פון בת־ים פאַר אַלע הוצאות וואָס זי האָט געהאַט אין אויסגלײַכן דעם פּלאַץ און מאַכן דעם גאָרטן. איך וויל אויך נישט פאַרדינען חלילה פון דעם פּלאַץ. איך בין גרייט אָפּצוגעבן דער פאַרוואַלטונג פון בת־ים יעדן פונט, וואָס דאָס הויז וועט אַרײַנברענגען מער פון דער סומע וואָס איך האָב אַרײַנגעלייגט אין דער געבײַדע און אין דעם מעבל.

איך קאָן אײַך פאַרזיכערן, אַז איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן אײַער און אײַער פרויס פרײַנדשאַפט און איבערגעגעבנקייט צו אונדז, און איך בין שטאָלץ דערויף וואָס איר און די מועצה המקומית פון בת־ים האָט מיר אײַנגעלאַדן צו באַזעצן זיך בײַ אײַך, און די פרײַנדלעכקייט וואָס די פאַרוואַלטונג האָט צו מיר אַרויסגעוויזן. איך האַלט זיך פאַר אַ בת־ימער און איך וועל טון אַלצדינג וואָס וועט זײַן אין מײַנע מעגלעכקייטן צו העלפן די שטאָט אַנטוויקלען קולטורעל. מײַן קראַנקייט האָט מיר נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט צו זען מענטשן אין ניו־יאָרק און רעדן מיט זיי. איך וועל עס טון יעצט דאָ, אין לאָנדאָן, ווי איך וועל זיך נאָר אַ ביסעלע באַרויִקן. איך האָב אַ באַשטעלונג מיט ד״ר אָסקאַר ראַבינאָוויטש [1] אים צו זען און צו רעדן מיט אים וועגן די קולטורעלע נויטן פון דעם קליינעם שטאַנד אין ישׂראל בכלל און איבערהויפּט אין בת־ים. וואָרום איך גלויב, אַז דורך קולטור־אינסטיטוציעס ווי ביבליאָטעקן, גוטע סינעמאָס, קאָנצערטן און טעאַטער־אויפפירונגען קאָן מען צוזאַמענברענגען די פאַרשיידענע עלעמענטן, איבערהויפּט די אָריענטאַלישע יוגנט מיט אונדזער יוגנט און צוזאַמענגיסן און אַסימילירן זיי מיט דער ישׂראל־קולטור.

מײַן פרוי און מײַן טאָכטער רעדן וועגן אײַך און וועגן אײַער משפחה און האַלטן זיי פאַר זייערע אייגענע און אַזוי אויך איך.

מיר גריסן אײַך אַלע בכל לב ונפש און, גלויבט מיר, מיט אַ צעבראָכן האַרץ.

אײַער שלום אַש

פּ. ס. איך געדענק נישט אויב איך האָב אײַך שוין געשריבן, אַז מײַן זון אין ניו־יאָרק האָט מיר געזאָגט, אַז ער קאָן באַקומען פאַר אײַך אַ רעקאָרדינג־מאַשין ביליק. ער מאַכט אײַך נאָר אויפמערקזאַם, אַז די פּלאַסטיק־בענדער זענען זייער טײַער.

205

[לאָנדאָן] 29 אַפּריל 1956

ליבער פֿרײַנד,

נאָך דעם ווי איך האָב געהאַט אָנגעשריבן דעם בריוו, איידער איך האָב אים אַוועקגעשיקט, בין איך געוואָויר געוואָרן, אַז אײַער משפּחה־מיטגליד און מײַן אַלטער פֿרײַנד ר׳ מאיר ווײַסגאָלד נ״י [1] איז אין שטאָט, אין לאָנ־דאָן. איך האָב זיך געזען מיט אים, ער האָט זיך באַקענט מיט אונדזער לאַגע און ער איז געקומען צו דער זעלבער איבערצײַגונג וואָס מיר. ער וועט אײַך אַלץ דערציילן, אַז מיר האָבן נישט קיין אַנדער עצה ווי נאָר צו ליקווידירן די נחלה אין בת־ים און אײַנצושטיין אין אַ האָטעל אין ישׂראל ווען מיר וועלן קומען אויפֿן ווינטער. ער איז אַזוי פֿרײַנדלעך געווען צו העלפֿן אונדז און נעמען אויף זיך די אויפֿגאַבע אַדורכצורעדן מיט אײַך און צו געפֿינען אַ מעגלעכקייט ווי צו ליקווידירן דאָס הויז אין בת־ים אויף אַ שיינעם אופֿן, אַז מיר זאָלן נישט געבן קיין פּתחון־פּה צו מײַנע שׂונאים. איבעריקנס האָבן די דאָקטוירים וועלכע האָבן באַהאַנדלט און באַהאַנדלען נאָך יעצט מײַן פֿרוי, ווי ד״ר אדור אין בת־ים און דער דאָק־טער דאָ אין לאָנדאָן ערנסט גראָטען אונדז, אַז מיר זאָלן עס טון, וואָרום מרת אַש איז נישט ביכולת צו פֿירן אַ הויז. איך גיב איבער דעם גאַנצן ענין צו אײַך און צו מאיר ווײַסגאָלד אַז איר זאָלט זיך ביידע באַראָטן און אויסגעפֿינען דעם בעסטן וועג ווי אַזוי צו דערליידיקן דעם ענין על הצד היותר טוב. איר וועט מיט דעם אַראָפּנעמען פֿון מיר אַ גרויסן עול און באַפֿרײַען מײַן מחשבה, אַז איך זאָל קאָנען זיך צוריקנעמען צו מײַן אַר־בעט, פֿאַר וועלכער איך דאַרף האָבן מנוחת הנפש און אַ פֿרײַען קאָפּ. איך פֿאַרזיכער אײַך, אַז איך וועל אײַך מכּיר תּודה זײַן.

איך וויל אײַך אויך מיטטיילן, אַז איך האָב זיך געזען מיט מר אָסקאַר ראַבינאָוויטש [2]. איך האָב אים באַקענט מיט דער לאַגע פֿון בת־ים, מיט אירע קולטורעלע נויטן און פֿאַראינטערעסירט אים מיט דער אידיי צו שאַפֿן אַ ביבליאָטעק פֿאַר בת־ים. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז די טעג וועט ער פֿאַררופֿן אַן אסיפֿה אין זײַן הויז מיט אַ פּאָר פּראָמינענטע מענטשן. איך וועל פֿאַר זיי רעדן און איך וועל זען צו פֿאַראינטערעסירן זיי מיט דעם ענין. ווען איך וועל וויסן עפּעס גענויערס וועל איך אײַך מיטטיילן.

מיט האַרציקסטע גרוסן
אײַער שלום אַש

206

[לאָנדאָן] 7 מאַי 1956

ליבער פריינד ר׳ דוד בן־ארי,
איך בעט אייך אָפּצולייגן דעם גאַנצן ענין פון פאַרקויפן מיין הויז אין בת־ים ביז צום האַרבסט ווען איך וועל צוריקקומען. איך שרייב אויך וועגן דעם צו מאיר ווייסגאַל [1]. איך בעט אייך דעם שליסל פון הויז קיינעם נישט געבן אַ חוץ שמואל כּץ [2].
איך בעט אייך איבער דערפאַר וואָס איך שרייב אייך נישט מער. איך פיל זיך נישט גוט.
גריסט אייער ליבע פרוי, חיימקע [3] און אייער טאָכטער.

אייער שלום אַש

פּ. ס. איך האָב געגעבן די דאָקומענטן פון הויז צו מאיר ווייסגאַל. איך בעט אייך זאָגט אים, אַז ער זאָל זיי מיר צוריקברענגען ווען ער וועט קומען קיין לאָנדאָן.
זייט מיר מוחל. איך האָב זייער געליטן זייט איך האָב אייך געשריבן דעם פריערדיקן בריוו צו פאַרקויפן דאָס הויז.

207

צו מאיר ווייסגאַל

[לאָנדאָן] 7 מאַי 1956

ליבער פריינד ר׳ מאיר ווייסגאַל,
איך בעט אייך אָפּצולייגן דעם גאַנצן ענין פון פאַרקויפן מיין הויז אין בת־ים ביז צום האַרבסט. איך בעט אייך זייער איבער וואָס איך האָב אייך מטריח געווען. זייט איך האָב גערעדט מיט אייך האָב איך נישט קיין מנוחה. איך וויל נאָך אָפּוואַרטן. זייט מיר מוחל. עס איז מיר איצט אוממעגלעך מער צו שרייבן.

מיט גרוס
אייער שלום אַש

פּ. ס. איך האָף אײַך צו זען אין לאָנדאָן און מיט אײַך איבערצורעדן וועגן דער סיבה פון מײַן חרטה. איך בעט אײַך אויך זײַן אַזוי פרײַנדלעך און ברענגען מיט זיך די פּאַפּירן פון הויז וואָס איר האָט גענומען בײַ מיר ווען איר זענט בײַ מיר געווען.

208

צו דוד בן־ארי

[לאָנדאָן] 16 יולי 1956

ליבער פרײַנד ד. בן־ארי,
איך בעט אײַך פּאָרלויפיק אָפּצוהאַלטן זיך פון יעדער אַקציע בנוגע מײַן הויז אין בת־ים. איך האָב בדעה **אַליין** אַריבערצוקומען קיין ישׂראל און זען פאַר זיך וואָס איך האָב צו טון. מײַן פרוי איז קראַנק, און **איך ווייס, אַז זי קאָן נישט פירן קיין הויז**. איך האָף צו גאָט אַז עס וועט איר בעסער ווערן און מיר וועלן קאָנען באַלד פאַרלאָזן לאָנדאָן, פאָרן מיט איר אין אַ סאַנאַטאָריע, ווו עס איז וואַרעם. איך אַליין אָבער בענק שרעקלעך נאָך ישׂראל. איך האָף אַז איך וועל קאָנען קומען אויף די ימים־טובים, ווען מײַן פרוי וועט דערווײַל זײַן בײַ מײַן טאָכטער און איך וועל זי קאָנען פאַרלאָזן. איך וועל אײַך לאָזן וויסן אין אַ פּאָר טעג אַרום.

מיט האַרציקע גרוסן
אײַער שלום אַש

209

[לאָנדאָן] 20 יולי 1956

לכבוד ידידי היקר מר דוד בן־ארי וזוגתו היקרה והחביבה שתחיה!
מײַן ליבער פרײַנד,
קודם כּל: אַלזאָ, מיט מזל און ברכה — מיר קומען צוריק קיין ישׂראל אין מיטן סעפּטעמבער, אויף יום־כּיפּור אָדער אויף סוכּות.

זײַט מיר מוחל, איך בעט אײַך, פֿאַרוואָס איך האָב אײַך נישט געענטפֿערט אויף אײַער ליבן בריוו און פֿאַרוואָס איך האָב אײַך נישט געשריבן. ערשטנס האָב איך זייער שווער געאַרבעט און איך האָב זיך געפֿונען אין אַזאַ מצב, אַז איך האָב אײַך נישט געקאָנט שרײַבן. יעצט איז אַלץ גמור וחתום — מײַן פֿרוי און איך קומען צוריק קיין ישׂראל. לײדער איז מיר נישט געלונגען צו באַוועגן מײַן אײדעם מיטצוקומען מיט אונדז — דאָס איז אויך דער טעם פֿון אונדזער אָפּהאַלט ביז איצט. אַן מײַן אײדעם, פֿאַרשטייט זיך, קאָן מײַן טאָכטער נישט מיטקומען מיט אונדז.

הײַנט, פֿרײַטיק, דעם 20סטן יולי, קומט דער עקספּעדיטאָר באַקוקן די זאַכן וואָס מיר נעמען מיט מיט אונדז. מיר קויפֿן דאָ אײַן, אין לאָנדאָן, די עלעקטרישע מכשירים, וואָס מיר באַדאַרפֿן האָבן פֿאַרן הויז, ווײַל פֿון דאַנען איז ביליקער, ווי אַן אײַזקאַסטן, אַן עלעקטרישן בעזעם, דאָס הייסט אַן עלעקטרישע מאַשין צו רייניקן א.ד.ג.

אויך בעט איך אײַך: אַזוי ווי איר האָט אונדז געהאָלפֿן ביז איצט זאָלט איר אונדז ווײַטער העלפֿן אויסצופֿירן די זאַך.

דאָס זענען די פֿאָלגנדיקע זאַכן וואָס איך בעט אײַך פֿאַר אונדז צו באַזאָרגן:

1) אַרײַנשטעלן אַ טעלעפֿאָן אײדער מיר קומען. זײַט אַזוי פֿרײַנדלעך און צאָלט אײַן פֿאַר מיר די סומע וואָס מען דאַרף אָפּצאָלן.

2) צו רעדן און אָפּצומאַכן מיט שׂרה (די פֿרוי וואָס האָט אונדז געהאָלפֿן) זי זאָל קומען צו אונדז און זײַן אין הויז ווען מיר וועלן אָנקומען; זי זאָל זײַן אין הויז אַ וואָך פֿריִער אײדער מיר קומען אָן.

3) אויסשפּריצן דאָס הויז בײַ דער זעלבער קאָמפּאַני וואָס האָט אויסגעשפּריצט אײַער הויז דעם פֿרילינג מיט סם — קעגן פֿליגן און ווערעם.

4) איך וואָלט אײַך געבעטן איר זאָלט אַזוי פֿרײַנדלעך זײַן און איבעררעדן מיטן קבלן אויב עס איז מעגלעך אַרײַנצושטעלן אין די פֿענצטער נעצן קעגן פֿליגן, און דאָס אײדער מיר קומען אָן.

איך קלער וועגן בויען אַ פֿאַרמאַכטע ווערענדע מיט נעצן — הינטער דעם הויז. וואָס וועט עס קאָסטן? דאָס וועלן מיר באַשטימען ווען מיר וועלן קומען.

ווען איך האָב פֿאַרלאָזט ישׂראל האָב איך איבערגעלאָזט אין באַנק לאומי אַ סומע פֿון איבער צוויי טויזנט ישׂראל־פֿונט. איר האָט דאָך אַ פֿולמאַכט פֿון מיר צו ציִען פֿאָנדן פֿון דער באַנק אויף מײַן נאָמען. איך בעט אײַך שרײַבט מיר באַלד וועגן דעם ענין.

איך דערוואַרט פֿון אײַך אַן ענטפֿער מיט אומגעדולד.

מײַן משפּחה — מײַן פרוי מיט מײַן טאָכטער גריסן אײַך אַלעמען זייער הערצלעך. רות [1] וועט שרײַבן אין אַ פּאָר טעג אַרום.

אײַער שלום אַש

פּ. ס. דער טעלעפאָן זאָל זײַן אײַנגעשטעלט אין קאָרידאָר, מען זאָל אים קאָנען איבערפירן אין שלאָפצימער בײַם בעט.

210

15 אויגוסט 1956

מײַן ליבער פרײַנד ר׳ דוד בן־ארי,
אַלץ איז שוין געווען פּאַרטיק אײַנגעפּאַקט איבערצושיקן די זאַכן קיין ישׂראל, איז מײַן ווײַב בײַנאַכט אַוועקגעפאַלן און דער דאָקטער האָט איר פאַראָרדנט נישט צו רירן זיך פון אָרט. עס איז שוין גאַנץ באַשטימט, אַז מיר קאָנען נישט קומען קיין ישׂראל. מײַן ווײַב מוז זײַן אין אַ סאַנאַטאָריע איבערן ווינטער. איך זע נישט אײַן ווי איך קאָן אָנהאַלטן דאָס הויז. **איך בין לחלוטין איצט גרייט צו פאַרקויפן דאָס הויז.** איך האָב אַלץ געהאָפט אַז איך וועל קאָנען כאָטש זײַן אַ יאָר אָדער צוויי אין ישׂראל. איך האָב געחלומט וועגן דעם מײַן גאַנץ לעבן. איך בעט אײַך אַז איר זאָלט מיר העלפן צו ליקווידירן די נחלה. איך וויל נאָר בלויז מײַן געלט וואָס איך האָב אַרײַנגעלייגט אין דעם הויז. איר ווייסט עס אַזוי גוט ווי איך. איך בעט אײַך דעריבער איר זאָלט איבערגעבן דאָס הויז צו אַן אַגענט צו פאַר־קויפן. איך האָב אַ גוטן פרײַנד אין ישׂראל וואָס וויל עס טון פאַר מיר, נאָר איך וויל דאָס טון נאָר דורך אײַך. איר ווייסט ווי איך האָב געחלומט און געבענקט זיך צו באַזעצן אין ישׂראל און מיט וואָס פאַר אַ מסירת־נפש ומסירת הממון איך האָב עס געטון. איך קאָן עס ליידער נישט אויספירן. איך גלויב, אַז אײַערע חברים אין דער מועצה און דער גאַנצער ישוב וועט דאָס פאַרשטיין, אַז איך מוז זײַן דאָרט ווו עס איז מײַן ווײַב וואָס אין איר קראַנקייט זאָרגט פאַר איר מײַן טאָכטער. איך דערוואַרט פון אײַך אַ באַל־דיקע תשובה.
מיט די הערצלעכסטע גרוסן פאַר אײַער משפּחה און פאַר אײַך.

אײַער שלום אַש

פּ. ס. איך בעט אײַך איר זאָלט אַזוי גוט זײַן באַלד אָפּשטעלן די פֿאַרברײַ־טונגען פֿאַר אונדזער קומען, און איך בעט אײַך מחילה וואָס איך האָב אײַך אַזוי פֿיל מטריח געווען. עס איז נישט מײַן שולד. איר קאָנט זיך פֿאָרשטעלן וואָס איך פֿיל.

211

[לאָנדאָן] 22.8.56

ליבער פֿרײַנד דוד בן־ארי,
איך לאָז אײַך וויסן, אַז איך קאָן נישט קומען אויף די ימים־טובים קיין ישׂראל. איך ברענג מײַן פֿרוי קיין ניצע. מיר פֿאָרן אָפּ הײַנט, דאָנערשטיק, דעם 22סטן אויגוסט. אונדזער אַדרעס וועט זײַן Hotel Continental, Nice A.M. איך ווייס נאָך לחלוטין נישט אויב איך וועל קאָנען קומען קיין ישׂראל באַלד. איך קאָן נישט פֿאַרלאָזן מײַן פֿרוי. ערשט ווען מײַן פֿרוי וועט בעסער ווערן וועל איך קאָנען עפּעס באַשטימען. יעצט מוז איך זען אַלצדינג צו טון צו שטעלן זי אויף די פֿיס.
איך באַדויער זייער וואָס איך וועל נישט זײַן מיט אײַך. איך שיק אײַך אין נאָמען פֿון מײַן פֿרוי און מײַן משפּחה אונדזערע האַרציקסטע ווונטשן פֿאַר אַ גוט, געזונט נײַ יאָר.
לשנה טובה תּכּתבו ותחתמו.

מיט די בעסטע גרוסן
אײַער שלום אַש

212

[ניצע] 19 סעפּטעמבער 1956

לכבוד ידידי החביב העוסק בצרכי רבים בצדק ובאמת,
למר היושב־ראש ר׳ דוד בן־ארי,
איך דאַנק אײַך פֿון גאַנצן האַרצן פֿאַר אײַער בריוול. מיר זענען שוין דאָ

אין ניצע דרײַ וואָכן. איך האָב געהאַט זייער וויכטיקס צו אַרבעטן, און דערװײַל זיך געבאָדן אין ים. מײַן פרוי און איך פילן זיך גאָט צו דאַנקען פיל בעסער נאָך דעם שרעקלעכן ווינטער אין לאָנדאָן. אַלזאָ, מיר קומען קיין ישׂראל מיט גאָטס הילף קומענדיקן חודש, אין אָקטאָבער, מיר מיינען אַרום דעם 15טן אָקטאָבער. מיר מוזן וואַרטן ביז אונדזערע זאַכן וועלן אָנקומען פון לאָנדאָן. מיר ברענגען מיט מיט זיך דאָס נויטיקע — דערנאָך וועלן מיר ווײַטער זען. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך אײַך שרײַבן ווען די זאַכן וועלן אַרויסגעשיקט ווערן פון לאָנדאָן און וואָס פּאַר אַ זאַכן, און איך רעכן זיי צו שיקן דירעקט קיין בת־ים אויף דעם אַדרעס פון שלום אַש.

עס אַמוזירט מיך און מאַכט מיך נײַגעריק צו וויסן ווער זענען עס די וואָס זענען אַזוי פּאַראינטערעסירט געוואָרן צו וויסן אויב שלום אַש קומט יאָ צוריק קיין ארץ־ישׂראל, אָדער נישט. ווער זענען עס מײַנע „ידידים", וואָס איר שרײַבט מיר, אַז זיי הערן נישט אויף צו זאָרגן דעריבער וואָס איך האָב בדעה צו טון? וואָס ווילן זיי, אָנגרייטן פאַר מיר אַ קבלת־פּנים מיט תּרעומות, שקרים און בלבולים, אָדער אַראָפּברענגען אַן אַנדערן מקטרג קעגן שלום אַש? אַראָפּצוברענגען אים קיין בת־ים אויפצורייצן די באַ־פעלקערונג קעגן מיר, ווי זיי האָבן עס געטאָן פאַרגאַנגענעם יאָר? איך וויל אײַך לאָזן וויסן די גאַנצע מניעה פון מײַן קומען קיין ארץ־ישׂראל ביז איצט. איך קאָן מײַן שטעטל, גאָט צו דאַנקען, אַליין באַשטיין, נאָר די אָנפאַלן אויף מיר האָבן אַ ווירקונג אויף מײַן סכום געזונט. דאָס איז פאַר־שטענדלעך. נאָר ווי זיי ווירקן אויף מיר אַזוי מוז איך מודה זײַן, ווירקן זיי אויף מײַן פרויס קראַנקייט; רויבט אַוועק פון אונדז די שלווה און די מנוחה וואָס איז מיר נייטיק פאַר מײַן שעפערישער אַרבעט. דעם פאַרגאַנגענעם ווינטער האָב איך די פעדער נישט געקאָנט נעמען אין דער האַנט אַרײַן. דאָס זעט זיך אויס איז די כּוונה פון אַלע וואָס פאַלן אָן אויף מיר. אויב אַזוי, פאַר וואָס און צו וואָס זאָל איך קומען קיין ישׂראל? זיי ווייסן דער־פון און זיי ווילן מיר שטערן אין מײַן אַרבעט. איך פאַרזיכער אײַך, אַז איך בין גרייט פאַר ארץ־ישׂראל אַלצדינג אויסצושטיין און אויסצוטראָגן נישט נאָר זייערע זידלערײַען — דעם „קול יעקב", נאָר אַפילו די „ידי עשׂו", וואָס זיי האָבן שוין טאַקע אַרויסגעוויזן. — נאָר מײַן איינציקער צוועק איז אָנצונעמען זיך מיט באַגײַסטערונג און נאָך די זכיה האָבן אָנצושרײַבן אַ ספר וועגן דעם נײַעם לעבן אין ישׂראל. ווען איך קאָן עס נישט טון אין ישׂראל, קאָן איך עס אפשר בעסער טון אין גלות ניצע, אָדער גלות לאָנ־דאָן (אויף אַלע ייִדן געזאָגט געוואָרן). אויב אַזוי, אפשר איז אַ יושר איך זאָל נישט קומען קיין ישׂראל? וואָס מיינט איר? מיר בלײַבן דאָ אין ניצע ביז דעם 5טן אָקטאָבער, אָבער איך בעט אײַך שרײַבט מיר באַלד. יעדנ־

פאַלס שיקן מיר אַרויס די זאַכן און קומען פאַר געוויס, ווען גאָט וועט וועלן, פאַרשטייט זיך, אַרום דעם 15טן.
איך בעט אײַך זייער, אַזוי ווי איר האָט שוין אַזוי פיל אויסגעהאַלטן פון מיר, זאָלט איר האָבן נאָך אַ ביסל געדולד מיט מיר, דערפאַר וועט אײַער מצווה אַרונטערצוברענגען נאָך אַ ייִד קיין ארץ־ישׂראל זײַן גרעסער. איך בעט אײַך, אַז איר זאָלט באַזאָרגן אַ טעלעפאָן צו אונדזער קומען און זען אַז דאָס הויז זאָל ווערן אויסגעפּוצט און דער עיקר אײַער פרוי זאָל אַזוי גוט זײַן און **רעדן מיט שׂרהן**. איך שרײַב איר באַזונדער.

מיט די האַרציקסטע גרוסן פאַר אײַער משפחה און אײַך
אײַער שלום אַש

213

[Continental Hotel, Nice] 26 סעפּטעמבער 1956

לכבוד ידידי מר דוד בן־ארי נ״י,
איך האָב געקויפט בילעטן, מיר פאָרן אַרויס דעם (עלפטן) 11טן אָקטאָבער פון דאַנען קיין מילאַנאָ און פון מילאַנאָ נעמען מיר דעם לופט־פלאַן 918 T.W.A. וואָס פליט אַרויס אַרום 11 אַזייגער בײַטאָג פון מילאַנאָ דעם 16טן אָקטאָבער און מיר קומען אָן קיין לוד 9.10 p. m. די ק.ל.מ. האָט נישט מער קיין פלי בײַטאָג, דערפאַר האָבן מיר עס געמוזט וועקסלען. אַלזאָ, אין אַ מזלדיקער שעה. אונדזערע זאַכן גייען אָפּ פון לאָנדאָן אַרום דעם 2טן אָדער 3טן אָקטאָבער. מיר ברענגען מיט אונדז מיט אַלע מכשירים פאַרן הויז: מעבל, ביכער, בילדער א.אַז.וו. איך האָב געשריבן צו שׂרהן אַ בריוו און זי געבעטן, אַז זי זאָל פאַרטיק מאַכן דאָס הויז אַז מיר זאָלן קאָנען פון לוד גלײַך אַרײַנפאָרן קיין בת־ים (איך האָב פײַנט אָפּצושטײַגן אין אַ האָטעל).
מיר וועלן דאַרפן האָבן אַ פרידזשידער אויף אַ צוויי־דרײַ וואָכן ביז אונ־דזערע זאַכן וועלן אָנקומען. אפשר וואָלט מעגלעך געווען, אַז דער עלעק־טריק־מאַגאַזין בײַ וועלכן מיר האָבן געקויפט די קיך פאַרגאַנגענעם יאָר זאָל אונדז אויסבאָרגן אַ פרידזשידער אויף אָפּצאָלן אַזוי ווי ער האָט עס געטון פאַראַיאָרן.
מײַן פרוי בעט אײַך זייער איר זאָלט אַזוי פרײַנדלעך זײַן אונדז צו באַזאָרגן אַ טעלעפאָן אין הויז איידער מיר קומען אָן. איר האָט דאָך די פולמאַכט

פון מיר אונטערצושרײַבן אַן אַפּליקאַציע און איר קאָנט באַצאָלן דעם אָפּ־צאָל פון דעם פאָנד, וואָס איך האָב אין באַנק לאומי. אויך בעטן מיר אײַך זייער, אַז איר זאָלט זײַן אַזוי פרײַנדלעך אָפּרופן די לײַט וואָס שפּריצן אויס דאָס הויז מיט סם קעגן פליגן. ווי איר האָט עס געטון פאַראַיאָרן אין אײַער הויז. און אפשר וואָלט אויך געווען אַ מעגלעכקייט אַז דער קבלן אָדער מײַן סטאָלער וואָס האָט געמאַכט די שענק זאָל פאַרלויפיק אַרײַנ־שטעלן די נויטווענדיקע „סקרימס" אין די קליינע פענצטערלעך, אין מײַן פרויס שלאָפצימער ווי אויך אין מײַן אַרבעטצימער און אין דער קיך. איך וועל זיי מכיר טובה זײַן ווען זיי וועלן דאָס טון פאַר מיר. איך וואָלט אַליין געשריבן צום קבלן, נאָר לײדער האָב איך נישט מיט מיר זײַן אַדרעס. מײַן פרוי און איך שרעקן זיך זייער פאַר דער פּלאָג פון פליגן, פון וועלכע מיר האָבן געליטן דאָס לעצטע יאָר.
איך האָב בדעה, ווען איך וועל קומען, גלײַך שטעלן זיך בויען אַ פאַר־מאַכטן „פּאָרטש" בײַ דער זײַט פון ים — אַרום דער אויסגעפלאַסטערטער פּלאַטפאָרמע. איך בעט אײַך אויך צו רעדן מיטן אַרכיטעקט ער זאָל צו־גרייטן אַ קליינע צייכענונג און אַ פּלאַן.
דאָ אין ניצע האָב איך זיך געבאָדן יעדן טאָג זײַט אַ גאַנצן חודש. דאָס באָדן זיך אין ים און די זון האָבן מיר זייער גוט געטון. איך האָף צו גאָט אַז איך וועל נאָך האָבן די געלעגנהייט אַ פאָר מאָל זיך צו באָדן אין בת־ים איידער די רעגנס הייבן זיך אָן. איך וועל אײַך זייער דאַנקבאַר זײַן ווען איר וועט מיר שרײַבן דאָ אַהער קיין ניצאַ איידער מיר פאַרלאָזן.
אײַער מיטטיילונג אַז אײַער זון און טאָכטער זאָלן לעבן וואַרטן אויף אונ־דזער קומען און נעמען זיך אָן פאַר מיר אין דער שול — דאָס האָט גע־שטאַרקט מײַן מאָראַל. זאָל גאָט זיי געבן פיל הצלחה.

מיט די האַרציקסטע גרוסן צו אײַער פרוי און קינדער און אײַך
אײַער שלום אַש

214

CONTINENTAL HOTEL
NICE

מײַן ליבער פרײַנד ר' דוד בן־ארי,
אַזוי ווי איך האָב אײַך טעלעגראַפירט פאָרן מיר אַרויס דעם 25סטן נאָ־וועמבער פון מאַרסיי מיט דער שיף „ירושלים" קיין ישׂראל. מײַן פרוי פילט

זיך בעסער. און מיר האָבן באַשטימט צו מאַכן אָנשטרענגונגען מיט אַלע אונדזערע כּוחות און צו מאַכן די רײַזע באַלד. מיר קומען אָן קיין חיפה דעם 7טן דעצעמבער און מיר װעלן װאָרשײַנלעך פֿאַרבלײַבן אַ פּאָר טעג אין חיפה אין אַ פּענסיאָן. יעדנפֿאַלס דאַנקען גאָט װעלן מיר אָפּפֿאָרן דעם 25סטן נאָװעמבער און מיר װעלן זיך באַלד זען.

מיט די הערצלעכסטע גרוסן
אײַער שלום אַש

פּ. ס. איך האָף, דער קאָנטראַקטאָר װעט זײַן געדולדיק ביז איך װעל קומען קיין ישׂראל, מיט אים זיך אָפּרעכענען און אים באַצאָלן.

215

מלון דן — DAN HOTEL
רח׳ הירקון 99, תל־אביב

לאביה חביבה [1],
הנני מביע לך את תודתי העמוקה בעד הברכה שאת מברכת אותי לבואי לגור בבת־ים. ואני מאושר מאוד להיות סמוך לביתך ולראות אותך בכל יום ויום.

בברכה ובהצלחה
שלום אַש

216

CONTINENTAL HOTEL
NICE

8 אָקטאָבער 1956

לכבוד ידידי היקר מר דוד בן־ארי וזוגתו היקרה!
עוד יום ואנחנו נוסעים למילנו ומשם ביום 16 אָקט. אנו עולים לישׂראל במזל וברכה.

די זאַכן מײַנע זענען געפּאַקט און גייען אָפּ דעם 15 אָקט. פֿון לאָנדאָן. מיר האָפֿן אַז עס וועט נעמען צוויי וואָכן ווי עס האָבן אונדז פֿאַרזיכערט די עקספּעדיטאָרן און מיר וועלן באַקומען די זאַכן. אָבער ביז דאַן וויל איך זײַן אין הויז. אַזוי ווי איך האָב אײַך שוין געשריבן וואָלטן מיר ביידע נישט געוואָלט אַרײַנפֿאָרן אין אַ האָטעל, נאָר גלײַך פֿאַרפֿאָרן אין אונדזער הויז. איך האָב געשריבן צו שׂרה * און זי געבעטן אַז זי זאָל פֿרי אַרײַנקומען אין הויז און אַלץ פֿאַרברייטן פֿאַר אונדזער קומען. זי קאָן אָפּרופֿן דעם טישלער מר גורפּינקעל און ער וועט קומען און איר העלפֿן אויפֿהענגען די פֿאָרהאַנגען אויף די פֿענצטער. איך האָב געשריבן באַזונדער דעם טאַפּיצירער, וואָס האָט אויסגעהאַנגען אונדזער דירה. מײַן ווײַב זאָגט מיר, אַז מען דאַרף נישט ווײַל די פֿוירהאַנגען הענגען שוין דאָרט.
איך בעט אײַך זייער אַז איר זאָלט זײַן אַזוי פֿרײַנדלעך און אונדז באַזאָרגן אַן אײַזקאַסטן, אָדער אַ פֿרידזשידער — דינגען אויף אַ פּאָר וואָכן ביז אונדזערע זאַכן וועלן אָנקומען.
מײַן פֿרוי בעט מיך איבערצוגעבן אירע האַרציקסטע גרוסן אײַער פֿרוי און אײַערע קינדער און אײַך און דאָס טו איך אויך און ווינטשן און מיר האָפֿן אַז אײַער פֿרוי איז שוין בבריאות שלמה. קושט אײַערע קינדער און גריסט גאַנץ בת־ים.

אײַער שלום אַש

פּ. ס. איך האָב אַרויסגעשיקט מײַן שווער געפּעק פֿון מאַרסיי קיין בת־ים דירעקט. מיט דער פּאָסט וועט אָנקומען אויף מײַן אַדרעס דער אָוועקגעשריבענער בריוו מיט דער קוויטירונג פֿון די זאַכן. איך בעט אײַך איר זאָלט אַזוי פֿרײַנדלעך זײַן לאָזן וויסן אויף דער פּאָסט אין בת־ים אַז זיי זאָלן אײַך איבערגעבן מײַן פּאָסט, אָדער האַלטן זי ביז איך וועל קומען — ש.אַ.

---

* די הויזפֿרוי, וואָס האָט באַדינט די אַשס מיט אַ יאָר צוריק.

EDEN HOTEL — ROMA
49, Via Ludovisi

לידידי היקר מר בן־ארי,
ליידער האָבן מיר געמוזט איבערבלײַבן אין רוים. מײַן פרויס הוסט איז נישט בעסער געוואָרן און דער דאָקטער האָט אונדז געראָטן איבערצו־בלײַבן אַ וואָך ביז דער הוסט וועט פאַרשווינדן. מײַן פרוי ליגט אין בעט. מיר האָפן אָבער אין אַ טאָג אָדער צוויי וועט זי זיך בעסער פילן און מיר וועלן אום דאָנערשטיק אָפּפאָרן קיין לאָנדאָן.
מײַן פרוי און איך זענען אָוועקגעפאָרן פון ישׂראל מיט פולע הערצער מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט צום ישוב — צו אַלע מענטשן אין ישׂראל וועלכע בויען דאָס לאַנד, און צום לאַנד. מיר זענען גליקלעך וואָס מיר האָבן געהאַט דאָס גליק צו באַגעגענען זיך מיט אײַך און מיט אײַער פרוי, און צו געווינען נײַע פרײַנד. ניין, נישט קיין נײַע פרײַנד, נאָר עס דאַכט זיך אונדז אַז אײַער פרוי און איר זענען אונדז אַלטע פרײַנד וואָס מיר קענען שוין לענגס. מיט אײַער פרײַנדלעכקייט צו אונדז און אײַער האַר־ציקער מענטשלעכקייט האָט איר אין אונדז געוווּנען גאָר גאַנץ נאָענטע משפּחהדיקע מענטשן.
אַזוי ווי מיר זענען פאַרליבט אין ישׂראל זענען מיר אויך פאַרליבט אין דעם נײַעם ווינקל וואָס מיר האָבן געמאַכט אונדזער היים אין בת־ים. גלויבט מיר, מיר בענקען שוין צוריקצוקומען.
איך בעט אײַך נישט צו פאַרגעסן אין אונדז — שרײַבט אונדז באַלד אויף דעם אַדרעס פון אונדזער טאָכטער אין לאָנדאָן:

Mrs R. Shaffer
18, Loudoun Road
LONDON N. W. 8

גריסט און קושט אײַער ליבע טאָכטער און זון.

מיט האַרציקע גרוסן
אײַער שלום אַש

שלום אַש צו זײַן פֿרוי

ניו־יאָרק, 1956

מײַן טײַערע, הייליקע מאַדזשע־לעבן,
מײַן איינציקע ליבע טאָכטער,

אַלזאָ איך בין אָנגעקומען. ווי אַזוי — ווייס איך נישט. דאָס פֿליִען פֿון לידע נאָך רוים איז געווען נישט שלעכט, געווען זייער מיד. גערוט אַ שעה און פֿון פֿינף ביז אַכט קיין אַמסטערדאַם. אַ לײַכט און גוט פֿליִען.
אין אַמסטערדאַם האָבן מיך אָפּגעוואַרט זשורנאַליסטן, גענומען פֿאָטאָגראַפֿיעס און אינטערוויוען, געשיקט אַ גרוס צו——— דורך די צײַטונגען. צען אַ זייגער בין איך אײַנגעשטיגן אין דעם שענסטן און באַקוועמסטן עראָפּלאַן, וואָס איך האָב געזען, פֿון ק.ל.מ.. דאָס פֿליִען קיין ניו־יאָרק נעמט 14 שעה, דירעקט אָן אָפּשטעל. געשלאָפֿן מיט איבעררײַסענישן, דאָך געשלאָפֿן זעקס־זיבן שעה. אַרום זעקס אין דער פֿרי אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק.
יעדער באַאַמטער, סײַ די האָלענדישע, סײַ די אַמעריקאַנער האָבן מיך באַהאַנדלט מיט רעספּעקט און ליבע, אַפֿילו די קאָלירטע טרעגערס האָבן מיך האַרציק באַגריסט, אָפּגערעדט פֿון די אינספּעקטאָרן און אימיגראַציע־באַאַמטע. אַלע האָבן זיך געפֿרייט מיט מיר. אַלע האָבן געפֿרעגט, צי איך בין שוין צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק צו בלײַבן.
אין ניו־יאָרק איז פֿאַר אַ פּאָר טעג אַראָפּגעפֿאַלן אַ שניי, אָבער ווען איך בין אָנגעקומען האָט די זון געשײַנט און עס האָט מיר זייער געפֿעלן. איך האָב זיך געפֿרייט מיט ניו־יאָרק. איך האָב געפֿילט, אַז ניו־יאָרק איז אַ היים, אַמעריקע געוויס.
געטראָפֿן בײַם האָטעל יאַן [1], ער זעט אויס גוט און גייט פֿיל בעסער אָנגעטאָן. מיר זענען אַרויפֿגעפֿאָרן צו משהן [2] אין זײַן ביוראָ. מיר האָבן געגעסן צוזאַמען פֿרישטיק, דערציילט זיי פֿון אונדזער הויז אין ישׂראל. משה האָט זיך זייער געפֿרייט וואָס איך בין געקומען צו דער בר־מצווה. מײַקל [3] וואַרט נאָר אויס אויף מיר. ער האַלט זיך אין איין אײַנחזרן די הפֿטרה און האָט „טרעמע" ווי אַן אַקטיאָר פֿאַר דער ערשטער אויפֿפֿירונג.
מאָרגן, שבת, גייען מיר אין שול אַרײַן. די שול איז אַן אָרטאָדאָקסישע, זיי ווייסן אַז איך קום.
דער עמפּפֿאַנג איז אין אַ פּריוואַטן רעסטאָראַן, 56 מענטשן, פֿיל קינדער וועלכע וועלן געבן אַ קאָנצערט.

צוליב פראַנסיס [4] קראַנקייט וועלן מיר נישט זײַן צוזאַמען בײַם סדר, משה מיט מײַקל גייען צו פראַנסיס משפּחה. יאַן, סילוויאַ [5] און איך, ווו אַנדערש. גוט וואָס דער האָטעל האָט מיר געגעבן אַ גוטן, שיינעם צימער. איך בין אַוועקגעפאַלן און אײַנגעשלאָפן, געשלאָפן ביז צוויי אַזייגער. פיר אַזייגער קומט משה אָפּנעמען דאָס טליתל פאַר מײַקל.
די לופט איז ערלער, עס איז הײַנט זייער שיין, שניי געפינט זיך נאָר אין די גאַסן, נאָר די זון לעקט עס אויס און טריקנט עס אויס.
איך קוש דיך און ליב דיך זייער.

דײַן שלום

219

ניו־יאָרק, 1956

מײַן טײַערע, איינציקע מאַדזשע־לעבן,
אַלזאָ, די בר־מצווה איז שוין אַדורכגעגאַנגען, און די פרײַדענקענדיקע פראַנסיס [1] האָט דווקא געוואָלט, אַז מײַקל [2] זאָל האָבן די בר־מצווה אין אַ זייער רעליגיעז־פרומער שול. די בר־מצווה איז געווען אין אַ קליינער, אַלטער שול אין גריניטש־ווילעדזש. שבת אין דער פרי איז אַראָפּגעפאַלן אַ שרעקלעכער שניי. געווען אַ שטורעם. מײַקל האָט געלייענט די הפטרה זייער שיין. דער רבי, זייער אַ רעליגיעזער און אָרטאָדאָקסישער, האָט גע־האַלטן אַ רעדע. ער האָט דערמאָנט, אַז איך בין געקומען ספּעציעל צו פליִען פון ישׂראל. איך האָב געלאָזט מאַכן אַ מי־שברך, אַ בענטשן פאַר דיר, און אַ תּפילה פאַר דײַן געזונט.
ערשט שפּעטער איז געווען די אויפנאַמע אין אַ רעסטאָראַן. אַלע קינדער פון זײַן קלאַס, ייִדן און קריסטן, ייִנגלעך און מיידלעך, האָבן געטאַנצט און זיך זייער געפרייט מיט מײַקל. מײַקל אין אַ טלית און אין אַ קאַפּל האָט געטאַנצט מיט אַ קאַטויליש שיקסעלע. עס איז געווען דער ריכטיקער גײַסט פון אַמעריקע.
איך האָב געמוזט קומען, נאָר דאָס פליִען איז געווען אַ ביסל צו פיל פאַר מיר. איך פיל זיך מיד, שוואַך, און קוים וואָס איך האַלט זיך אויף די פיס.
צוויי טעג איז געווען קאַלט, הײַנט איז שיין און וואַרעם. אַלע זאָגן, אַז דער ווינטער איז שוין פאַרבײַ.
אַלזאָ, איך ווייס, איך קאָן נישט מער זײַן אַליין, איך שלאָף נישט בײַנאַכט,

איך נעם שלאָף־פּילן, און אויפן צווייטן טאָג פיל איך זיך שוואַך און „שייקי״; איך וויל און איך מוז פאָרן קיין לאָנדאָן. אין לאָנדאָן איז דאָס וועטער זייער שיין, און איך האָב דאָס געפיל, אַז אַזוי ווי איך וועל אַרײַנ־קומען אין שטוב, וועל איך זיך פילן בעסער. איך קאָן נישט מער זײַן אַליין אָן דיר. אַז דו קאָנסט, קום ווי אַמשנעלסטן.
הײַנט צום סדר וועל איך זײַן מיט יאַן אין זײַן היים, איך וועל אָפּריכטן דעם סדר נאָר פאַר יאַן, זײַן ווײַב און מוטער. משה מיט מײַקל גייען צו פראַנסיס משפחה.
פראַנסיס פילט זיך פיל, פיל בעסער. זי איז געווען אין דער שול און בײַ דעם עמפּאַנג, זי האָט אויסגעזען זייער שיין.
מײַקל איז זייער אַ פײַנער בחור.
איך קאָן נישט מער שרײַבן, איך בענק נאָך דיר, איך קאָן נישט זײַן אָן דיר, איך בין צוגעבונדן צו דײַן נשמה אויף אייביק.
איך קוש דיך.

דײַן שלום

מײַן ליב קינד,
דו ביזט איצט מײַן איינציקע האָפענונג, נעם מיט קיין לאָנדאָן אַלץ וואָס דו קענסט, ראַטעווע די מאַמע און קום באַלד צוריק, איך קוש דיך.

דײַן פאָטער

220

אין דער לופט פון ישׂראל, 1956

מײַן איינציקע געליבטסטע מאַדזשע־לעבן,
איך זיץ אין עראָפּלאַן, איך קוק אַרויס צום ים און וואָס מער איך דער־ווײַטער זיך פון דיר, אַלץ נענטער קום איך צו דיר אין מײַן געדאַנק.
איך פיל שוין ווי אַ גרויסער עול איז אַראָפּגעפאַלן פון מײַנע פּלייצעס. איך ווייס נישט פאַר וואָס? פאַר וואָס פיל איך אין ארץ־ישׂראל ווי אַ לאַסט וואָלט געלעגן אויף מיר? צי איז דאָס די לאַנדשאַפט? צי די מענטשן? עס איז געווען אַ גרויס אומגליק וואָס מיר זענען אַרײַנגעפאַלן אין בת־ים. בת־ים וואָלט געווען זייער וויכטיק פאַר מיר מיט צוואַנציק

יאָר צוריק. עס וואָלט מיר געגעבן אַ רעאַליסטישן בליק אויף ישׂראל. איך וואָלט געלערנט פון טאָג־טעגלעכן לעבן, פון די צרות און שוועריקייטן, פון ווירקלעכן פּיאָנערן־לעבן — היינט בין איך צו אַלט דאָס אַלץ אויפֿצונעמען. איך קאָן נישט מלחמה האַלטן מיט פליגן, מיט ווינטן, מיט קעלט, מיט פרומע ייִדן. איך וויל מנוחה, מנוחה און איך באַדאַרף, ווי דו, עס זאָל ווער אויפּפּאַסן אויף מיר.
איך רו אויף דער רייזע, איך טראַכט פיל פון דער אַרבעט, וואָס איך וויל טון, און דאָס העלפט מיר זייער פיל צוריק צו געווינען מיין גלייכגעוויכט.
יעדנפאַלס איז גוט וואָס מיר וועלן פאַרברענגען דעם זומער ביי רותן [1].
איך וועל זיך פילן פרייער און געפינען די באַגייסטערונג אָנצוהייבן צו אַרבעטן. דאָס איבעריקע וועלן מיר שפּעטער זען.
רותקע־לעבן, פּאַס אויף אויף די צוויי ביכער.
איך קוש דיך, מיין זיסע מאַדזשע־לעבן.

דיין שלום

221

צו דער משפּחה פון דוד בן־ארי

[לאָנדאָן] 6.7.57

לידידינו הנאמנים משפּחת בן־ארי בבת־ים,
מיר זענען דאָך גאָט צו דאַנקען אָנגעקומען קיין לאָנדאָן. מיר האָבן געהאַט אַ שווערע און שלעכטע רייזע. אַלע אונדזערע שׂונאים זאָלן אַוועקפאָרן פונעם וואַרעמען ארץ־ישׂראל צו דעם קאַלטן לאָנדאָן — דערפאַר האָט אונדז גאָט געשטראָפט. וואָס האָט אונדז געפעלט אין ארץ? געבאָדן זיך יעדן טאָג, געזעסן אויף אונדזער „פּאָרטש" און געפרייט זיך מיט די קינדערלעך, וואָס מאַכן לעבעדיק אונדזער געסל. קודם כל אַז מען פאָרט אָפּ פון ארץ קיין לאָנדאָן זאָל מען נישט פאָרן מיט דער האָלענדישער ליניע בייטאָג, וואָרום מען מוז טריפה וועדן. איך האָב נישט געוווסט, און נישט געחלומט וועגן דעם, אַז מיר מוזן זיך אָפּשטעלן אין מינכען און דאָרט עסן מיטאָג. דאָס עסן אויף דער לופטשיף איז טריפה־דייטש, געפּעפערט אַז מען זאָל מוזן טרינקען אַ סך ביר. אָנשטאָט אַ בעפשטיק ווי עס איז געשריבן אין דער מעני פון דער שיף האָט מען אונדז דערלאַנגט

דײַטשן מינכענער גולאַש. מען האָט אונדז אַװעקגעזעצט ערשטע קלאַס בײַ דער [אַן אָפּגעמעקט װאָרט] װוּ מען האָט גאָרנישט געזען נאָר די פֿליגלען פֿון דער מאַשין. אַז מען פֿאָרט שוין יאָ מיט דער האָלענדישער ליניע מוז מען אָנזאָגן אַלע פֿרײַנד אַז זיי זאָלן נישט אַרונטערקומען קיין לוד און נישט אַװעקנעמען די פּאָר מינוטן װאָס דער אָרעמער „יורד" האָט צײַט אויף אַכטונג צו געבן אויף זײַן באַגאַזש. זיי זענען אָנגעקומען צוויי מינוטן פֿאַר דער אָפּרײַזע און געװאָרט אויף אונדז — גוטע פֿרײַנד פֿון אַלע װינקעלער פֿון תּל־אָביב. יעדער איינער האָט געװאָלט האָבן אַ שטיקל פֿון אונדז, און מיר האָבן נישט געהאַט קיין צייט אַרומצוקוקן זיך, צי מיר האָבן דעם גאַנצן באַגאַזש. הכּלל, מיר זענען אָפּגעפֿאָרן אין די שטעקשיך און מיר האָבן אַװעקגעלאָזט אַלע אַנדערע שיך, סײַ מײַן װײַבס און סײַ מײַנע אין אַ בלויען ניװױ־זאַק. צי מיר װייסן נישט, צי מיר האָבן דעם זאַק פֿאַרלוירן אויפֿן װעג — אין מינכען װוּ מיר האָבן געמוזט אָפּשטײַגן? אָדער, װי מײַן װײַב זאָגט, אַז מיר האָבן פּשוט דעם בלויען זאַק מיט די שיך פֿאַרגעסן אין דער היים. איך בעט אײַך זײַן אַזוי פֿרײַנדלעך אַריבער־צוגיין און צו זען צי דער זאַק מיט די שיך ליגט אויף אַ שטול אין גרויסן קאָרידאָר בײַ דעם אײַנגאַנג צו דעם בית־הכּסא. װען איר געפֿינט אים דאָרט בעט איך אײַך אַזוי גוט צו זײַן אָנצוקלינגען צו מלמד[1] ער זאָל מיר גלײַך אַרויסשיקן דורך לופֿט דעם זאַק מיט די שיך, װאָרום מיר גייען אַרום באָרװעס. [סוף פֿעלט]

פּ. ס. איך בעט אײַך אַזוי פֿרײַנדלעך צו זײַן װיסן לאָזן הער **פֿאַנער**[2], מײַן איבערשרײַבער, אַז איך האָב הײַנט אַרויסגעשיקט דורך לופֿט־פּאָסט די ערשטע 7 קאַפּיטלעך פֿונעם צװייטן טייל, אָדער צו װיסן לאָזן דער פּאָסט אַז דער אײַנגעשריבענער פּאַקעט מיט דעם מאַנוסקריפּט איז פֿאַר מר פֿאַנער, רחוב װייצמאַן 2.

ברייוו
פֿון
מאַטל אַש

222

פּאַריז, [?]192

טײַערער שלום,
איך פֿרײ זיך זייער, וואָס דײַן פֿינגער איז בעסער, און איבערהויפּט אַז דו פֿילסט דיך בעסער און ביזט נישט מער אַזוי פּעסימיסטיש געשטימט ווי איידער דו ביזט אַוועקגעפֿאָרן.
דאָ איז פֿאַר די לעצטע צוויי וואָכן קאַלט און עס רעגנט יעדן טאָג. נעכטן האָט געגאָסן, הײַנט איז אַ ביסל שענער, נאָר ביטער קאַלט. די נעכט זענען זייער קילע.
ווען איז דײַן קור צו ענדע? ווען נעמסטו דײַן לעצטע באָד? איך וואָלט געוואָלט [ערגעץ] ווו פֿאָרן ווו עס איז וואַרעם, אפֿשר גאָר אין זיד־פֿראַנקרײַך, אין סענט־טראָפּעז. מאַדאַם פֿיליכאָווסקי[1] איז געפֿאָרן אַהין, זי האָט געדונגען אַ קליין הײַזל און האָט מיר פֿאָרגעלייגט אויך צו דינגען אַזאַ הײַזל. איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן, ווײַל איך ווייס נישט וואָס דו וועסט טון און ווי דאָס וועטער וועט זײַן אַז דו וועסט צוריק קומען. אַנדערש וואָלט איך מיט פֿאַרגעניגן געוואָלט [ערגעץ] ווו פֿאָרן ווו עס איז וואַרעם, אָבער נישט אין קיין האָטעל, עס זאָל קאָסטן ביליקער. איך קאָן אויך מער נישט עסן דאָס פּענסיאָן־עסן.
איך האָב אַלץ מורא פֿאַר דעם קלימאַט דאָ אַז דו וועסט אַהיימקומען. עס איז שוין צײַט, אַז מיר זאָלן זיך נישט שפּילן אין סענטימענטן. אַז דו פֿילסט [זיך] איצט אַהיים צו קומען איז נאַטירלעך, אָבער ווי וועסטו זיך פֿילן דאָ בײַם שלעכטן וועטער? אויפֿשטיין אין דער פֿרי, אָן זון, אָדער רעגנדיק, וועסטו ווידער ווערן פֿאַרצווייפֿלט און טרויעריק. און מיר איז שוין גענוג טרויעריק ווען דאָס וועטער איז שלעכט. מוז איך נאָך אויסהערן דײַן קרעכצן און אָכצן.
יעדעס מאָל, אַז דו פֿאָרסט אַוועק, בענקסטו זייער אַהיים און דענקסט, אַז אַלץ וועט זיך ענדערן. אָבער מענטשן און אויך קלימאַט ענדערן זיך נישט.

און איך פיל זיך נישט גוט, און געוויס, אַז איך פיל זיך נישט גוט, בין איך נישט זייער אָנגענעם (פּשי׳יעמנע) און דו האָסט קיין געדולד נישט, און איך לייד.
איך ווייס, אַז אַלץ איז מײַן שולד. איך פיל זיך אָבער נישט גוט און איך קאָן מיר נישט העלפן. איך פיל זיך פּאַסקודנע און פאַר וואָס זאָלסטו ליידן פון מיר? און עס העלפט מיר אויך נישט אַז דו פילסט זיך שלעכט. איך בין גליקלעך ווען דו פילסט דיך גוט און דו קרעכצסט נישט.
דו מוזסט זײַן זייער פּאַרזיכטיק, זיך פרעגן וואָס איז בעסער פאַר דיר, עסטרייַך צי טשעכאָסלאָוואַקיע, ווײַל אַז עס איז דיר גוט, איז מיר שוין דערמיט אַ האַלבע הילף, און אַז דיר איז שלעכט, מוז איך צוויי מאָל זאָרגן.
זע זאָלסט ווידער נישט ליידן אויף שמערצן און נערווועזע דעפּרעסיע. לייג אַוועק אַלע סענטימענטן און ליבענישן. קלער אויסצונוצן דעם זומער גע־זונט צו ווערן, ווײַל אַז דו וועסט געזונט זײַן, וועל איך שוין אויך אויסגע־היילט ווערן.
איך האָף, אַז מײַן בריוו וועט דיך נישט אַרויסנעמען פון דער רויִקייט. איך האָב געדענקט, אַז דו דאַרפסט זיך עס גוט איבערלייגן ווו ס׳איז בעסער פאַר דיר. פאַר מיר ווייס איך אַליין נישט וואָס איז גוט.

דייַנע מיט מײַן נשמה
מאָטל

223

וואַרשע, [?]192

מײַן איינציקער, טײַערער,
הײַנט איז מיטוואָך, און דעם בריוו פון נתן [1] האָב איך שוין דרײַ טעג און איך ווייס אַליין נישט פאַר וואָס איך שיק אים נישט צו דיר. דער בריוו איז נישט זייער אָנגענעם.
עס איז שוין נאַטירלעך צו שפּעט דיר צו ראַטן נישט צו שיקן נתנען, אָבער בעסער צו שיקן עפּעס געלט, ער זאָל זיך קויפן וואַרעמע זאַכן. און אַז דו האָסט לוסט נאָך פאַריז צוצופאָרן, וואָלט געווען אפשר גוט. דו וואָלסט אים געזען און זײַן סביבה, ווײַל אַז ער זאָל קומען נאָך בערלין איז צוועק־לאָז, אַ שאָד געלט, און פאַר דעם געלט וואָלט ער געקאָנט אַ צײַט איבער־

לעבן. מען מוז זיך אָפּהיטן מיט אַלע מעגלעכקייטן צו זײַן מיט אים סענ־טימענטאַל. איך דענק, אַז שרײַבן צו אים, און נאָך סענטימענטאַלע בריוו, איז זייער נישט קלוג. דאָס רעכענען זיך און נישט שרײַבן צו אים, קומט מיר אָן זייער שווער, נאָר פֿאַר זײַן גוטס וועגן, מוז ער זאָרגן אַליין פֿאַר זיך. שיקן אים פֿון צײַט צו צײַט עפּעס געלט, אויב דו האָסט, אויף אַנטון, אויף וועש, אויף שיך, איז עפּעס אַנדערש. אָבער ער איז אַ שלעכטער יונג, און אַז עס איז ווער אָן עגאָיִסט אין אונדזער משפּחה, איז ער דער גע־פּערלעכסטער. ער איז אַן עגאָיִסט צו אַ צווייטן, אָבער נישט צו זיך.
נאָר אַז דו האָסט שוין דעפּעשירט און ער קומט, איז פֿאַרפֿאַלן. אַז דו זאָלסט פֿאָרן נאָך פּאַריז, וואָלט געווען בעסער, כאָטש איך בין אייפֿער־זיכטיק.
איך בין אַזוי פֿאַרליבט, אַז איך האָב מורא פֿאַר דיר, איך וויל אויך נישט זײַן אַליין, איך בענק...
דײַנע בריוו זענען אַזעלכע שיינע, גוטע, רויִקע, מיט אַזויפֿיל הומאָר. פֿאַר וואָס שרײַבסטו נישט עפּטער, איך בעט דיך.
די שול־אָרגאַניזאַציע פֿאַרנעמט מיר צו פֿיל צײַט און געזונט און איך וועל זען פֿון דער קומענדיקער וואָך זיך אָפּצוזאָגן. שוין צוויי מאָל געקאָלעקט * געלט פֿאַר זיי, איינמאָל דעם לעצטן אָוונט פֿון קלאַראַ יונג [2] און נעכטן אין קאַמינסקיס [טעאַטער] בײַ זשיטלאָווסקיס [3] פֿאַרלעזונג.
איך בין געווען בײַ די פּרילוצקיס, זיי האָבן שיינע בילדער, מעבל. אַז דו וועסט טרעפֿן זאַק [4] אָדער שאַגאַל [5], זאָלסטו אומבאַדינג ברענגען פֿון זיי בילדער, עס איז אַזוי פּוסט בײַ אונדז.
דעם אַפּעלבוים [6] אייל־בילד „דער יאַרמאַרק", וואָס דו האָסט געזען, איז זייער שיין, איך האָב די בילדער געהייסן אַהיימשיקן.
באַשטעלט דײַן פֿאָליצע פֿאַר ביכער, באַשטעלט אויך קוילן.
נאָר דיר ראָטן וואָס צו טון, דאָ בלײַבן, אָדער ווין, בערלין, ווייס איך אַליין נישט. ווי איז מיט וווינונגען?
קלעצקין איז יעצט אַרײַנגעקומען, ער גייט מאַכן אַ גרויסן פֿאַרלאַג און ער וויל דײַנע ביכער גלײַך אַרויסגעבן.
זײַ זשע מיר געזונט און שטאַרק.
איך בענק שרעקלעך, נאָר איך קאָן נישט זאָגן, איך האַלט מיך אײַן, דו ביזט גליקלעך און איך גליקלעכער, וואָס איך האָב דיך.

דײַן מאַטל

---

* געזאַמלט.

קודאָווא, 1925

מײַן געליבטסטער,
איך האָב זיך ווירקלעך אַזוי שלעכט געפילט, אַז איך האָב נישט געקאָנט שרײַבן קיין בריוו צו דיר, איך האָב נישט געקאָנט נעמען די פּען אין האַנט אַרײַן.

איך בין אַהערגעקומען זייער מיד און שוואַך, איך בין פאַרפאַרן אין קור־האָטעל. דער דאָקטער האָט געפונען, אַז איך האָב זייער אַ שוואַך האַרץ, און [ער האָט] געהאַלטן, אַז איך זאָל בעסער בלײַבן אין האָטעל ווו איך בין, ווײַל אין דעם האָטעל זענען דאָ בעדער אויף יעדן שטאָק און עס איז אַזוי וויכטיק נישט צו לויפן ווײַט נאָך דעם באָדן זיך, נאָר גלײַך אין בעט. איך מוז אויך עסן ווייניק פלייש, נאָר פיש און גרינסן. דאָס אַלץ וועל איך אין פּענסיאָן נישט האָבן. אין אַ גוטן פּענסיאָן אַ גוט צימער וועט מיר ביליקער נישט קאָסטן. איך צאָל אַ טאָג 12 מאַרק, אומגעפער אַזוי פיל ווי בײַ געניע אין אָטוואָצק.

אין אָנהייב האָב איך נאָך געהאָפט, אַז דו וועסט קומען פון בערלין, דער האָטעל וואָלט דיר געפעלן. נאָר פאַר דיר איז בעסער וואָס ביזט נישט געקומען. דער פּלאַץ און די געגנט זייער שיין, נאָר קיין קאַלט וואַסער צום באָדן זיך, קיין מענטש וואָס שפילט טעניס. אויך רות האָט נישט מיט וועמען צו שפּילן זיך, בלויז אַלטע, אוראַלטע מענטשן, אַן אויסגעשפּראָ־כענער פּלאַץ פאַר האַרץ־לײַדנדיקע. פאַר מיר איז דאָ זייער גוט, דער דאָקטער זאָגט, אַז איך וועל דאָ קומען צו זיך, גאָט זאָל געבן.

עס איז מיר אַ ביסל אַ שאָד רות [1], ווײַל העלפן מיר קאָן זי נישט, און זיצן מיט אַלטע ווײַבער און מענער איז אויך נישט קיין פאַרגעניגן. ווען דו וואָלסט פון ברעסלוי מיטגעפאָרן, וואָלסטו זי גענומען מיט זיך.

דער דאָקטער צו וועלכן ד״ר לעווין [2] האָט מיך עמפּפעלעט איז מער נישטאָ, נאָר אויף זײַן פּלאַץ איז דאָ אַ ד״ר קאָן פון ברעסלוי. ער איז אַ האַרץ־ספּעציאַליסט און אויך זײַן פרוי איז אַ דאָקטער. געוויס, אַז זיי האָבן גע־הערט ווער איך בין, האָבן זיי זייער פריינדלעך גערעדט מיט מיר, געוויזן מיר דײַנע ביכער פון פישערס [3] פאַרלאַג, געווען זייער אַנטציקט, אַזוי ווי אַלע דײַטשע רופאים. עס איז זייער אָנגענעם, אָבער צו געלט קומט עס נישט... פאַר די ערשטע צען טעג האָט ער גערעכנט 60 מאַרק, איך האָף אַז ווײַטער וועט עס ביליקער זײַן.

דאָס סוועגדזן און בײַסן איז אין גאַנצן פֿאַרבײַ, עפּעס ווי אַ נס. אַזוי ווי מען פֿאָרט אַרויס פֿון פּוילן, בײַסט נישט מער.
איך האָב דיר אַזוי פֿיל וועגן ביזנעס געדרייט אַ קאָפּ, איך בין אַזוי פֿאַר־לוירן אין דעם קור־עסק אַז איך פֿאַרגעס אַז איך בין אַ מענטש, וועלכער פֿילט און בענקט און ליבט נאָך וועמען.

איך קוש דיך
דײַן מאָטל

225

ניצע, 1931

טײַערער שלומשי,
איך פֿריי זיך אַזוי שרעקלעך מיט דײַן קאַרטע און פֿאָטאָגראַפֿיע און אַז דו שפּילסט גאָלף און גייסט רײַטן. דו קענסט דיר גאָרנישט פֿאָרשטעלן ווי גליקלעך איך בין פֿון דעם. דו ביזט שוין געווען אַזוי אומגליקלעך, דו האָסט געמיינט, אַז די וועלט גייט אונטער. האָב איך דיר אַלעמאָל געזאָגט, אַז דו זאָלסט נישט זאָרגן. איך פֿיל זיך בעסער דערפֿאַר וואָס דו פֿילסט זיך בעסער.
זײַ מיר געזונט און שטאַרק, און ספּעציעל פֿאַר דיר אַליין.

דײַן מאַדזיע

226

[1931]

טײַערער,
געקריגן דײַן בריוול און טעלעגראַמע. איידער איך האָב געקריגן דײַן טעלעגראַמע, האָב איך זיך געפֿילט קאַמיש, אַזוי ווי אַ קינד וואָס וויל זײַן גוט און פֿרום און קאָן נישט. איך האָב געפֿילט אַז עפּעס פֿעלט מיר און

בין געוועזן טרויעריק. יעצט בין איך גליקלעך, איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געחלומט פון דיר און געבענקט.
איך דאַנק דיר און וואַרט אויף דיר.

דיַין אין גאַנצן
מאַטל

227

ניצע, 4 נאָוועמבער 1933

טיַיערער שלום,
נאָר וואָס דערהאַלטן דיַין טעלעגראַם, אַ דאַנק אַ האַרציקן דערפאַר. איך האָף צו קריגן פון דיר און פון די קינדער אַ בריוול. שריַיבט עפטער, איך וואַרט אויף אַ וואָרט.
איך פריי זיך וואָס דו פילסט דיך גוט און אַז דאָס וועטער איז גוט דאָרט. אַז דו פילסט דיך גוט, בליַיב ווי לאַנג דו קאָנסט.
פון די קינדער אין אַמעריקע קיין וואָרט נישט. איך פאַרשטיי נישט פאַר וואָס זיי האָבן נישט געענטפערט אויף מיַינע לעצטע בריוו.
איך האָב נעכטן געקריגן זעקס ביכער פון „פאַטנאַם" [1] דורך גאַלאַנץ [2] פון ענגלאַנד. איך האָף, אַז דו האָסט שוין ווי געזען אַן עקזעמפּלאַר פון דער אַמעריקאַנער אויסגאַבע. מיר געפעלט זייער די „פאַטנאַם"-אויסגאַבע. דאָס פּאַפּיר איז ליכטיק און געדרוקט מיט גרויסע בוכשטאַבן (געוואָלט שריַיבן אותיות). דער איַינבונד און די הילע זייער אימפּרעסיוו, געמאַכט מיט גוטן געשמאַק. זאָל איך צושיקן אַן עקזעמפּלאַר צו דיר?
איך וואָלט געוואָלט שיקן די קינדער קיין אַמעריקע יעדן אַ בוך, נאָר איך וויל וואַרטן, דו זאָלסט שיקן פון לאָנדאָן מיט דיַין צושריפט פאַר יעדן. עס וועט זיַין מער אויפגעלעגט ביַי זיי.
קיין געלט איז פון פינקעלשטיין [3] נישט געקומען. פון דער אַדמיניסטראַציע פון „הייַנט" [4] איז געקומען אַ רעכענונג, און ווי אַלע מאָל שיקן זיי אַרויס אין אַ פּאָר טעג אַרום דעם טאַטן [5] נישט מער ווי 50 זלאָטעס. איך שריַיב זיי הייַנט, זיי זאָלן אים שיקן 100 זלאָטעס.
איך שיק דיר וולאַדעקס [6] בריוו. זיַי מיר געזונט און שטאַרק, און פאַרגעס נישט צו שריַיבן צו מיר. איך קוש דיך און האַלדז דיך.

דיַין מאַטל

ניצע, 12טן נאָוועמבער 1933

מײַן טײַערער שלומשי,
די אויסשניטן זענען וווּנדערבאַר. ליטעראַריש איז דאָס בוך אַ קאָלאָסאַלער דערפֿאָלג, און אַזוי ווי עס איז פֿאַר ענגלאַנד נישט קיין גרויסער פּרײַז, דאַרף עס זיך פֿאַרקויפֿן מער, זאָל מען האָפֿן.
קאָנסטו נישט קריגן אַ ביסל געלט בײַ גאָלאַנץ [1] אַז דו זאָלסט דיר און רות [2] קאָנען עפּעס קויפֿן? און ווו איז „פּאַטנאַמס" [3] טאַנטיעמע? מוז דען אַלץ גײן דורך בראַדליי? [4] דאָס איז אַלץ טרויעריק. זע אָפּצומאַכן מיט גאָלאַנץ, אַז יעדעס מאָל, ווען ער שיקט געלט דורך בראַדליי, זאָל ער דיר שיקן אַ דופּליקאַט אַזוי אַז דו זאָלסט בראַדליי קאָנען קאָנטראָלירן.
בעט אויך גאָלאַנץ, צי ער קאָן נישט דיך פֿאַרבינדן מיט „פּאַטנאַם", אַז „פּאַטנאַם" זאָל האָבן אונדזער דירעקטן אַדרעס און אַז מיר זאָלן וויסן אַלץ וואָס קומט פֿאַר אין אַמעריקע מיט דעם בוך. דו מוזסט שרײַבן אַ בריוו „פּאַטנאַם" פֿון לאָנדאָן און שטעלן זיך מיט אים אין פֿאַרבינדונג דירעקט. דו דאַרפֿסט דאָך קריגן אַ פּראָצענט פֿון יעדן פֿאַרקויפֿטן בוך, און אַז ער האָט אָפּגעדרוקט 7.500 און גאָלאַנץ 8.000, קומט דאָך דיר אַזוי־פֿיל און אַזויפֿיל פּראָצענט. ווייסטו וויפֿל פּראָצענט זיי צאָלן דיר? דו מוזסט דאָס אַלץ אין לאָנדאָן זיך דערוויסן. דו האָסט געאַרבעט די לעצטע יאָרן אויף דעם אַלעם אַזוי שווער אַז דו קאָנסט עס נישט יעצט פֿאַרנאַכ־לעסיקן. ווען דו ביזט אין דער היים און אַרבעטסט, פֿאַרשטײ איך, אַז דײַן אַרבעט איז וויכטיקער ווי דאָס געלט. אָבער יעצט, אַז דו ביזט אין לאָנדאָן און שווין זיך אָנגעשטרענגט, זע אַלץ צו ברענגען אין אָרדענונג אַז דו זאָלסט נאָך דעם „תּהילים ייִד" נישט דאַרפֿן ווידער אַזוי שנעל און שווער אַרבעטן. אויב נישט יעצט, ווען עס איז אַלץ אין אַזאַ געהויבענער שטי־מונג, וועסטו מער קיין געלעגנהייט נישט האָבן.
יעצט וועגן דער אידעע וועגן שטאָקהאָלם. ערענפּרײַז [5] וויל מיר זאָלן קומען. איך דענק אַז קיין שטאָקהאָלם דאַרפֿסטו נישט פֿאָרן. דאָס פֿאָרן קיין שטאָקהאָלם וועט נישט האָבן קיין טעם יעצט. דאָס מוזסטו נאָך אָפּ־וואַרטן. נאָר אַז איך לעז די קריטיקער און זע, אַז זיי פֿאַרשטייען יאָ דײַן בוך, אַז זיי האָבן עס ליב, אַפֿילו די וואָס טאַדלען עס, דענק איך, אַז עס איז יאָ רײַף, אַז דו קאָנסט קריגן דעם נאָבעל־פּרײַז. איך שרײַב דאָס נישט דערפֿאַר, ווײַל דו ביזט מײַן מאַן, נאָר גאַנץ אָביעקטיוו, אַלגעמיין. אַז בונין [6] האָט יעצט געקריגן (איך ווייס נישט פֿאַרוואָס, נאָר איך האָב זיך געפֿרייט), און איך ווייס אויך דײַן מיינונג וועגן בונין. און איבערהויפּט

האָט מיך געפרייט וואָס אַן אָרעמער עמיגראַנט אַן אַ לאַנד האָט עס געקריגן.
ווײַל צו געבן אַ פּרײַז און געלט אַלטע, רײַכע מענטשן ווי סינקלער [7], האָט מיך זייער קאַלט געלאָזט. נאָר יעצט, נאָך בונינען, און נאָך דער אויפנאַמע פון דער ענגלישער און אַמעריקאַנער קריטיק, איז אַבסאָלוט רײַף דער נאָבעל־פּרײַז אויך פאַר דיר.
אַזוי ווי איך שטעל זיך פאָר יעצט, דאַרף קיין רעגירונג, קיין אַקאַדעמיע, נישט פאַרשלאָגן. עס איז גענוג אַ פּאָר גוטע פרײַנד — גאַלאַנץ, זשאַל־נאַי [8] און אַ פרײַנד אַ שריפטשטעלער און ערענפרײַז. און אפשר אויך די יִיוו״אָ דערצו, פון דער יידישער זײַט. איך דענק, אַז אַן איינפאַכער בריוו פון יִיוו״אָ און פון גאַלאַנץ און פון זשאַלנאַי אויפן ריכטיקן אַדרעס איז זייער וויכטיק, און וואָס שנעלער אַלץ בעסער, ווײַל עס נעמט יאָרן רײַף צו ווערן. וועגן בונין און גאָרקי [9] רעדט מען שוין זייער לאַנג. עס מוז קומען אַ ליידיק יאָר, ווען די רעגירונגען זענען פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן. איך ווייס נישט, אפשר דורך דעם סעקרעטאַר פון „פּען" אָדער אַן אַנדערער פרײַנד, וואָס זאָל וואַרפן די אידעע גאַלאַנצן.
און דווקא יעצט נאָך בונינען, וועט גאַלאַנץ פאַרשטיין, אַז עס איז מעגלעך. ווען איך וואָלט נישט געווען דײַן ווײַב און איך וואָלט געהאַט מער געזונט און קרעפטן, וואָלט איך עס געקאָנט דורכפירן, אַפילו מיט קליינע מיטלען. דערפאַר דענק איך אַז דו מוזסט, דו דאַרפסט זיך איינמאָל יעצט אָנשטרענ־גען און זיך באַפרײַנדן מיט גאַלאַנץ. איך האָף, אַז זשאַלנאַי וועט מיט־העלפן, נאָר ער איז נישט אַזוי וויכטיק ווי גאַלאַנץ אין ענגלאַנד. און עס איז דאָך אויך וויכטיק אין גאַלאַנצס אינטערעס, ער וועט דאָך שטאָלץ זײַן מיט אַזאַ זאַך, ספּעציעל יעצט, ווען ער זאָגט, אַז דאָס בוך געפעלט אים אַזוי שרעקלעך. ער קריגט אויך פיל קאָמפּלימענטן פאַר דער אויס־גאַבע און פאַר די איבערזעצער [10].
איך דענק, אַז דו מוזסט בלײַבן ביז דעם 28סטן און זײַן בײַ גאַלאַנץ אויף דער אויפנאַמע. מען האָט מיר אין לאָנדאָן דערציילט, אַז אויף די אויפ־נאַמעס איז גאַנץ לאָנדאָן און די גאַנצע וועלט וואָס [געפינט זיך] איז אין לאָנדאָן, דאָרט פאַרטראָטן. דו קאָנסט נישט אָוועקמאַכן אַזאַ געלעגנהייט, צו זײַן נאָך צוויי וואָכן אין לאָנדאָן איז קיין אָפּקומעניש נישט.
איך וועל זיך נאָר פרייען וואָס דו ביזט מיט רות און אַז זי האָט עפּעס אויך פון דיר. די לעצטע יאָרן ביזטו אַזוי פאַרנומען אַז דו האָסט גאָר קיין צײַט נישט געהאַט צו ענטפערן אַ קינד און אַפילו מיר.
איך שיק דיר מאָרגן די „פאָרווערטס"־קאַפּיטלעך.
דו דאַרפסט און מוזסט זײַן מער מיט מענטשן און זיך צוגעווינען צו זײַן אַליין, אָן מיר. איך אַרבעט אויף זיך אויך צו קאָנען זײַן אַליין. און עס

איז בעסער פאַר אונדזביידע און פאַר אונדזערע נערוון אין די איבער־גאַנגס־יאָרן צו זײַן אַליין. איך קוש דיך הערצלעך און ליב דיך זייער שטאַרק.

דײַן מאַטל

229

לאָנדאָן, 1934

טײַערער שלום,

מזל טוב דיר! רות [1] איז ווירקלעך אַ העלדין, דו זאָלסט זען ווי זי האָט זיך באַהערשט. איז נישט וואונדערבאַר ווי זי האָט געוואַרט אויף מײַן קומען?

אָנגעקומען מיטוואָך אָוונט, האָט זי אַליין מיך דערוואַרט אויף דער באַן. זי האָט שוין אויסגעזען צו זײַן אין די הויכע חדשים, נאָר דאָס פּנים קליין און קינדיש. אין דער היים האָט זי נישט איין מינוט גערוט: אפשר דאַרף איך דאָס און אפשר פעלט מיר עפּעס. זי איז געווען רירנדיק צופרידן און גליקלעך. מיט אַזוי פיל פרייד און גליק האָט זי די אַלע בלומען אַראַנזשירט, און מיט די מאַנדאַרינען האָט זי זיך געפרייט ווי אַ קליין קינד.

נעכטן אַ גאַנצן טאָג האָט זי זייער שיין אויסגעזען און נאַטירלעך. מיר האָבן געזאָלט אַרויסגיין צוזאַמען אויף אָוונט־ברויט און אַזוי שמועסנדיק גיט זי אַ זאָג: עס הייבט זיך אָן. איך האָב גלײַך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז עס. די נערס איז גראָד נישט געווען אין שטוב. געוואַרט אַ ביסל און אָפּ־גערופן דעם דאָקטער. ווען דער דאָקטער איז געקומען, האָט רות שוין געפילט שטאַרקע ווייען. ער האָט אָנגעקלונגען אין נערסינג־האַוז, און דאָרט האָט רות צוויי באַנאַכט מיט מזל געהאַט אַ מיידעלע [2]. זיי האָבן געוואָלט האָבן אַ מיידעלע.

רעדזי [3] קומט יעצט צו פאָרן. אַלץ איז געגאַנגען אַזוי שנעל, אַז ער האָט אַפילו די טעלעגראַמע נישט באַקומען אין צײַט.

דער דאָקטער איז אַ פײַנער מאַן, ער האָט מיר געגעבן אין אָוונט אַ מעדיצין און איך בין אַ פּאָר שעה געשלאָפן.

איך קוש דיך
מאַטל

230

לאָנדאָן, 1934

טײַערער,
רות איז שוין װוּנדערבאַר, זי האַלט זיך אַזוי װי זי װאָלט גאָרנישט געװעזן אַ שטאָטיש מײדל, נאָר פֿון דאָרף, אַזוי נאַטירלער און שנעל צו האָבן דאָס ערשטע קינד, און נישט אַ ביסעלע היץ. גאָט זײַ דאַנק!
דאָס קינד זעט אויס שוין הײַנט זײער באַחנעװדיק, אין גאַנצן װי רות האָט אויסגעזען, װען זי איז געבוירן געװאָרן. עס איז גוט זי צו אָבסערװירן װי זי האַלט זיך װי אַ מאַמעלע און זי איז שרעקלער גליקלער, און אויך רעדזי שטראַלט פֿאַר גליק. עס איז װוּנדערבאַר װי זײ ליבן זיך.
איך מוז דיר שרײַבן װעגן די בלומען און פּרוכט, דו זאָלסט נישט זײַן אַזוי מוראדיק. דער מאַן פֿון די קאָסטעמס פֿרעגט מיך, װאָס איך האָב אין די קײשלער. בלומען, זאָג איך, 7.000 נעלקן און נאָך פֿעלד־בלומען. ער לײגט מיטן קרײַד אַ צײכן אויפֿן קײשל און פֿרעגט, װאָס איז אין דעם צװײטן? מאַנדאַרינען, 150 מאַנדאַרינען, זאָג איך. ער לײגט װידער אַ צײכן. און װען איך װיל אים געבן מײַנע שליסלען אויפֿצועפֿענען די זאַכן, פֿרעגט ער מיך, װי לאַנג איך בלײַב אין ענגלאַנד. פֿון פֿיר ביז זעקס װאָכן, ענטפֿער איך. ער צײכנט אַלע מײַנע זאַכן און גײט אַװעק. ער האָט אַפֿילו נישט אַ קוק געטון אויף די זאַכן. װען ער װאָלט לענגער געבליבן, װאָלט איך אים אַרומגענומען. האָב איך אויסגעשריגן:
You are the best customs I know.
און זײ זענען געװען צופֿרידן און געשמײכלט גוטמוטיק.
איך קוש דיך און ליב דיך זײער שטאַרק.

מאַטל

231

פּאַריז, [?]193

טײַערער שלומשי,
עס איז זײער טרויעריק, װאָס דו פֿילסט זיך נישט גוט. דאָס װעטער איז שלעכט און צו דעם — אַ שלעכטע שטימונג.

דאָ איז נאָך זייער וואַרעם. עס האָט שטאַרק גערעגנט, געדונערט און גע־שטורעמט, אָבער עס האַלט נישט לאַנג, די זון קומט דאָך באַלד אַרויס און עס ווערט שיין.

איך האָב דיר, דאַכט זיך, געשריבן אַז עס איז אָנגעקומען נתנס [1] נײַ בוך מיט אַ גאַנץ גוטער קריטיק אין „ניו־יאָרק העראַלד״. און אין „פֿאָר־ווערטס״ האָט ראָגאָף [2] דאָס בוך זייער געלויבט. איך האָב עס געלייענט, נישט אין גאַנצן, אָבער כּמעט אַדורכגעלייענט, ווײַל אַ פּאָר קאַפּיטלעך האָב איך געלייענט פֿריִער שוין. אויף מיר מאַכט דאָס בוך אַ שווערן אײַנדרוק. דאָס בוך איז דאָס טרויעריקסטע, האָפֿענונגסלאָזע, דערדריקנ־דיקסטע וואָס איך האָב געלעזן. די מענטשן זענען אומנאָרמאַלע, משוגענע, פֿאַרדאָרבענע און שרעקלעכע. אַז אַן אייראָפּעער זאָל דאָס לייענען, וועט ער האָבן אַ שיינעם באַגריף וועגן אַמעריקע! עס איז נישטאָ קיין האָפֿע־נונג, קיין זונענשטראַל אין דעם גאַנצן בוך. עס ווערט זייער טרויעריק פֿאַר נתנען, אַז ער מוטשעט זיך אַזוי און מאַכט זיך אַזוי אומגליקלעך, שטרענגט זיך אָן אומגליקלעך צו זײַן. ער דערמאָנט מיר מאַדאַם מוטערמילך, אַ שיינע, געזונטע פֿרוי, און זי מאָלט נאָר קריפּלס, קאַליקעס, סוכאָטניקעס. אויך זי האָט בײַ מענטשן נישט געזען קיין שיינס. איך באַדויער נתנען זייער. אַז דו ווילסט אים שרײַבן, קאָנסטו רות דיקטירן אין ענגליש.

ראָזענבערג [3] האָט געשריבן, אַז ער קומט דירעקט קיין פּאַריז. האָסטו אים געשריבן, אַז זײַן פּלאַץ אין „דזשוינט״ איז שוין פֿאַרנומען פֿאַר וולאַ־דעקס [4] ברודער? וואָס וועט ראָזענבערג טון אין פּאַריז אָן אַ שטעלע? און אפֿשר קומט ער נאָך מיט זײַן מיידל. דו מוזסט אים באַלד שרײַבן, ער איז נאָך אין וואַרשע, ער זאָל מוצאי יום־כּיפּור אַרויספֿאָרן.

שרײַב מער און זײַ נישט טרויעריק. קוש די קינדער, איך פֿריי זיך וואָס זיי פֿילן זיך גוט.

דײַן מיט לײַב און לעבן
מאַטל

232

ניצאַ, 193[?]

טײַערער, איינציקער,

אַ דאַנק אַ האַרציקן פֿאַר דער נעכטיקער טעלעגראַמע אַז דו פֿילסט דיך גוט און אַז דער עמפּפֿאַנג איז געווען גוט. איך האָב שוין אַזויפֿיל פֿאַרדרוס

געהאַט פון דײַן ערשטן בריוו פון ניו־יאָרק. איך האָב שוין באַדויערט וואָס איך האָב דיך געלאָזט אין גאַנצן פאָרן. און צו דעם איז דאָרטן דאָס וועטער אַזוי שרעקלעך, קאַלט, שניי און שטורעמס. איך ציטער ווען איך לייען וועגן דעם אַלעם אין די צײַטונגען.

איך האָב געלייענט אין „פאָרווערטס" וועגן דער וואַשינגטאָנער קאָנפּערענץ און אַז דו האָסט געהאַט דערפאָלג און אויך אַז די גאַנצע קאָנפּערענץ איז געווען אַ געלונגענע. שוין לאַנג ווי די אַלע מענטשן זענען זיך נישט צוזאַמענגעקומען, צוניפגערעדט. איך פריי זיך זייער וואָס דו האָסט דערצו מיטגעהאָלפן. עס האָט געמוזט זײַן אינטערעסאַנט די אַלע מענטשן צו טרעפן. איך האָף אַזוי יעדנפאַלס!

איך האָב געהערט, אַז סטעפאַן צווײַג [1] קומט באַלד צוריק. וואָס איז דער מער מיט אים? זײַן פרוי און טאָכטער זענען געווען בײַ מיר, דאָ, און איך האַלט, אַז זי איז אַ זייער פײַנע, אינטעליגענטע פרוי. די קינדער פײַן ביז גאָר און זי איז אויך אַ פײַנע שריפטשטעלערין. דאָס בוך איז אינטערעסאַנט און די פּערזאָן וואָס האָט עס געשריבן איז ווירקלעך זייער פײַן, און אַ דיכטערין, זייער סובטעל. זי האַלט זיך באַשיידן און איך פריי זיך באמת וואָס איך האָב זי אויסגעפונען. ווי האָט ער זיך געהאַלטן אויפן וועג און אין אַמעריקע? געגנוג מיט זיי.

גלײַך נאָך דײַן אַוועקפאָרן האָב איך געמוזט גיין אין בעט אַרײַן אויף צען טעג, מיט מײַן אַלטער צרה, מײַן אַלטע קרענק. דאָס האָט מיך שרעקלעך אָפּגעשוואַכט, און עס איז קאַלט, און ווען עס איז קאַלט, קאָן איך זיך קיין עצה נישט געבן.

איך האָב צום סוף זיך געראַטעוועט, איך בין אויף פיר טעג געגאַנגען אין אַסטאָריאַ־האָטעל און זיך אויסגעוואַרעמט. געוויס, ווען איך וואָלט געפילט אַז איך קאָן זיך דערלויבן, וואָלט איך לענגער דאָרט געבליבן, אָבער אַז איך דערמאָן זיך אַז מיר זענען איבעראַל שולדיק געלט, גאָרנישט איז באַצאָלט, און פון וואַנען געלט צו נעמען איז קיין אויסזיכט, קאָן איך זיך אַזאַ לוקסוס נישט דערלויבן.

אַזוי ווי איך זע, האָסטו רעכט געהאַט אַז פון אַמעריקע וועסטו נישט קאָנען קיין עקסטראַ געלט פאַרדינען, נאָר גאָט צו דאַנקען דערפאַר און מיר זאָלן נאָר געזונט זײַן און ווידער זײַן צוזאַמען!

איך האָב געהאַט אויך צרות מיט ראָזענבערגן [2]. דעם טאָג ווען ער האָט שוין דעציזירט אַוועקצופאָרן, האָט ער געקריגן היץ מיט אַ שווערע גריפּע און איז געלעגן דאָ אין הויז בײַ אונדז אין בעט אַכט טעג, גוט קראַנק. הײַנט פאָרט ער שוין אָפּ, איך האָף אַזוי, אַז ער פאָרט. איך גלייב שוין נישט מער.

אַזוי ווי דו זעסט, איז צופיל נחת האָב איך די דרײַ וואָכן נאָך דײַן אַוועק־

פאַרן נישט געהאַט. איך האָף, אַז הײַנט מאָנטיק וועט זײַן אַ מזלדיקער טאָג און אַלץ וועט שוין גוט זײַן. האָפנטלעך אויך בײַ דיר.
זײַ נישט בייז און אומגליקלעך וואָס איך שרײַב נישט. דו ווייסט דאָך ווי שרעקלעך שווער עס איז מיר און ווי שווער עס קומט מיר אָן דאָס שרײַבן.
עס איז מיר פּשוט אַ שאַנדע צו שרײַבן דאָס, ווײַל ווי קאָן עס זײַן איך זאָל נישט קאָנען שרײַבן אַ פּאָר ווערטער, וויסנדיק וואָס דאָס מיינט פֿאַר דיר?
איין גאָט ווייס וואָס פֿאַר אַ שרעקלעכע קראַנקייט דאָס איז פֿאַר מיר.
האָסטו געזען נתנס [3] פּרוי? זאָג זיי, אַז זיי זענען נאַראָנים אויב זיי מיינען אַז מיר זענען קעגן איר. נתן האָט אַלעמאָל ליב צו קאָמפּליצירן זײַן לעבן.
ער רעדט זיך אײַן, אַז מיר זענען עפּעס קעגן זײַנע ווײַב. האָט ער אויסגעטראַכט, אַז מיר זענען קעגן זײַן ווײַב. איך געדענק אַז מיר זענען געווען זייער פֿײַן צו איר, און ספּעציעל יעצט, ווען זי איז גוט צו נתנען און נתן האָט זי ליב און זי נתנען, זאָלן מיר זײַן קעגן? ער האָט עס אַליין אויסגעטראַכט. אַז מיר שרײַבן נישט איז אַן עוולה, אָבער ער דאַרף אונדז שוין קענען. שרײַבט ער דען צו אונדז אַ מאָל? און עס איז אַ שאַנדע אַז נתן זאָל זיך שפּילן אין ברוגז זײַן. דאָס איז אַ פּוילישע מידה, נישט קיין עכט אַמעריקאַנישע, אַ ספּאָרט דאַרף ער זײַן.
שרײַב וועגן די קינדער, גריס זיי הערצלעך, איך קוש דיך.

דײַן מאָטל

233

ניצע, 11.2.1935

מײַן טײַערער, איינציקער,
עס איז ווירקלעך ווונדערבאַר אַז אין דער זעלבער צײַט ווי דו האָסט געהערט טאָסקאַניניס [1] קאָנצערט, האָב איך געהערט אַ קאָנצערט — אַ פעסטיוואַל וואַגנער [2] — מיט דזשאָרדזש דזשאָרדזשעסקו, אַ רומענישער קאָנדוקטאָר [דיריגענט] מיט דעם אָרקעסטער פֿון מאָנטע קאַרלאָ. דער קאָנצערט איז געווען געטלעך. איך האָב זיך דערפרישט, און איך ווייס אַליין נישט וואָס איז געווען שענער — „געטערדעמערונג", אָדער די אידיליע „טריסטאַן און איזאָלדאַ" — אַלץ איז געווען ווונדערבאַר.
איך בין געווען וואַכן אין בעט. איך האָב זיך גאָרנישט געקאָנט דערוואָרעמען — נישט מײַן גוף, נישט מײַן נשמה. איין חולאת זיך געטשעפּעט

צו מיר נאָך דער אַנדערער, און צום סוף די גריפּע. נאָך דער גריפּע, דער מאָגן, איך האָב געמיינט, אַז איך גיי שוין אונטער. מיט אַמאָל, מיטאָגצײַט, האָב איך באַמערקט אין דער צײַטונג אַ וואַגנער־קאָנצערט אין „מעדי־טעראַניע״. איך בין געגאַנגען מיט דזשאָנען [3], און כאָטש די מוזיק איז געווען טרויעריק, אומבאַרמהעַרציק שטאַרק, האָט עס מיר אַ שטיק שטיין פון האַרצן אַראָפּגענומען און מיך געשטאַרקט. דורך דער צײַט פון קאָנ־צערט האָב איך דאָס ערשטע מאָל פאַרשטאַנען, פאַר וואָס היטלער האָט געקאָנט קומען צו אַזאַ מאַכט. עס איז מיר דורך אַ געדאַנק, אַז היטלער האָט געדאַרפט קומען, געמוזט קומען. די מענטשן זענען שוין אַזוי מיאוס, אָן שיינקייט, אָן גוטסקייט, אָן איידלקייט, אַן ליבע אַז זיי האָבן דעם טייוול אַרויסגעפאָדערט, אַרויסגערופן. און מיט רעכט האָב איך געקלערט, ער וועט זיי אַלעמען גוט טון, ער איז ווירקלעך אַ שליח פון טײַוול, און אפשר גאָר פון גאָט. גאָט האָט געזען, אַז ער האָט שוין קיין מאַכט, אַז מען הערט אים שוין נישט, האָט ער אַ שרעקלעכע בײַטש געשיקט.

די טרערן האָבן מיר דאָס געמיט לײַכטער געמאַכט און איך האָב זיך גע־פילט ווי נאָך אַ תּפילה זאָגן. איך בין געוואָרן סענטימענטאַל.

איך ווייס, מײַן טײַערער, וואָס עס מיינט נישט צו שרײַבן, אָבער איך בין אַ מאָדנער מענטש, אַז איך האָב פאַרדרוס און שטערונגען קאָן איך נישט שרײַבן.

דײַנע בריוו, און ספּעציעל דײַנע שרעקלעכע פאָטאָגראַפיעס אין „פאָר־ווערטס״, האָבן מיך זייער טרויעריק געמאַכט, ספּעציעל די פאָטאָגראַפיע מיט קאַהאַנען [4] אין זײַן אָפיס. ער זעט אויס ווי ער וואָלט די גאַנצע וועלט אין דער ערד געהאַט, אַבי ער איז „אַב. קאַהאַן״. און דו נעמסט אַלץ אַזוי ערנסט, און דו נעמסט דיר אַלץ אַזוי צום האַרצן. און אַז עס איז דיר נישט גוט, זעט מען דיר באַלד אויף דער נאָז. געוויס האָב איך מיטגעפילט מיט דיר און איבערגעקלערט ווי שווער דאָס איז דיר געווען. מען נעמט אָבער נישט אַזוי שווער אין לעבן, מען מאַכט זיך לײַכטער, מיט אַ שפּאַס, אַ וויץ, אַ ביסעלע הומאָר. נאָך דערצו, אַז דו דאַרפסט דאָרטן נישט בלײַבן ווי אַנדערע קנעכט. דו קאָנסט דיר דערלויבן פרײַער צו אָטעמען!

איך האָב געזען אין דעם „פאָרווערטס״, אַז דו וועסט האָבן אַן אָפּשייד־אָוונט אין טעאַטער. איך האָף צו גאָט, אַז דו זאָלסט קאָנען עפּעס האָבן מיטצוברענגען, ווײַל איך זע נישט אַז אַן 2.000 דאָלאַר זאָלסטו קאָנען אויסקומען מיט די נאָענטסטע חובות. אָט איז געקומען אַ בריוול פון ברענער [5] וועגן די 1.000 פראַנק, וואָס דו ביזט אים שולדיק. איך האָב אים געשריבן, אַז ער זאָל נאָר האָבן אַ ביסל געדולד, אַ פּאָר וואָכן; אַז איך וועל דיר וועגן דעם שרײַבן, און אַז איך ווייס, אַז דו האָסט די זאַך אויף

דײַן געװיסן; און אַז דו האָסט נישט פֿאַרגעסן און בײַ דער ערשטער מעגלעכקײט [װעסטו אים] צוריקגעבן.
איצט קומט דער גאַראַזש, בײמער, מעניװער און קלײנע רעכענונגען אָן אַ שיעור.
לאַנגע [6] פֿון האָלאַנד האָט געשיקט אַ טשעק, איך האָב געקריגן אַרום 100 דאָלאַר דערפֿאַר. און אויך װאַרשע האָט דרײַ מאָל געשיקט צו 500 פֿראַנק אַזוי אַז איך שטופּ זיך דורך. געװיס, װען דו קאָנסט ברענגען אַ 30.000 פֿראַנק (2.000 דאָלאַר) װאָלט מען זיך אין דעם גאָרטן גערעטעװעט און דעם ברענער אָפּגעגעבן דעם חוב. ער האָט אונדז זײער פֿײַן באַהאַנדלט, גאָט זאָל געבן אַז מיר זאָלן אים צו רעכטער צײַט אָפּגעבן.
די אַלע געלט־זאָרגן מאַכן מיך שרעקלעך טרױעריק, װיסנדיק װי שװער עס איז פֿאַר דיר דאָס אַלץ אױסצואַרבעטן. איך װײס װירקלעך נישט, צי די פּערמע איז געװען פּראַקטיש און אַ ריכטיקע זאַך אָדער אַ פֿאַנטאַזיע. איך האָף, אַז עס װעט זיך פֿאַרװירקלעכן: אַ פֿאַנטאַזיע איז עס אַ שײנע!
עס איז דאָ אויך זײער קאַלט, געװיס נישט אַזוי קאַלט װי אין אַמעריקע, דאָרט איז אַלץ שטאַרק און גרױס, נאָר רעלאַטיװ איז געװען אַ האַרטער װינטער און זײער פֿיל פֿאַרקילונגען און גריפּעס. הײַנט איז װוּנדער שײן, קאַלט, זײער קאַלט, אָבער זוניק. אַלע אַרבעטן אויפֿן פֿעלד.
הײַנט געקריגן אַ בריװל, אַז די 200 אָראַנזש־ און ציטרין־בײמער קומען מאָרגן צו אונדז, דער גערטנער און דזשאָן גרײטן דעם באָדן דערצו.
איך פֿרײ זיך זײער, װאָס דו האָסט כאָטש די קינדער געהאָלפֿן. דו דאַרפֿסט זײַן גליקלעך װאָס דו האָסט אָנשטענדיקע קינדער און אַז דו קאָנסט זײ העלפֿן, זײ זאָלן זיך אַרױפֿאַרבעטן און אַז זײ זאָלן נישט װעגעטירן און בלײַבן שטײן אויף אײן פּלאַץ. הלװאי זאָלן זײ אונדז נישט דאַרפֿן, אָבער אַז זײ דאַרפֿן אונדז און מיר קאָנען זײ אַ ביסל העלפֿן, דאַרפֿן מיר זײַן צופֿרידן.
איך פֿרײ זיך שרעקלעך װאָס דו קומסט באַלד אַהײם, דו נעמסט דעם „רעקס" דעם 27סטן פֿעברואַר.
גריס און קוש די קינדער, זאָלן זײ שרײַבן.
איך קוש דיך און האַלדז דיך און װעל גליקלעך זײַן דיך שױן דאָ צו זען.

דײַנע מיט לײַב און לעבן
מאַטל

234

ניצע, 1935

מײַן טײַערער, איינציקער,
אַ דאַנק אַ האַרציקן פֿאַר דײַנע בריוו פֿון פּראַהאַ. איך האָב דיך געשריבן אַ פּאָר מאָל אויף דעם אַדרעס פֿון פּרופֿ׳ פּאָליאַק. איך דענק דו האָסט שוין דערהאַלטן. איך שרײַב דיר יעצט אויפֿן אַדרעס פֿון מעטראָפּאָל, הלוואי זאָלסטו עס דערהאַלטן.
איך האָב געקריגן 300 דאָלאַר פֿון גאַלאַנץ [1] נאָך לאַנגן וואַרטן. 1.400 פֿראַנק פֿון „הײַנט״ [2].
הײַנט געקריגן פֿון קולטור־ליגע [3] 300 זלאָטעס און זעקס פֿונט פֿון „די צײַט״ [4] אין לאָנדאָן, אַזוי אַז מיר גיבן זיך אַן עצה, כאָטש דזשאָן [5] האָט גרויסע צאָלונגען. עס וועט זײַן אָ.ק., דו זאָרג נישט וועגן אונדז.
איך האָף דו וועסט קומען מונטער און גליקלעך וואָס דו האָסט אַזאַ וווּנ־דערבאַר פּובליקום און דו זעסט פֿאַר ווע מען דו אַרבעטסט. איך גלויב עס איז פֿאַר דיר זייער גוט די רײַזע.
נעם נישט אַלץ אַזוי טראַגיש. דו וועסט זען, מיר וועלן זיך אָפּרוען און זײַן גליקלעך אויף אונדזער רײַזע צוזאַמען. איך פֿריי זיך שוין שרעקלעך אויף דער רײַזע נאָך ארץ־ישׂראל.
איך ליב דיך שטאַרק.

דײַנע מיט ליבע און לעבן
מאַטל

235

ניצע, 1935

ליבער, איינציקער,
איך טעלעגראַפֿיר דיר אַז איך וועל קומען קיין זאַלצבורג. דערווײַל האָב איך דיר געשיקט אַ טעלעגראַמע פֿון וואַרשע, אַז דו זאָלסט קומען קיין לוצערן. דו קאָנסט אָבער זײַן אין ביידע פּלעצער. דער ציוניסטישער קאָנ־גרעס הייבט זיך אָן דעם 20סטן און די „איידזשענסי״ [1] נאָך דעם קאָנגרעס, דאַכט זיך אין אָנהייב סעפּטעמבער.

דזשאָן [2] זאָגט, אַז ער דענקט נישט, ער קאָן אָוועקפאָרן פון הויז, ווײַל די ביימער דאַרפן האָבן פיל אַרבעט און אויפמערקזאַמקייט. דערווײַל איז דער אויטאָמאָביל קראַנק, ער וויל אין גאַנצן נישט גיין. מסתּמא וועט מען אים פאַרריכטן און ער וועט יאָ גיין, נאָר ריזיקירן צו מאַכן מיט אים אַ לאַנגן וועג, טאָר מען נישט.
אַ דאַנק דיר פאַר דײַנע שיינע קאַרטלעך. עס פרייט מיך זייער וואָס דו פילסט דיך אין אַ גוטער שטימונג. דאָס איז דאָס וויכטיקסטע. איך פיל זיך נישט אַזוי פויגלדיק, נאָר עס גייט נאָך. עס זענען דאָ מאָמענטן ווען איך פיל זיך גוט און מאָמענטן ווען איך בין נישט מיט אַלעמען. דאָס זענען די נערוון, דאָס אַלץ.
שרײַב מיר באַלד, איך בעט דיך, ווי דו פילסט דיך.

דײַן מיט האַרץ און לײַב און לעבן
מאַטל

236

1935

טײַערע, איינציקער,
הײַנט אין דער פרי האָב איך זיך ווירקלעך דערפרייט, ווען איך האָב געלייענט, אַז ווייצמאַן [1] איז פּרעזידענט און סאָקאָלאָוו [2] ערן־פּרעזידענט. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז דו שטייסט הינטער דעם. איך ווייס, עס איז געווען דײַן מיינונג אַז עס איז בעסער פאַר דער זאַך. יעצט קריג איך דײַן קאַרטל און איך זע, אַז עס איז אַזוי.
עס פרייט מיך זייער וואָס די סאָקאָלאָווס פילן, אַז דו ביזט זיי אַ פרײַנד; אַז דו האָסט עס געקאָנט דורכפירן און בלײַבן גוטע פרײַנד, איז אַ גרויסע זאַך. עס איז ווירקלעך נישטאָ קיין זאַך אין וועלכער דו זאָלסט גלייבן, דו זאָלסט נישט קאָנען דורכפירן. דו ביזט ווירקלעך געניאַל און אַ וווּנדער־מאַכער.
איך פיל זיך אין אַלגעמיין בעסער, דאָס האַרץ שלאָגט רעגלמעסיקער, נאָר איך בין נאָך זייער שוואַך. אַז איך לעב רויִק און טו גאָרנישט, אַזוי ווי אַ פויגל אין וואַלד (אַזוי זאָגט מען), פיל איך זיך פײַן און זע אויס גוט.
אין פּענסיאָן איז נישטאָ קיין סך מענטשן, נישט צו רוישיק, דאָס עסן איז

גאַנץ גוט. דער דאָקטער איז דאָ געווען און האָט מיר געגעבן אַ רעזשים, דאַכט זיך, אַז איך קום אויף אַ דרך, אויף אַ וועג!
ווען דענקסטו צו קומען אַהיים? דאָ איז נאָך זייער הייס.
וואָס הייסט אַז דו ביזט שולדיק זיי 12.000 שילינג? האָט ד״ר שמיץ [3] אַזוי פיל געלט גענומען? דו מוזסט זײַן זייער פּאַרזיכטיק, מאַך נישט צו שנעל.
איך קוש דיך האַרציק און בין גליקלעך וואָס איך האָב דיך שטאַרק ליב.

מאַטל

237

ניצע, 1935

טײַערער, האַרציקער, געליבטער,
אַ דאַנק דיר אַ האַרציקן פאַר דײַנע בריוולעך, דו דערהאַלטסט מיך בײַם לעבן מיט דײַנע גוטע ווערטער.
איך האָב זיך נישט גוט געפילט די גאַנצע וואָך. הײַנט פיל איך זיך זייער גוט, הלוואי אויף לאַנגע טעג און יאָרן.
דאָ האָט זיך דאָס וועטער אַ ביסל געענדערט, די נעכט זענען נישט אַזוי הייס, בײַטאָג איז זייער הייס. עס איז נאָר אַ שאָד וואָס איך קאָן זיך נישט באָדן, דער דאָקטער האָט מיר פאַרבאָטן, און צופיל אין דער זון קאָן איך אויך נישט מער, אָבער וואַרעמקייט מוז איך האָבן און אין די בערג איז צו קאַלט.
עס איז געקומען אַ רעכענונג און אַ לאַנגער בריוו פון וואַסער [1] פון דער קולטור־ליגע [2], געוויס קומט זיי נאָך געלט. עס איז אַ לאַנגער בריוו און אַ קורצער חשבון. זאָל איך דיר אים שיקן?
פון „הײַנט" [3] איז געקומען אַ רעכענונג און 712 פראַנק.
פון די פראַנצויזישע שריפטשטעלער איז געקומען 2.700 פראַנק. עס איז דיר געקומען 3.000 פראַנק, אָבער זיי האָבן פאַרהאַלטן 300 פראַנק פאַר שטײַערן.
זעקס פונט איז געקומען פון „די צײַט [4]. איך האָב זיי נישט אויסגע־טוישט,ווײַל איך ווייס נישט, צי דאַרף דאָס נישט רות יעצט, און מען דאַרף נישט בלײַבן אָן אַ גראָשן.

איך שיק דיר רותס פאָטאָגראַפיע. איך פריי זיך וואָס זי זעט אויס אַזוי גליקלעך.
איך קוש דיך מיט מײַן גאַנצן האַרצן, איך האָב דיך שרעקלעך ליב און בין גליקלעך וואָס דו ליבסט מיך אויך.

דײַן מאָטל

238

ניצע, 1935

שלום טײַערער,
איך האָב דיר הײַנט געשריבן, אַז איך קום קיין זאַלצבורג, איך פאָר דורך באַדגאַסטיין און איך וועל דיך דאָרט טרעפן. איך האָב געמיינט, אַז עס וואָלט בעסער געווען צו פאָרן קיין ווין און זען דעם ד״ר סטריזאַוואַר [1], דעם זעלבן, וואָס האָט מיך געשיקט קיין באַדגאַסטיין. אָבער די לעצטע טעג האָב איך געהאַט זייער קאָמישע שמערצן און די פיס האָבן מיר ווי געטון. איך האָב זיך באַקלאָגט פאַר וואָלקען [2], און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט געזען זײַן דאָקטער און ער האָט זייער גוט גערעדט, ער איז אַ גוטער דאָקטער. איך האָב דעצידירט, איידער איך פאָר אַוועק, צו זען דעם דאָקטער. איך קום טאַקע יעצט פון דאָקטער, ער האָט מיך אונטער־זוכט צוויי שעה, ער מאַכט אַ זייער גוטן אײַנדרוק, זייער אינטעליגענט און זייער געבילדעט. ער איז אַ רוסישער ייִד, וווינט שוין 15 יאָר אין ניצע. ער האָט מיר פאַרבאָטן צו פאָרן קיין זאַלצבורג, איבערהויפּט נישט צו זען אַ סך מענטשן. וואָס איך באַדאַרף איז אַבסאָלוטע רו. איך דאַרף זײַן אין אַ רעגולערן און וואַרעמען קלימאַט, נישט העכער ווי 400 מעטער.
אַזוי ווי איך פֿיל זיך לעצטנס זייער מיד און איך ווייס נישט די אורזאַך, און אַזוי ווי איך האָב מורא פאַר דעם ווינטער, מוז איך פאָלגן דעם דאָקטער. דאָס איז דאָס איינציקע וואָס איך מוז טון, ווײַל קראַנק זײַן איז שרעקלעך.
איך ווייס, אַז עס וועט דיך זייער טרויעריק מאַכן וואָס איך שרײַב דיר. גלייב מיר, עס איז מיר זייער שווער יעצט אַליין אַזוי ווײַט צו פאָרן, אָבער איך ווייס, אַז דו וועסט מיך ראַטן דאָס זעלבע. נעם דיר נישט צום האַרצן, מיר וועלן זיך זען אַז איך וועל צוריקקומען, אין 3־4 וואָכן. איך וויל געזונט ווערן אום קאָנען מיט דיר אומגעשטערט פאָרן קיין פּאַלעסטינע.

אַזוי ווי איך פיל זיך יעצט, וואָלט איך נישט געקאָנט די רײַזע מיטמאַכן.
זײַ מיר געזונט און שטאַרק און זע געזונט צו ווערן. פֿאַר מיר זײַ רויִק.

דײַנע מיט לײַב און לעבן
מאַטל

239

2טן סעפּטעמבער 1935

מײַן טײַערער געליבטער,
אַזוי ווי דו זעסט, בין איך אין סען פּאָל, אָנגעקומען קיין ניצע אין אַ היץ, די וואַרעמסטע טעג. דזשאָן [1] האָט באַשטימט, אַז מיר פֿאָרן ביידע קיין לוצערן.
דאָ איז שטיל, כאָטש אַ סך מענטשן און זייער פֿריילעך, אָבער דאָך סימ־פּאַטיש. אַ ביסל פֿליגן און מיקן, אָבער נישט שרעקלעך — סימפּאַטישע פֿליגן ביז יעצט.
געקומען דײַנע „ביבל־געשיכטען" פֿון אַמעריקע. דזשאָן זאָגט, אַ פּראַכט־פולע, שיינע אויסגאַבע און זייער גוט איבערגעזעצט.
דערווײַל פֿיל איך זיך גוט און רויִק, און האָף נאָר אַז דו זאָרגסט נישט. איך בעט דיך, טומל זיך נישט, נעם אַלץ פֿילאָזאָפֿיש, און דאָס גרויסע טומלען לאָז איבער פֿאַר די פּראָפֿעסיאָנעלע טומלער. דו האָסט אַנדערע זאַכן צו טון, און דײַן אַרבעט איז זייער וויכטיק, שאָנעווע דײַנע נערוון. געדענק, אַז שוין לאַנג, לאַנג זענען דײַנע נערוון נישט געווען אַזוי רויִק. און עס וואָלט געווען אַ פֿאַרברעכן, אַפֿילו פֿאַר דער יידישער זאַך אַז דו זאָלסט זיי ווידער צעטרייסלען. גאָט, מיר קאָנען נישט ענדערן די וועלט און זי בעסער מאַכן.

איך בין זייער גליקלעך מיט דײַן ליבע
דײַן מאַטל

קודאָווע, 1935

מײַן טײַערער געליבטסטער,

דו מוזסט איין מאָל פאַר אַלע מאָל מיר פאַראיבל נישט נעמען וואָס איך שרײַב נישט. אַז איך פאָר אַוועק פון הויז בין איך אַזוי מיד, אַזוי טויט, פיזיש און גײַסטיק, אַז איך האָב קיין געדאַנק נישט, קיין ווילן נישט, גאָר נישט אינטערעסירט מיך. עס נעמט מיר תּמיד אַ וואָך, צוויי ביז איך קום צו זיך.

דער פלאַץ דאָ איז נישט קיין עלעגאַנטער. די געסט מײנסטנס פון אָסט־פּרײַסן, פון דער פּוילישער גרענעץ, קיין אויסלענדער נישטאָ. קאָנסטו זיך פאָרשטעלן די פּנימער, די שײנקייטן. די סימפּאַטישע אין אונדזער האָטעל [זענען] אַ פּאָר אַלטע לײַט, פײַנע אַלטע לײַט. מוזיק איז דאָ, נאָר ס׳איז נישטאָ מיט וועמען צו טאַנצן. מילא, איך האָב נאָך ביז הײַנט קיין חשק נישט געהאַט צו טאַנצן.

די אָרעמע רות [1] איז נעבעך דאָ זייער אַרײַנגעפאַלן, אַפילו נישטאָ קיין פּאַרטנערין צו שפּילן טעניס, נישט מיט וועמען קיין לאַנגן שפּאַציר צו מאַכן. די ערשטע וואָך האָט זי פיל שפּאַצירט מיט אַ מיידל פון בערלין, יעצט איז די אַוועק. ווען דו וואָלסט געווען, וואָלט געוויס געווען אינטערעסאַנט און לעבעדיק. די אויספלוגן זענען וווּנדערבאַרע, בערג און טאָלן, און אַ פערד וואָלסטו געוויס געקריגן. און דו וואָלסט אויך אַ וואַסערפאַל געפונען ווו זיך צו באָדן.

איך האָב צופעליק קענען געלערנט נאָמבערגס [2] דאָקטער, ד״ר פרידע־בערג, אַ העכסט אינטעליגענטער, פײַנער, עלטערער הער, קען דיך פון לייענען זייער גוט, האָט גרויס פאַרשטענדעניש פאַר אונדזער אַ מענטש, אַליין אַ קינסטלערישע נשמה. קענען געלערנט האָב איך אים גאָר דורך אונדזער רות. ער עסט אין אונדזער האָטעל און ער האָט זיך צופעליק באַקענט מיט רות, נישט וויסנדיק ווער זי איז. ער זאָל זײַן אַ גרויסער ספּע־ציאַליסט פון האַרץ־קראַנקייטן, אַ גרויסער אויטאָריטעט. דאָס איז דער דאָקטער וואָס נאָמבערג האָט וועגן אים דערציילט, אַז ער האָט אַ גוט אין דער שווייץ, און אַז ער האָט זייער פיל מיט אים פאַרברענגט.

פאַר דיר וואָלט דאָ גאָרנישט שלעכט געווען, איך וואָלט דאָך נישט גע־וואָלט אַז דו זאָלסט אַזאַ ווײַטן וועג מאַכן, און עס איז אויך אַ סך געלט און אָנשטרענגונג.

מיר זענען נאָענט צו דער טשעכאָסלאָוואַקישער גרענעץ. אַז מען גייט

שפּאַצירן הינטערן הויז איז שוין די גרענעץ. אויך עסטרײַך איז זייער נאָענט.
און יעצט הייב איך אָן צו פילן זיך בעסער, איך בענק שרעקלעך נאָך דיר, איך טרוים, איך חלום אַז דו קומסט. איך גיי אויף דער גאַס און אָט דאַכט זיך מיר אַז איך זע דײַן הוט, דײַן פּנים, דײַן געשטאַלט, און דאָס האַרץ קלאַפּט. איך בענק שוין שרעקלעך, דאָס הייסט, אַז איך פיל זיך שוין בעסער, אַז דו פעלסט מיר, ווי מײַן צווייטע העלפט, די גײַסטיקע העלפט, די אָנרעגנדיקע. אָן דיר בין איך אַזוי ווי טויט.
שרײַב מיר ווען דו פאָרסט קיין שפּאַניע און ווען דו רעכנסט צו זײַן צוריק.
איך קוש דיך און האַלדז דיך און דערוואַרט שוין יעדע מינוט צו זײַן מיט דיר צוזאַמען.

דײַן מאַטל

דאָס געלט גייט ווי וואַסער, איך האָב נאָך 20 מאַרק.

241

ניצע, מיטוואָך דעם 29סטן יאַנואַר, 1936

מײַן טײַערער, איינציקער,
איך ווייס גאָרנישט ווי דיר צו דאַנקען פאַר דײַן בריוו וואָס [איך האָב] נאָר וואָס געקריגן. איך ליג נאָך אין בעט. אין דרויסן איז אַ שרעקלעך וועטער, עס רעגנט, עס גיסט, עס פּאַרעט און אַ ווינט וויינט — אַ שרעק. איך ליג אין די וואַרעמע טיכער אײַנגעוויקלט ווי אַ קליין קינד און קריג [לייען] דײַנע טײַערע, ווונדערבאַרע ציילן. גאָט, קאָן עס אַ מענטש גליק־לעכער זײַן ?...
און דאָך האָב איך אַזוי פיל פּאַרדרוס, אַזוי פיל ספקות, אפשר טו איך שלעכט וואָס איך היט זיך אָפּ און פאָר נישט מיט מיט דיר. אין געדאַנק בין איך איצט מיט דיר, נאָר איין זאַך האָט מיר גאָט (די נאַטור) נישט געגעבן — קרעפטן, אויסדויער, די געשווינדקייט זיך צו באַוועגן, צו דערצידירן.
אמתדיק באַזאָרגט בין איך וואָס איך בין נישט מיט דיר. איך האָב אַ קאָמישע נאַטור, איך דאַרף נישט קיין דערפאָלג, קיין מענטשן, [כּדי] גליקלעך צו זײַן. אַז איך דענק וועגן דיר און בין גילקלעך מיט דיר, וואָס

דאַרף איך נאָך? דו ביזט עפּעס אַנדערש. דיך דאַרפן מענטשן. דו גיסט מוט, האָפענונג, צוטרוי צו זיך אַליין. עס וואָלט געווען אומרעכט פון אונדז אַז מיר זאָלן זיך באַהאַלטן פון מענטשן פאַר זיך אַליין. איך קאָן זיי גאָר־נישט געבן, אָבער דו ביזט געבוירן צו געבן. גאָט האָט דיך באַשאָנקען מיט אַזויפיל ערהאַבענעס, גוטס און גלויבן, און דו קאָנסט דאָס אַזוי וווּנ־דערבאַר איבערגעבן און דערמיט העלפן אַנדערע. און די מענטשן הײַנט דאַרפן דאָס פאַר זייער עקזיסטענץ. און ספּעציעל ייִדן דאַרפן דיך. זיי ווייסן נאָך נישט אַלע דאָס, אָבער פּאַוואָליע, פּאַמעלעך וועלן זיי קומען אַלע צו דיר און אַרויפקוקן צו דיר ווי צו עפּעס ווונדערלעכס, ווי צו דער זון, וואָס זיי האָבן נישט געזען און וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר זייערע אויגן און מאַכט זיי פילן, אַז זיי זענען אויך עפּעס, אַז זיי זאָלן נישט פאַלן בײַ זיך.

איך קאָן נישט מער שרײַבן, איך וואָלט דיך געוואָלט אַרומנעמען און דיך טיף קושן.

דײַן מיט ליבּ און לעבן
מאַטל

242

ניצע, 7טן פעברואַר 1936

שלום טײַערער, איינציקער,

שוין אַ פּאָר טעג רעגנט [נישט] מער, עס איז זוניק אָבער שרעקלעך קאַלט. עס איז גוט פאַר דיביימער אין גאָרטן, נאָר צו קאַלט פאַר מיר. איך בין אַ ביסל מיד די לעצטע טעג, מאָרגן וועל איך זיך אַוודאי פילן בעסער, איך ענדער זיך שרעקלעך שנעל.

דו מוזסט נישט דענקען וועגן דעם אַז איך שרײַב נישט גענוג, ווי שלעכט און פויל איך בין, דאָס מאַכט מיך אומגליקלעך.

דו ביזט אַזאַ גוטער, ערלעכער מענטש און דו קאָנסט אַזוי שיין און ערלעך ליב האָבן אַז מען קאָן עס פילן אַפילו פון דער ווײַטנס. איך קאָן גאָרנישט אַרויסווײַזן מײַנע געפילן, און אַז איך זאָג שוין דאָס אַ מאָל אַרויס, מיין איך אַז דו פילסט עס נישט. דו ביזט אַן אמתער, ווונדערבאַרער מענטש, און אַז דו האָסט ליב, קענסטו עס אַזוי ווונדערבאַר אַרויסזאָגן! און איך

פיל זיך קליין און נישטיק, און [בין] דיר נישט ווערט ווען איך קאָן עס דיר נישט ווײַזן אַפּילו מיט אַ בריוו יעדן טאָג.

עס איז שרעקלעך צו קלערן, אַ מענטש זאָל נישט קאָנען האָבן קיין קרעפטן צו שרײַבן, דאָס איז דאָך נישט צו פאַרשטיין.

נחמיה פינקעלשטיין [1] פרעגט ווידער אָן וועגן די איבערזעצונגען. צי האָסטו אַלעקן [2] געגעבן די רעכט? אַלעקס אַדרעס איז אין דאַנציג, 14 ריקערוועג. איך האָב פינקעלשטיין געשריבן, אַז דו ביזט היינט אָפּגעפאָרן קיין פּראָג. און דאָס טעלעגראַפירן האָט דאָך נישט קיין זין. ערנסטע גע־שעפטן קאָן מען זייער פײַן מאַכן דורך שרײַבן.

איך בין זייער טרויעריק וואָס איך דאַרף נאָך אַזוי לאַנג וואַרטן דיך צו זען. ווען, מיינסטו, וועסטו זײַן צוריק פון אַמסטערדאַם? זײַ מיר געזונט און שטאַרק.

דײַנע מיט לײַב און לעבן
מאַטל

243

ניצע, 1936

מײַן איינציקער שלומשי,

איך האָב שוין ווידער אַ פּאָר טעג נישט געשריבן. עס קומען טעג, ווען איך בין ווי אָן געפיל און אָן שׂכל (סייכל). מײַן מוח באַוועגט זיך נישט, און אַז עס מאַכט זיך אַ טאָג אַ זוניקער, אַ טרוקענער, בין איך אַ פּאָר שעה נאָרמאַל. הײַנט איז ווידער אַ שיינער טאָג, דרײַ טעג רעגן און איין טאָג שיין, און איידער מען קוקט זיך אַרום, רעגנט ווידער. איך מיין, אַז אין דער גרויסער שטאָט באַמערקט מען עס נישט אַזוי בולט.

דזשאָן [1] האָט דיר געשיקט נתנס [2] בריוו און זײַן ענטפער צו נתנען. איך האָב אָנגעשריבן אַ זייער לאַנגן בריוו צו נתנען. דזשאָן האָט דעם בריוו געלייענט און ער איז געווען זייער צופרידן. צווישן אַנדערעס האָב איך אים געשריבן, אַז אין לעבן קאָן מען איבערהויפּט נישט ווילן און נישט איבערמאַכן. דער כאַראַקטער פון מענטשן בלײַבט דער זעלבער און יעדער מענטש איז אַנדערש. דאָס וואָס ער ווייס און פילט זיך אַזוי ווייניק ייִדיש,

איז אויך זײַן שולד. איך האָב אים געגעבן אַ בײַשפּיל פון מײַן משפּחה. איך בין אַלע מאָל געווען רעליגיעז, ספּעציעל פאַר מײַן חתונה, און זייער ייִדיש געשטימט. דאַקעגן באַשע [3] האָט קיין מאָל נישט געוואָלט לערנען ייִדיש. געוויס, ווען איך וואָלט איצט געווען געהאַט קליינע קינדער, וואָלט איך זיי אַנדערש דערצויגן, מער אַלס פּשוטע ייִדן, נישט קיין ראַפינירטע דזשענטעלליַיט. שוין רות [4] איז מער נאַטירלעך ייִדיש, ווײַל זי איז געווען מיט אונדז אַלע מאָל.

איך האָב אים אָנגעשריבן אַ לאַנגע מגילה און אַזוי ווי איך האָב דעם בריוו אָנגעשריבן אין איין זיץ, רעכן איך, אַז איך האָב געשריבן צו דער זאַך.

עס וואָלט גוט געווען אַז מײַן פאָטער זאָל אויך קומען צו אונדז אין דער צײַט, אויך רות מיטן קינד, כאָטש איין מאָל זיין צוזאַמען, אין זומער קאָן מען עס פיל לײַכטער מאַכן. איך דענק, עס וואָלט ווערט געווען די מי און דאָס געלט. דער טאַטע איז שוין מער נישט יונג. עס וואָלט געווען אַ גוטע זאַך פאַר די קינדער און פאַר אונדז, אַז דער טאַטע זאָל אַ מאָל זײַן בײַ אונדז. נאָר ווער ווייסט, צי ער וואָלט געקומען, ער איז אַזוי אײַנ־געשפּאַרט...

וואָס דענקסטו וועגן נתנס בריוו און ווי צו רעאַגירן?

מיר האָבן נעכטן געשיקט צו דעלפינער [5] און צו ראַטבוים [6] מאַנדאַרינען.

איך קוש דיך און האַלדז דיך און בענק שרעקלעך נאָך דיר.

מאַטל

244

ניצע, 1936

מײַן טײַערער, איינציקער,

נאָר וואָס געקריגן דײַן טעלעגראַמע אַז דו ביזט אויפן זעמערינג, זידבאַן־האָטעל. עס קאָסט אַ סך, עס איז אָבער ווערט אַ מיליאָן צו וויסן כאָטש ווו דו ביזט.

דאָ איז נעכטן, זונטיק, געווען דער טרויעריקסטער רעגן, און קאַלט ווי נאָך קיין מאָל נישט אויף דער ריוויערע.

עס איז געקומען פון גאַלאַנץ [1] אַ בריוו, אין וועלכן ער בעט סטעפאַן

צוויַיגן [2] אָנצושרײַבן אַ פּאָר ווערטער פֿאַר די אַגענטן, וואָס פֿאָרן אַרום צו סובסקרײַבן * דאָס בוך. עס קאָן פֿיל העלפֿן, שרײַבט גאַלאַנץ.

דזשאָן [3] האָט צוויַיגן געוויזן דאָס בריוול און ער שרײַבט מיט פֿאַרגעניגן גאַלאַנצן דאָס נויטיקע.

דער אָוונט פֿאַר מענדעלע [4] איז געווען זייער פֿײַן, און דײַן אַרטיקל האָט זייער אויסגענומען.

שרײַב באַלד.

דײַן מאָטל

245

פּאַריז, 1939

טײַערער שלום,

הײַנט איז געווען אַ שרעקלעך וועטער, עס האָט גערעגנט, עס איז געווען זייער נעפּלדיק — אַן אמת פּאַריזער וועטער. מיר זענען צופֿרידן וואָס דו ביזט אין אַ מילדערן קלימאַט, כאָטש עס רעגנט אפֿשר דאָרט בײַ דיר אויך, דאָך איז אַן אונטערשייד.

מענדעלסאָן [1] איז געווען דאָ הײַנט אין דער פֿרי. ער האָט נישט געוווּסט, אַז דו ביזט אַוועקגעפֿאָרן. מענדעלסאָן זאָגט, אַז מען דאַרף גוט אָרגאַני־זירן די הילף פֿאַר קינסטלער, ווײַל עס קאָנען אַרויסקומען אומאָנגענעמ־לעכקייטן. ווער וועט קאָנטראָלירן דעם „הײַנט" [2], און ווער וועט צעטיילן די געלטער? ער זאָגט, אַז מען דאַרף אין אָנפֿאַנג געבן נאָר פֿאַר דירהס צו באַצאָלן און אויב עס וועט זײַן מער, שטיצן אין אַלגעמיין.

איך האָב פּראָבירט אָפּצורופֿן פֿינקעלשטיין [3] אָדער האַלפּערן [4]. זענען זיי נישט געווען.

עס זענען געקומען ביכער פֿון פֿאַרלאַג זשאַלני [5] צו לייענען.

הײַנט איז געקומען אַ פֿײַנע מיטליעריקע פֿראַנצויזקע, אַ דינסט, זי איז יעצט אָן אַ שטעלע און מען האָט זי געשיקט צו אונדז. זי האָט אַזוי פֿײַן אויסגעזען, אַז עס איז מיר אַ שאָד געווען איר אָפּצוזאָגן. איך ווייס אָבער נישט, צי איך וועל זי צונעמען — זי אויסהאַלטן וועט זײַן צו פֿיל געלט.

* צו מאַכן אַבאָנענטן.

שרײַב מיר באַלד ווי דו פילסט דיך, וואָס פאַר אַ וועטער דו האָסט הײַנט און יעדן טאָג. דאָ גיסט יעצט שרעקלער, און עס איז אומהיימלעך צו הערן ווי דער רעגן קלאַפּט אין די פענצטער, און אַ נעפּל אַז מען זעט קוים אַן אייל פון דער ווײַטנס.

איך קוש דיך און האַלדז דיך און ליב דיך מיט מײַן גאַנצן האַרצן.

דײַן מאַטל

246

סטעמפאָרד, 1943

מײַן טײַערער שלום,

איך דענק, אַז דו דאַרפסט זײַן צופרידן וואָס דו ביזט געפאָרן אין צײַט, איידער דו האָסט געקראָגן אַ צוזאַמענברוך. איך קאָן דיר נאָר זאָגן, אַז דו האָסט שוין אַזוי אויסגעזען אַז איך האָב געמיינט אַז מען וועט דיך דאַרפן נעמען אין שפּיטאָל. יעדע קלייניקייט וואָס דו האָסט געגעסן, האָט דיר פאַרשאַדט, ביזט נישט געשלאָפן מער נאָרמאַל. די נערוון צעשרויפט ביז גאָר. איך האָב מורא געהאַט עס זאָל עפּעס נישט געשען קיין אומגליק מיט דיר. אַז איך פלעג נישט הערן פון דיר אַ שעה צײַט, אָדער דיר פאַר־לירן פון די אויגן, האָב איך מורא געהאַט אַז עפּעס איז מיט דיר געשען.

דאָס בריוול פאַר די שרײַבערס איז זייער גוט, רויק און לאָגיש. איך שיק עס איבער צו זיי.

זײַ מיר געזונט און שטאַרק און פיל זיך אַזוי גוט ווײַטער ווי איך פיל דאָס פון בריוו.

איך קוש דיך מיט מײַן נשמה
מאַטל

מיאַמי, 1948

מײַן טײַערער שלומשי,
איך האָב נאָר וואָס געקריגן דײַן טעלעגראַם פון ניסע [ניצע]. איך האָב נישט געהאַט קיין בריוול ווען דו ביזט געווען אין איטאַליע. דו האָסט אַוודאי קיין צײַט געהאַט. איך האָב אויך האָב ווייניק געשריבן. עס נעמט אַזוי־פיל כּוחות פון מיר אַוועק דאָס שרײַבן. נישט אמת אַז איך שאַנעווע זיך אַזוי, נאָר איך קאָן זיך נישט צוזאַמענעמען צו שרײַבן. אַז איך ליג אין בעט און שלאָף נישט, שרײַב איך צו דיר אַ סך, און אַז איך שטיי אויף, פיל איך זיך אַזוי מיד אַז איך ווייס נישט וואָס איך שרײַב און וואָס איך טו.
איך האָף אַז דו קאָנסט מיך שוין און דו האָסט גענוג געדולד פאַר מיר.
נעכטן בין איך געווען מיט די דאָברינס [1], זיי פרייען זיך פון דער פײַנער ערנסטער קריטיק. כאָטש זיי קאָנען נישט פאַרנעמען קיין רעליגיעזיטעט און מיראַקלס, דאָך די פּאָעטישקייט און שיינקייט פון דעם בוך האָט זיי שטאַרק גערירט.
שבת בין איך געווען מיט די האָניגבוימס [2] און ד״ר מוקדוני [3]. ער קומט דאָרט זעלטן. מיר האָבן גאָרנישט דערמאָנט וועגן דײַן בוך. אַלע האָבן זיך געפרייט מיט מיר און אויסגעפרעגט ווי דו פילסט זיך.
געוויס פרייט זיך אַממייסטן מרס. קאָניגהאַם [4], זי איז אין זיבנטן הימל. זי גרייט צו אַן עסיי וועגן „מערי״, זי האָט אויך אַ סך אײַנלאַדונגען צו רעדן.
דער „העראַלד״ האָט נעכטן געהאַט אַ גאַנץ פײַנע קריטיק. זייער געלויבט די מײַסטערשאַפט פון בוך. די „מיאַמי ניוס״, אַ קאַטוילישער פּייפּער *, איז געווען זייער שיין און דעליקאַט, נישט אָנגערירט די רעליגיעזיטעט, נאָר די פּאָעטישע זײַט.

איך קוש דיך און האַלדז דיך און ליב דיך
מאַטל

* צײַטונג.

מיאַמי, יוני 1949

מײַן טײַערער שלום,
איך ווייס נישט, צי איך קאָן בעסער שרײַבן דיר ענגליש אָדער ייִדיש. איך האָב גערעדט מיט דיר זונטיק, און איך האָב געוואָלט באַלד צו דיר שרײַבן, נאָר מרס. דאַנטאָוו [1] האָט אָנגעקלונגען, צי איך וויל גיין זיך באָדן, און עס איז געווען אַ זייער שיינער פאַרמיטאָג. איך האָב זיך געלאָזט צורעדן. איך ווייס, אַז דו ווילסט איך זאָל זיך אָפּטער באָדן. דאָס באָדן איז געווען שטורמיש, אָבער זייער גוט און אָפּפרישנדיק.
אַהיימפאָרנדיק איז אָנגעקומען פלוצלינג אַ שטורעם און עס האָט גערעגנט אַ גאַנצן נאָכמיטאָג. איך האָב געקריגן קאָפּ־שמערצן און בין שוין געלעגן דעם גאַנצן טאָג אין בעט.
נעכטן מאָנטיק איז געווען אַ זייער שווערער טאָג פאַר מיר. דאָס וועטער איז געווען שלעכט, רעגנדיק, און איך בין געוואָרן זייער מיד. און אַז איך בין מיד, בין איך זייער טרויעריק אַזוי אַז איך האָב נישט געקאָנט נעמען די פעדער אין האַנט אַרײַן.
הײַנט איז ווירקלעך אַ פּראַכטפולער טאָג, עס איז זייער וואַרעם, אַפילו הייס, פון צײַט צו צײַט אַ ווינטל, אַ זייער פײַן ווינטל, פיל, פיל בעסער, און איך קאָן שרײַבן.
געוויס בענק איך נאָך דיר, נאָר איך מוז בלײַבן פון צײַט צו צײַט אַליין, מוז מאַכן אַ פּויזע, קאָן נישט צופיל מיטמאַכן. איך בין מיד אין מײַן קאָפּ, איך בין מיד אין מײַן האַרץ, און קיינער קאָן מיר נישט העלפן נאָר דו אַליין.
איך האָף, דו וועסט קאָנען אויסהאַלטן און פאָרן קיין סאַראַטאָגאַ אויף דרײַ וואָכן. איך ווייס, עס וועט דיר טון גוט און אויך מיר דאָ.
איך האָף, אַז דו ביזט צופרידן פון דער איבערזעצונג. האָסטו געזען שטיינבערגן דעם איבערזעצער? וואָס פאַר אַן אײַנדרוק מאַכט ער? און איבערהויפּט, צי ביזטו צופרידן פון דעם בוך ווי עס גייט און ווי עס איז?
ווו וווינסטו, ווו עסטו, ווו שלאָפסטו? וואָס טוסטו אין די אָוונטן? צום לענגסטן זעגען די אָוונטן. שרײַב מיר באַלד.
איך האָף, דו קאָנסט לייענען מײַנע העראָגליפן. עס איז מיר זייער שווער קלאָר צו שרײַבן.

זײַ מיר געזונט, געקושט און געהאַלדזט
דײַן מאַטל, מאַדזשע

איך קאָן אַליין נישט איבערלייענען וואָס איך האָב געשריבן. איך האָף אַז דו קאָנסט עס יאָ! שרײַב באַלד.

249

מיאַמי, 1949

טײַערער שלום,
איך בעט דיך, קויף נישט קיין אַפּאַרטמענט, קויף נישט קיין הויז, האַלט דאָס געלט אין פראַנקן און קומענדיקן יאָר וועלן מיר ביידע פאָרן קיין פראַנקרײַך און דעצידירן צוזאַמען. קויף גאָרנישט, איך בעט דיך. וואַרט יעדנפאַלס אויף רות [1].
איך דענק אויך, אַז דו זאָלסט פאַרקויפן אונדזער פּלאַץ, זאָלסט אַבסאָלוט פאַרקויפן, אָבער נישט אין אײַלעניש. אַז דער אַגענט וועט זען אַז דו יאָגסט זיך, וועט מען בײַ דיר צונעמען פאַר גאָרנישט, אַזוי ווי אין קאַליפאָרניע. וואַרט מיט דעם פאַרקויפן אויך ביז רות וועט קומען און קויף גאָרנישט פריִער.
איך האַלט אַז דו זאָלסט רות קויפן אַ פּאָר קליידלעך, אַ זייער שיינע בלוזקע, אַ שיינעם הוט און אַ פּאָר גוטע שיך. זי גייט אַרויס אין לאָנדאָן מיט איר מאַן און זי דאַרף שיין און גוט אויסזען. דו קויפסט איר צירונג און זי און מרים [2] דאַרפן קליידלעך. מײַן נומער בלוזקע איז 38 און רותס — 36. איך האָב אַלע מאָל ליב אַ ברייטע בלוזקע, נישט צו ענג. וואַרט אפשר אויף רות מיט קויפן ווײַבערישע זאַכן.
איך דאַרף אונטערוועש, מײַטקעס, האַנט־געמאַכטע. דאָ איז נישט צו קריגן האַנט־געמאַכטע אונטערוועש. פון אַ הויז פאַרקויפן בין איך אַריבער צו מײַטקעס. אָבער דאָס ביזטו שולדיק, דײַן שטימונג האָט זיך מיר אָנגע־שטעקט.
איך פריי זיך זייער וואָס ניצע געפעלט דיר און אַז דאָרט וועסטו קאָנען אַרבעטן.
וואַרט מיט אַלעם ביז רות וועט קומען און איבערלייג זיך. איך האַלט, אַז פאַרקויפן זאָלסטו איידער דו פאָרסט אַוועק, אָבער וואַרט ביז רות קומט, יאָג דיך נישט.

איך קוש דיך און ליב דיך
דײַן מאָטל

250

מיאַמי, 1949

טײַערער שלומשי,

איך פֿיל זיך שולדיק וואָס דו האָסט נישט געהאַט קיין בריוול פֿון מיר. דו ווייסט דאָך ווי שווער עס איז מיר צו שרײַבן, איך בין אַ ביסל צעמישט געוואָרן נאָך דײַן ווילדן בריוו, אָבער איך האָב עס נישט גענומען ערנסט, איך האָב באַלד זיך געסטאַרעט צו פֿאַרגעסן.

איך דענק דו זאָלסט שטיין אַזוי לאַנג ווי דו קאָנסט און זען אַרײַננעמען אײַנדרוקן וויפֿל דו קאָנסט.

איך בין דאָ אין האָטעל. עס איז נישט שלעכט. נישט אויפֿרעגנדיק. איך מוז האָבן אַ פּאָר מאָנאַט רו. דו ווייסט דאָך, איך בין אויך אַדורכגעגאַנגען גיהנום ווען דו ביזט געווען אומגליקלעך און נערוועז. דו הייבסט יעצט אָן צו קומען צו זיך, דעריבער זײַ אַזוי לאַנג ווי דו קאָנסט און קום נישט צו פֿרי, כאָטש איך דענק נישט אַז עס וועט זײַן אַ גרויסע קעגנערשאַפֿט. איך לייען נישט קיין יידישע צײַטונגען. זײַט דו ביזט אַוועקגעפֿאָרן האָב איך קיין יידישע צײַטונג נישט געזען. איך בין אויך נישט פֿון די וואָס רעגן זיך אויף פֿון קריטיק, הלוואי אויף דיר געזאָגט. זאָרג וועגן מיר, זאָרג אַז דו זאָלסט זײַן רויק, און בלײַב אַזוי לאַנג אַז דו זאָלסט עפּעס האָבן פֿון דײַן רײַזע. האָסט געגנוג לאַנג געוואַרט אויף דעם.

איך קוש דיך און ליב דיך זייער און זייער.

דײַן מאַטל

251

מיאַמי, 1949

מײַן טײַערער שלומשי,

נעכטן געקריגן דײַן טעלעגראַם אין איטאַליעניש. איך האָב געלאַכט ביז טרערן, איך האָב זיך זייער געפֿרייט און געווײנט פֿון פֿרייד. דאָס מאַכט מיך פֿילן גוט, און אפֿשר וועל איך ווערן געזונט און שטאַרק אַז דו וועסט צוריקקומען זאָל איך זײַן שטאַרק פֿאַר דיר.

איך שרײַב דיר ווידער אין אײַלעניש, ווײַל איך וואַרט אַלע מאָל ביז צו דער לעצטער מינוט.

פון איטאַליע האָב איך נישט געהאַט קיין בריוו פון דיר, נאָר די צוויי טעלעגראַמעס. זעט אויס אַז דו האָסט גוט פאַרבראַכט אין מילאַנאָ. איך פריי זיך זייער.
דו האָסט אַוודאי געקריגן פון מיס ווילקערסאָן [1] די „רעוויו ליטערייטשער״; עס איז דאָרט געווען אַ זייער גוטע רעצענזיע.
נעכטן האָב איך געזען מרס. קאַניגהאַם [2], זי איז באַגײַסטערט מיטן בוך [3], אַזוי ווי אַלע וואָס האָבן עס געלעזן.

איך קוש דיך און בענק נאָך דיר
מאָטל

252

מיאַמי, 1949

טײַערער שלום-לעבן,
איך האָב נאָר וואָס געקריגן דײַן בריוו פון ניצע וואָס איך האָב אַזוי אויסגעקוקט און מיט נײַגעריקייט געוואַרט. עס פרייט מיך זייער וואָס דער גאָרטן איז נישט פאַרלאָזן ווי מיר האָבן געדענקט.
דו האָסט דאָס נישט געפילט אַז דו ווילסט בלײַבן אין אייראָפּע, ווײַל זייער אָפט, אַז דו ביזט נישט צופרידן מיט מיאַמי, זאָגסטו אַז דו ווילסט צוריק נאָך אייראָפּע. זענען די מענטשן דאָרט מער אינטערעסאַנט? איז דאָס לעבן דאָרט לײַכטער? קריגט מען דאָרט אַלץ וואָס מען באַדאַרף? ווי איז מיט באַדינונג, מיט דינסטן? איך דענק, אַז נאָך אַזוי לאַנג — — — אין אַמעריקע, וועסטו שוין נישט קאָנען לעבן אין אייראָפּע.
איך וואָלט אָבער אַזוי געוואָלט אַז רות זאָל זיך איבערצײַען אַהער. אפשר וואָלט מרים [1] אַהער געקומען און געווען מיט אונדז און געגאַנגען אין סקול אין מיאַמי. עס איז אַזוי טרויעריק וואָס קיין קינד איז נישט אין דער זעלבער שטאָט, און ווירקלעך וואָלט איך געוואָלט האָבן רות, איר מאַן און קינד נאָענט בײַ זיך.
איך לייען יעצט „מערי״. עס איז וווּנדערלעך שיין איבערזעצט. ווירקלעך פּאָעטיש, צערטלעך און ווייך. ביז יעצט ווי איך לעז איז עס וועגן אַ מוטער מיט אַ קינד. דערפאַר איז עס צערטלעך. איך בין יעצט אין טעמפּל ווו ישוע [1] פרעגט קשיות בײַ דעם רבין און עס איז ווירקלעך און זייער קלוג געמאַכט. דאָס בוך איז שיין, אָבער דו ווייסט דאָך אַז איך בין אַ סקעפּטי-

קערין און וווּנדער רירן מיך נישט. דו גלויבסט אַזוי הייליק אין דעם וואָס דו שרײַבסט און וואָס דו ווילסט מיט דעם בוך דערגרייכן. עס זענען דאָ ערלעכע קאַפּיטלער און דאָס, וואָס דו האָסט געוואָלט און גלויבסט, קומט אַרויס גוט און פאַרשטענדלעך, אָבער מען מוז זײַן רעליגיעז געשטימט כּדי מיטצוגיין מיט דיר אין גאַנצן. איך האָף, אַז דו וועסט האָבן אַ גוטע קריטיק. די קריטיקער זענען אַזוי סאָפּיסטיקייטעט און אַטראָפּירט דורך די סמאַרט אַלעקס [?] אַז עס וועט זײַן אַ וווּנדער אַז זיי וועלן דיך פאַרשטיין. לאָמיר האָפן פאַרן בעסטן. איך בין געלעגן צוויי טעג אין בעט און געלייענט דאָס בוך. איך האָף הײַנט בײַנאַכט עס צו ענדיקן. דו ווייסט דאָך ווי פּאַוואָליע איך לייען, כּמעט יעדעס בלעטל צוויי מאָל.
איך דאַנק דיר האַרציק פאַר דײַן בריוו, איך וועל זיך סטאַרען צו שרײַבן.

איך קוש דיך האַרציק
דײַן מאָטל

253

מיאַמי, דעם 2טן סעפּטעמבער, 1949

טײַערער שלום,
איך האָף אַז דו פילסט זיך אָלרײַט אין פּאַריז, דערווײַל האָב איך גאָרנישט געהערט פון דיר. איך בין געשפּאַנט צו וויסן ווי דו האָסט אָנגעטראָפן פּאַריז. צי דו וועסט זען שאַגאַל [1] און יעפּרויקין [2]. ווער איז יעצט אין פּאַריז וואָס מיר קענען נאָענט? מסתּמא קיסלינג [3] און אַנדערע מאָלער.
איך האָב דיר נישט טעלעגראַפירט קיין פּאַריז, ווײַל איך האָב נישט ווירקלעך וואָס צו טעלעגראַפירן.

איך בין ווידער געווען צוויי טעג אין בעט. דער הוראַקאַן איז געווען מילד, אָבער דאָך מיך נערוועז געמאַכט; און אַז דער הוראַקאַן גייט פאַרבײַ, איז אַזוי פיל צו רייניקן אין גאָרטן! אַלץ ליגט אויף דער ערד. און יעצט שרײַבן די צײַטונגען, אַז עס קומט ווידער אַ הוראַקאַן, אפשר וועט ער פאַרבײַ.
דער האָטעל איז נישט שלעכט, נאָר דאָך ווערט לאַנגווײַליק, ספּעציעל אין די אָוונטן, אין די לאַנגע אָוונטן.

און איך שלאָף לעצטנס נישט גוט, זייער קורץ, און בין כּסדר מיד. שרײַב מיר באַלד ווי פאַרברענגסטו אין פּאַריז.

איך האָב געהאַט אַ לאַנגן בריוו פון רות [4] און מרים [5]. זיי זאָגן, אַז דו האָסט פײַן אויסגעזען און גוט פאַרבראַכט אונטער די אומשטענדן.
איך קוש דיך און האַלדז דיך און בענק נאָך דיר.

דײַן מאַדזיע

254

מיאַמי, זונטיק, דעם 30סטן מערץ, 1952

טײַערער שלום-לעבן,
איך ליג אָפּ דאָס שרײַבן פון טאָג צו טאָג צו טאָג אום מיר קלאָרער צו מאַכן וואָס צו שרײַבן און קלאָרער מאַכן די סיטואַציע.
אַזוי ווי איך האָב דיר געשריבן, דענק איך אַז דו זאָלסט מיט אַלע כּוחות זען צו בלײַבן אין ניצע ביז דו פילסט אַז דײַן אַקסל איז אַלרײַט. דאָס זאָל זײַן דאָס וויכטיקסטע איצט אין דעם מאָמענט.
וועגן ישׂראל זאָרג נישט. אַז דו וועסט פילן דו דאַרפסט פאָרן — פאָר, און אַז דו וועסט נישט פילן צו פאָרן — פאָר נישט. עס איז נישט קיין מוז. דו דאַרפסט אַליין אָפּמאַכן בײַ דיר. דו האָסט אַן אינסטינקט וואָס דו אַליין האָסט עס, און עס איז זייער אָפט דער ריכטיקער. אפשר דערפאַר ווײַל עס האָט זיך אָנגעהויבן קאָמפּליצירט, וועט זיך ענדיקן בשלום. די צײַט פרעסט נישט, זאָגט מען, און גאָט וועט געבן, וועסטו זיך גוט פילן און דו וועסט דעצידירן פאָרן בעסטן.
דו האָנסט דיר פאָרשטעלן ווי איך וואָלט געוואָלט זײַן איצט מיט דיר, אום דיר צו העלפן, איך פיל זיך הילפלאָז פון דער ווײַטנס. דערפאַר דאַרפסטו זיך שטאַרקן און נישט פילן זיך אַזוי איינזאַם. עס איז נאָר אַ פּאָר וואָכן און מיר וועלן מיט גאָטס הילף זײַן צוזאַמען.
רות [1] איז מיר אַ גרויסע הילף, זי איז קלוג און גוט און האָט אונדז זייער ליב. דיך ליבט זי זייער שטאַרק און פילט זיך הילפלאָז וואָס זי קאָן נישט זײַן מיט מיר. זי איז אַ מלאך פון הימל וואָס גאָט האָט אונדז צוגעשיקט אין אונדזערע אַלטע טעג. איך ליב דיך זייער שטאַרק און קלער ווי דיר צו העלפן.

דײַנע מיט ליבּ און לעבן
מאַטל

255

באַרביזאָן־פּלאַזאַ־האָטעל

ניו־יאָרק, 1952

טײַערער שלום־לעבן,
הײַנט איז געקומען דײַן טעלעגראַם, אַז דו פֿאָרסט קיין ישׂראל — **מזל טוב!**
איך בין דאָ אין דעם האָטעל, עס איז ביליקער. די פֿענצטער גייען אַרויס אויף צענטראַל פּאַרק, אַ וווּנדערבאַרער אויסבליק און גוטע לופֿט.
דו וועסט אָנקומען קיין ישׂראל דעם זעלבן טאָג וואָס מיר וועלן אָפּפֿאָרן קיין ענגלאַנד. אַ שאָד וואָס איך אָדער רות [1] איז נישט מיט דיר, דיך אָפּצוהיטן פֿון עסן וואָס דו דאַרפֿסט נישט. היט זיך און עס זייער פֿאָרזיכטיק. טעלעגראַפֿיר דײַן אַדרעס און זײַ רויִק, רעג זיך נישט אויף און זײַ פֿילאָזאָפֿיש. נעם אויף זייער רויִק אַלץ וואָס דו זעסט און הערסט, דו קאָנסט נישט ראַטעווען די וועלט. דו קאָנסט היטן זיך אַליין, און אַלץ אַרום וועט שוין גיין זײַן גאַנג.
איך דענק, אַז דו האָסט געהאַט אַ גוטן, רויִקן און אינטערעסאַנטן וועג.

איך קוש דיך און בענק נאָך דיר
דײַן מאַטל

256

[אויפֿן וועג קיין לאָנדאָן]
„קווין עליזאַבעט", 28סטן אַפּריל, 1952

טײַערער שלום,
הײַנט איז מאָנטיק, מאָרגן פֿרי קומען מיר אָן קיין ענגלאַנד. רעדזי [1] און מרים [2] וועלן אונדז אָפּוואַרטן מיט אַ קאַר. אַ שאָד וואָס דו וועסט נישט זײַן. איך בענק שוין זייער און באַדויער וואָס איך בין נישט מיט דיר אין ישׂראל. איך בין שוין אַזוי נײַגעריק ווי עס געפֿעלט דיר ישׂראל. דאָס איז דער איינציקער פּלאַץ וווּ איך וואָלט געוואָלט וווינען, אַז איך זאָל זיך רירן פֿון פֿלאָרידע.
געוויס איז גוט ענגלאַנד פֿאַרן זומער, נאָר אַז ענדערן, איז נאָר פֿאַר

ישׂראל. ווי געפעלט דיר ירושלים? צו ווינען דאָרט ווינטער? איז דען נישטאָ קיין רויִקער פּלאַץ אין ישׂראל ווו מען קאָן זײַן אָפּגעזונדערט פון פּאָליטיק און דאָך האָבן מיט ווענען זיך אַדורכצורעדן? עס מוזן דאָך זײַן דאָרט אינטערעסאַנטערע מענטשן ווי אין מיאַמי, אויך רויִקער און היימי־שער! איך וואָלט געווען גליקלעך, ווען דו געפינסט אַ פּלאַץ דאָרט פאַר אונדז.

האָסט געזען פּאָליאַק [3], געזען ד״ר לונץ? [4] גיב זיי אָפּ גרוסן פון מיר. איך פיל זיך בעסער, איך האָב זיך אָפּגערוט.

ניו־יאָרק איז אוממעגלעך, דאָס וועטער איז געווען הייסער ווי אין מיאַמי, דעמפּ און אָן לופט. און די מענטשן מאַכן אַ טרויעריקן אײַנדרוק. מיר איז געווען זייער טרויעריק אין ניו־יאָרק.

מאָרגן וועל איך זען די קינדער, אָבער דו וועסט פעלן. איך האָף צו הערן פון דיר מאָרגן. שרײַב אַלץ, אַלץ, פון יעדער שעה, פון יעדער מינוט, איך בין אַזוי נײַגעריק.

איך קוש דיך און ליב דיך
דײַן מאַטל

257

לאָנדאָן, 1955

טײַערער שלומשי,

נאָר וואָס געקריגן דײַן בריוו מיט די פאָטאָגראַפיעס פון דעם הויז אין ישׂראל. עס איז קליין, אָבער גאַנץ שיין, נאָר איך ווייס נישט, פאַרוואָס איך האָב נאָך נישט קיין באַציִונג דערצו. עס איז אַוודאי [דערפאַר ווײַל] איך האָב נישט קיין קרעפטן, קיין כּוחות. ווען איך וואָלט געווען שטאַר־קער וואָלט איך געווען גליקלעך. אַז עס קומט צו דענקען קאָנקרעט, קאָן איך מיר נישט פאָרשטעלן אַז איך וועל קאָנען עס דורכפירן. אַז מען וועט דעצידירן צו פאָרן ענדע נאָוועמבער, וועלן מיר אײַנשטיין אין אַ האָטעל אָדער פּענסיאָן און דאַן דעצידירן און זען, צי איך האָב גענוג כּוחות.

מיר זענען געווען אייניקע טעג אין אַ דאָרף גלײַך בײַם ים. דאָס הויז אַן אמתער קאַסעל, אַלץ אַלט, זייער אַלט. דער פּלאַץ איז זייער אַ רויִקער, די לופט איז זייער גוט, כאָטש ווינטיק.

אין לאָנדאָן איז דאָס וועטער נישט שלעכט, נאָר די נעבט און מאָרגנס קיל.

מיר איז אַלע מאָל שווער צוצוגעוווינען זיך צו ענדערן אַ פּלאַץ. איך געוווין זיך דאָ צו.
שרײַב מיר ווידער באַלד, זאָרג נישט, איך פֿיל זיך בעסער.

איך קוש דיך און האַלדז דיך
דײַן מאַדזיע

258

לאָנדאָן, 1955

טײַערער שלומשי,
איך האָב דיר נעכטן שנעל צוגעשיקט דאָס ערשטע אַרטיקל פֿון „דזשויִש קראָניקל". האָסט עס אַוודאי דערהאַלטן.
עס איז ווירקלעך נישטאָ וואָס צו שרײַבן. גוט וועטער, שלעכט וועטער, מיינסטנס שלעכט פֿאַר מיר. נעכטן איז דווקא געווען שיין און איך בין געגאַנגען מיט פֿרוי יערי [1] פֿון ירושלים אין די טייט־גאַלערי. מיר האָבן געזען די גאָגען [2] ־אויסשטעלונג. דאָס איז געווען אַן אמתע איבערלעבונג. איך האָב זיך קיין מאָל נישט פֿאָרגעשטעלט, אַז גאָגען איז אַזאַ גרויסער קינסטלער. גראַנדיעז, עפּעס אַזעלכעס האָב איך זיך נישט געקאָנט פֿאָר־שטעלן. די אויסשטעלונג בלײַבט ביז דעם 26סטן אָקטאָבער אַזוי אַז דו וועסט נאָך זי קאָנען זען ווען דו וועסט אַהערקומען.
איך האָב זיך זייער שטאַרק געפֿרייט צו הערן, אַז דו פֿילסט דיך גוט און אַז דו האָסט עפּעס וויכטיקעס אויפֿגעטון. אַ דאַנק דיר פֿון מײַן גאַנצן האַרצן פֿאַר דײַנע ליבע ווערטער. איך פֿיל זיך זייער איינזאַם ווען דו פֿאָרסט אַוועק. נאָר גאָט אַליין קאָן וויסן ווי מיד איך בין און אַז איך קאָן נישט רײַזן מער. יעצט איז פֿיל ערגער, איך קאָן זיך גאָרנישט פֿאָרשטעלן אין אַמעריקע!
עס האָט מיך זייער געפֿרייט וואָס די קינדער פֿילן זיך גוט, דאָס אַליין איז ווערט געווען דײַן פֿאָרן.
איך פֿריי זיך אַזוי אַז דו קומסט באַלד צוריק. זאָלסט צוריקקומען אין אַ מזלדיקער שעה. איך בענק זייער און ליב דיך זייער.

דײַן מאַטל

הערות

בריוו 1

1 אב. (אַברהם) קאַהאַן — געב. אין ווילנע 1860, געשט. אין ניו־יאָרק 1951. ערשטער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", מחבר פון דעם ראָמאַן „דער אויפשטײַג און פאַל פון דייוויד לעווינסקי".

2 „פאָרווערטס" — טאָגצײַטונג. געגרינדעט אין ניו־יאָרק אין 1897.

בריוו 2

1 שמואל־יעקב יאַצקאַן — געב. אין וואָבאָלנעק, קאָוונער ליטע, 1874, געשט. אין וואַרשע 1936. פון די גרינדער און רעדאַקטאָר פון „הײַנט", וואַרשע 1908, און „פּאַריזער הײַנט", פּאַריז 1926. פריִער גרינדער — צוזאַמען מיט נח פינקעלשטיין — פון „אידישעס טאָגעבלאַט" (1906).

2 נח פינקעלשטיין — געב. אין בריסק 1871, געשט. אין ניו־יאָרק 1946. גרינדער און מיטאייגנטימער — צוזאַמען מיט ש. י. יאַצקאַן — פון „הײַנט".

3 אַברהם גאָלדבערג — געב. אין בריסק 1881, געשט. אין וואַרשע 1933. מיטאַרבעטער און אַ געוויסע צײַט אויך רעדאַקטאָר פון „הײַנט".

4 מנחם באָריישאָ — ברודער פון אַברהם גאָלדבערג, געב. אין בריסק 1888, געשט. אין ניו־יאָרק 1949. דיכטער, מחבר פון דער פּאָעמע „דער גייער".

בריוו 3

1 מאַדזשע, מאַטילדאַ, מאַטל — בלימע־מאַטל, פרוי פון שלום אַש, פון דער היים שפירא.

בריוו 4

1 דער טאַטע — פרוי מאַטילדאַ אַשס פאָטער — מ. מ. שפירא, פּוילישער שרײַבער און פאַרלעגער.

2 נתן — זון פון שלום און מאַטילדאַ אַש. מחבר פון דעם בוך „22טער אויגוסט".

3 י. ל. פּרץ — געב. אין זאַמאָשטש 1852, געשט. אין וואַרשע 1915. ייִדישער קלאַסי־קער, גײַסטיקער פאָטער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", „חסידיש" א"אַ.

4 ב. א. קלעצקין — פאַרלעגער אין ווילנע, אַרויסגעבער פון „די יודישע וועלט". פון די ייִוואָ"אָ־גרינדער.

בריוו 6

1 אחד העם (אָשר־צבי גינצבערג) — געב. אין סקווירע, קיִעווער גובערניע, 1856, געשט. אין תּל־אביב 1927. רעדאַקטאָר פון „השלוח" (1896), טרוימער ארץ־ישׂראל זאָל זײַן דער גײַסטיקער צענטער פון ייִדישן פאָלק. וואַרפט אָפּ פּאָליטישן ציוניזם.

2 ד״ר יעקב כּהן־בערנשטיין — געב. אין קישיניעוו 1859, געשט. דאָרט 1929. ציוניס־טישער פּאָליטיקער.
3 קאַרמאַן — נישט אידענטיפיצירט.

בריוו 7

1 „דער פריַינד" — ערשטע ייִדישע טעגלעכע צייַטונג אין דער רוסישער אימפּעריע, פּעטערבורג 1903. איר ערשטער רעדאַקטאָר איז געווען שאול גינצבורג (1857—1910).
2 הערש־דוד נאָמבערג — געבוירן אין אַמשינאָוו, וואַרשעווער קרייַז, 1876, געשט. אין אָטוואָצק, נעבן וואַרשע, 1927. שריפטשטעלער און פּובליציסט. אָנגעהויבן שרייַבן העברעיִש אין „הצפה" און „הבקר". זייַט 1910 כּמעט אויסשליסלעך אין ייִדיש. אַ סך בייַגעשטייַערט צו דער צייַטונג „דער פריַינד". מיטגעאַרבעט אין „הייַנט". זייַט 1915 אין „מאָמענט".

בריוו 8

1 י. ל. פּרץ — זע באַמ. צו בריוו 4 (3).

בריוו 9

1 מאַקס רייַנהאַרדט (גאָלדמאַן) — געב. אין באַדען, נעבן ווין, 1873, געשט. אין די פאַראייניקטע שטאַטן 1943. טעאַטער־פּראָדוצענט און רעזשיסער אין בערלין. אויפ־געפירט „גאָט פון נקמה" פון שלום אַש.
2 קלעצקין — זע באַמ. צו בריוו 4 (4).

בריוו 12

1 ערב דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ סוף זומער 1908.
2 ד״ר לעאָן רייך — געב. 1879 אין דראָהאָביטש, גאַליציע, געשט. 1929 אין לעמבערג. רעדאַקטאָר פון „וואַסכאָד", אָרגאַן פון די גאַליציאַנער ציוניסטן. פירער פונעם גאַלי־ציַשן ייִדנטום אין פּוילן.

בריוו 13

1 פרייַליך — ייִדישער מאָלער אין בערלין.

בריוו 14

1 דוד פּינסקי — געב. אין מאָהליעוו אויפן דניעפּער 1872, געשט. אין חיפה 1959. ייִדישער ראָמאַניסט און דראַמאַטורג: „יאַנקל דער שמיד", „דער אוצר", „דער אייביקער ייִד" א״אַ.
2 סאַמועל פישער — געב. אין ליפּטאָ, סלאָוואַקײַ, 1859, פאַרלעגער אין בערלין, אַרויסגעבער פון די ביכער אין דייַטשער איבערזעצונג פון די וויכטיקסטע אייראָ־פּעיִשע שרייַבערס און אָריגינעלע דייַטשע ביכער.
3 פרייַליך — זע באַמ. צו בריוו 13 (1).
4 נתן — זע באַמ. צו בריוו 4 (2).

בריוו 15

1 אַברהם רייזין — געב. אין קיידאַנאָוו, מינסקער קרייַז, 1876, געשט. אין ניו־יאָרק 1953. פּאָעט, גענומען פירנדיקן אָנטייל אין דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ סוף

1908, באַטייליקט זיך אין דער ייִדישער פּרעסע אין וואַרשע, קראָקע, ניו־יאָרק.

2 טייטל — אומבאַקאַנט.

בריוו 17

1 ד"ר חיים זשיטלאָווסקי — געב. אין אושאַטי, וויטעבסקער גוב., 1865, געשט. אין די פאַראייניקטע שטאַטן 1943. דענקער און שרײַבער, אָנהענגער פון גלות־נאַציאָנאַליזם און ייִדישיזם, אַ צײַט זיך דערנענטערט צו טעריטאָריאַליזם און קאָמוניזם.

2 אב. קאַהאַן — זע באַמ. צו בריוו 1 (1).

3 באָריס טאָמאַשעווסקי — געב. אין אוקראַיִנע 1868, געשט. אין די פאַראייניקטע שטאַטן 1939. פּיאָנער פון ייִדישן טעאַטער אין אַמעריקע.

4 אסתּר — פון מאַטל אַשס משפּחה.

בריוו 18

1 אַברהם רייזין — זע באַמ. צום בריוו 15 (1).

2 הערש־דוד נאָמבערג — זע באַמ. צום בריוו 7 (2).

3 „פרײַנד" — זע באַמ. צום בריוו 7 (1).

5 קאַהאַנס בוך — זע באַמ. צום בריוו 1 (1).

6 ליעסינס פּאָעזיע — אַברהם ליעסין (פּסעוודאָנים פון אַברהם וואַלט) — געב. אין מינסק, ווײַסרוסלאַנד, 1872, געשט. אין ניו־יאָרק 1938. דיכטער און פּובליציסט, מיט־גרינדער פון „בונד". מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס", זײַט 1913 רעדאַקטאָר פון „די צוקונפט", ניו־יאָרק. ליעסין האָט געפאָדערט פון „בונד" אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צום ייִדישן נאַציאָנאַליזם.

7 דינעזאָן יעקב — געב. אין נײַ־זאַגער, קאָוונער קרײַז, 1856, געשט. אין וואַרשע 1919, ייִדישער קלאַסיקער, אינטימער פרײַנד פון י. ל. פּרץ, מחבר פון אַ גרויסע צאָל ווערק.

8 שימין — בנימין שימין — געב. 1880, געשט. 1942, ייִדישער פאַרלעגער אין וואַרשע.

בריוו 20

1 לעאָפּאָלד פּיליכאָווסקי — מאָלער געבוירן אין פּוילן. געלעבט אין מינכען, פּאַריז און אין לאָנדאָן.

בריוו 21

1 שימין — בנימין שימין — זע באַמ. צום בריוו 18 (8).

בריוו 22

1 „פאָרווערטס" — זע באַמ. צום בריוו 1 (2).

2 נתן — זון פון מאַטל און שלום אַש.

בריוו 23

1 טאָמאַשעווסקי — זע באַמ. צום בריוו 17 (3).

2 גאָרדין — יעקב הלוי גאָרדין — געב. אין מירגאָראָד, פּאָלטאַווער גוב., 1853, געשט. אין די פאַראייניקטע שטאַטן 1909. פון די פאַרביקסטע געשטאַלטן צווישן ייִדישע שרײַבערס. פּיאָנער פון דער ערנסטער דראַמע אין אַמעריקאַנער ייִדישן טעאַטער. אָנגעשריבן אַ גרויסע צאָל דראַמעס און אַדאַפּטאַציעס.

3 ליבין — ז. ליבין (פסעוו. פון ישראל־זלמן הוראָוויץ) — געב. אין האָרקי, מאָהליע־ווער גוב., 1872, געשט. אין די פאַראייניקטע שטאַטן 1955. ייִדישער נאָוועליסט און דראַמאַטורג, מיטגעאַרבעט אין „פאָרווערטס".

4 קאָברין לעאָן — געב. אין וויטעבסק 1872, געשט. אין די פאַראייניקטע שטאַטן 1946. פון די פּיאָנערן פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. דערפּאָלגרייכער דראַמאַטורג.

5 ליפּצין — קעני ליפּצין — אַקטריסע, די גרעסטע טראַגיקערין אין אַמעריקאַנער ייִדישן טעאַטער.

6 קאַהאַן — אַב. קאַהאַן — זע באַמ. צום בריוו 1 (1).

7 אַברהם גאָלדבערג — זע באַמ. צום בריוו 2 (3).

8 נתן — מאַטל און שלום אַשס זון, זע באַמ. צום בריוו 4 (2).

9 יאַנעק — יוחנן — מאַטל און שלום אַשס זון.

10 משה — מאַטל און שלום אַשס זון.

בריוו 24

1 טאָמאַשעווסקי — זע באַמ. צום בריוו 17 (3).

בריוו 25

1 „פריינד" — זע באַמ. צום בריוו 7 (1).

2 נאָמבערג — זע באַמ. צום בריוו 7 (2).

3 רייזין — זע באַמ. צום בריוו 15 (1).

4 יאַנעק — יוחנן אַש — זון פון מאַטילדאַ און שלום.

5 דינעזאָן — זע באַמ. צום בריוו 18 (7).

6 „פאָרווערטס" — זע באַמ. צום בריוו 1 (2).

בריוו 27

1 דינעזאָן — זע באַמ. צום בריוו 18 (7).

בריוו 28

1 דינעזאָן — זע באַמ. צום בריוו 18 (7).

בריוו 29

1 יאַנעק — יוחנן, זון פון מאַטל און שלום אַש.

2 נאָמבערג — זע באַמ. צום בריוו 7 (2).

בריוו 30

1 נאָמבערג — זע באַמ. צום בריוו 7 (2).

2 רייזין — זע באַמ. צום בריוו 15 (1).

3 פרץ — זע באַמ. צום בריוו 4 (3).

4 „דער פריינד" — זע באַמ. צום בריוו 7 (1).

5 „פאָרווערטס" — זע באַמ. צום בריוו 1 (2).

בריוו 31

1 רות — טאָכטער פון מאַטילדאַ און שלום אַש.

2 יאַנעק — יוחנן, זון פון מאַטילדאַ און שלום אַש.

4 נתן — נתן אַש — זע באַמ. צום בריוו 4 (2).
3 משה — זון פון מאַטילדאַ און שלום אַש.

בריוו 33

1 פרוג, שמעון שמואל — געב. אין אַ ייִדישער קאָלאָניע אין כערסאָנער פּראָווינץ 1860, געשט. אין אָדעס 1916. שרייַבער הויפּזאַכלעך אין רוסיש. אייניקע פון זייַנע ייִדישע לידער זענען געוואָרן פאָלקסלידער („זאַמד און שטערן", „האָט רחמנות" א"אַ).
2 באַנדרייעוו — רוסישער שױשפּילער און רעזשיסער.
3 דימאָוו, אָסיפּ (פּסעוו. פון יוסף פּערעלמאַן) — געב. אין ביאַליסטאָק 1878, געשט. אין די פאַראייניקטע שטאַטן 1959. ייִדישער און רוסישער דראַמאַטורג, הומאָריסט און פּובליציסט. ייִדיש זיך אויסגעלערנט ערשט אין די צוואַנציקער יאָרן. איינער פון די וויכטיקסטע פאַרשטייערס פון דער נייַער ייִדישער דראַמע. געשריבן פאַר און אויפגעפירט אויך אין דעם אַנגלאָ־אַמעריקאַנער טעאַטער. מיטגעאַרבעט אין ניו־יאָרקער „דער טאָג".
4 רייזין, אַברהם — זע באַמ. צום בריוו 15 (1).

בריוו 34

1 דימאָוו — זע באַמ. צום בריוו 33 (3).
2 פרוג — זע באַמ. צום בריוו 33 (1).

בריוו 35

1 יעקב־יהושע — ברודער פון שלום אַש.

בריוו 36

1 ווייַסענבערג, יצחק מאיר — געב. אין זשעלעכאָוו 1881, געשט. אין וואַרשע 1938. מיטצייַטלער פון שלום אַש, ראָמאַניסט, געשאַפן אַ ליטעראַרישע שולע. מחבר פון „אַ שטעטל", „דור בא ודור הולך" א"אַ.

בריוו 37

1 „הייַנט" — טעגלעכע ייִדישע צייַטונג אין וואַרשע, געגרינדעט אין 1908. זע באַמ. צום בריוו 2 (1, 2, 3).

בריוו 38

1 קלעצקין — זע באַמ. צום בריוו 4 (4).
2 „מערי" — ראָמאַן פון שלום אַש.

בריוו 39

1 העלע סאָקאָלאָוו — אַ טאָכטער פון נחום סאָקאָלאָוו.
2 רותקע — טאָכטער פון מאָטל און שלום אַש.

בריוו 40

1 קלעצקין — זע באַמ. צום בריוו 4 (4).
2 באַשע — שוועסטער פון מאַטילדאַ אַש.

בריוו 41

1 באַשע — שוועסטער פון מאַטילדאַ אַש.

2 קלעצקין — זע באַמ. צום בריוו 4 (4).

בריוו 43

1 קלעצקין — זע באַמ. צום בריוו 4 (4).

בריוו 44

1 נתן — זון פון שלום אַש, זע באַמ. צום בריוו 4 (2).

2 משה — זון פון מאַטל און שלום אַש.

3 יוחנן — זון פון מאַטילדאַ און שלום אַש.

4 איינציקע טאָכטער פון מאַטילדאַ און שלום אַש — רות.

בריוו 45

1 „פרײַנד" — זע באַמ. צום בריוו 7 (1).

2 קלעצקין — זע באַמ. צום בריוו 4 (4).

3 „צענטראַל" — גרויסער ייִדישער ביכער־פאַרלאַג אין וואַרשע.

בריוו 46

1 יאַצקאַן — זע באַמ. צום בריוו 2 (1).

2 „צענטראַל" — זע באַמ. צום בריוו 45 (3).

3 פינקעלשטיין — זע באַמ. צום בריוו 2 (2).

4 דינעזאָן — זע באַמ. צום בריוו 18 (7).

בריוו 48

1 דינעזאָן — זע באַמ. צום בריוו 18 (7).

2 נתן — זון פון שלום אַש. זע באַמ. צום בריוו 4 (2).

בריוו 49

1 קלעצקין — זע באַמ. צום בריוו 4 (4).

2 נתן — זון פון שלום אַש. זע באַמ. צום בריוו 4 (2).

בריוו 50

1 קלעצקין — זע באַמ. צום בריוו 4(4).

2 „מעריו" — ראָמאַן פון שלום אַש.

3 נתן — זון פון שלום אַש. זע באַמ. צום בריוו 4 (2).

4 סאָקאָלאָוו — געמיינט די משפחה פון נחום סאָקאָלאָוו (1859—1936), פּיאָנער פון דער העברעיִשער פּובליציסטיק, רעדאַקטאָר פון „הצפירה". פּאָרזיצער פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

בריוו 51

1 קלעצקין — זע באַמ. צום בריוו 4 (4).

2 „הײַנט" — זע באַמ. צו די בריוו 2 און 37.

בריוו 52

1 קאַהאַנע — נישט אידענטיפיצירט.
2 האַלענדער — נישט אידענטיפיצירט.
3 קלעצקין — זע באַמ. צום **בריוו 4** (4).
4 דינעזאָן — זע באַמ. צום **בריוו 18** (7).

בריוו 53

1 קלעצקין — זע באַמ. צום **בריוו 4** (4).

בריוו 54

1 קלעצקין — זע באַמ. צום **בריוו 4** (4).
2 יאַצקאַן — זע באַמ. צום **בריוו 2** (1).
3 „הײַנט" — זע באַמ. צו די **בריוו 2** און 37.
4 „פרײַנד" — זע באַמ. צום **בריוו 7** (1).
5 דער טאַטע — געמיינט מאַטל אַשס פֿאָטער, שפירא.
6 נתן — זון פון מאַטל און שלום אַש. זע באַמ. צום **בריוו 4** (2).

בריוו 55

1 באַשע — שוועסטער פון מאַטילדאַ אַש.
2 ד"ר טיאָמקין, זאב וולאַדימיר — (1927—1861), פון די ביל"ו־שעפער, געב. אין ליסאָוועטגראַד און געשט. אין פאַריז. צוזאַמען מיט וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי גע־שאַפן די רעוויזיאָניסטישע באַוועגונג.
3 ד"ר קאַהאַן — נישט אידענטיפיצירט.
4 דער טאַטע — דער פֿאָטער פון מאַטילדאַ אַש, שפירא.
5 נתן — זון פון מאַטל און שלום אַש. זע באַמ. צום **בריוו 4** (2).
6 דינעזאָן — זע באַמ. צום **בריוו 18** (7).

בריוו 56

1 בײַם טאַטן — בײַם פֿאָטער פון מאַטילדאַ אַש, שפירא.
2 נתן — זון פון מאַטל און שלום אַש. זע באַמ. צום **בריוו 4** (2).
3 בערנשטיין — שלום אַשס איבערזעצער.
4 „מעריו" — ראָמאַן פון שלום אַש.
5 „פרײַנד" — זע באַמ. צום **בריוו 7** (1).

בריוו 57

1 פישער — זע באַמ. צום **בריוו 14** (2).
2 בערנשטיין — שלום אשס איבערזעצער.
3 באַשע — שוועסטער פון מאַטילדאַ אַש.

בריוו 58

1 נתן — זון פון מאַטל און שלום אַש.
2 בײַם טאַטן — בײַם פֿאָטער פון מאַטילדאַ אַש, שפירא.
3 „באַזשע נאַראָדזעניע" — ווײַנאַכט אויף פויליש.

בריוו 59

1 קלעצקין — זע באַמ. צום בריוו 4 (4).
2 באַשע — שוועסטער פון מאַטילדאַ אַש.
3 דעם טאַטן — פאַטער פון מאַטילדאַ אַש, שפּירא.

בריוו 61

1 קלעצקין — זע באַמ. צום בריוו 4 (4).
2 באַשע — שוועסטער פון מאַטילדאַ אַש.

בריוו 62

1 בערנשטיין — איבערזעצער פון שלום אַש.
2 נתן — זון פון מאַטילדאַ און שלום אַש. זע באַמ. צום בריוו 4 (2).
3 באַשע — שוועסטער פון מאַטילדאַ אַש.
4 קלעצקין — זע באַמ. צום בריוו 4 (4).

בריוו 65

1 נתן — זון פון מאַטל און שלום אַש.

בריוו 67

1 בערנשטיין — איבערזעצער פון שלום אַש.
2 גרוזענבערג, אָסקאַר אָסיפּאָוויטש — געב. אין יעקאַטערינאָסלאַוו 1866, געשט. אין ניצע 1940. אַדוואָקאַט, פּראַקטיצירט אין פּעטערבורג אַרויסטרעטנדיק ווי אַ פּאַרטייּדיקער אין פּאָליטישע פּראָצעסן. פּאַרטיידיקער אויפן בייליס־פּראָצעס אין 1913.
3 קלעצקין — זע באַמ. צום בריוו 4 (4).

בריוו 68

1 קאַמיסאַזשעווסקי — רוסישער טעאַטער־אונטערנעמער.
2 אַנדרייעוו — רוסישער שוישפּילער און רעזשיסער.

בריוו 69

1 צעטלין — נישט אידענטיפיצירט.
2 מאַדזשע שוואַרץ — מערי שוואַרץ, פרוי פון דעם דיכטער י. י. שוואַרץ.
3 ריעפּין, יִליאַ יעפימאָוויטש — (1844—1930), רוסישער מאָלער. פּראָפעסאָר אין דער פּעטערבורגער אַקאַדעמיע.
4 דוד ראָזענבערג — נישט אידענטיפיצירט.

בריוו 70

1 פּאָלאַק — גביר און מעצענאַט אין פּעטערבורג.
2 קלעצקין — זע באַמ. צום בריוו 4 (4).
3 באַשע — שוועסטער פון מאַטילדאַ אַש.

בריוו 71

1 גרוזענבערג — זע באַמ. צום בריוו 67 (2).
2 קלעצקין — זע באַמ. צום בריוו 4 (4).

3 יאַסינסקי — נישט אידענטיפיצירט.
4 לעוויטאַן — איזאַק איליטש (1861—1906), רוסישער מאָלער, מײַסטער אין לאַנד־שאַפּט־מאָלערײַ.

בריוו 72

1 פּאָלאַק — גביר און מעצענאַט אין פּעטערבורג.
2 פײַנמאַן — נישט אידענטיפיצירט.
3 ייק״א — ייִדישע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט, געגרינדעט דורך באַראָן מאָריס הירש (1831—1896).
4 ראָטשילד — נישט באַוווּסט וועלכער פון דער פאַמיליע.
5 „הײַנט" — זע באַמ. צום בריוו 2 און 37.

בריוו 73

1 נתן — זון פון מאַטילדאַ און שלום אַש.
2 קעניג — לעאָ קעניג, געלעבט אין ענגלאַנד, נאָך דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל זיך באַזעצט אין חיפה, וווּ ער איז געשטאָרבן.

בריוו 74

1 קלעצקין — זע באַמ. צום בריוו 4 (4).
2 נתן — זון פון מאַטילדאַ און שלום אַש.

בריוו 75

1 עוגעניאַ — פּאָפּולערער ייִדישער פּענסיאָנאַט אין אָטוואָצק, נעבן וואַרשע.

בריוו 77

1 עוגעניאַ — זע באַמ. צום בריוו 75.
2 גורעוויטש — פּאָפּולערער ייִדישער פּענסיאָנאַט אין אָטוואָצק, נעבן וואַרשע.
3 טונקעלער — יוסף טונקעל, באַרימטער ייִדישער הומאָריסט, מיטגעאַרבעט אין דער טאָגצײַטונג „מאָמענט". אין דער צווייטער וועלט־מלחמה געלאַנדעט אין די פּאַר־אייניקטע שטאַטן און דאָרט געשטאָרבן אַן עלנטער.
4 קלאַראַ סעגאַלאָוויטש — ייִדישע אַקטריסע אין פּוילן. זי איז געווען די פרוי פון דעם ראָמאַניסט און דיכטער ז. סעגאַלאָוויטש, שפּעטער די פרוי פון דעם פּעדאַגאָג און בונדישן פירער שלמה מענדעלסאָן. אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ.

בריוו 78

1 „צענטראַל" — גרויסער ייִדישער ביכער־פאַרלאַג אין וואַרשע.
2 באַשע — שוועסטער פון מאַטילדאַ אַש.

בריוו 80

1 בערנשטיין — איבערזעצער פון שלום אַש.

בריוו 81

1 דאַבנאָוואַ — איבערזעצערין פון שלום אַש.
2 „פרײַנד" — זע באַמ. צום בריוו 7 (1).

3 „מערי״ — ראָמאַן פון שלום אַש.
4 מאַרק אַרנשטיין — פוילישער און ייִדישער פובליציסט, שפּעטער געשריבן אויף ייִדישע דראַמעס. געמאַכט אַן אייגענע איבערזעצונג פון אַנ־סקיס „דיבוק״ און אים אויפגעפירט אויף דער פוילישער בינע.
5 באַשע— שוועסטער פון מאַטילדאַ אַש.
6 ריינהאַרדט — זע באַמ. צום בריוו 9 (1).

בריוו 83

1 ריינהאַרדט — זע באַמ. צום בריוו 9 (1).
2 דימאָוו — זע באַמ. צום בריוו 33 (3).
3 „די יודישע וועלט״, צייַטשריפט אַרויסגעגעבן פון ב. קלעצקין אין ווילנע.
4 קלעצקין — זע באַמ. צום בריוו 4 (4).

בריוו 84

1 שלום עליכם (פסעוו. פון שלום ראַבינאָוויטש) — געב. אין פּיעראַסלאַוו 1858, געשט. אין ניו־יאָרק 1916. ייִדישער קלאַסיקער, שעפער פון „טוביה דער מילכיקער״, „מנחם מענדל״, „מאָטל פּייסי דעם חזנס״ א״א — פּראָטאָטיפּן פון דער ייִדישער נשמה.
2 קאַטאַזשינסקי — נישט אידענטיפיצירט.

בריוו 85

1 אב. קאַהאַן — זע באַמ. צום בריוו 1 (1).
2 „פאָרווערטס״ — זע באַמ. צום בריוו 1 (2).
3 שימין — זע באַמ. צום בריוו 18 (8).
4 ס׳האַנדלט זיך וועגן דער מוטער פון שלום אַש.

בריוו 86

1 די מאַמע — מוטער פון שלום אַש.
2 נתן — זון פון מאָטל און שלום אַש.

בריוו 87

1 „פריינד״ — זע באַמ. צום בריוו 7 (1).
2 „פאָרווערטס״ — זע באַמ. צום בריוו 1 (2).
3 נאָמבערג — זע באַמ. צום בריוו 7 (2).
4 ווייַטער, א. (פסעוו. פון אייַזיק־מאיר דעוועניסקי) — געב. אין בעניאַקאָן, ווילנער קרייַז 1878/9, געשט. (אומגעבראַכט דורך דער פוילישער אַרמיי נאָכן פאַרנעמען ווילנע) אין 1919. ייִדישער בעלעטריסט און פובליציסט, געשריבן אין ייִדיש, העברעיִש און רוסיש.

בריוו 88

1 דינעזאָן — זע באַמ. צום בריוו 18 (7).
2 פישער — זע באַמ. צום בריוו 14 (2).
3 לידסקי, יעקב — געב. אין סלאָנים 1868, געשט. אין ווילנע 1921. גרינדער פונעם ביכער־פאַרלאַג „פּראָגרעס״ און „יודיש״.

4 רייזין — זע באַמ. צום בריוו 15 (1).
5 נאַמבערג — זע באַמ. צום בריוו 7 (2).

בריוו 89

1 „פאָרווערטס" — זע באַמ. צום בריוו 1 (2).
2 „פריַינד" — זע באַמ. צום בריוו 7 (1).
3 נאַמבערג — זע באַמ. צום בריוו 7 (2).

בריוו 91

1 „פאָרווערטס" — זע באַמ. צום בריוו 1(2).
2 טאָמאַשעווסקי, באָריס — זע באַמ. צום בריוו 17 (3).
3 פּיליכאָווסקי, לעאָפּאָלד — זע באַמ. צום בריוו 20 (1).

בריוו 92

1 אַדלער, יעקב (דזשייקאָב) — געב. אין אָדעס 1855, געשט. אין ניו־יאָרק 1926. ייִדישער טעאַטער־פּראָדוצענט אין ניו־יאָרק. געשאַפן די טעאַטער־פאַמיליע אַדלער.

בריוו 93

1 טאָמאַשעווסקי — זע באַמ. צום בריוו 17 (3).

בריוו 94

1 „פאָרווערטס" — זע באַמ. צום בריוו 1 (2).
2 רות — טאָכטער פון מאַטילדאַ און שלום אַש.

בריוו 95

1 אַדלער — זע באַמ. צום בריוו 92 (1).
2 שאָר — נישט אידענטיפיצירט.

בריוו 96

1 רות — טאָכטער פון מאַטילדאַ און שלום אַש.
2 „פאָרווערטס" — זע באַמ. צום בריוו 1 (2).

בריוו 97

1 ד"ר מאַגנעס, יהודה לייב (לעאָן) — געב. אין סאַן פראַנציסקאָ אין 1877, געשט. אין ירושלים 1948. ראַביי, פּרעזידענט פון דעם העבר. אוניווערסיטעט אין ירושלים, פּריִער גאָווערנער — אין די יאָרן 1925—1935, 1935—1948. ליבעראַל. פון די זײַלן פון „ברית שלום" פאַר אַ פאַרשטענדיקונג צווישן ייִדן און אַראַבער. קעמפער פאַר אַ ייִדיש־קאַטעדרע אויפן העבר. אוניווערסיטעט.
2 ד"ר ווײַכסל — קונסט־הענדלער (?)
3 „מתּנות" — אַנטיקן־געשעפט פון פרוי מאַטילדאַ אַש אין ניו־יאָרק.
4 סאָלאָמאָן — באַקאַנטער אין יענער צײַט אינטערנאַציאָנאַלער קונסט־הענדלער.
5 שוואַרץ — נישט אידענטיפיצירט. מעגלעך מאָריס שוואַרץ, דער שפּעטערדיקער שוישפּילער און טעאַטער־אונטערנעמער.

בריוו 98

1 „פאָרווערטס״ — זע באַמ. צום בריוו 1 (2).

2 פּרץ — זע באַמ. צום בריוו 4 (3).

בריוו 99

1 נתן אַש — דער עלטסטער זון פון מאַטילדאַ און שלום אַש, האָט דעמאָלט געלערנט אין אַ קאָלעדזש אין סיראַקוז, ניו־יאָרק.

2 גינזבורג, איסר, ד״ר — (1872—1947), דאָקטאָר מעדיצין, ייִדישער שרײַבער און געלערנטער, מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס״. אַרויסגעגעבן וויכטיקע ווערק: „דער תּלמוד — זײַן אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג״, „די אַנטשטייאונג פון קריסטנטום״, „ייִדישע דענקער און פּאָעטן אין מיטלאַלטער״, „מיימאָנידעס״ א״אַ.

3 משה — מאַטילדאַ און שלום אַשס זון.

4 „פאָרווערטס״ — זע באַמ. צום בריוו 1 (2).

בריוו 100

1 קרעטשמער — נישט אידענטיפיצירט.

2 סטאַווסקי — נישט אידענטיפיצירט.

3 ראָטשטיין — נישט אידענטיפיצירט.

בריוו 103

1 נתן, רות, יאַנעק (יוחנן) און משה — די קינדער פון מאַטילדאַ און שלום אַש.

בריוו 104

1 „פאָרווערטס״ — זע באַמ. צום בריוו 1 (2).

בריוו 106

1 רעדז און מרים — מאַן און טאָכטער פון רות, שלום און מאַטל אַשס טאָכטער.

בריוו 107

1 ד״ר ווייצמאַן, חיים — ציוניסטישער מנהיג, וויסנשאַפטלער און ערשטער פּרעזידענט פון מדינת ישראל (מאָטילע 1874 — רחובות 1952).

2 אחד העם — זע באַמ. צום בריוו 6 (1).

3 ביאַליק, חיים־נחמן — דיכטער, העברעיִשער קלאַסיקער, געב. אין ראַדי, בײַ זשיטאָמיר, 1873, געשט. אין ווין 1934.

4 שמריהו לעווין — ציוניסטישער מנהיג, געווען מיטגליד אין דער דומע (1906), יאָרן געלעבט אין די פאַראייניקטע שטאַטן (געב. אין סוויסלאָץ, רוסלאַנד, 1867 — געשט. אין חיפה 1939).

5 דוד בן־גוריון (1886—1973) — פּועלי־ציון־מנהיג, פּראָקלאַמירט די אַנטשטייונג פון מדינת ישראל, געווען איר ערשטער פּרעמיער־ און זיכערהייט־מיניסטער (געב. אין פּלוינסק, געשט. אין ישׂראל).

6 רותקע — טאָכטער פון מאַטל און שלום אַש.

בריוו 108

1 רותקע — טאָכטער פון מאַטל און שלום אַש.

2 לאַנג, ה. — געב. אין שקוד, ליטע, אין 1904, אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, געווען מיטאַרבעטער אין „די צוקונפט", רעדאַקציע־מיטגליד פון „פאָרווערטס".
3 „פאָרווערטס" — זע באַמ. צום בריוו 1 (2).

בריוו 109

1 סעמיועל, מאָריס (משה) — שריפטשטעלער, איבערזעצער פון שלום אַש אויף ענגליש.
2 11 קאַפּיטלעך — פון דעם בוך „דער מאַן פון נצרת".
3 רותקע — טאָכטער פון מאַטל און שלום אַש.
4 מרים — טאָכטער פון רות און רעדז, טאָכטער און איידעם פון מאַטל און שלום אַש.
5 יאַן — יוחנן אַש, זון פון מאַטל און שלום.

בריוו 110

1 משה — זון פון מאַטל און שלום אַש.
2 טראַפּער — דזשווינט־דירעקטאָר פון אַמעריקע.
3 דזשאָן — יוחנן, זון פון מאַטל און שלום אַש.
4 אַלעק — פרוי מאַטל אַשס ברודער.
5 אב. קאַהאַן — זע באַמ. צום בריוו 1 (1).
6 העלד, אַדאָלף — לאַנגיאָריקער אַרבעטער־טוער און מיטגליד אין אַ גאַנצער ריי ייִדישע געזעלשאַפטן אין אַמעריקע. געווען מענעדזשער פון „פאָרווערטס".
7 מילטאָן — פאַרלעגער אין ניו־יאָרק.

בריוו 111

1 קאַהאַן, אב. — זע באַמ. צום בריוו 1 (1).

בריוו 112

1 פּערלמאַן — איבערשרײַבער פון ש. אַשס מאַנוסקריפּטן אין ניו־יאָרק.
2 קאַראָל — פרוי פון נתן אַש.

בריוו 114

1 משהס קינד — אייניקל פון מאַטילדאַ און שלום אַש.

בריוו 115

1 קאַרנעגי האָל — באַרימטער טעאַטער־ און קאָנצערטן־זאַל אין מאַנהעטן, ניו־יאָרק
2 רות — טאָכטער פון מאַטל און שלום אַש.

בריוו 116

1 ראָזענבערג, שלמה — אַליין אַ ראָמאַניסט, איבערזעצער אויף ייִדיש, ליטעראַרישער סעקרעטאַר פון שלום אַש פאַר פיל יאָרן אין פּאַריז, מיטאַרבעטער פון „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" אין ניו־יאָרק.
2 און 3 שפּירא, אײַזמאַן — נישט אידענטיפיצירט.

בריוו 117

1 יאַן — יוחנן, מאַטל און שלום אַשס זון.
2 רות — מאַטל און שלום אַשס טאָכטער.

3 מרים — אייניקל פון מאַטל און שלום אַש, טאָכטער פון רות.
4 פרוי ראַוויטש — נישט אידענטיפיצירט.
5 לילאַ — שוועגעריין פון שלום אַש.
6 ראַבינאָוויטש, אָסקאַר קורט (1969—1902) — געב. אין בערן, פינאַנסיסט, געלעבט אין ענגלאַנד, שפּעטער אין ניו־יאָרק.

בריוו 118

1 רות — טאָכטער פון מאַטל און שלום אַש.
2 רעדזש — דער מאַן פון רות.
3 לילאַ — שוועגעריין פון שלום אַש.
4 ראַבינאָוויטש — זע באַמ. צום בריוו 117 (6).
5 דזשאָן — יאַן, יוחנן, זון פון מאַטל און שלום אַש.
6 „פּאַטנאַם״ — ביכער־פאַרלאַג אין ניו־יאָרק.
7 יאַן — יוחנן, זון פון מאַטל און שלום אַש.
8 אַלעק — פרוי מאַטל אַשס ברודער.

בריוו 125

1 קרעמען, פנחס — פּאַריזער ייִדישער מאָלער, געבוירן אין זאַבלודאָק (נעבן ווילנע) אין 1890.
2 שאַגאַל, מארק — געבוירן אין וויטעבסק, רוסלאַנד, אין יאָר 1887.

בריוו 126

1 רות — מאַטל און שלום אַשס טאָכטער.
2 מרים — רותס טאָכטער.
3 פרעגער — פריינד פון שלום אַש אין ניצע.

בריוו 127

1 ד״ר פרידמאַן — שלום אַשס דאָקטער אין ניצע.
2 רותקע — מאַטל און שלום אַשס טאָכטער.
3 האַבער, טוביה — שטאַמט פון לאָדזש, געקומען קיין פּאַריז אין 1927, מאָלער, אויך זײַן ברודער, אַהרן האַבער, איז געווען אַ מאָלער, ער האָט זיך אַ נאָמען געגעבן בעראָן, כּדי זיך צו אונטערשיידן פון זײַן ברודער. נישט פעסטגעשטעלט וועלכן פון די צוויי ברידער שלום אַש מיינט אין זײַן בריוו.

בריוו 129

1 שפּינאָזאַ, ברוך — פילאָזאָף (1677—1632): „עטיק״, „טעאָלאָגיש־פּאָליטישער און פּאָליטישער טראַקטאַט״.
2 פלאָבער, גוסטאַוו — פראַנצייזישער ראָמאַניסט (1880—1821): „מאַדאַם באָוואַרי״, „סאַלאַמבאָ״.
3 זאָלאַ, עמיל — פראַנצייזישער שריפטשטעלער (1902—1840), אין זײַן קאַמף פאַר דרײַפוס האָט ער אָנגעשריבן זײַן באַרימטן „זש׳אַקוז״ — „איך באַשולדיק״.
4 פרץ, י. ל. — זע באַמ. צום בריוו 4 (3).
5 ביאַליק, חיים־נחמן — דיכטער, העברעיִשער קלאַסיקער, געב. אין ראַדי, בײַ זשיטאָמיר, 1873, געשט. אין ווין 1934.

6 נרקיס, מרדכי (פּאַטאַש) — ברודער פון דער יידישער דיכטערין רקודה פּאַטאַש, דירעקטאָר פונעם בצלאל־מוזיי אין ירושלים, פאָרשער פון יידישע אַנטיקן.
7 בריינער — נישט אידענטיפיצירט.
8 סעסיל ראָט — יידישער היסטאָריקער (1970—1899) אין לאָנדאָן.

בריוו 130

1 רותקע — טאָכטער פון מאַטל און שלום אַש.
2 לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי — פילזייטיקער קונסט־מייסטער, אַסטראָנאָם און דערפינדער, אַלזייטיקער איטאַליענישער זשעני (1519—1452).
3 מרים — טאָכטער פון רות, אייניקל פון מאַטל און שלום אַש.
4 ד״ר פרידמאַן — דאָקטער פון שלום אַש אין ניצע.

בריוו 131

1 אַלמאַ מאַהלער — די פרוי פון פראַנץ ווערפל, דיכטער און דראַמאַטורג (1945—1890), געוועזענע פרוי פון גוסטאַוו מאַהלער דעם עסטרייכישן קאָמפּאָזיטאָר.
2 פרעגער — פריינד פון שלום אַש אין ניצע.

בריוו 132

1 יאַרבלום, מאַרק — פון די שעפער פון דער פועלי־ציון־באַוועגונג אין פוילן, זייט 1907 געלעבט אין פּאַריז, געווען רעדאַקטאָר פון „דאָס וואָרט" אין פּאַריז, פאָרשטייער פון דעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישׂראל אין פּאַריז.
2 בן־גוריון, דוד — זע באַמ. צום בריוו 107 (5).

בריוו 133

1 יאַרבלום — זע באַמ. צום בריוו 132 (1).
2 אַלטער פּאָליאַק — מיכאל פּאָליאַק און זיין ברודער סאַוויעלי, געשטאַמט פון רוסלאַנד, געלעבט אין פּאַריז, געווען אַמאָל פאַרבונדן מיט רוטענבערגס עלעקטרי־ציטעט־אונטערנעמונג אין ארץ־ישׂראל. זענען אויך געווען אייגנטימערס פון פּראַכט־שיפן קיין א״י. אַלטע גוטע פריינד פון דער משפחה אַש.

בריוו 134

1 רות — טאָכטער פון מאַטל און שלום אַש.
2 רעדזש — רותס מאַן.

בריוו 136

1 יעקב עפּשטיין — יידישער סקולפּטאָר, געבוירן אין ניו־יאָרק (1959—1880), איינער פון די גרעסטע סקולפּטאָרן אין 20סטן יאָרהונדערט. באַערט מיטן טיטל סער אין ענגלאַנד.
2 ריינהאַרדט — זע באַמ. צום בריוו 9 (1).
3 רות — מאַטל און שלום אַשס טאָכטער.
4 מרים — רותס טאָכטער.
5 משה עובד־גוד — יידישער אַנטיקן־הענדלער אין לאָנדאָן, באַהעם, אויסגעקאָכט מיט דער יידישער שרייבער־ און קינסטלער־וועלט.
6 פנחס עפּשטיין — אַ קרוב פון שלום אַש.

בריוו 139

1 מר. באַלטש, ערל — רעדאַקטאָר פון „פּאַטנאַם"־פאַרלאַג אין ניו־יאָרק.
2 „פּאַטנאַמס" — פאַרלאַג אין ניו־יאָרק.
3 גאַלאַנץ — פאַרלעגער אין לאָנדאָן.
4 נתן — עלטסטער זון פון מאַטל און שלום אַש. זע באַמ. צום בריוו 4 (2), געמיינט דאָס בוך „22טער אויגוסט", די נאַכט ווען עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן סאַקאָ און וואַנצעטי.

בריוו 140

1 ווילקענסאָן — פרוי מאַרי ווילקערסאָן, סעקרעטאַרין פון דעם פאַרלעגער מ. מינטאָן אין ניו־יאָרק.
2 מינטאָן, מ. — אייגנטימער פונעם פאַרלאַג „פּאַטנאַם" אין ניו־יאָרק, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די ווערק פון שלום אַש אין ענגליש.

בריוו 141

1 באַלטש — זע באַמ. צום בריוו 139 (1).
2 סעמועל — זע באַמ. צום בריוו 109 (1).
3 שוואַרצס פאַמיליע — די פאַמיליע פון דעם דיכטער י. י. שוואַרץ, מחבר פון דער פּאָעמע „קענטאָקי".
4 ש. ניגער — יידישער קריטיקער און פּובליציסט (פסעוו. פון שמואל טשאַרני) 1955—1883: „די צווייִשפּראַכיקייט פון אונדזער ליטעראַטור", „יידישע שרייַבער אין סאָוויעט־רוסלאַנד", „בלעטער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור", „מענדעלע", „שלום אַש", „קריטיק און קריטיקער" א"אַ.
5 לאָוב — שלום אַשס פאַרלעגער אין יידיש אין ניו־יאָרק.
6 סיימאָנס — שלמה סיימאָן, יידישער שרייַבער אין ניו־יאָרק, מיטגעאַרבעט אין „טאָג", „צייַט", „דאָס אידישע פאָלק" א"אַ.
7 עווינסעס — אייגנטלעך פאַמיליע עוואַנס, שכנים פון דער משפּחה אַש אין סטאַמ־פאָרד.
8 יונגעטע פערלמאָן — דער מאַן פערלמאַן איז געווען שלום אַשס פרייַנד אין סטאַמ־פאָרד. זייַן זון איז געהרגעט געוואָרן אין דער מלחמה אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי.
9 האַראָס — באַקאַנטער פון דער משפּחה אַש.

בריוו 142

1 פּאַטנאַם — פאַרלאַג אין ניו־יאָרק.
2 באַלטש, ערל — רעדאַקטאָר פון פּאַטנאַם־פאַרלאַג, אין ניו־יאָרק.
3 „פאָרווערטס" — זע באַמ. צום בריוו 1 (2).
4 לאָוב — שלום אַשס פאַרלעגער אין יידיש אין ניו־יאָרק.
5 יהודהס — נישט אידענטיפיצירט.

בריוו 143

1 יאָן — יוחנן, זון פון מאַטל און שלום אַש.

בריוו 144

1 באַלטש, ערל — רעדאַקטאָר פון פּאַטנאַם־פאַרלאַג אין ניו־יאָרק.

2 מיוערס, — וו. עדווין מיוער, איבערזעצער פון „תהלים־ייִד" אויף ענגליש, אין ענגלאַנד.

בריוו 145

1 יאַרבלום — זע באַמ. צום בריוו 132 (1).
2 בן־גוריון — זע באַמ. צום בריוו 107 (5).
3 „משה" — פון די לעצטע מאָנומענטאַלע ביכער פון שלום אַש.
4 ריקאַ — זון פון יעפּרויקין אין פּאַריז.

בריוו 146

1 שאַגאַל, מאַרק — זע באַמ. צום בריוו 125 (2).
2 רות — טאָכטער פון מאַטל און שלום אַש.
3 אידעטשקאַ — די טאָכטער פון מאַרק שאַגאַל.
4 יאַרבלום — זע באַמ. צום בריוו 132 (1).
5 ד"ר פרידמאַן — דאָקטער פון שלום אַש אין ניצע.
6 ד"ר דאָברין — דאָקטער פון די אַשס אין מיאַמי ביטש

בריוו 148

1 הערמאַן וווּק — אַמעריקאַנער ייִדישער שרײַבער, מחבר פון "The Cain Mutiny".
2 קאַלמאַן לעווי — פאַרלעגער אין פּאַריז.

בריוו 149

1 דאָסטאָיעווסקי, פעדאָר מיכאַילאָוויטש (1881—1821) — רוסישער שריפטשטעלער: „פאַרברעכן און שטראָף", „די ברידער קאַראַמאַזאָוו", „די דעמאָנען" א"אַ.
2 „אונדזער וואָרט" — טאָגצײַטונג אין פּאַריז, דעמאָלט אונטער דער רעדאַקציע פון מאַרק יאַרבלום.

בריוו 150

1 רותקע — טאָכטער פון מאַטל און שלום אַש.
2 מרים — טאָכטער פון רות, אייניקל פון די אַשס.
3 יאַרבלום — זע באַמ. צום בריוו 132 (1).

בריוו 151

1 ד"ר פרידמאַן — דאָקטער פון שלום אַש אין ניצע.
2 מײַקל — זון פון משה און פראַנסיס אַש.
3 שאַגאַל — זע באַמ. צום בריוו 125 (2).

בריוו 152

1 ד"ר דאַנטע לאַטטעס (1965—1876) — שריפטשטעלער, זשורנאַליסט און פּעדאַגאָג. פאַרשפּרייטער פון ציוניזם אין איטאַליע. ער האָט איבערגעזעצט ווערק פון אחד העם, פּינסקער, ביאַליק א"אַ און אויך אַ ראָמאַן פון שלום אַש.
2 סוצקעווער, אַברהם — דיכטער, רעדאַקטאָר פון „די גאָלדענע קייט", אין ישׂראל.
3 פרעגער — פרײַנד פון שלום אַש אין ניצע.

בריוו 153
1 פרעגער — פריינד פון שלום אַש אין ניצע.

בריוו 154
1 רעג — איידעם פון מאַטל און שלום אַש, רותס מאַן.
2 מרים — טאָכטער פון רות און רעג, אייניקל פון מאַטל און שלום אַש.
1 רות — טאָכטער פון מאַטל און שלום אַש.

בריוו 155
2 ד״ר לונץ — הויז־דאָקטער פון דער פאַמיליע אַש אין פּאַריז.
3 נרקיס — זע באַמ. צום בריוו 129 (6).
4 מאָלער וואַרשאַווסקי — נישט געלונגען צו געפינען פּרטים.
5 יאַרבלום — זע באַמ. צום בריוו 132 (1).
6 שאַגאַל — זע באַמ. צום בריוו 125 (2).

בריוו 158
1 סוצקעווער — זע באַמ. צום בריוו 152 (2).
2 שפּרינצאַק, יוסף — אַרבעטער־טוער אין ארץ־ישׂראל (1885—1959), פון די פירער פון „הפועל הצעיר״, מפא״י, הסתדרות. ערשטער פאָרזיצער פון דער כנסת.
3 וויצמאַן, חיים — זע באַמ. צום בריוו 107 (1).
4 רותקע — טאָכטער פון מאַטל און שלום אַש.

בריוו 159
1 וויצמאַן, חיים — זע באַמ. צום בריוו 107 (1).
2 בן־גוריון — זע באַמ. צום בריוו 107 (5).

בריוו 162
1 משה — זון פון מאַטל און שלום אַש.
2 מיסיס דאָברין — פרוי פון דעם הויז־דאָקטער פון די אַשס אין מיאַמי ביטש.
3 מינטאָן — פאַרלעגער.
4 פּערלמאַן — זע באַמ. צום בריוו 112 (1).
5 חיים ליבערמאַן — מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס״, עסייאיסט און זשורנאַליסט, מחבר פון „ווען די וועלט האָט געברענט״. הויפּט־אָנפירער פון דער קאַמפּאַניע קעגן שלום אַש.

בריוו 163
1 ד״ר רעזניק — מעדיצינער אין סטאַמפאָרד, פאַראייניקטע שטאַטן.
2 ד״ר פרידמאַן — דאָקטער פון שלום אַש אין ניצע.
3 אסתּר — שוועסטער פון שלום אַש.

בריוו 164
1 יאַן — יוחנן, זון פון מאַטל און שלום אַש.
2 משה — זון פון מאַטל און שלום אַש.
3 נתן — עלטסטער זון פון שלום אַש.

4 דאָברין — די פֿאַמיליע פֿונעם ד"ר דאָברין, הויז־דאָקטער פֿון די אַשס אין מיִאַמי ביטש.
5 פֿרוי ווײַנשטיין — „הדסה"־טוערין אין מיאַמי ביטש.
6 מערי שוואַרץ — קרובה פֿון דעם דיכטער י. י. שוואַרץ.

בריוו 165

1 ד"ר דאָברין — הויז־דאָקטער פֿון די אַשס אין מיאַמי ביטש.

בריוו 166

1 קאַראָל — פֿרוי פֿון נתן אַש.
2 פֿראַנסיס — פֿרוי פֿון משה אַש.
3 מײַקל — דער זון פֿון משה און פֿראַנסיס אַש.
4 פּאָול מוני — ייִדישער שוישפּילער אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אָנגעהויבן אַלס ייִדישער אַקטיאָר; פֿילם־שוישפּילער, קאָמיקער־שוישפּילער.

בריוו 168

1 רותקען — רות, די טאָכטער פֿון מאַטל און שלום אַש.

בריוו 171

1 מיקעלאַנדזשעלאָ — (1475—1564), גרעסטער איטאַליענישער קינסטלער אין רענעסאַנס.

בריוו 172

אוטרילאָ, מאָריס — (1883—1955), פֿראַנצייזישער לאַנדשאַפֿט־מײַסטער.

בריוו 173

1 דוד בן־ארי — אין יענער צײַט ראש־העיר פֿון בת־ים, איבערגעגעבענער פֿרײַנד און פֿאַרערער פֿון שלום אַש. דוד בן־ארי איז געבוירן אין 1909 אין שערפּץ, פּוילן געשט. 1978. עולה געווען און זיך באַזעצט אין בת־ים אין יאָר 1933.
2 ציקער — שלום אַשס פֿאַרטרעטער אין ישׂראל.

בריוו 175

1 בן־ארי — זע באַמ. צום בריוו 173 (1).
2 ביל — מאַן פֿון מרים, שלום אַשס אייניקל, טאָכטער פֿון רות.

בריוו 177

1 אילת, אליהו — ערשטער ישׂראל־אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן.

בריוו 182

1 רות — טאָכטער פֿון שלום אַש.
2 ציקער — זע באַמ. צום בריוו 173 (2).
3 בן־ארי — זע באַמ. צום בריוו 173 (1).

בריוו 186

1 „פּאַטנאַם" — פאַרלאַג אין ניו־יאָרק.
2 מינטאָן — פאַרלעגער אין ניו־יאָרק.
3 ד"ר קייסער — דירעקטאָר פון דעם ייִדישן מוזיי אין ניו־יאָרק.

בריוו 187

1 „פּאַטנאַם" — פאַרלאַג אין ניו־יאָרק.
2 פּערלמאַן — זע באַמ. צום בריוו 112 (1).
3 פּאַולינג — ליטעראַטור־קריטיקער.
4 פּאַרקער — פאַרשטייער פון דער ליטעראַרישער בײַלאַגע פון „טײַמס".
5 אַלעק — פרוי מאַטל אַשס ברודער.
6 לאַלאַ — שוועגערין פון שלום אַש.
7 פּאָול מוני — זע באַמ. צום בריוו 166 (4).
8 הערמאַן שירמאַן — מענעדזשער פון פּאָול מוני.
9 מינטאָנס זון — איבערגענומען דעם ביכער־פאַרלאַג נאָך זײַן פאַרשטאָרבענעם פאָטער.
10 סילוויאַ שוואַרץ — טאָכטער פון דעם דיכטער י. י. שוואַרץ, מחבר פון דער פּאָעמע „קענטאָקי".
11 מרים — אייניקל פון מאַטל און שלום אַש, רותס טאָכטער.

בריוו 188

1 זון פון דוד בן־ארי.

בריוו 189

1 נחום גאָלדמאַן — געוועזענער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, שעפער און לאַנגיאָריקער פּרעזידענט פון דעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, פּאָליטיקער און דיפּלאָמאַט.

בריוו 190

1 בן־דוד — אַגענט פון שלום אַש אין ישׂראל.

בריוו 191

1 ד. ציקער — פרײַנד פון שלום אַש אין ישׂראל.

בריוו 192

1 בן־דוד — אַגענט פון שלום אַש אין ישׂראל.

בריוו 193

1 לעוואָנטין — פון די דירעקטאָרן פון באַנק לאומי אין תּל־אביב.

בריוו 195

1 כּץ, שמואל — פאַרלעגער פונעם ביכער־פאַרלאַג „קרני".
2 בן־דוד — אַגענט פון שלום אַש אין ישׂראל.
3 ד. ציקער — פרײַנד פון שלום אַש אין ישׂראל.

בריוו 198

1 בן־דוד — אַגענט פֿון שלום אַש אין ישׂראל.

בריוו 199

1 ד. ציקער — פֿרײַנד פֿון שלום אַש אין ישׂראל.
2 שמואל כּץ — פֿאַרלעגער פֿונעם ביכער־פֿאַרלאַג „קרני".

בריוו 201

1 „פֿאָרווערטס" — זע באַמ. צום בריוו 1 (2).
2 חיים ליבערמאַן — זע באַמ. צום בריוו 162 (5).

בריוו 204

1 אָסקאַר ראַבינאָוויטש — זע באַמ. צום בריוו 117 (6).

בריוו 205

1 מאיר ווײַסגאָלד — קרוב פֿון דוד בן־ארי, זע באַמ. צום בריוו 173 (1).
2 אָסקאַר ראַבינאָוויטש — זע באַמ. צום בריוו 117 (6).

בריוו 206

1 מאיר ווײַסגאַל — בויער פֿון דעם ווייצמאַן־אינסטיטוט אין רחובות, פֿאַרטרויונגס־מאַן פֿון חיים ווייצמאַן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און שפּעטער אין רחובות.
2 שמואל כּץ — פֿאַרלעגער פֿונעם ביכער־פֿאַרלאַג „קרני" אין תּל־אביב.
3 חיימקע — זון פֿון דוד בן־ארי.

בריוו 209

1 רות — טאָכטער פֿון מאַטל און שלום אַש.

בריוו 215

1 אביה — טאָכטער פֿון דוד בן־ארי.

בריוו 218

1 יאַן — יוחנן, זון פֿון מאַטל און שלום אַש.
2 משה — זון פֿון מאַטל און שלום אַש.
3 מײַקל — זון פֿון משה און פֿראַנסיס אַש.
4 סילוויאַ — פֿרוי פֿון יוחנן אַש.

בריוו 219

1 פֿראַנסיס — פֿרוי פֿון משה אַש.
2 מײַקל — זון פֿון משה און פֿראַנסיס אַש.

בריוו 220

1 רות — טאָכטער פֿון מאַטל און שלום אַש.

בריוו 221

1 מלמד — נישט אידענטיפֿיצירט.

2 פּאַנער, יצחק — ייִדישער שרײַבער, זיך באַטייליקט מיט סקיצן אין אַ גאַנצער ריי ייִדישע טאָגצײַטונגען און צײַטשריפטן אין רומעניע פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, שפּעטער אין ישׂראל און אין אַלע לענדער וווּ עס זענען דערשינען צײַט־שריפטן. ער איז געווען דער איבערשרײַבער פון שלום אַשס מאַנוסקריפּטן אין ישׂראל. במשך פון יאָרן געווען טעכנישער סעקרעטאַר פון דעם ייִדישן שרײַבער־פאַראיין אין ישׂראל. געשטאָרבן אין טיפן עלטער אין ישׂראל 1979.

בריוו 222

1 מאַדאַם פּיליכאָווסקי — זע באַמ. צום בריוו 20 (1).

בריוו 223

1 נתן אַש — זע באַמ. צום בריוו 4 (2).

2 קלאַראַ יונג — ייִדישע אַקטריסע.

3 זשיטלאָווסקי, חיים — זע באַמ. צום בריוו 17 (1).

4 זאַק, אײַזשען (1884—1926) — ייִדישער מאָלער, געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד, צו 16 יאָר אַוועק קיין פּאַריז וווּ ער האָט געלערנט אין דער נאַציאָנאַלער קונסט־שולע. געווען אונטער דער השפּעה פון פּאָל סעזאַן.

5 שאַגאַל, מאַרק — זע באַמ. צום בריוו 125 (2).

6 אַפּעלבאַום — ייִדישער מאָלער אין וואַרשע פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

בריוו 224

1 רות — מאַטל און שלום אַשס טאָכטער.

2 ד״ר לעווין, גרשון — מעדיצין־דאָקטער, ליטעראַריש דעביוטירט אין י. ל. פּרצעס „יודישע ביבליאָטעק״, שפּעטער זיך באַטייליקט אין אַ גאַנצער ריי צײַטשריפטן און טאָגצײַטונגען, אויך אין די העברעיִשע „הצפירה״ און „הצופה״. אין וואַרשעווער „הײַנט״ געדרוקט מער ווי 100 דערציילונגען, נאָוועלן און פעליעטאָנען.

בריוו 227

1 „פּאַטנאַם״ — ביכער־פאַרלאַג אין ניו־יאָרק.

2 גאַלאַנץ — ביכער־פאַרלעגער אין לאָנדאָן.

3 פינקעלשטיין, נח — זע באַמ. צום בריוו 2 (2).

4 „הײַנט״ — זע באַמ. צום בריוו 37 (1).

5 דעם טאַטן — שפּירא, מאַטל אַשס פאָטער.

6 וולאַדעק, ב. (פּסעוו. פון ברוך־נחמן טשאַרני (1886—1938) — אַ ברודער פון דעם קריטיקער שמואל ניגער און פון דעם דיכטער דניאל טשאַרני. געגרינדעט „דער ייִדישער לאַסאַל״, מיטגליד פון ניו־יאָרקער שטאָטראַט, שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „די צוקונפט״, סיטי־עדיטאָר און שפּעטער געשעפט־פאַרוואַלטער פון „פאָרווערטס״, פירער פון ייִדישן אַרבעטער־רינג אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

בריוו 228

1 גאַלאַנץ — פאַרלעגער אין לאָנדאָן.

2 רות — טאָכטער פון מאַטל און שלום אַש.

3 „פּאַטנאַם״ — ביכער־פאַרלאַג אין ניו־יאָרק.

4 בראַדליי — אַגענט פון שלום אַש.

5 ערנפּרײַז, מרדכי — געב. אין לעמבערג. אָנגעהויבן שרײַבן אין ייִדיש, שפּעטער אַרי־בער צו העברעיִש מיט פיל סימפּאַטיע צו דער ייִדישער ליטעראַטור. צוזאַמען מיט טעאָדאָר הערצל זיך באַטייליקט אין די צוגרייטונגען צו דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס (1897) אין באַזעל.
6 בונין, איוואַן (1870—1953) — רוסישער דיכטער, געלעבט אין פּאַריז, אין 1933 באַקומען נאָבעל־פּרײַז פאַר ליטעראַטור.
7 סינקלער, אַפּטאָן — אַמעריקאַנער ראָמאַניסט: „פּעטראָלעום״, „באָסטאָן״, „דער זומפּ״ א״אַ.
8 זשאַלנאַי — ביכער־פאַרלעגער אין ווין.
9 גאָרקי, מאַקסים (פּיעשקאָוו) — (1868—1936), רוסישער ראָמאַניסט און דראַמאַ־טורג.
10 ווילאַ און עדווין מיואי — איבערגעזעצט אַש אין ענגליש.

בריוו 229
1 רות — טאָכטער פון מאַטל און שלום אַש, מוטער פון דעם —
2 מיידעלע — אַ נאָמען געגעבן מרים.
3 רעדזי — רותס מאַן און מרימס פאָטער.

בריוו 231
1 נתן אַש — זון פון מאַטל און שלום.
2 ראָגאָף, הלל — אין עלטער פון צען יאָר געקומען מיט זײַנע עלטערן קיין אַמעריקע. זינט 1906 געהערט צו דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס״, נאָכן טויט פון אב. קאַהאַן געוואָרן שעף־רעדאַקטאָר ביז ער האָט פּענסיאָנירט אין 1962. געווען פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער אינטערפּרעטאַטאָר און קאָמענטאַטאָר, ליטעראַטור־קריטיקער, פאַרעפנטלעכט אַ ריי ביכער.
3 ראָזענבערג, שלמה — איבערשרײַבער פון שלום אַשס מאַנוסקריפּטן אין ייִדיש און זײַן סעקרעטאַר.
4 וולאַדעקס ברודער (דניאל טשאַרני?).

בריוו 232
1 סטעפאַן צווײַג (1887—1968) — דײַטשער נאָוועליסט און דראַמאַטורג. אַ צײַט געווען רעדאַקטאָר פון דער ציוניסטישער „יודישער רונדשאַו״. אין די מלחמה־יאָרן געווען אין פּאַלעסטינע, וווּ ער איז געווען פאַראייניזאַמט. אין 1948 צוריקגעקערט קיין מזרח־בערלין.

בריוו 233
1 טאָסקאַניני, אַרטוראָ (1867—1957) — איטאַליענישער קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט.
2 וואַגנער, ריכאַרד (1831—1883) — דײַטשער קאָמפּאָזיטאָר — שעפער פון אָפּערעס און מוזיק־דראַמעס.
3 דזשאָן — יוחנן אַש, זון פון מאַטל און שלום.
4 אב. קאַהאַן — זע באַמ. צום בריוו 1 (1).
5 ברענער — נישט אידענטיפיצירט.
6 לאַנגע פון האָלאַנד — אַלערט דע לאַנגע, פאַרלעגער אין אַמסטערדאַם, אַרויסגע־געבן די ווערק פון שלום אַש אין דײַטש אין די יאָרן 1937—1934.

בריוו 234

1 גאַלאַנץ — פאַרלעגער אין לאָנדאָן.
2 „היינט" — זע באַמ. צום בריוו 37 (1).
3 קולטור־ליגע — גרויסער פאַרלאַג פון יידישע ביכער אין וואַרשע, געהערט צום „בונד".
4 דזשאָן — יוחנן אַש, זון פון מאַטל און שלום.

בריוו 235

1 „איידזשענסי" — יידישע אַגענטור — הסוכנות היהודית לארץ־ישׂראל.
2 דזשאָן — יוחנן אַש, זון פון מאַטל און שלום.

בריוו 236

1 ווייצמאַן, חיים — זע באַמ. צום בריוו 107 (1).
2 נחום סאָקאָלאָוו — זע באַמ. צום בריוו 50 (4).
3 ד"ר שמיץ — איבערזעצער פון שלום אַש אויף דייטש, אין ווין. אומגעקומען אין דער היטלער־תקופה.

בריוו 237

1 וואַסער, חיים — דירעקטאָר פונעם יידישן ביכער־פאַרלאַג „קולטור־ליגע" אין וואַרשע, פון די פירערס פון די אַזוי גערופענע „צווייער" אין „בונד" אין פאַר־מלחמהדיקן פוילן. געשטאָרבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.
2 קולטור־ליגע — גרויסער פאַרלאַג פון יידישע ביכער אין וואַרשע, געהערט צום „בונד".
3 „היינט" — זע באַמ. צום בריוו 37 (1).
4 „די צייט" — טאָגצייטונג אין לאָנדאָן.

בריוו 238

1 סטריזאַווער, ד"ר — נישט אידענטיפיצירט.
2 וואָלק, אַברהם — אַדוואָקאַט אין פעטראָגראַד. ווי אַ רוסישער עמיגראַנט האָט ער געלעבט אין ניצע. געווען אַ פריינד פון דער פאַמיליע אַש. אומגעבראַכט פון די דייטשן.

בריוו 239

1 דזשאָן — יוחנן אַש, זון פון מאַטל און שלום.

בריוו 240

1 רות — טאָכטער פון מאַטל און שלום אַש.
2 נאָמבערג, דוד — זע באַמ. צום בריוו 7 (2).

בריוו 242

1 נחמיה פינקעלשטיין (1890—1943) — פון די טיכטיקסטע געזעלשאַפטלעכע עסקנים אין וואַרשע, צוזאַמען מיט זיין ברודער נח (בריוו 2 (2)) פון די גרונטלייגערס פון „היינט" (בריוו 37).
2 אַלעק — ברודער פון מאַטל אַש.

בריוו 243

1 דזשאָן — יוחנן אַש, זון פון מאַטל און שלום.
2 נתן אַש — זון פון מאַטל און שלום.
3 באַשע — מאַטל אַשס שוועסטער.
4 רות — טאָכטער פון מאַטל און שלום אַש.
5 דעלפינער — נישט אידענטיפיצירט.
6 ראָטבוים — נישט אידענטיפיצירט.

בריוו 244

1 גאַלאַנץ — פאַרלעגער אין לאָנדאָן.
2 סטעפאַן צווייַג — זע באַמ. צום בריוו 230 (1).
3 דזשאָן — יוחנן אַש, זון פון מאַטל און שלום.
4 מענדעלע מוכר ספרים (אַבראַמאָוויטש, שלום-יעקב) — (1917—1863), דער זיידע פון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור.

בריוו 245

1 מענדעלסאָן, מאיר — (ברודער פון דעם ליטעראַטור-קריטיקער, פובליציסט און פעדאַגאָג שלמה מענדעלסאָן), וויסנשאַפטלער אין כעמיע, באַגייַסטערטער פרייַנד פון דער ייִדישער ליטעראַטור און אירע שעפערס, געלעבט און געאַרבעט אין פּאַריז. אין 1939 אַוועק אין די פאַראייניקטע שטאַטן. געשטאָרבן אין ניו-יאָרק.
2 „הייַנט" אין פּאַריז — „פּאַריזער הייַנט" אָנגעהויבן דערשייַנען 23סטן יאַנואַר 1926. איר ערשטער רעדאַקטאָר איז געווען וולאַדימיר גראָסמאַן. „פּאַריזער הייַנט" איז געווען כּמעט אַ קאָפּיע פון דעם „הייַנט" אין וואַרשע.
3 פינקעלשטיין, נח — זע באַמ. צום בריוו 2 (2).
4 האַלפּערין — נישט אידענטיפיצירט.
5 זשאַלנאַי — פאַרלאַג אין ווין.

בריוו 247

1 דאָברינס — משפחה פון ד"ר דאָברין, דאָקטער פון די אַשס אין מיאַמי ביטש.
2 האַניגבלום — נישט אידענטיפיצירט.
3 ד"ר מוקדוני, א. (פסעוו. פון אלכסנדר קאַפּעל) — פובליציסט, טעאַטער- און ליטעראַטור-קריטיקער. זייַן ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן אין 1906 אין „הצופה", געדרוקט דערציילונגען אין אַ גאַנצע רייע ייִדישע צייַטשריפטן, אַ געווויסע צייַט געלעבט אין דייַטשלאַנד, געדרוקט אין ניו-יאָרקער „טאָג", מיטגעאַרבעט אין „מאָרגן-זשורנאַל". אין בוכפאָרעם: „ערציילונגען און סקיצן", „ערנסט און שפּאַס".
4 קאַניגהאַם — אַמעריקאַנער זשורנאַליסטין.

בריוו 248

1 מרס. דאַנטאָוו — נישט אידענטיפיצירט.

בריוו 249

1 רות — טאָכטער פון מאַטל און שלום אַש.
2 מרים — טאָכטער פון רות.

בריוו 251

1 מיס ווילקערסאָן — נישט אידענטיפיצירט.
2 מרס. קאַניגהאַם — אַמעריקאַנער זשורנאַליסטין.
3 דאָס בוך „מערי".

בריוו 252

1 ישוע הנוצרי — כריסטוס.

בריוו 253

1 שאַגאַל, מאַרק — זע באַמ. צום בריוו 125 (2).
2 יעפּרויקין — געזעלשאַפטלעכער עסקן אין פּאַריז.
3 קיסלינג, משה, מאָיס, — געב. אין קראָקע 1891, געשט. אין סאַנאַרי, פראַנקרייך 1954, פון די בעסטע און פריידיקסטע מאָלער אין פּאַריז.

בריוו 254

1 רות — טאָכטער פון מאַטל און שלום אַש.

בריוו 256

1 רעדזי — מאַן פון רות אַש.
2 מרים — טאָכטער פון רעדזי און רות.
3 פּאָליאַק — זע באַמ. צום בריוו 133.
4 ד"ר לונץ — הויז־דאָקטער פון דער פאַמיליע אַש אין פּאַריז.

בריוו 258

1 פרוי יערי — נישט אידענטיפיצירט.
2 גאָגען, פּאָל (1848—1903) — פראַנצייזישער מאָלער, באַנייער פון סימבאָליזם.